STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01053

GEOREMT MITN VINT

Mordecai Strigler

*Permanent preservation of this book was made possible
by Jerome H. & Joan Neuwirth
in memory of
Martin M. Neuwirth*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

גע׳אָרעמט מיטן ווינט

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

באַנד 108

רעדאַקטאָר:

מארק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מרדכי שטריגלער

געאָרעמט מיטן ווינט

היסטאָרישער ראָמאַן
פון יידישן לעבן אין פוילן

בוך איינס

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס — 1955 — התשט"ו

אינהאַלט פון בוך איינס

זײַט

יאָשע קאַלב דער ערשטער (אַרײַנפיר עסיי) — — — — — — — 9

ערשטע טייל:

אין בעטלער־קליידער — — — — — — — — — — — — — 29

צווייטע טייל:

דער ערשטער ברוגז — — — — — — — — — — — — — 93

דריטע טייל:

אַ באַגעגעניש מיטן אייגענעם פּנים — — — — — — — 199

אַרײַנפיר־עסײ

יאָשע קאַלב דער ערשטער

— 1 --

איך ווייס נישט, אויב אין נאָרמאַלע צײַטן וואָלט נייטיק געווען צו מאַכן אַן אַרײַנפיר צו אַ קינסטלעריש בוך. יעדער הקדמה, וואָס דאָקומענטירט זיך, קען אומדירעקט צו־יויבן בײַם לייענער די אילוזיע פון אַ ראָמאַן לויטן אַלטן שטייגער. די סיבה פון מײַן שרײַבן די דאָזיקע עסיי, ווי אַ קאָרידאָר צו דעם אייגנטלעכן ווערק, גרענעצט זיך קודם כל מיט סענטימענטן פון דער יוגנט־צײַט. האַרט פאַרן אויסברוך פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע האָב איך דאָס דאָזיקע בוך — מסתמא אין אַ פּרימיטיוון, יוגנטלעכן סטיל — אויפגעשריבן און אפילו געהאַט האָפענונגען עס צו דרוקן אונטערן נאָמען „יאָשע קאַלב דער ערשטער”. וועגן דעם גורל פון יענעם כתב־יד איז איבעריק צו דערציילן. דער ווילן אויפצולעבן דאָס דאָזיקע ווערק איז איצט שוין ענג געקנופּט מיטן באַווייגען אַ פאַרשניטן יידיש פאָלק. מוז מען אויפוועקן דערבײַ אויך יענע טראַכטענישן, אָנרעגונגען און חלומות וואָס האָבן אַמאָל באַגלייט אַ יונגן ייִד אויף די וואַרשעווער גאַסן, בעת ער האָט פאַרטראַכט די דאָזיקע קאַנווע. זענען זיי בכח פאַרשטענדלעכער צו מאַכן דאָס בוך, אויב די פעדער אַליין וועט עס נישט טאָן? איך בין מסופק דערין. זיי וועלן אָבער אַרײַנברענגען אין אַ געוויסער מאָס יענע לופט, אין וועלכער אַזעלכע טעמעס רייפן זיך אויס.

נאָך אין מײַנע קינדער־יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו הערן װעגן „אים״ אַלערליי מעשהס אין פאַרשידענע, משונהדיקע געשטאַלטן. ער האָט נאָך דאַן קיין קלאָר פּנים נישט געהאַט און עס איז זיך נישט געווען פאָרצושטעלן, אַז ער האָט אַן אייגענעם נאָמען. דאָס איז געווען אַ סודות־דיקער ספק־מענטש, וואָס האָט זיך זינט פאַרצײַטנס אַרומגעדרייט צווישן לובלינער גובערניע, וואָלין און גאַליציע. מען האָט זיך וועגן אים דער־ציילט בין השמשות אין די בית־המדרש־ווינקעלעך, ווען עס האָט דערבײַ אַרומגענומען אַ תענוגדיקער שוידער. ער איז, לויט די האַלב־אײַנגעלאָ־שענע שעפּטשערײַען, פאַרשאָלטן געוואָרן פון עמעצן, מיט דורות פריִער, צו בלײַבן אויף אייביק אַ האַלבער גאון און אַ האַלבער שד. איז ער געבליבן אַ צונויפמיש פון ביידע צוזאַמען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געראַנגלט מיט זיך אַליין, ווי מען איז עס געוווינט צו הערן פון מעשה־ביכלעך און אַלטע ספרים, וואָס דערציילן וועגן גרויסן פלאָנטער אין מענטשלעכע הערצער; דער צ ד י ק מיטן ר ש ע האָבן קיינמאָל בײַ אים אין די טיפענישן קיין שטאַרקע שלאַכטן נישט געפירט און נישט געראַנגלט זיך פאַר אַ גרעסערן חלק אין זײַן נשמה. אדרבא, די דאָזיקע צוויי זײַטן זײַנע האָבן צווישן זיך געלעבט בשלום און געהאַט זייערע אָנגעצייכנטע גרענעצן. זיי האָבן נישט געוואָלט אויסכאַפּן איינס בײַם צווייטן דאָס וואָס עס געהערט צו יענעם. האָט ער זיך רויִק געקענט אָפּגעבן צו ביידע.

דאָס דאָזיקע אַן־נאָמענדיקע געשטאַלט איז איין וואָך געווען אַ למדן מופלג און אַ פרומער מאַן. די צווייטע וואָך האָט ער אָבער געהערט לגמרי צו דער סטרא אחרא און אָפּגעטאָן מעשים אשר לא יעשו. אין דער וואָך וואָס ער איז פרום געווען, איז קיין פרומערס פאַר אים נישט געווען. זײַן צדקות און לומדות האָט זיך געהויבן ביז צו די העכסטע טורעמס פון שלימות. נאָר אין דער צווייטער וואָך, ווען די טומאה האָט אויף אים שולט געווען, האָט זיך קיין איין טמא מיט אים נישט געקענט פאַר־גלײַכן. זײַן טאָפּלט לעבן איז אים באַשערט געווען צו פירן אויף אַזאַ מין אופן, אַז איין העלפט זאָל אויך נישט וויסן וואָס די צווייטע האָט אָפּגעטאָן.

בנוהג שבעולם, וואַכט שטענדיק אויף דער אומרו אין אַ האַרץ, ווען עס שפּירט דעם אָטעם פון אַן אַנדערשדיקער וועלט. דאָס רשעות נעמט טײלמאָל שמעלצן בײַם הויך פון אַ צדקותדיקן שאָטן און נעמט זיך דאַן רײַסן פון בענקשאַפט צו דער נאָנטער לויטערקייט. דאָס זעלבע איז אויך, להבדיל, מיט דער צדקות וואָס גייט איר אויסגעטראָטענעם וועג און אַ כוואַליע הפקרות לויפט נעבן איר פאַרבײַ. דאָס האַרץ גיט אַ רודער און דער יצר־הרע טוט דערווײַל אַ בלאָז אַרײַן עטלעכע קנייטשן אין דער אויסגעפּאַרעמטער ליכטיקייט. בלויז פאַר „יענעם" איז געמאַכט געוואָרן דער אומגליקלעך־גליקלעכער אויסנאַם. דער שד אין אים וויל נאָר פראַ־ווען שלימותדיקע שדישקייטן און אויך מיטן צדיק אין אים איז עס נישט אַנדערש.

אין די טומאה־טעג מיינט ער, אַז ער איז שטענדיק אַזאַ רשע ועוכר ישראל. עס פעלט אים גאָרנישט אײַן, אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות צו יענעם צדיק וואָס איז אַ מפורסם אין אַ צווייטער מדינה. אויב יענער ווערט אַ מאָל פאַרפאַלן אויף אַ שטיק צײַט — שמועסט מען, אַז ער איז אין די הימלען; אָדער אַז ער איז אַוועק מקיים זײַן אַ גרויסע מצווה. דערפאַר פאַרגעסט ער אויך לגמרי, ווער ער איז נאָר־וואָס געווען בעת עס ענדיקט זיך די צײַט פון נפילה. אַ בלינדער כוח טרײַבט אים תיכף אַוועק פון דעם אָרט, ווו ער האָט געוויזן זיין רשעדיקן פּרצוף און ער וואַנדערט קפיצת־הדרכדיק צו זײַן צווייטן, באַשטימטן אָרט. דאָרט קען מען אים שוין ווי אַ קדוש און מופת־הדור. דאַן איז ער עס אויך באמת. פאַסט ער לאַנגע תענתים, לערנט טאָג ווי נאַכט און איז מרעיש־עולמות מיט זײַן שטילקייט.

טײלמאָל פאַרנעמט אַפילו זײַן אויער אַלערליי קלאַנגען וועגן איינעם פון אַ ווײַטלעכער מדינה, וואָס איז אין גאַנצן בײַם שטן אין די הענט. קרעכצט ער, פײַניקט זיך, וויל אַרויסצײַען פון זײַנע תפילות אַ תיקון פאַר יענעם אומבאַקאַנטן. ער קען אָבער דערבײַ נישט משיג זײַן, ווי אַזוי אַ מענטש קען זיך געפינען לגמרי אין די הענט פון דער סטרא דשמאלא און דאָך נישט מורד זײַן. ער מיינט, אַז דער צ ע ר אין זײַן האַרץ איז נאָר צוליבן אומגליק פון אַ ווײַטער נשמה. פעלט אים נישט אײַן, אַז דאָס קלאַפּט זײַן אייגענער אומרו אין די טויערן פון זײַן רחמנות. דאָס דויערט טײלמאָל ביז ער פאַלט אַרײַן אין זײַן צווייטן גלגול. וואָגלט

ער ווידער אַוועק און שפּילט זיך פון דאָס נײַ מיטן שוואַרצן פֿײַער. אויך דאָן פֿאַרנעמט ער ווײַטע קלאַנגען וועגן אַ צדיק, וואָס פּײַניקט זיך אָפּ אַ גאַנץ לעבן און ווייס אַפילו נישט וועלכע תענוגים די גוטע וועלט פֿאַרמאָגט. אין זײַן רשעדיק האַרץ צעגליִען זיך דאָן שוואַכע פונקען פון מיטלײַד. אַלע אברים זײַנע גלוסטן יענעם אַרויסצוראַטעווען פון זײַן פּרישותדיקער פּײַן. ער איז אומרויִק פון אַ פרעמדן, אָפּגעטיילטן צער. אַ רצון איז זיך אין אים מתגבר אַראָפּצונעמען פון זיך אַ ברעקעלע תענוג, אַ קרישקעלע תאוותדיקן פֿאַרגעניגן און עס אַוועקשיקן יענעם ווי אַ מתנה אויף די פליגלען פון ווינט. ווייס ער נישט ווו צו געפינען דעם צעפּײַניקטן צדיק... בלײַבט אים נאָר איבער זיך אָנצושטאָפּן מיט נאָך מער זינד און מכוון איז ער דערבײַ מתקן צו זײַן סטרא־אחראדיק יענעמס נשמה, וואָס גייט אויס אין איר הוילער צדקות. אויך אים פֿאַלט נישט אײַן, אַז דערמיט האָט ער אין זינען זיך אַליין און אַז זײַן בענקשאַפט קומט נאָר אויף אין אים, ווײַל זי ציט זיך צו זײַנע אייגענע, פֿאַרשאָלטענע שייכותן.

— 3 —

בײַ יעדער צושטאַנד זײַנעם ווייס ער וואָס ער טוט. ער ווייס אויך, אַז דאָס טוט ער לויט זײַן רצון און בחירה. ער קען אַפילו נישט דערשפּירן, אַז צווישן זײַנע מעשים רודערט זיך אַ צוגעדעקטע בעל־כרחודיקייט. איין זאַך נאָר ברענגט אים אַרײַן אין צעטומלעניש און זײַן טאָפּלטע זיכערקייט גיט זיך אַ וואַקל. דאָס געשעט ווען ער גיט אַ טראַכט וועגן זיך: ווער איז ער אייגנטלעך? ווי נאָר די שאלה קומט, וועקן זיך אין אים אויף נישט קלאָרע אָנונגען. אָט וויל ער זיך זאָגן, אַז דאָס איז ער דער באַקאַנטער למדן און צדיק פון יענער שטאָט — קען ער נישט. דאָס איז אויך אַ טייל פון זײַן לאַנגער קללה. אין זײַן מוח ווימלען בלויז רעשטלעך פון האַלב־וואַכע זכרונות וועגן אַ לעבן, וואָס אַ צדיק און פּרוש קען זיי נישט האָבן געלעבט. ער דערמאָנט זיך, אַז בעת ער הערט וועגן דעם רשע המפורסם און זײַנע טאָונגען — גייען די הערונגען אַריבער זײַן לײַב מיט אַזעלכע וואַכע און ציטערדיקע זיסקייטן; גלײַך ווי נישט יענער, נאָר ער אַליין וואָלט זיי לכל הפּחות

אין זיך אַמאָל אַדורכגעפּירט במחשבה. ער ווייס, אַז דאָס האָט ער נאָר געטראַכט מחמת רחמים און במילא געמוזט אַרײַנפירן אין גערדאַנק יענעמס אַלע מעשים. צוליב דעם האָבן יענעמס רשעותן אויף עטלעכע מינוטן אַ לעב געטאָן אין אים און זיך אַדורכגעטריבן איבער זײַנע בלוטן. ער קען זיך אָבער נישט צוגלײַבן, אַז אַ צדיק גמור זאָל קענען אַרומטראָגן אין זיך אַזאַ רשע בעת זײַנע הייסטע תפילות. עפּעס זענען אים יענעמס איבערלעבונגען צו נאָענט און צופיל דערווידער...

און אַזוי איז עס אין די טעג פון ירידה. ער וויל זיך זאָגן אַז דאָס איז ער, דער באַקאַנטער רשע ומרושע — און קען נישט. ווידער בלאָזן זיך אין זײַנע פאַרבאָרגענישן אַזעלכע מינים געדעכענישן וועגן הויכע השגות, אַדורכגעלערנטע סוגיות און נעכט פון הייליקער עבודה. ער ווייס, אַז דאָס וויל ער נאָר צוציִען יענע טראַכטונגען צו זײַנע השגות; דאָס וויל ער נאָר יענעם צדיק געבן אַ ביסעלע וו ע ל ט, מחמת רחמנות צו יענעמס יסורים און מאַטערנישן. דאָך זענען זיי שוין צופיל לעבעדיק אין אים, פּונקט ווי ער וואָלט אומגעזען כורת־ברית געווען מיט יענעם צדיק אַפילו אין זײַנע זינדיקסטע מינוטן. וויאַזוי קען ער עס טאַקע זײַן דער רשע הגדול, בעת ער האָט גאָר די מידה פון רחמנות און געדאַנקען וועגן קדושה־טעג, וועלכע ער וויל באַגליקן מיט זײַן רשעות? ווייס ער טאַקע נישט.

צוליב חטאים פון גאַנצע דורות פאַר אים, וואָס לעבן אין זײַן בלוט, מוז ער טראָגן אַלע קללות וואָס האָבן געדאַרפט פאַלן אויף זייערע אַלע־מענס קעפּ. צווישן זיי זענען געווען רשעים פּונקט ווי צדיקים. קען ער טאַקע נישט און טאָר נישט וויסן וו ע ר ער איז באמת. עס איז אים נאָר געטאָן געוואָרן אַ חסד, אַז ער זאָל די דאָזיקע שאלה זיך פרעגן זייער זעלטן. גייט ער אַרום און ווייס נישט. גייט ער אַרום און ווייס נישט אַז ער ווייס נישט ווײַל ער טאָר עס נישט. ער לעבט — איז עס אַ באַווײַז אַז ער איז עמעץ; אַז ער איז דער, וואָס ער איז אין דער מינוט פון טראַכטן.

ער איז אויף דער ערד אָון זײַן נשמה איז אין עולם התוהו. אַ מאָל איז זײַן עולם התוהו אַ גן־עדן, אַ ליכטיקער שטראַל — און אַ מאָל איז עס אַ פינצטערע פּיין, וואָס הויערט אינעם חושכדיקן תהום פון דער לאַנג־אַניקער קללה. מחמת דעם וואָלט טאַקע אמת געווען, ווען עס קומט אַן

עדות וואָס רופט אים מיטן נאָמען פון רשע און באַוויַזט מיט אותות ומופתים, אַז ד אָ ס איז ער. נאָר אַזוי איז אויך אמת ווען עס זאָל קומען אַ צווייטער און אים אָנרופן ווי דעם גאון פלוני פון דער און יענער מדינה, הגם ער איז פונקט וויַט דערפון כרחוק מזרח ממערב...

די דאָזיקע לעגענדע פון אַ מיסטיש־פאַרשאָלטענער טאָפּל־געשטאַלט האָט אים געמאַכט וואַנדערן איבער מדינות און געלאָזט אים אויפטויכן ווו נאָר אַ ייִדישער פוס האָט געטראָטן. אין אונדז, צעשראָקענע חדר־ייִנגלעך, איז זי געוואַקסן און געצײַטיקט געוואָרן אין דער זעלבער מאָס, וואָס מיר אַליין האָבן זיך געצײַטיקט. פריִער האָט מען זי געהערט מיט פאַרנעפּלטער נישט־פאַרשטאַנענקייט. דערנאָך האָט זי זיך אויסגערייפט אין אונדז מיט נישט־געזונטן נײַגער; מיט אַ בענקשאַפט אַרונטערצוקוקן אַזעלכן הינטער דער נשמה. ווי אַזוי? אַלע האָבן געוווּסט, אַז נאָך הײַנט גייט ער אַרום איבער דער וועלט. מען קען אים גאָר אָנטרעפן אויף איינעם פון די יאָר־מערק. מען מוז נאָר וויסן אין וועלכער „צײַט" זײַנער ער געפינט זיך. אַז נישט — ווייס מען נישט, אויב מען דאַרף אים זוכן בײַם אײַנגעפאַלענעם פּאַליש פון שטעטל אָדער בײַם טריפהסטן אָרט פון דער סביבה. עס איז נאָר זיכער געווען, אַז מיר אָטעמען די זעלבע לופט וואָס ער, ווײַל ער איז פאַרשאָלטן צו לעבן לאַנג, אפשר אייביק; ביז משיח וועט קומען וועקן די טויטע פון די קברים און צוריקגעבן יעדן אויפגעשטאַנענעם ז ײַ ן חלק וואָס ער האָט שטעקן אין דעם טאָפּלטן מענטש.

— 4 —

קיינער שטייט נישט בײַם וויגעלע פון לעגענדעס און פאַלקס־פאַנ־טאַזיעס. איז נישט מעגלעך צו וויסן, ווער עס האָט זיי געבוירן און פון וואַנען זיי האָבן געזויגן די ערשטע מילך. זיי מאַכן אַדורך זייערע אייגענע גלגולים. וואָס טונקעלער עס איז דער געדאַנק, אַלץ מער מעגלעכקייטן האָבן זיי צו פאַרשטעלן זיך. זיי זוכן זיך שטענדיק אַרײַנצופּאַסן אין יעדן מוח לויט זײַן באַנעם. דערפאַר האָט די לעגענדע פון טאָפּל־מענטש זיך גענומען רוקן נענטער און נענטער צו דער לאָגיק, בשעת מען האָט אָנגעהויבן ווערן דערוואַקסענער און אויפגעקלערטער. דאָס האָט זי נישט

געוואָלט פאַרלירן די גאַנצע אחיזה. עס האָט גאָרנישט קיין שיעור צו די גלגולים פון דער דאָזיקער פאָלקס־מעשה, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין אייגענעם טראַכט מיט יעדן יאָר עלטער ווערן. די גאַנצע מיסטיק איז ביסלעכווײַז כמעט ווי אויסגערונען און אויף איר אָרט האָט זיך אָפּגע־שטעלט אַזאַ מין רעאַליטעט פון מיש־מאַשן, וואָס האָבן אַלץ געוואָלט אָנטאַפּן און דאָך האָבן זיי גאָרנישט באַוויזן צו דערהאַלטן.

זי איז אָבער אַזוי אימהדיק שיין געווען, די פאָלקס־מעשה, אַז איך האָב פאַר איר געגומען זוכן באַהעלטענישן אין דער סימבאָליק, בכדי זי נישט צו פאַרלירן. עס האָט זיך זי געוואָלט אײַנטוליען אין אַלערליי אַלעגאָריעס און אַריבערטראָגן זי אין יענעם אוצר, וואָס לאָזט נישט די פאָלקס־פאַנטאַזיעס אײַנזינקען אין אַ בית הקברות פון אַלטע רייצן, כשופן און זיסע פּחדים. צוליב דעם האָט דער געדאַנק זי געוואָלט אַרײַנשטעלן אין דער ריי פון יענע גרויסע, וווּנדער־פּאָעמעס איבער וועלכע עס איז שוין אַמאָל געזאָגט געוואָרן „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה”. עס איז שוין געוואָרן אַ ריין־מענטשלעכער געדאַנק, וואָס האָט געדאַרפט אָפּשפּיגלען אַלעמענס אינערלעכע געראַנגלען, פון וועלכע מען ווייס אַליין נישט — און עס איז דערצו נישט נויטיק קיין יחידישע פּערזאָניפיקאַציע, קיין פאַקטישע וואָר.

דער אומדערקלערלעכער ציטער פאַר אַזאַ עקזיסטירנדיקער פּערזאָן, וואָס דרייט זיך צווישן אונדז און דעם עולם הדמיון, איז אַנטלאָפן אפילו פון דער אײַנגעבוירענער רעליגיעזיטעט. ער איז איבערגעגאָסן געוואָרן אין אַ סקעפּטישקייט בנוגע אַזאַ פאַל, הגם די ייִדישע הלכה האָט אַזעלכן טעאָרעטיש פאָרגעזען. איך בין זיכער געווען, אַז דאָס קען נאָר געמאָלט זײַן אין אַ באַלאַדע אָדער אין די צעשפּילטע פאַנטאַזיעס פון הונגעריקע דיכטער. דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען די איבעררעאַשונג, ווען מיר איז דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען צו זיצן מיט אַ מענטש, וואָס האָט אַזאַ מין לעבעדיק רעטעניש געקענט פּערזענלעך. ער האָט אָנגעטאַפּט זײַן האַנט, געהערט זײַן קול און אים געזען מיט לעבעדיקע אויגן אין מיטן טאָג... אַזאַ מין עדות־זאָגן האָט געמוזט רייצן די פאַנטאַזיע צו נײַע גריבלענישן, וואָס האָבן געשטויסן צו נײַע שפּורן זוכן.

דאָס איז געווען אין פאַר־מלחמהדיקן וו אַ ר ש ע, בעת דער גורל האָט מיך צונויפגעפירט מיטן זקן הרבנים פון וואַרשעווער ראַבינאַט, הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן. דער דאָזיקער רב, וועלכער איז אומגעקומען פון די נאַציס הענט, האָט שוין דאַן געהאַט אַ לאַנגן סטאַזש פון רבנות און שטאַרק באַרימט געווען אין דער פרומער וועלט. אין יידישן פוילן האָט דאַן די „טאָפּל־געשטאַלט" אַרויסגערופן גרויס אינטערעס דווקא צוליב אַ ליטעראַרישער געשעעניש. דאָס האָט י. י. זינגער געשטורעמט די יידישע לייענער מיט זיין ראָמאַן „יאָשע קאַלב". דער מחבר האָט פּאַקטיש אַנגעהויבן קינסטלעריש באַשטעטיקן די אינטריגע פון דער פאָלקס־לעגענדע איבער די יידישע שטעטלעך. זינגער האָט בלויז געלאָזט די דאָזיקע מיסטישע דערשיינונג פאַרחושן און פאַרפּליישן. עס איז ביי אים געבליבן עפּעס פון יענער דערקענטער טאָפּלקייט אין פיזישן זין, אַן צו געבן אַן ענטפער ווי אַזוי זי האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט און פאַרוואָס זי האָט געמוזט האַנדלען אַזוי אָפּגעריסן פון זיך אַליין. זיין ליכטער אופן, פון זוכן דערגריבלען זיך ביז צום תהום פון יאָשע נחומ־טשעס צוויי־פּנימדיקייט, האָט געלאָזט אומבאַפרידיקט. דער דראַנג צו געפינען אין אַזאַ פּאָבולע דאָס מענטשלעך־ה ע כ ע ר ע איז בלויז נאָך שאַרפער געוואָרן. זינגער האָט דאָס ניי־גריק־דינע געפיל נישט געקענט איינשטילן. אויב ער האָט זיך דערביי געשטעלט העכערע צילן אין קינסט־לערישן זין, האָט ער זיך אַליין אויך מסתמא נישט געקענט צופרידנשטעלן מיטן אַריינוואַרפן זיין ראָמאַן אין דער פלאַך פון חסידישער זאַטקייט און ניעשאַווער גראָבלעכקייט.

עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין דער מיסטערישער סאַטירע אויף דער רביישער וועלט, נאָר אינעם שוואַכן באַלויכטן די הויפּט־פּערזאָן. דערפאַר איז זי ביי אים שאָטענדיק פאַרלוירן־געגאַנגען אין דעם אַרומיקן געפּילדער פון צדדים און „הויפן". וואָס שטאַרקער די פּרטים מיט זייערע פּרטי פּרטים זענען געשילדערט געוואָרן, אַלץ מער איז אָפּגעריבן געוואָרן די בולטקייט פון דער צענטראַלער און געשפּאָלטענער פּערזענלעכקייט אין דער געשטאַלט פון יאָשען. אָבער איך וויל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף זינגערס ראָמאַן, בפרט ווען עס איז געזאָגט געוואָרן אַז „אין משיבין את הארי אחרי מותו".

דאָ גייט נאָר אין דערציילן פאַרוואָס דער דורשט צו באַקענען אַזאַ טיפּ ווי „יאָשע קאַלב״ עטוואָס טיפער איז צוליב זינגערן זינגערן מיט גאָרנישט שוואַכער געוואָרן. זינגערס ווערק האָט נאָר געוויזן, אַז דאָס אינערלעכע פּנים פון אַזאַ פענאָמען מ ו ז באַקומען זיין תיקון.

מיטן אָפּדרוקן און דראַמאַטיזירן „יאָשע קאַלב״ האָבן זיך אָנגעהויבן שטילע, געצוימטע וויכוחים, וואָס האָבן אויפגעוועקט פון דער טונקל האַלב־פאַרגעסענע זכרונות. איז נישט קיין ווונדער, וואָס בעת מײַן נענטערן באַ־קענען זיך מיט איינעם פון די זיילן אין דער רבנישער וועלט פון פוילן האָט ער צוגעפירט דעם שמועס אויף דער טעמע. הרב מיכלזאָן איז שוין געווען בערך אַ בן־שמונים און געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן די אַמאָ־ליקע, אָפּגעלאָפענע יאָרן. מיט זײַן באַזאַכט־רויקן אופן פון שמועסן האָט ער באַמערקט:

מענטשן מיינען, אַז די שרײַבער ציִען אַלץ אַרויס פון זייער קינסטלע־רישער פאַנטאַזיע. נעם למשל די געשיכטע מיט „יאָשע קאַלב״. מיינסט אַוודאי, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך? איך ווייס נישט גענוי ווי אַזוי דעם בילגאָרייער רבס איידיקל באַשרײַבט זי; אָבער די מעשה אַליין איז אַן אמתע...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הרב מיכלזאָן איז גראָד געווען דער רב פון „יאָשע קאַלבס״ געבורטס־שטעטל — קראַסניבראָד — בעת דאָס האָט פּאַסירט.

אַגב, איז די געשעעניש געבליבן פאַרקריצט אין דער רבנישער ליטע־ראַטור פון פוילן. ווי אַ בײַשפּיל דערצו וויל איך בלויז ברענגען דעם בריוו פון קאַלישער רב ר׳ חיים אלעזר וואַקס, פון יאָר 1883 — תרמ״ג, אין וועלכן ער שרײַבט צום וואַרשעווער למדן און גביר ר׳ שלמה אַברהם זשעכטע:

„... און איצט איז פאַר מיר געקומען אַ ווונדערלעכער פאַל, ווי אַ תשובה פון גאַליציע, וועגן אַ בת גדולים, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען אַן עגונה פון איר מאַן. איצט איז דער מאַן צוריקגעקומען און מען האָט אים דערקענט. אויך אין אַ צווייטער שטאָט האָט מען אים דערקענט פון זײַן יוגנט אָן, אַז ער איז אַן אַנדערער. ער אַליין האָט געזאָגט סימנים אויף צווייטער ערטער פון זײַן גוף און דעם טאָג פון זײַן געבוירן — און דאָס איז אַ ווונ־דערלעכע זאַך...״

הרב מיכלזאָן האָט אָבער אַזוי איבערגעגעבן די געשיכטע, אַז זי האָט זיך געענלעכט צו דער לעגענדע מיטן טאָפּלטן מענטש. דער הויפּט־פּאַר־שוין האָט אליבא דאמת געהייסן ר׳ חיים משה און ווי טייל האָבן געגלויבט, איז ער געווען צונויפגעשטעלט פון צוויי חיים משהס. יעדער איינער פון די ביידע האָט זיך געקענט גלײַכצײַטיק געפינען אויף אַ באַזונדער אָרט און לעבן אַנדערש ווי דער צווייטער. ער האָט געזאָלט האָבן צוויי גופים, צוויי נשמות און צוויי פּנימער וואָס זענען געווען איינס לויטן אויסזען. אויך די נשמות האָבן איבער אַלע מרחקים זיך געהאַלטן צוזאַמען. מחמת דעם וואָלט מען קיינמאָל פון רבנישן שטאַנדפּונקט נישט געקענט אַרויס פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער. ווי אַזוי זאָל מען דאָ פּסקענען, בעת מיר זעען בלויז פּאַר זיך א יי ן גוף און נאָר דורך דער השערה קענען מיר אין אים זען ב יי ד ע? ווען עמענס איז ער באמת און ווען עמען האָט ער דאָ אָפּגענאַרט?

די לאַנגע דין תורות האָבן גאָרנישט געקענט אויפטאָן. מען האָט חיים משהן, אָדער יאָשען געמוזט לאָזן גיין זײַן וועגס, וואַנדערן וווהין ער וויל נאָר. עס איז בלויז אויסגעקומען צו באַדויערן די צוויי ווײַבער, וואָס האָבן געהאַט דאָס אומגליק צו שטיין מיט אַזעלכן אונטער דער חופּה און צוליב דעם בלײַבן אייביקע עגונות.

— 6 —

איך שטעל זיך דאָ נישט אָפּ אויף אַלע פּרטים פון ר׳ חיים משהס געשטאַלט, אָדער אויף זײַן טאָפּל־גייער — יאָשע קאַלב פון קראָסניבראָד. הרב מיכלזאָן, וואָס איז בײַם אַנהויב פון די אַכציקער יאָרן געווען קראָס־ניבראָדער רב, האָט בלויז געמאַכט זײַנע פּ י ר ו ש י ם צום טאָפּלטנס גלגול. טאַקע ער האָט מיר דערציילט אַז דער חיים משה האָט אַרײַנגעלעבט אין אַ טיפער זקנה. ער איז געוואָרן אַ וואַנדער־רבי, וואָס איז מיט זײַן פערד און וועגעלע אַרומגעפאָרן „איבער דער וועלט״ צו זײַנע חסידים. ער האָט זיך געטראָגן פון אָרט צו אָרט, געטיילט ברכות, געפירט זיך פרום — און געשוויגן. ביז דער טיפסטער זקנה איז ער פאַרבליבן אַ גבר פון אַ ייִד.

אויך די באַציִונג צו אים איז געווען אַ פאַרשידענע. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער איז שוין אַרויס פון זײַן פאַרשאָלטער־

בעם ירגזון. צוליב זײַנע יסורימדיקע נשמה־איבערלעבענישן האָט ער באַקומען דעם שכר פון לעבן גאַר־גאַר לאַנג — ביז ער וועט זיך נישט אָפּבעמען זײַנע יונגע יאָרן, וואָס זענען אַזוי צעפּטרט געוואָרן... ביי זיי האָט חיים משה געהאַט אַ שם פאַר אַ קדוש. יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך באַוויזן זענען זיי אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט יראת הכבוד, אַבי צו כאַפּן אויף זיך זײַן שאַרף־באַברעמטן קוק. טייל ווײַבער האָבן אַפילו אויפגעהויבן זייערע קראַנקע קינדער און זיי אַנגעלענט אין די שטאַכעטן פון ר׳ משה חיימס וואָגן. זיי האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז איין בליק פון סודות־דיקן רבין וועט זייערע קינדער געבן געזונט און אריכת ימים.

דאַקעגן זענען געווען אַנדערע, וואָס זענען אַנטלאָפן מײַלן־ווײַט בײַם דערהערן אַז „ער״ דערנענטערט זיך צום שטעטל. זיי האָבן געשמועסט אַז נישט בלויז ער, נאָר די גאַנצע לופט אַרום אים איז פול מיט פורעניותן. די נישט־גוטע לאָזן אים קיינמאָל נישט אַליין. וויבאַלד ער איז איינמאָל געווען זייערער — מוזן זיי אים שוין אייביק באַגלייטן. איז די גאַנצע שטאָט אַדורכגעקנאָטן מיט טומאה אין די טעג פון זײַן קומען. אַלע שדים פון די חורבות צעטאַנצן זיך פאַר שמחה לכבוד דעם גאַסט. אַ סך מאַמעס האָבן אין אַזעלכע טעג געהיטן די קינדער און זיי אַפילו נישט געלאָזט גיין אין חדר אַרײַן, ווײַל זיי וועלן חלילה פרי׳ער אָדער שפּעטער געניזוקט ווערן.

אַזוי אַרום האָט אונדזער רעאַלער וואַנדער־ייִד געשפּירט אַ טאָפּלטע באַציִונג צו זיך, פּונקט ווי עס איז געווען טאָפּלט דער גורל פון יענעם געשפּאָלטענעם, צוויי־באַהעפטן מענטש, איבער וועלכן די ייִדן האָבן זיך אַזויפיל דערציילט מיט פאַרכטיקע לעפצן.

— 7 —

ס׳איז באַקאַנט אַז זינגער האָט פאַר זײַן ראָמאַן אויסגענוצט דעם דאָזיקן רעאַלן פאַקט. אָבער אויך פון די שילדערונגען בעל פה און בכתב מצד די רבנישע צײַט־עדות איז נאָר מעגלעך אַרויסצובאַקומען די א ו י־ס ע ר ל ע כ ע פּרטים פון זײַן משונהדיקער אומוואַנדלונג. אויך פון הרב מיכלזאָנס בעל־פּהדיקער, וואָרלעך־לעגענדאַרער דערציילונג איז ער נישט אַרויסגעקומען קיין קלאָרערער און נישט מער־פאַרשטענדלעך.

עס וואָלט אויסגעזען, אַז אַזעלכע מוזן שוין בלײַבן ש ט ו ם און וואָרט־היטעריש, גאָרנישט פון זייער אינערלעכער מעשים־וועלט טאָר פאַר אונדז אַנטפּלעקט ווערן. עס קען גאָר זײַן, אַז ווען אַזעלכער זאָל פּלוצים ווערן באַרעדעוודיק, וואָלט ער פאַרלוירן דאָס לעצטע ברעקל רייץ. די פאַנטאַזיע אונדזערע האָט גיכער ליב נאָכצולויפן בחיפּזונדיק נאָך איין סוד איידער נאָך טויזנט אָפּנקייטן. אויב אַזעלכער קען זיך אַליין נישט דער־גרונטעווען ביז צו דעם וואָס מיט אים פּאַסירט — וואָס זשע קען ער דער־ציילן פאַר אַנדערע? מוז ער שווײַגן. וואָלט אונדז גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן אַזאַ טאָפּלטן אַרומגייער און דערבײַ וואָרטן אויף זײַן מבול רייד, וועלכע ער זאָל צעשיטן איבער אַלע וועגן און שטעגן. פון דעם שטאַנדפּונקט אויס האָט זיכער י. י. זינגער אַרײַנגעפּאַסט זײַן יאָשע־העלד אין די ראַמען פון אונדזער פּסיכאָלאָגישער פאָרשטעלונג. ער האָט אים געלאָזט זײַן אַ שותק, אַפילו דאַן ווען אונדז גלוסט זיך אים אָנצוכאַפּן בײַם האַלדז און בײַ אים אַרויספּרעסן כאָטש אַ פּאָר געציילטע ווערטער... ער מוז שוין בלײַבן פאַרקנעפּלט ביז איבערן מויל מיטן מלבוש פון סוד. טיף אין אונדז זענען מיר גובר דעם נייגער און מיר זענען נאָך צופרידן, וואָס די מיסטישע אילוזיע הילט אים אַרום צוזאַמען מיט אונדז. אפשר וואָלטן מיר גאָר אַנטוישט געוואָרן, ווען דער העלד זאָל זיך צערעדן און זײַן דיבורים־שפע זאָל דערגרייכן ביז צו אונדזער אויער. אפשר זענען נאָך הײַנט פאַראַן אַזעלכע, ווי אני הקטן אַמאָל, וואָס זענען גרייט מותר צו זײַן אויפן דערזען דעם פּסיכישן הינטערגרונט פון די אַלע יאָשע קאַלבס. זיי ווילן ווײַטער, אַז עס זאָל שוועבן איבער אונדזער וועלטל וואָס מער איבערמענטשלעכע פּחדים און וואָרעמען אונדזער נייגונג צו אומגעוויינ־לעכע צייכנס פון אַנדערע עולמות.

דער טריב צום אַרויסרײַסן דעם סוד פון אַזאַ געשטאַלט איז אָבער געשטאַרקט געוואָרן פון גאָר אַן אומגעריכטער זײַט. דאָס האָט אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן זײַן גײַסטיק פּנים, דווקא דעמאָלט ווען ער האָט געזוכט זיך צו פאַרבאָרגן אין זײַן שטומקייט. פאַקטיש איז אויך חיים משה נישט געווען דער ע ר ש ט ע ר, פונקט ווי זײַן ליטע־ראַרישע הילע איז עס נישט געווען. אַן עדות דערצו איז אַפילו איינער פון די גאָר־לעצטע פּוסקים (פּתחי תשובה שולחן ערוך אבן העזר הל׳ גיטין

קנ"ב, ס"ק ב') און אויך ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז די מקורות פון יאָשעס אַ פּאַרצײַטישן פּאַרויסגייער.

שוין אויף די לאַנגע, מיד־מאַכנדיקע דין תורהס וועגן דעם פּאַל חיים משה האָבן די רבנים געהאַט אויף וואָס זיך סומך צו זײַן בײַם פּסקענען דעם דין ל ה ל כ ה. אויב עס האָבן זיך געצויגן וויכוחים, איז עס בעיקר געווען צוליבן ווילן אויסצופאָרשן ווער ער איז אייגנטלעך. צו רעדן דורך זינגערס פּערסאָנאַזשן, האָט זיך געהאַנדלט דערין אויב דאָס איז יאָשע קאַלב און דער מאַן פון חנא קברנס טאָכטער צביה — אָדער צי איז ער ר' נחומטשע און דער מאַן פון ניעשאַווערס טאָכטער סערעלע. וואָס דער ריינער ד י ן זאָגט איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ סך פריִער פון גאונים, קעגן וועלכע קיינער וואָלט סײַווי נישט געוואָגט זיך צו שטעלן. פון דעם איז במילא קלאָר אַז אַזאַ מין פּאַל האָט שוין גאָר אַמאָל פּ אַ־ ס י ר ט. יעדער רב אויף אַזאַ דין תורה האָט באַלד געקענט אַ זאָג טאָן: עס דערמאָנט אין די צײַטן פון „נודע ביהודה"!

און אויך דער גאון ר' יחזקאל לאנדא איז נישט דער איינציקער עדות, אַז אַזאַ מין מענטש האָט געלעבט אויף דער וועלט נאָך אין יענע צײַטן. נישט מער: יענער האָט געהאַט אַ סך ל ש ו ן און די רייד זײַנע האָט ער נישט באַהאַלטן אין זײַנע געדערעם... מעגן אונדזערע סענטי־מענטן זײַן אויף דער זײַט פון זײַן שטומקייט און פאַרהוילנקייט — האָבן מיר נישט קיין עצה און מיר מוזן אים אויסהערן.

— 8 —

דער באַרימטער גאון פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ר' יחזקאל לאַנדאָ דערציילט וועגן דער „ווונדערלעכער טרעפעניש" אין קאַרגע שורות, וואָס שטאַרקן נאָך מער אין אונדז דאָס מיסטישע בײַ־געפיל. צום פּסיכישן פּונקט איז אונדז אויך דאָ שווער צוצוקומען. עס זעט אויס, אַז געגנוי ווי דער לי־טעראַרישער חוש בײַ גאַנצע ביכער, האָט דער פּראָגער גאון אין זײַן קורצער „סקיץ" געהאַלטן פון קינסטלערישן פּאַרגעפיל, אַז יאָשע קאַלבס דאַרפן שווײַגן איבער זייער אינערלעך־באַהאַלטענעם פּלאַנטער. זיי מוזן פאַר אונדז איבערגעלאָזט ווערן לדורות אין זייער טאָפּלגייערישן לבוש, פון וועלכן ס'איז נישטאָ קיין אַנטרינונג.

ואף על פי כן, האָט דער פּראָגער רב פאַר אונדז פאַרגעשטעלט אַ מער־אַקטיווערן מענטש, וועלכער נעמט נישט אויף זײַן טאַפּלטן גורל מיט שטילשווײַגן. דער „יאָשע“ פון זײַנע צײַטן ר ע ד ט, ראַנגלט זיך, קעמפט, לייקנט, איז זיך מודה — און ערשט דערנאָך אַנטלויפט ער אין זײַן טאָפּל־געשטאַלטיקייט אַרײַן. אין דער צווישנצײַט האָט ער אונדז געגעבן אַ געלעגנהייט אים בעסער צו זען. מיר האָבן אַפילו פאַר זיך אַ שטיק פון אַ שפּאַנענדיקער אינטריגע, וועלכע ווערט טאַקע אָנגעפירט פון „יאָשען“ אַליין. פון דעסטוועגן ווערט ער בלויז אַנטפּלעקטער פאַר אונדז פון דער א ו י ס ע ר ל ע כ ע ר זײַט, בשעת אַלע זײַנע אינעווייניקסט־קייטן בלײַבן ווײַטער געשלאָסן אויף זיבן שלעסער...

אין זײַן ספר („נודע ביהודה“ מהדורא קמא, חלק אבן העזר סימן ס"ה) ברענגט רבי יחזקאל לאַנדאָ, ווי אַן אַרײַנפיר צו זײַנס אַ פּסק הלכה, די געשיכטע פון אַ מאָדנעם פאַרשוין אין פּ ו י ז נ ע ר געגנט. עס איז אַ מעשה מיט אַ פּרוי פון דער שטאָט פּ י ן, וואָס איז געווען אַ לאַנג־יעריקע עגונה. פּלוצים האָט זי איינמאָל דערזען אַ מאַן, וועלכער איז איר אויסגעקומען קענטלעך. ערשט שפּעטער האָט זי געמאַכט אַ רעש בײַם רב, אַז איר אַנטלאָפענער מאַן געפינט זיך אין שטאָט (אַנדערע מקורות גיבן אָן די נעמען פון די שטעט אַ ביסל אַנדערש. עס איז אָבער קיין שום ספק נישט, אַז דאָ ווערט געמיינט איינער און דער זעלבער טיפּ), דער „נודע ביהודה“ דערציילט וועגן דעם:

„האָט מען געברענגט דעם מאַן און זי האָט אים גוט דערקענט און זי האָט געזאָגט סימנים אויף זײַן גוף. און אויך די גאַנצע שטאָט האָט אים דערקענט מיט אַ טביעת עין, אַז דאָס איז דער מאַן פלוני בן פלוני, אַ גע־בוירענער בײַ זיי אין שטאָט און דער מאַן פון דער דאָזיקער אשה. און דער מאַן האָט צום אָנהויב געלייקנט, ביז זיי האָבן מיט אים גערעדט און זיי האָבן פון אים געבעטן ער זאָל איר געבן אַ גט. און ער האָט מודה געווען, אַז ער איז דער מאַן פון דער פרוי. און פון דאָרט איז ער געגאַנגען ביז ער האָט דערגרייכט פּרעמיסלע. און דאָרט האָט אים דערקענט אַן אשה, וואָס איז געווען אַן עגונה, אַז ער איז איר מאַן. און אויך אַלע איינוווינער פון פּרעמיסלע האָבן אים דערקענט, אַז ער איז פון די געבורטיקע אין זייער קהילה, פלוני בן פלוני, דער מאַן פון דער פּרעמיסלער פרוי. און אויך האָט דער מאַן מודה געווען אַז ער איז פון פּרעמיסלע און אַז ער האָט אין

פ י ן געגט אַ פרעמדע פרוי, צוליבן געלט וואָס ער האָט דאָרט באַקומען פאַרן גט. און דער הרב הגאון פון פרעמיסלע מיטן בית דין האַלטן אַז די אשה פון פין מוז געדעכנט ווערן אין דער חזקה פון אשת איש, ווייל דער דאָזיקער מאַן איז נישט איר מאַן, נאָר ער איז אַ געבורטיקער פון פרע־מיסלע...״

אַ טיפּיש־פאַרפלאָנטערטע און אויסוועגסלאָזע געשיכטע: צוויי פרויען דערקענען אים. ביידע זאָגן סימנים און ביידע שטיצן זיך אויף גאַנצע שטעט מיט עדות; וואָס יעדער מחנה האַלט, אַז נאָר ביי זיי איז ער ג ע ב ו י ר ן געוואָרן און דאָרט געלעבט ביז זיין נעלם ווערן. אויף אַזאַ מין פלאָנטער האָט זיך אַפילו דער ליטעראַרישער באַשאַפער פון „יאָשע קאַלב״ נישט פאַרמאָסטן... און ר׳ יחזקאל לאַנדאָ האָט לגמרי נישט געהאַט בדעה צו געבן אַ ליטעראַריש געשטאַלט נאָר איבערצולאָזן אַ דאָקומענט, וואָס דאַרף פאַרשטענדלעכער מאַכן זיין פסק דין. ער גיט אָן די נעמען פון די שטעט, אין וועלכע די מעשה האָט פּאַסירט — גאָר־וויניקע יאָרן איידער זיין דערמאָנט ספר איז דערשינען. קען מען דען פון זיין קורצער שילדערונג נישט ווערן סודותדיק באַאיינדרוקט? דרך אגב מעג באַמערקט ווערן, אַז דער פראָגער רב האָט געפירט אַ קאַמף קעגן קבלה און אַלע אירע באַגלייט־דערשיינונגען. ער האָט נישט געהאַלטן פון אָבערגלויבנס. דאָס גיט אונדז צו נאָך מער זיכערקייט, אַז ער האָט זיין נאָטירונג אָנגעשריבן ערשט נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג. איז עס דערפאַר אַ זיכערע זאַך, אַז ביידע קהי־לות האָבן יענעם באמת דערקענט אַלס זייער יליד העיר, וואָס האָט זיך דאָרט פאַרקנסט מיט זייערס אַ בת עיר און מיט איר געלעבט אַ צייט ביז צום פאַרלאָזן זי. דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז פאַר דער לעגענדע? איז זי נישט אַמאָל באַזירט אויף יענעם אַלטן פ אַ ק ט פון אַכצנטן יאָרהונדערט?

דער „נודע ביהודה״ האָט קיין שום אויסוועג נישט געפונען פאַר ביידע פרויען. ער האָט אַרויסגעטראָגן זיין פסק דין אַז ב י י ד ע טאָרן קיינמאָל מער נישט חתונה האָבן. צוויי אומגליקלעכע פרויען זענען פאַרמשפט גע־וואָרן צו אייביקער איינזאַמקייט צוליבן ווירוואַר אין איין מאַנס נשמה. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין זוכענישן, פלפולים און דעם גאונס ווילן זיי צו העלפן.

מיר ווייסן אָבער דערפון ווייטער נישט: וואָס האָט ער אַליין גע־

טראַכט? ווער איז ער געווען באמת? פאַרוואָס האָט ער אַרויסגערופן אַזאַ מין צעדרייעניש? צי האָט ער דען נאָר צוליב געלט געוואָלט אומגליקלעך מאַכן אויף אייביק צוויי פרויען, וועלכע זענען אים אפשר ביידע געווען אַמאָל גאָר־נאָענט? און אויב ער האָט זיך יאָ אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע בייזווי־ליקע כוונות, ווי אַזוי האָבן אָבער גאַנצע צוויי שטעט מיט ייִדן געקענט פאַרבלענדט ווערן? צי איז ער טאַקע נאָר באַוויזן געוואָרן צו האַנדלען און אָפּטאָן מעשים תעתועים אין רעזולטאַט פון איבערמענטשלעכע כוחות, וואָס האָבן איבער אים געוועלטיקט? האָט זיך טאַקע אין אים אַנטפּלעקט אַזאַ פּאַטום, וואָס האָט דיריגירט מיט אַלע לעבנס וועלכע זענען מיט אים געקומען אין באַריר, פּונקט ווי מיט זײַן אייגן, חרוב־צעבראָכן לעבן?

— 9 —

צי איז ער געווען אַ משוגענער, אַ שד, אַ צדיק אָדער אַ מענטש מיט אַלע מענטשן? דער „נודע ביהודה״ האָט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן עס לדו־רות נישט וויסן. ער האָט בלויז רעגיסטרירט דעם פאַל און דערפון אויס־געמאָסטן דעם פּסק הלכה. נישט בלויז דער גורל פון די צוויי פרויען איז דערמיט באַזיגלט געוואָרן, נאָר אויך פון די אַלע, וואָס וועלן שפּעטער זײַן ענלעך צו זייערן. ער איז געווען דער אויטאָריטעט אין הלכה און דער־פאַר האָבן געמוזט טיילן דעם זעלבן גורל אויך חיים משהס צוויי פרויען; פּונקט ווי די צוויי פרויען, צביה און סערעלע פון יאַשע־נחומטשען — ווען זיי זאָלן ווירקלעך זײַן פון פליייש און בלוט.

צי קענען מיר אויפן יסוד פון דעם בויען אַ רעאַלן ראָמאַן און געבן די אַלע העלדן, מיט דער צענטראַלער פיגור בראש, מענטשלעכע רייד אין מויל? זיכער האָט דער קינסטלער זײַן רעכט צו טאָן מיט זײַן שאַפונג דאָס וואָס זײַן אינטויציע דיקטירט אים. דאָס וואָלט אָבער נישט געקענט זײַן קיין ה י ס ט אָ ר י ש ע ר ראָמאַן, אויב אין יענער תקופה האָט מען דאָס אַלץ אויפגענומען ווי אַ דערשײַנונג וואָס האָט מער צו טאָן מיטן הימל ווי מיט דער ערד. ווי ווײַט מיר שטעלן זיך פאָר — און אַזוי האָט די דאָזיקע פאַרשטעלונג טאַקע דאָמינירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור בײַם געשטאַלטיקן דעם „דיבוק״ אין פאַרשידענע וואַריאַציעס — מוז אַזאַ ראָמאַן האָבן צו טאָן מיט פאַרפירטע גײַסטער, דיבוקים און גלויבנס אין בייזע

כוחות. וועלנדיק געבן די לײַוונט פון יענער צײַט, וואָלטן מיר אַפּילו נאָך ר׳ יחזקאל לאַנדויס פּסק־הלכה געמוזט אויסמישן אַ געוויסע שרעק פון פאַרהוילנקייט צווישן די שורות... וויפל מיר האָבן נישט געזוכט, צווישן די־וואָס דערמאָנען דעם פאַל אין קורצן, האָבן מיר געמוזט אַוועקטראָגן דעם געדאַנק צו די וואָרצלען פון נשמות וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן צום טײַוול און קיין לאָגיש־פּסיכאָלאָגישע פאָן פון יענער דראַמע האָט צו אונדז נישט אַרויסגעשײַנט.

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז די נויגונג צו פּ אַ ר מ ע נ ט ש ־ ל ע כ ן די דאָזיקע טעמע זאָל אָנטרעפן אויף אַ געזונטן אָנלען ד ו ק אַ אין די ספרים פון יענער תקופה. די דאָקומענטן אַרום דעם „ערשטן יאָשע קאַלב״, וואָס זענען געוואָרן אויפגעהיטן פון גאונישע הענט, האָבן בלויז באַשטעטיקט, אַז דאָ איז מעגלעך צו שילדערן אַזאַ מין דערשײַנונג — און דערבײַ זאָל מען נישט דאַרפן מעדיטירן מיט מיסטיש־נעפּלדיקע רייצן. זייער צוגאַנג פון ריין־פאַרשטענדלעכן שטאַנדפּונקט באַווײַזט, אַז נישט שטענדיק האָט זיך דער רעאַליזם פון אַ פאַרגאַנגען־ייִדישער תקופה געפּאָרט מיט שופר־בלאָזן, חרמות און טליתים־פּחד. זענען זיי געוואָרן מײַנע וועג־ווײַזער בײַם געשטאַלטיקן אָט־דעם אָפּשניט פון יענעם פאַרצײַטישן לעבן אויף ריין־פּסיכאָלאָגישע יסודות.

— 10 —

איך האָב עס אָנגעמערקט צוליב דעם מעגלעכן פאָרוואורף, אַז דאָס אַכצנטע יאָרהונדערט אינעם ייִדישן פּוילן דאַרף אין אַ ליטעראַריש ווערק זײַן אָנגעלאָדן מיט מיסטישע וואָלקנס. איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז איינער פון די גרעסטע גאונים — און אַ בן־דור פונעם „נודע ביהודה״ — ר׳ מאיר פּ ו י ז נ ע ר, האָט געהאַט די געניאַלע אינטויציע צו באַ־האַנדלען דעם דאָזיקן פּראָבלעם נישט בלויז פון דער הלכהשער זײַט. דער דאָזיקער באַרימטער רב האָט געהאַלטן — און ער זאָגט עס אָפן אין דער קליינער הקדמה צו זײַן דאָקומענטן־זאַמלונג — אַז אַזאַ וווּנדערלעכער פאַל מוז אויפגעהיטן ווערן מיט אַלע פּרטים פאַר די ווײַטערדיקע דורות. ער האָט דערפאַר זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיטן קאָנדענסירן די גאַנצע פאַסירונג אין עטלעכע שורות, נאָר ער האָט אויפגעזאַמלט אַלע מעגלעכע

גביית־עדותן, זכרונות און שטריכן — וואָס נאָר אַ קינסטלער קען פאַר זיי האָבן אינטערעס. טאַקע אַ דאַנק זײַן ספר („בית מאיר" אויפן חלק אבן העזר) האָבן מיר געהאַט גאָר ברייטע מעגלעכקייטן אַרײַנצוקוקן טיפער אינעם האַרץ פון „יאָשע קאַלב דעם ערשטן" — און דורך אים, אין אַלע וואָס זענען אים נאָכגעקומען. הגם מיר האָבן זיך געמאַכט אַ פאַרשטעלונג פון דעם הויפּט־העלד לויט דער אייגענער וויזיע, האָט ער זי אָבער דער־גענצט מיטן פיקסירן אַ גרויסן שלל שילדערונגען, סצענעס, אָפּגעהאַקטע שמועסן פון אים אַליין — און אַ סך פון דעם הינטערגרונט אַרום יענער פּאַסירעניש. אַפילו פון זײַנע הלכהשע אויספירן האָבן מיר געקענט אַ סך שעפּן, בײַם וועלן פאַרשטיין וואָס דער געהיימער מענטש האָט אָפּגעטאָן — און פאַרוואָס ער האָט אויך אַנדערע אַרײַנגעצויגן אין דער געדיכטעניש פון זײַן טראַגעדיע.

די דאָזיקע דאָקומענטן זענען אָפּטמאָל לײַכט סותר די נאַטירונג פון ר׳ יחזקאל לאַנדוי און אַנדערע; אָבער נאָך מער דערגענצן זיי זײַנע קורצע שטריכן. מיר האָבן פאַר זיך דעם מענטשלעכן גורל מיט אַלע זײַנע אַספּעקטן. ר׳ מאיר פויזנער איז פּאַקטיש געקומען צום זעלבן אויספיר וואָס דער פּראַגער רב; ער האָט עס אָבער נישט געטאָן דורך קיין אומלאָגישע ווער־סיעס און איבערנאַטירלעכע וויזיעס, מיט וועלכע אַפילו אַ מאָדערנער שרײַ־בער וואָלט באַצירט זײַן געשיכטע. עס וואַקסט פאַר אונדז בלויז אַרויס אַ מ ע נ ט ש מיט זײַן גאַנצער, נאַקעטער טראַגיק. איז גוט אים צו האָבן בײַ דער זײַט, בעתן אַרויספירן אַזאַ מין פּאַסירעניש אויף אַ ז אַ מין רעאַליסטישן אופן — און דאָך האָבן די זיכערקייט, אַז דאָ אָטעמט מיט ג ע ש י כ ט ע.

פּ אַ ר י ז, יאַנואַר 1952 —

ניו־יאָרק, אויגוסט 1953.

ערשטע טייל:

אין בעטלער־קליידער

קאַפּיטל איינס

— 1 —

דער שווערער ווינטער האָט ראַפּטום נאָכגעלאָזט. אַזויווי איבער נאַכט איז דאָס אײַז צעגאַנגען און אַ לינד ווינטל האָט געטריבן די קליינע וואַסער־ריטשקעלעך צום טײַכל אַנטקעגן. איבערן שלעזישן שטעטל ל י ס ע איז אַרומגעלאָפן אַ מילדע בשורה פון נאָענטן זומער. דער צעשמייכלטער דרויסן האָט זיך געלאָזט פון טיר צו טיר און אָנגעזאָגט, אַז קינדער מעגן שוין הײַנט אַרויסגיין אין דעם באַרג שאַלעכלעך אויף די העלדזער און אַז זיי וועלן זיך מער נישט אָפּפרירן די נעז. מחנות חדר־יִנגלעך און מיידלעך מיט צעפּעלעך האָבן טאַקע אָנגעפּולט די ייִדישע געסלעך און מיט אויסגעצויגענע הענטלעך זיך געלאָזט אַרומנעמען פון די קעלטלעכע זון־שטראַלן.

זיי האָבן געמעגט פריילעך זײַן, די קינדער. אַחוץ דעם וואָס זיי זענען הײַנט נישט געגאַנגען אין חדר אַרײַן, האָבן זיך אויך די גרויסע און באַ־יאָרטע ייִדן געמאַכט לוסטיק און משוגעוואַטע. ס'איז געווען אַ פּורים־טאָג פון יאָר 1764. די בייזע און טרויעריקע ייִדן אַפילו, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטעטל, איז אויך נישט מעגלעך געווען צו דערקענען. עס האָט אויסגעזען, אַז אויך זיי האָבן זיך אויף איין טאָג אַריבערגעטראָגן צו זייערע שטי־פּערישע קינדער־יאָרן. ר' ישעיה פרוש האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן מאַרק מיט אַן איבערגעדרייט היטל און אַפילו דער אב בית דין און גאון ר' פײַוויש האָט געשמייכלט אין דער באָרד אַרײַן אַזוי פריש און פריילעך, גלײַך ווי ערשט הײַנט וואָלט די ישועה געקומען אויף ייִדן. ער האָט נאָכגעקוקט די פאַרעלטערטע ייִדן, וואָס מאַכן קאַטאָוועסן אין מיטן גאַס, מיט גוטע און קינדערישע אויגן. דאָס אַליין האָט שוין אָנגעזאָגט, אַז דאָס פּולע מויל גע־לעכטער איז הײַנט אַ כשרער ענין. מען וואָלט געמעגט שווערן, אַז ר' פײַוויש

אַליין וואָלט איצט געמאַכט די זעלבע קונצן, ווען ער זאָל נישט שפירן די אחריות פון כבוד התורה אויף דער וואָגשאָל.

דאַרפן די קינדער אַוודאי פריילעך זײַן און נאָכלויפן די פאַרשטעלטע פורים־שפּילער מיט באַנומענע קולות. די מײַלער זענען בײַ זיי געווען גע־פּאַקט מיט זיסקייטן און די ליפּן זענען אויסגעשמירט געוואָרן מיט פלוימען־פּאָווידלע, וואָס זיי האָבן אַרויסגענאַשט פון די ווייכע געבעקסן, אָנגעגרייטע אויף די טעלערס פאַר משלוח־מנות. איז צו זייער גליק נישט געווען קיין ברעג. ווער זאָל זיך עס דען ריכטן, אַז אויך די דערוואַקסענע זענען אַזעלכע צעהוליעטע פאַרשוינען?

זיי האָבן אַפילו נישט געוווסט ווו פריִער אָנצוהענגען די אויגן. עס איז נאָך געווען גאָר פרי און איבער די געסלעך האָבן שוין פאַרבײַגעצויגן המנס און אחשוורושס, מרדכיס און אסתר המלכהס, זרשס און ושתיס, דלפונס און ויזתאס... יעדער מינוט איז אָבער אַ שאָד. ס'איז נאָר איין טאָג אַזעלכער פאַראַן אויף דער וועלט! זענען די קינדערישע פיסלעך אַזש מיד געוואָרן פון נאָכלויפן די אַלע מינים מגילה־פאַרשוינען, וואָס האָבן אַראָפּ־געניִדערט פון דעם פּאַרמעט אויף די ליסער גאַסן. די גרעסטע צאָל יונגוואַרג האָט אָבער געצויגן מיט זיך ר׳ בייניש, דער שומר פון דער קהלישער תפיסה און דער בדחן פון ק״ק ליסעס שמחות. אַליין איז ער שטענדיק געווען אַ בייזער, אַ קנאָכיקער און אָנגעדראָלעטער, וואָס מ'קען פון אים אַ גאַנץ יאָר קיין מילד וואָרט נישט הערן.

אַפילו אויף די חתונהס האָט ער געצאַפּט בײַ די כלות און בײַ די אויסגעפּוצטע ווײַבער גאַנצע באַכן טרערן, מיט בייזער נישט־פאַרגינעריש־קייט פאַרוואָס זיי קושן זיך און זענען לוסטיק. אין סאַמע מיטן פון זייער צעהוליעטקייט האָט ער געוומען זינגען טרויעריקע זאַכן וועגן גיהנום און מלאכי־ חבלהדיקע שמיץ פאַר דער מינדסטער עבירת־נשים; ביז אַלע ווײַבער זענען זיך פאַרגאַנגען אין פּחדימדיקע געוויינען... נאָר פורים איז פאַרט אַנדערש. דעמאָלט האָט קיינער נישט געוווסט, ווער עס היט דאָרט די קהלי־שע אפירים. מען האָט גאָרנישט דערקענט, אַז דאָס איז דער כעסנדיקער שומר פון היגן קהל. ער איז געווען אַ בריה אויסצוקלערן אויף פורים די משונהדיקסטע זאַכן, בייניש עקיבאס, וואָס דאַרפן לוסטיק מאַכן דאָס שטעטל און קיינער האָט זיך צו אים נישט געקענט גלײַכן. נישט אומזיסט

האָבן אים אַלע פּורים־שפּילער אַזוי מקנא געווען; און דאָס קליינוואַרג האָט שוין דווקא געוווסט וואָס עס וויל, בעת עס האָט איבערגעלאָזט ויזתאן מיט דער גרויסער נאָז און געלאָפן אַרומזוכן ביינישן.

אויך צום הײַנטיקן יאָר האָט ביניש וועכטער צוגעקלערט עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס. זײַן יינגסטער בחורעץ האָט נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק דערציילט די חברים אין חדר, אַז זײַן טאַטע וועט דאָס יאָר אַרומרײַטן מיט אַ פערד איבער די גאַסן און נישט אַדורכלאָזן קיין איין נגידישע שוועל. דאָס פערד האָט ער אַליין צוזאַמענגעקלאַפּט פון שטיקער האָלץ, וואָס ער האָט עטלעכע וואָכן געהאַלטן אין איין אויסשניצן מיטן גרויסן קיך־מעסער. דערצו האָט ער צוגעפּאַסט גרויסע רעדלעך צו די פיר פיס — און מען דאַרף נאָר איין שטופּ טאָן באַרג־אַראָפּ, בכדי דאָס פערד זאָל נעמען לויפן ווי אַ לעבעדיקס. צו דעם האָט ער נאָך אויסגעקלערט אַזויפיל נײַע גראַמען, וועלכע ער וועט אַראָפּזינגען פון פערדס רוקן אַראָפּ; אַז אַזוינס האָט נאָך ליסער קהל נישט געהערט זינט זיי לעבן. האָט ער זיך אַקאָרשט באַוויזן אויף אַ מינוט מיטן פערד, בכדי צו מאַכן אַפּעטיט בײַם עולם — און באַלד האָט ער אויסגעדרייט צוריק אַהיים... איז אַ שאָד יעדער רגע!

נישט ווײַט פון קהלס שטוב איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. דאָס האָבן זיך מדינה־גייער פון דער גאַנצער סביבה צונויפגעזאַמלט קיין ליסע אויף פּורים. אין די גרויסע פרעסט, וואָס האָבן אויסגעלאָזט זייער לעצטן און בייזן צאָרן אויף אָפּגעריסענע קבצנימס קעפּ, זענען זיי געלעגן אײַנגעקנוידערט אין די הקדשים. האָבן זיך די פאַרדאַרטע ברויטן און אָפּגעריבענע פּרוטות אין זייערע טאָרבעס לגמרי אויסגעלאָזט. איז טאַקע גוט געווען וואָס דאָס וועטער איז לינדער געוואָרן דווקא פּורים־צײַט. ווער פון זיי עס האָט נאָר כח געהאַט, האָט געשפּרײַזט קיין ליסע, ווו עס געפינען זיך בלי עין הרע אַזויפיל אלופים און נגידים. וואָס קען מען שוין דערלעבן אין די פּיצינקע ישובים? פאַר יענע וועט אַ טאָג נאָך שושן־פּורים אויך געגוג זײַן! זיי האָבן געוווסט, אַז הײַנט זענען דאָ אַלע טירן אָפן און אַז אין יעדער שטוב שטייען אַוועקגעשטעלט פולע טעלערס מטבעות, וועלכע מען דערלאַנגט יעדן־איינעם, וואָס שטרעקט נאָר אויס די האַנט. ליסע האָט ברוך השם עטלעכע טויזנט ייִדישע

נפשות און ווער עס גייט נאָר אַליין נישט, רחמנא לצלן, איבער די הײַזער — טיילט הײַנט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, נישט פרעגנדיק וואָס און ווען.

זענען זיי געשטאַנען נעבן קהלס הויז און אײַנגעזאַפּט אין זיך היימישע נײַעס, בכדי צו דערהערן בײַ וועמען עס דרייט זיך נאָך דאָס רעדעלע און ווער עס איז לאָ־עלינו אַרונטער פון פערד. דאָס האָבן זיי געמוזט וויסן, צו וועמען זיי זאָלן זיך אַ לאָז טאָן צום סאַמע־ערשט. אַהער זענען געקומען די חשובסטע בעלי־בתים פון שטאָט; ווײַל דאָס איז קיימא לן אַז קיינער קען נישט ברענגען מיט זיך אַזויפיל נײַעס ווי די ארחי־ופרחי. זיי שפּרײַזן אויס די מדינה לארכה ולרחבה — און אומעטום דערשנאַפּן זיי אַלצדינג מיט זייערע בייזע נעז... האָבן זיך שלום עליכמס געשטרעקט פון אַלע זײַטן און קיינער האָט גאָרנישט געקענט זאָט ווערן פון צו שמועסן מיט די אָפּגעריסענע און אָפּגעשלי־סענע לײַט. נאָר גראָד זיי האָבן זיך פלוצים דערמאָנט אין זייער ווערט און געהאַלטן זיך אין גרויסן. די צײַט שטייט נישט און ליסע איז גענוג גרויס פאַר הײַזער־גייער. טאָר מען נישט מאַכן קיין צו לאַנגע מחזקות מיט די נייגעריקע יונגעלײַט! האָבן זיי גענומען אָפּפטרן וואָס שנעלער די מחנה אויספרעגער מיט קורצע דיבורים און אַוועקגעלאָזט זיך מיט די אויסגעקרומטע געסלעך צו די נדיבותדיקע הײַזער. עס קען גאָר אָפּגליקן — און די בעסטע בעל הביתטע זאָל עמעצן באַשטעלן צו דער בײַנאַכ־טיקער סעודה, וואָס זשע איז דאָ פאַראַן צו באַלעמוטשען? אַזאַ שטאָט קיין עין הרע אָרורכצוגיין מבית לבית!

האָבן זיי נאָר צוגעזאָגט יעדן איינעם באַזונדער אַז עוד היום גדול, די וואָך איז נאָך גרויס. אם ירצה השם ביז שבת וועלן זיי נאָך אויסדער־ציילן אַלע נײַעסן. איצט זעט מען דאָך, אַז זיי זענען געקומען פון אַ ווײַטן וועג און דערצו דאַרף מען אָפּפרישן דעם זכרון מיט אַ רויִק געמיט.

זייער עזות איז עפּעס גאָרנישט צוגעפּאַסט געווען צו זייער אביונ־דיקן מצב; בפרט נאָך ווען זיי זענען דאָ געשטאַנען מיט די זעלבע, וואָס וועלן שפּעטער דאַרפן דערלאַנגען די נדבה. דאָס האָבן זיי געוווּסט, אַז גאַנץ ליסע איז הײַנט אויסגעשטעלט אויף זייער חסד. דער גאַנצער פּורים וואָלט נישט געהאַט קיין טעם און קיין ריח, ווען זיי זאָלן נישט

געווען קומען און העלפן אויסליידיקן די באַמאָלטע טעלערס מיטן קופּ־קעלע מטבעות, וואָס פּאַסן זיך נאָר פאַר אביונים. האָבן זיי דעם גאַנצן דרך ארץ פאַרלוירן, די חברה! סאיז זייער צײַט — און טוט זיי עפּעס...

קיינער פון די בעלי בתים, ווי נײַגעריק ער זאָל נישט געווען זײַן, האָט נישט געוואָלט צופיל אײַנרײַסן מיט די אורחים. איינמאָל, זענען זיי נעבעך געוואָרן: וויפל מאָל אין יאָר האָבן זיי עס פּורים ? און שנית, איז אויך מיט זיי גלײַכער צו לעבן בשלום. אַזעלכע טראָגן אַרום אין די מײַלער אַלע ידיעות פון יעדן איינעם. נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, דאַרף מען זײַן געוואָרנט: איינער האָט אַ בתולה אויף דער צײַט און אַ צווייטער ריכט זיך אויף אַ שידוך מיט אַ גביר פון דער שכנותדיקער שטאָט. איז נאָר געווען, אַז אַזאַ מדינה־גייער זאָל ערגעץ פאַרוואַרפן אַ שלעכט וואָרט — און דערנאָך זאָל עס ווערן אַ קלא דלא פּסיק, וואָס מ׳קען מיט קיין צען וואַסערן נישט אָפּוואַשן. מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן... און פּרנסה איז אויך נישט קיין קלייניקייט. זיי לויפן דען פון נחת האָט מען זיי געלאָזט אַוועקציען אין אַלע זײַטן און נישט איינער האָט זיי נאָכבאַגלייט מיט אַ רחמנותדיק זיפצעלע.

בלויז איין אויסגעצויגענער קבצן מיט אַ געדיכטער, ווייכער באָרד איז עפּעס שטיין געבליבן, אַזוי ווי נישט אים מיינט מען. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס איז ער זיך נאָך מיישב, אויב ער זאָל אָנטאָן דער שטאָט ליסע אַזאַ גרויסן כבוד און גיין שנאָרן בײַ איר, אָדער נישט. ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף די שטעטלדיקע הײַזער, אויף די פּיל־דערנדיקע קינדער, אויף די בעלי הבתישע יינגעלייטלעך, אויף די ווענט און אויף קיינעם נישט. סאיז נישט געווען צו מערקן אויף אים יענע פּורימדיקע איילעניש, וואָס אויף די אַנדערע וועלכע זענען צוזאַמען מיט אים אָנגעקומען. אָט האָט ער זיך נאָר איבערגערעכנט און אָנגעהויבן פּאַמעלעכקע צו דרייען אַ ציגאַר טיטון. ער האָט דערנאָך געבלאָזן גע־דיכטע קנוילן רויך און זײַנע אויגן האָבן זיך דערבײַ פאַרצויגן מיט אַ שפּאָטיש און פאַרבענקט גלענצל.

מען וואָלט אים זיכער נישט געלאָזט שטיין אַזוי און גאַפן, אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. עס האָבן זיך שוין אַפילו צו אים אַ לאָז געטאָן עטלעכע פאַרשוינען, בכדי אַ טאָפּ צו טאָן בײַ אים דעם דפק, וואָס

אַזעלכעס אַזאַ ווײַטן אורח קען ווײ טאָן. נאָר פּלוצים האָבן זיך גענומען טראָגן שטאַרקע געלעכטערן פון גאַר־נאָענט און אַלע האָבן זיך אַריבער־געוואָרפן צו יענער זײַט. מיטאַמאָל האָבן אַלע פאַרגעסן אין דעם משונה־דיקן אורח. ס׳איז געווען אַ סיבה דערצו. פון יענעם שפּיץ געסל האָט זיך באַוויזן דער ברייטביינערדיקער ר׳ ביינישׁ. זײַן באָרד איז געווען צעפּעכערט, די אויגן איבערגעדרייט און זײַן ווינטער־פּעלץ האָט זיך קוים געהאַלטן אויף אים פון דער פאַרקערטער זײַט. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן זײַן ווײַבס צוגעברענטע קאַטשערע, מיט וועלכער ער האָט געהאַלטן אין איין אונטערטרײַבן זײַן גרויס, הילצערן פערד אויף רעד־לעך. דערבײַ האָט ער זיך אויסגעטענהט סײַ מיטן פערד, וואָס איז אַ גלגול פון בלעמס אייזל און סײַ מיט דער קאַטשערע, וואָס האָט נישט איינמאָל איבערגעקערט די שבתדיקע חלות אין אַש אַרײַן... זאָל מען נישט לאַכן?

ביינישס העוויות און תנועות האָבן אַלעמען פאַרכאַפּט און אויך ער אַליין האָט דערפון נישט ווייניק הנאה געהאַט. זײַן רײַטן אויפן הילצערנעם פּורים־סוס האָט אַפילו דעם צוריקגעשטאַנענעם בעטלער אויך אַרויסגעריסן פון זײַן רויכערדיקן גליווער. ער האָט טאַקע דערפון זיך נישט צעלאַכט און מען האָט אַפילו קיין שאָטן פון אַ שמייכל אויף זײַן פּנים נישט אָנגעזען; פון דעסטוועגן האָט ער ברייט אויפגעריסן די אויגן און זיך מיט זיי אײַנגעגראָבן אין ביינישעס לצניש־געקאַרבט, אויסגעקרומט פּנים. באַלד האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, צוגע־גאַנגען נענטער צום פּורימדיקן שטעטל־לץ מיט אַזעלכע שטאָלצע טריט, אַז אַלע האָבן אים אָפּגעטרעטן דעם וועג. ביניש אַליין האָט פון גרויס אומגעריכטער צערודערונג אָפּגעלייגט אין אַ זײַט דעם טרומייטער פון זײַן צווייטער האַנט, מיט וועלכער ער האָט פאַרטויבט דאָס געסל. אַלע האָבן געוואַרט דערויף וואָס דער פרעמדער וועט דאָ זאָגן. יענער האָט זיך אָבער נישט געמאַכט דערפון. ער האָט בלויז שווײַגנדיק באַטאַפּט מיט ביינערדיקע פינגער ביינישעס אויסגעמײַסטערטן סוס און דערנאָך האָט ער אַ שאַרפן קוק געגעבן ביינישן אין די אויגן אַרײַן. קיינער האָט אים נישט דערקענט. נאָר אַז ער האָט אַרויסגעברענגט די ערשטע פּאָר ווערטער האָט מען באַלד געזען, אַז ער איז דאָ אין ליסע נישט צום

ערשטן מאָל. אויך בייניש האָט אַמאָל געמוזט מיט אים זײַן גאָר היי־מיש, ווײַל זײַנע ליפּן האָבן זיך בייזלעך און חוזקדיק אויסגעקרומט: — דער זעלבער בייניש...

צוליב יענעמס היימישער ווענדונג האָט ער אויפגעהערט צו זײַן אַ סוד. מסתמא איז עס איינער פון די ליסער קבצנים אָדער כלי־זמר, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער וועלט מיט יאָרן צוריק און איצט איז ער צוריקגעקומען. דערפאַר מסתמא גאַפט ער אַזוי איבער די גאַסן און קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. עס דערמאָנט אים די אַמאָליקע יינגל יאָרן און מחמת דעם האָט ער זיך צוגעריסן צו ביינישן, געוואָלט נאָכאַמאָל אַ טאַפּ טאָן דאָס פערד; אַזוי ווי דאָס וואָלט געטאָן אַ קליין, פריילעך יינגל פון אַמאָליקן ליסע... אַזעלכער קען דאָ אַמאָל נאָך עמעצן דערקענען, אויסגעפינען אַ ווײַטע קרובהשאַפט און זיך צו־טשעפּען אויף ווער־ווייסט ווי לאַנג... האָט שוין בייניש מער נישט געהאַט קיין צײַט. אַפילו ווען דאָס פּנים פון יענעם האָט שוין אָנגע־הויבן אויסצוקוקן קענטלעך — האָט ער איצט נישט געטאָרט פאַרפלעכטן קיין לאַנגן שמועס. פון דעם וועט קיין פּרנסה נישט זײַן און עס גייט צו פּסח. דערפאַר האָט ער בלויז אַ שמיץ געטאָן זײַן געמאַכט פערד און נישט געענטפערט דעם פרעמדן קיין וואָרט. דער עולם האָט זיך מיטגע־ריסן צו באַגלייטן ביינישן — און דער פרעמדער איז געבליבן הינטער־שטעליק, נישט וויסנדיק וווהין פריער צו גיין. קיינער האָט אַפילו נישט געזען, וווהין ער איז ראַפּטום נעלם געוואָרן. פאַראַן געגנוג וואָס צו טאָן און וואָס צו זען בק״ק ליסע אין אַזאַ גאַלדענעם פּורים־טאָג! קען דער פאַרתּמטער אָרעמאַן האָבן צײַט צו וואַרטן, ביז עס וועט נישט זײַן קיין בילכערעס מיט וואָס זיך אָפּצוגעבן... סײַ ווי זעט עס אויס צו זײַן אַ שווערע צונג, פון וועלכער מ׳וועט קיין סך נישט אַרויסקריגן.

— 2 —

יעדעס מאָל ווען עס איז געקומען אַ יום טוב איז די רײַכע, יינגע עגונה מרים בת ר׳ לייב געוואָרן אומרויִקער ווי אין געוויינטלעכע טעג. זי איז ערשט אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר. אָבער זי האָט אָנגע־

פינצטערט שוין אַ שיין ביסל יאָרן איינע־אַליין. זי איז אַמאָל געווען זייער אַ שטאָלצע, אַ שטיק גרויסהאַלטערין — דערפאַר האָט נישט איי־נער געהאַט אין איר אַ שטילע נקמה. זי האָט עס אויך געוווסט און נישט־זעלטן אַרויסגעלייענט די אַלטע חשבונות פון אַ סך אויגן. איז זי נישט געגאַנגען צו קיינעם אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ. אפילו דער אייגענער פאָטער אירער האָט צו איר געהאַט טענות אויף טענות. אפשר איז אויך ער געווען גערעכט. ס׳איז פון דעם ייִדן געוואָרן אַ תל עולם און ער איז איבער דער צײַט עלטער געוואָרן אויף צוואַנציק יאָר. אַליין איז ער געווען עלנט ווי אַ שטיין און זײַן גאַנצער נחת איז געווען די בת־יחידה. ער האָט אַמאָל געהאָפט זי חתונה צו מאַכן בכבוד, זי זאָל פירן אַ שטוב מיט אַלע ייִדישע שטובן צוגלײַך און ער זאָל דער־נאָך האָבן אַן אָנשפּאַר אויף די עלטערע יאָרן. האָט ער זי טאַקע אויס־געגעבן פאַר אַ בן טובים, געגעבן אַ ביסל נדן און געטראַכט, אַז אים אַליין וועט אויך ליכטיקער ווערן דערפון. האָט ער שוין איינמאָל דער־לעבט נחת פון איר!

דער מאַן, אַ בושת־פּנימדיק ייִנגל, ביי וועמען די באָרד האָט נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן צו וואַקסן, איז אין אַ שטילן פאַרטאָג נעלם געוואָרן. אויסער די תפילין האָט ער גאָרנישט גענומען מיט זיך. אפילו זײַנע אייגענע מלבושים און חפצים האָט ער איבערגעלאָזט. זי האָט שוין דווקא געהאַט אין שטוב אוצרות מיט זאַכן; ער האָט אָבער קיין פּאָדעם נישט גערירט און דאָס אַליין באַווײַזט שוין, אַז ער איז קיין הולטאַי נישט געווען. ער, דער פאָטער אירער, וואָלט זי צו קיין רשע ומרושע זיכער נישט געווען איבערגעגעבן אין די הענט אַרײַן. ער האָט פריִער גוט חוקר ודורש געווען מיט וועמען ער איז זיך משדך... אלא מאי? זי אַליין האָט דערפירט צו דעם. די גאַנצע שטאָט האָט גע־ווּסט און עס איז געווען אַ קול אין דער גאַנצער סביבה, אַז זײַן מרימל מאַכט פון איר ייִנגן מאַן חוכא ואטלולא. זי האָלט אים אין איין פּײַ־ניקן און לאָזט אים נישט קיין רויִקע מינוט... ער, ר׳ לייב האָט אפילו רעכט נישט געהאַט קיין צײַט וועגן זיך אַרײַנצומישן, ביז דער ייִנגער־מאַן איז אָפּגעטראָטן פון שטוב אָן שום רעש און אָן געשרייען...

עפּעס איז יענער אַזוי שטיל געווען, שוין צו שטיל. דאָס אַליין האָט

זיך שטאַרק נישט געפּאָרט צו דער שטיפּערישער מרים, אָבער עס איז אַזוי באַשערט געווען. איז אויך זײַן נעלם ווערן פֿאָרגעקומען בין יום ולילה און קיין האָן האָט נישט אַ קריי געטאָן. די ערשטע פּאָר טעג איז זי אַפילו זייער צופרידן געווען, די יִנגע ציג און זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. ווען דער פֿאָטער האָט נאָר געפּרוווט עפּעס אַ פרעג טאָן וועגן דעם, האָט זי געמאַכט פון אים דאָס גרעסטע געלעכטער:

— ווהין וועט ער דען לויפן? אַז יענער קען אָן מיר נישט לעבן קיין מינוט! ער וועט זיך אַרומשלעפּן אַ פּאָר טעג און דערנאָך וועט ער צוריקקומען... אָבער איך וועל סײַ־ווי מיט אים נישט לעבן. אַ גט זאָל ער געבן און פּאַרטיק!

אָבער דער בחור האָט, זעט אויס, נישט געקלערט פון צוריקקומען. ר׳ לייב האָט שוין אויסגעשמועסט מיט אַלע ערלים פון דער געגנט. ווען עס מאַכט זיך נאָר אַן עגונה, לויפט מען דאָס ערשטע צו זיי זיך נאָכפרעגן, אויב זיי האָבן נישט געזען אַ טויטן אין וואַלד, אָדער אַרומשווימען איבערן וואַסער. מען זאָגט זיי אפילו צו אַ פּאָר גילדוין, אַז זיי זאָלן זיך פלײַסן און קומען אָנזאָגן. קיינער פון זיי האָט אָבער נישט געזען און נישט געהערט. אויך די נע־ונדע שלעפּער, אַלטע און אויסגעפּרוווטע מדינה־גייער, האָבן אַזעלכן נישט אָנגעטראָפן. עס האָט נישט געהאָלפן אויך דאָס, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט אַ מטבע פאַרן ברענגען אַ ידיעה. זיי האָבן נישט געזען און שוין. איז דער ענין ערנסטער געוואָרן. מרים אַליין האָט שוין אָנגעהויבן ספקן, אויב דאָ וועט זיך אַלץ ענדיקן מיט אַ גט, אַזויווי זי האָט עס אויסגעפּלאַנט. דעמאָלט ערשט האָט זי גענומען לויפן צום פֿאָטער אויסהערן, וואָס ער וועט זאָגן. אָבער ר׳ לייב האָט שוין געהאַט אויסגעפּרוווט אַלע מיטלען און עס איז געווען אומזיסט. דער רב האָט שוין אפילו געהאַט צעשיקט בריוו אין אַ סך יִדישע קהילות און קיין גוטן ענטפער נישט געקריגן. האָט דעם טאַטנס שווערע האַרץ אים אָנגעדרייצט אויף איר און ער האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס ווילסטו דען פון מיר? איך האָב דיר אויסגעזוכט אַ מאַן, דיר חתונה געמאַכט. אָבער אַז דו אַליין האָסט אים פאַרטריבן — טאָ ווער איז דיר שולדיק?

זי האָט געהאַט אַ סך צו ענטפערן דעם פֿאָטער, נאָר עס האָבן

איר פאַרפעלט רייד. זי האָט געזען זײַן פאַרשעמט, געעלטערט פּנים און פאַרשטאַנען אַז עס איז גלײַכער אים צו פאַרשווײַגן. זי איז שולדיק, דערפאַר וואָס זי האָט פון דער ערשטער מינוט אָן נישט געליטן דעם מאַנס נאָענטקייט. האָט זי נישט געוואָלט, אַז ער זאָל אַזויפיל קלעפּן אין איר — און זי האָט אים אָפּגעטריבן. עס איז איר גאָרנישט אײַנגעפאַלן, אַז זי דאַרף וועלן דאָס וואָס זי וויל נישט. דערנאָך האָט זי געגלויבט, אַז דאָס וועט אים שנעל נמאס ווערן און ער וועט זי אָפּגטן. ער וועט נישט אויסהאַלטן אַזאַ צעבראָכן לעבן. וויפל איז ער דען סך הכל אַלט געווען?

זי האָט אויך געמיינט, אַז ער וועט לאַנג נישט קענען אויסהאַלטן אין דער פרעמד. ער קען אַליין זיך קיינמאָל נישט געבן קיין עצה און דערצו האָט ער זי אַזוי ליב געהאַט, אַז דאָס האַרץ האָט פאַרקוועטשט פון רחמנות. וועט ער זיך אַוודאי אָנברוגזן אַ טאָג און צוויי, ביז ער וועט קומען צוריק. דער ווילן זי בלויז צו זען וועט אים צוריקטרײַבן, זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אָט־דאָס צעקראָכענע בחורל זאָל קענען איינער אַליין אַרומבלאָנקען איבער דער וועלט. איז זי בטוח געווען אַז ער וועט ווידער קומען, בעטן זיך בײַ איר, קוקן איר אין די אויגן אַרײַן און וואַרטן ביז זי וועט צו אים בעסער ווערן. ס'איז גאָר געווען בײַ איר אַ צוגעטראַכטער שפּיל, וויאַזוי פון אים פּטור צו ווערן, נאָך איידער איר רחמנות איז זי גובר.

זעט אויס, אַז דאָס האָט זי געמאַכט דעם טעות. פאַר קיין עקשן האָט זי אים נישט געקענט. זי האָט אים אָבער שטאַרק ממאס געווען דאָס לעבן דאָ, אַז דאָס אַרומוואַלגערן זיך שרעקט אים נישט מער. עס האָט אים נישט וואָס צו ציען צו דער אייגענער שטוב און צו משפּחה. וועט ער נישט קומען און נישט גטן זי. נאָך איר וויל ער שוין אפשר לגמרי נישט קיין פּריי און עס ליגט אים נישט דערין צו קענען גיין מיט אַ צווייטער צו דער חופּה. זי האָט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס צו היימלאָזיקייט, צום נע־ונד זײַן — האָט ער זיך צוגעוויינט דערצו. ציט עס אים שוין אַוועק וואָס ווײַטער און ווײַטער — און זי מוז דערווײַל אָפּפינצטערן אירע יאָרן.

וואָס לענגער די צײַט איז אָפּגעלאָפן אַלץ אומרויִקער איז זי גע־

וואָרן. איז ער נאָך פֿאַראַן אין דער מדינה? לעבט ער נאָך? עס קען גאָר זײַן אַז ער איז אַוועק אין אַ ווײַט לאַנד, אָדער ער איז גאָר אָפּגע־שטאָרבן ערגעץ אין אַ הקדש־ווינקל און זי וועט שוין קיינמאָל נישט וויסן דערפֿון. אַ שרעק האָט זי אָנגעכאַפּט: וואָס וועט איצטער זײַן? זי האָט זיך פֿאַררעכנט. ווייסט זי טאַקע נישט וואָס צו ענטפֿערן אויפֿן פּאָטערס איינער און דער זעלבער פֿראַגע: ווער איז דען דיר שולדיק? ווער זאָל דען שולדיק זײַן, אויב נישט זי אַליין? זי האָט צו שנעל גע־וואָלט פֿרײַ ווערן — און דערפֿאַר איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין דער פֿאַר־לוירנקייט, פֿון וועלכער קיינער קען זי נישט אַרויסציִען. וואָס קען איר דען העלפֿן דער אייגענער פֿאָטער? און וואָס קען איר דען צוגעבן יענער בחור, וועלכן איר הערץ האָט באַגערט שטילערהייט? ער וועט לאַנג נישט קענען וואַרטן... וואָס קומט איר דען אַרויס דערפֿון, וואָס זי האָט זיך דערווײַל אויפֿגעשטעלט אַ שיינע שפּײַז־קראָם? אַ גאַנצע שטאָט מיט ייִדן קענען פֿאַר איר נישט טאָן וואָס אַ נאָגל האָט די ווערט, אויב אפֿילו זיי זאָלן עס וועלן. דאָ קען נאָר העלפֿן איין י אַ ק אָ ב. ער דאַרף קריגן אַ ווייך האַרץ און האָבן ר ח מ נ ו ת. אָבער יאַקאָב איז נישטאָ. און דערבאַרעמען זיך אויף איר קען ער נישט, וועט ער נישט... אויף איר? זי האָט דאָך אים אַליין געטריבן, געזידלט, נישט אַרײַנגעלאָזט אין שטוב אַרײַן! טאָ צו וועמען זאָל זי שרײַען?

נאָר אַז דאָס ערשטע יאָר איז פֿאַרבײַ און נאָך אַ יאָר איז אָפּגע־לאָפֿן — איז איר ערשט גאָר ביטער געוואָרן. אין שטאָט האָבן ווײַבער געהאַט דעם בעסטן בײַשפּיל אין איר פֿאַר זייערע קינדער, אַז מען טאָר נישט ווידערשפּעניק זײַן. אויף וואָס די טעכטער זאָלן זיך נאָר נישט געוועזן קלאָגן, איז געווען אַ פֿאַרטיקער ענטפֿער. מרים דער עגונה איז נאָך ערגער...

זי איז אַן עגונה! ערשט נאָכן אָפּלויפֿן פֿון יאָרן האָט מרים דער־שפּירט וואָס דאָס איז אַזוינס. די טעג זענען געוואָרן אָנגעשטרענגטע, שווערע ווי קייטן. זי האָט געמוזט ברענגען סחורה, אויסלייגן די פּאָלי־צעס, טראָגן פּעקלעך, אויסדינגען זיך מיט די קונים און די מוכרים... אומעטום איז זי אַליין, רק אַליין! אין געוועלב האָט זי בעיקר צו טאָן מיט ווײַבער. יעדע פֿון זיי איז גאָרנישט אויסן. זיי האָבן נאָר אַביסל

צײַט — רײדן זיי. אַ טבע האָבן זיי צו פֿרעגן אײנס און דאָס זעלבע, כאָטש זיי האָבן סײַווי בײַ זיך דעם ענטפֿער:

— איז וואָס, מרימל? איר האָט טאַקע נישט קײן שום ידיעה פֿון אײַער יאַקאָבן?

טויזנט מאָל מוז זי הערן אַזעלכע שאלות און אומצײליקע מאָל מוז זי ענטפֿערן דאָס זעלבע וואָרט:

— ניין...

זי האָט אפֿילו געוווּסט וואָס זיי טראַכטן, וואָס זיי רעדן צווישן זיך אויף יענער זײַט שוועל:

— אין גרויסן האָט זי זיך געהאַלטן... געטריבן האָט זי אים... פֿאַרביטערט דאָס לעבן... איצט האָט זי נעבעך דאָס איריקע...

זי האָט שרעקלעך פֿײַנט געהאַט, מרימל, מען זאָל זי באַקרעכצן. אַז מען באַדויערט זי — קומט די בעסטע געלעגנהייט דערבײַ מען זאָל זי באַרעדן. אָבער אויך צו דעם האָט זי גאַרנישט געקענט העלפֿן. זי איז אַן עגונה! דערמיט איז זי אַנדערש ווי אַלע, נידעריקער און פֿאַרשטויסענער פֿון דעם מינדסטן ווײַבל אין ליסע. אפֿילו די ווײַבער פֿון בעלי מלאכות האָבן אויך מיט ווּעמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. זיי קענען פֿירן אַ שטוב און זײַן מיט לײַטן גלײַך. וואָס האָט זי אָבער? זיצט זי טאַקע ביז עפּעס אין דער וואַכט בײַ אַ קרייצערדיק ליכט אין דער קראָם און שרעקט זיך אַהיימצוגיין. ווּעמען האָט זי דען דאָרט, אויסער איר אייגענעם שאָטן אויף דער טונקעלער וואַנט? בײַ די שכנים דאַנעבן הערט מען פֿריילעכע רייד. קינדער וויינען דאָרטן און לאָזן זיך איבערבעטן פֿון די מאַמעס. הדר־ייִנגלעך חזרן זיך פּסוקים פֿון דער סדרה, וואָס זיי האָבן בײַטאָג געלערנט — און די טאַטעס שעפּן נחת אויפֿן קול. נאָר בײַ איר איז פֿינצטער מיט נײַעם לאָמפּ וואָס מען האָט איר געברענגט פֿון ברעסלוי. זי קאָכט אָפּ דאָס געקעכץ און עס גלוסט זיך איר נישט אַרײַנצולייגן אין דעם קאַלטן בעט מיט אַזױפֿיל בעטגעוואַנט, הגם זי מוז מאָרגן ווידער אויפֿשטיין גאַנץ פֿרי. שוין עטלעכע מאָל האָט זי געפּרוּווט אַרײַנגייז צו די שכנים פֿון געסל. נאָר די דאָרטיקע פֿריילעכקייט, צוזאַמען מיט די רחמנות־אויגן, האָבן זי זייער גיך אַרויסגעטריבן אויף לאַנגע וואָכן. זי האָט אפֿילו באַמערקט ווי אַ מאַמע

האָט צוגעדעקט איר קינד מיטן פֿאַרטוך אויס מורא פֿאַר אַ „גוט אויג״ פֿון איר זײַט... איר שפּילט זיך מיט אַן עגונה?

נאָך טרויער־יקער איז איר געווען אין אַ פֿרײַטיק צו נאַכטס אָדער אין אַ יום־טוב. דעמאָלט איז זי צוזאַמען מיטן טאַטן. ער כאַפּט אָפּ שנעל דעם קידוש, ברומט אָפּ זײַנע זמירות און לאָזט אַראָפּ דעם מידן קאָפּ אין האַלבן דרימל. טייל מאָל ציט עס אים נאָך אַרויס אין בית המדרש אַרײַן, וווּ עס זיצן אַזויפֿיל ייִדן און לערנען. דאָרט איז ער מיט זײַנע פֿופֿציק יאָר פֿאַר זייער אַלט. די צײַט שטייט נישט און עס זענען אים געבליבן ווייניק יאָרן אויף צוצוגרייטן זיך צו יענעם עולם. וווּהין זאָל זי גיין? פֿאַר איר איז קיין אָרט נישטאָ. האָט עס איר געדרעסט בײַ דער ברוסט, געריסן פֿון איר שטיקער. וואָס וועט זײַן? וועט זי אַזוי אָפּלעבן אירע שבתים און ימים טובים? און וואָס וועט זײַן, אַז דער טאַטע וועט נאָך עלטער ווערן?

זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן, מרים לייבס. האָט זי זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דעם שטויס קישנס, אַזוי ווי אין אַ תהום אַרײַן. נישט שטענדיק האָט זי אָבער געקענט תיכּף אײַנשלאָפֿן. אַלערליי הוריות זענען איר געקומען אין קאָפּ אַרײַן. דאָס רוב האָט זי געטראַכט וועגן איר מאַן, יאַקאָבן. וויפֿל זי האָט זיך נישט באַמיט אַרויסצורופֿן זײַן געשטאַלט פֿאַר די אויגן, האָט זי זיך נישט געקענט דערמאָנען מיט דער גאַנצער גענויקייט, וויאַזוי ער האָט אויסגעזען. אַלץ איז געשען אַזוי שנעל, אַזוי אײַלעוודיק! ער איז געקומען... מען האָט געשטעלט אַ חופּה... דערנאָך האָט זי אים נישט געקענט אָנזען. אויף זײַן פּנים האָט זי נישט געקענט קוקן! זי האָט געהאַט פֿאַר די אויגן אַן אַנדערן. טאַקע יענעם וואָס מוז איצט אַוודאי זיצן בײַ זיך אין שטוב און פֿאַרהערן די קינדערלעך וואָס גייען שוין אין חדר. זײַן פּנים האָט דאַן צוגעדעקט יאַקאָבס אין איר געדאַנק. האָט זי נישט באַוויזן אײַנצוזאַפּן רעכט אין זיך זײַן פּרצוף, כאָטש זי האָט זיך דערמאָנט ווי אין נעפּל פֿאַרשיידענע סימנים אויף זײַן גוף.

אין איר אָפּגעזונדערטקייט האָט זי אַפֿילו טייל מאָל גענומען טראַכטן, אַז עס זענען געדרעכט די ווײַבער וואָס קומען אין געוועלב אַרײַן...

גערעכט איז אויך דער פֿאָטער וואָס האָט פֿון די ספרים אין בית המדרש איר געבּרענגט זײַן אמת: עס איז בעסער צו זײַן צוזאַמען מיטן ערגסטן איידער צו זיצן אַליין. עס קען זײַן אַז זי גופֿא וואָלט זיך אַנדערש נוהג געווען, ווען זי זאָל געווען וויסן, ווי אַזוי די ווײַטערדיקע יאָרן וועלן אויסזען. מסתמא וואָלט זי זיך געווען געמיט אַביסל נענטער צו ווערן מיט אים, זי וואָלט אים נישט געווען אַזוי גערודפֿט, זי וואָלט געווען אַוועקגעקוקט... ס'וואָלט איר דען נישט בעסער געווען ווי איצט? נאָר אַז זי האָט זיך באַמיט צו טראַכטן דערפֿון, וואָס זי וועט טאָן אויב עס וועט געשען אַ נס און ער וועט איצט קומען — האָט זי ווידער נישט געוווּסט. וועט זי אים טאָקע אַרײַננעמען מיט זײַן גאַנצער אָפּגעפֿרעמדקייט אין שטוב און בלײַבן מיט אים? וואָס בולטער זי האָט זיך אויסגעמאָלט אַזאַ געשעעניש אין איר דמיון, אַלץ ווינציקער האָט די אַליינקייט זי אויפֿגעהערט צו שרעקן, צו מאַטערן... זענען אַזעלכע דמיונות געוואָרן איר טרייסט און אָנהאַלט. דאָס אַלטע געפֿיל האָט ווידער אויפֿגעוועקט די אַמאָליקע שאַרפֿקייט. דעם טאַטן האָט זי עס נישט געקענט זאָגן און אויך פֿאַר זיך אַליין האָט זי עס מורא געהאַט אַרויסצוברענגען. זי האָט עס אָבער פֿאָרט געוווּסט אויף זיכער: זי וואָלט אים איצט אויפֿסנײַ געטריבן. אַזיסטן האָט זי עס דען אויך דאַן געטאָן סתם אַזוי, פֿון ווילדקייט וועגן? זי האָט נישט געקענט אַנדערש. ווען ער האָט זיך בלויז געפֿונען אין דער זעלבער שטוב וואָס זי, האָט זיך איר נאָר געוואָלט שרײַען און שרײַען פֿון ווידערווילן און עקל. ביז דער לעצטער מינוט אַזוי... און פֿאַר איר דמיון האָט זיך נאָך גאָרנישט געענדערט אין אים, כאָטש זי האָט אים מער נישט געזען. איין באַגער האָט זי יאָ געהאַט: זי האָט אים געוואָלט נאָכאַמאָל אָנבאַגעגענען, זיך גוט אײַנקוקן אין אים און זי זאָל עס קודם כל קענען פֿאַרשטיין מיטן הײַנטיקן שכל: פֿאַרוואָס האָט זי אים אַזוי פֿײַנט געהאַט?

נאָר ער האָט מער נישט געוואָלט קומען ביז צו איר אין חדר אַרײַן. אפֿילו פֿאַר די וועגן פֿון איר דמיון ציטערט ער. דאָס הייסט אַן עקשן! איז דערנאָך ווידער געקומען די פֿינצטערע אַליינקייט און נאָר געוואַרט ביז זי וועט מיד ווערן פֿון טראַכטן וועגן אים. שפּעטער איז זי ווידער

אַרײַנגעשפּיגעלט געוואָרן אין איר פֿאַרפֿאַלענער נמאסדיקייט. דאָס האַרץ איז בײַ איר צוריק ליידיק געוואָרן און זי האָט ווידער געטראַכט אַז ווער עס זאָל נאָר נישט קומען און קלאַפּן אין איר טיר — וואָלט זי געעפֿנט. עס וואָלט גאָר־גוט געווען, אַז פּלוצים זאָל דאָ זײַן נאָך עמעצער מיט איר, ער זאָל נישט וואַרטן אויף איר דערלויבעניש, נישט פֿרעגן קיין שום זאַך... זי זאָל נאָר אויפֿמאַכן עפּענען די אויגן און זען, אַז דאָ איז ווער פֿאַראַן. זי וואָלט דערנאָך צוגעמאַכט צוריק די אויגן און נישט געוואָלט קוקן אין זײַן פּנים אַרײַן. אין אַזעלכע מינוטן איז זי אפֿילו גרייט געווען צו האַלטן צוגעשלאָסן די אויגן אַ גאַנץ לעבן, אַבי זי זאָל ראַפּטום פֿאַרוואַנדלט ווערן אין צווייען.

— 3 —

יעדער ערב יום טוב האָט געברענגט פֿאַר מרימען נײַע וויטיקן. זי האָט געוווסט אַז באַלד וועט זיך דאָס גאַנצע געסל אַרום איר אויס־צוואָגן און אויספּוצן. באַלד וועט זײַן אַרום און אַרום זייער פֿריילעך און איר עלנט וועט זיך נאָך מער אַרויסזען. די דאָזיקע טעג פֿון ערב יום טוב האָט זי אָבער ליב געהאַט צו דערוואַרטן אויך מיט זיסער שרעק. כמעט יעדן ערב יום טוב איז ליסע געוואָרן פֿאַרפּלייצט מיט שנאָרער פֿון נאָענט און ווײַט. נאָך מער האָט זיך עס אָנגעזען פֿאַר יום כפּור און פּורים. אין די טעג האָבן ייִדן גאָר אַ ברייטע האַנט. ערב יום כפּור טיילן זיי אַ סך צדקה אויס פֿאַרכט פֿאַרן יום הדין און פּורים טוען זיי עס פֿון גרויס אויפֿגעלייגטקייט. דאָס ווייסן די קרוע־ובלועדיקע בעטלער און זיי ציִען אין שטעטל אַרײַן חמונימווײַז.

מרימס האַרץ איז דאַן אָנגעגאָסן געוואָרן מיט ציִענדיקער האָפֿענונג, הגם זי האָט עס זיך נישט געוואָלט מודה זײַן. ס'איז געווען אַזויווי זי וואָלט געפֿילט, אַז דורך די דאָזיקע אומבאַקאַנטע קבצנים קען זי און מוז געהאָלפֿן ווערן. איז זי געזעסן אין די פֿאַר יום־טוב־טעג און מער אַרײַנגעטראַכט ווי געשמועסט מיט די קונים. איר פּרנסה איז טאַקע אויסגעשטעלט געווען אויף זיי, דאָך האָט זי חשק געהאַט זיי צו בעטן אַז מען זאָל זי אַביסל צורו־לאָזן, נישט אָנפֿולן דאָס קרעמל מיט זייערע

טענות און פרעגענישן. די ווײַבער קויפן אין אַזעלכענע טעג ווײַס מעל און נעגעלעך, אייער און צוקער, צימערינג און זאַפרען. דערבײַ הערן זיי נישט אויף צו דערציילן וועלכע מאכלים זייערע מענער האָבן ליב און מיט וואָס פאַר אַ נאַשערײַען די קינדער פּאַקן זיך איבער די מעגעלעך. האָט זי זיי גאָר באַזונדער פײַנט געהאַט אין אַזעלכע טעג. זי וואָלט זיי שוין עטלעכע מאָל געוועזן געזאָגט, אַז זי האָט נישט; זי האָט גאָר־נישט אין געוועלב! זאָלן זיי איינמאָל פּראָווען טיש בײַ פּאָסנע ברויט און פּאַרטיק. אויך קיין וואַקסענע ליכט וואָלט זי זיי נישט פאַרקויפט. זאָלן זיי איינמאָל זיצן אין דער פינצטער און אויך פילן דעם טעם אַז עס פּעלט עפּעס. קען זי עס נישט. אַנטקעגן איר איז פאַראַן נאָך אַ קראָם. דאָרט שטייט אַ דיקע ייִדענע און פאַרקויפט מיט אַ פריילעך פּנים וואָס דאָס מויל רופט נאָ, אָן. יענע ווערט בײַ איר צונעמען אַלע קונים. אין די וואָכנטעג קוקט יענע סײַווי אַריבער צו איר מיט קנאה. זי האַלט אָפּ די ייִדענעס און רעדט אין זיי אַרײַן, אָן אויפהער:

— פאַרוואָס ווילט זיי זיך נישט? ראשית, ווערט זי פאַרקויפן ביליקער און טאָקע בעסערע סחורה אויך. צווייטנס, איז זי דאָס ווײַב פון אַ תלמיד חכם וואָס זיצט און לערנט. זי האָט אַ סך קינדערלעך, פאַר וועלכע מען דאַרף צאָלן שכר לימוד און מאַכן פאַר ערלעכע ייִדן. איז עס דען נישט מער מצווה ווי אַרײַנצוגיין צו מרימען, וואָס דאַרף קיינעם נישט שפּײַזן אויסער זיך אַליין? איר פעלט דען עפּעס? זי דאַרף אַוועקלייגן נאָך אַ שטיק גאָלד אין טאָפּ אַרײַן?

דערנאָך גייען אַוועק שושקערײַען וועגן דעם, אַז אויף איר איז נישט קיין רחמנות, אַז זי האָט אַזוי געוואָלט; אַז בעת דער מאַן האָט פאַר איר געוויינט ווי אַ קליין קינד, איז איר האַרץ געווען ווי אַ שטיין... מרים האָט געוווּסט פון די אַלע רייד און נישט געענטפערט. זי האָט נאָר געקענט אָפּטאָן דער קעגנאיבערדיקער און רעכענען ביליקער מיט אַ האַלבער פּרוטה, פאַרקויפן וואָס נאָר איינע וויל. זי איז אָבער ווײַטער פול געווען מיט פאַרביטערטן כעס אויף דער גאַנצער וועלט. פאַרן לאָזן זי שטיין אַזוי עלנט צווישן אַזאַ צעפריילעכטער יום־טוב־שטאָט ווי ליסע.

די איינציקע וועלכע איר האַרץ האָט באַגריסט שטילערהייט זענען

געוועזן די אָנגעלאָפענע ארחי ופרחי. איר האָרץ האָט זיך געצויגן צו זיי און עס האָט איר אויסגעזען, אַז זיי האָבן אַ גאָר־נאָענטע שייכות מיט איר. עס איז איר געפעלן זייער חוצפהדיקייט, זייער עלנט, זייער הפקר — און ווי דרייסט זיי זענען בײַם דאַרפן אָנקומען צו יענעם! זיי קומען נישט אַרײַן אין קיין נגידישער שטוב מיט בעטלערישער נידערשלאָגנקייט און בושה, ווי יענע וואָס שטרעקן דאָס ערשטע מאָל אויס די האַנט. זייער בליק צאָרנט באַפעלעריש, מאָנענדיק — גלײַך ווי זיי וואָלטן דאָ געקומען אויפמאָנען אַ חוב וואָס דער בעל הבית האָט פאַרגעסן אַליין אָפּצוגעבן — און דערפאַר זענען זיי גופא זיך מטריח. זיי זענען נישט בלויז נעמער — און זיי ווייסן עס. זיי שענקען אויך דאָ זייערס. מיט זייער אָן־היימיקער אָפּגעריסנקייט מאַכן זיי בולטער די בעל הבתישע אײַנגעפּונדעוועטקייט. זיי טראָגן די דאָזיקע בשורה פון טיר צו טיר פאַרן קלענסטן פרײַז, וואָס עמעצער באַוויליקט נאָר צו געבן. וואָס וואָלטן דען ליטער נגידים און אלופים געוווסט וועגן זייער נגידישקייט, אָן די אָפּגעשליסענע פאַרשוינען מיט די רויטע אויגן פון וועג־שטויב און נאַכט־וואַנדל? און ווער וואָלט זיי געגעבן די מעג־לעכקייט צופרידן־זאָט אַ קרעכץ צו געבן פאַר הנאה?

די אָרעמעלײַט קומען שיצן די שטאָט פאַר מגיפות און פורעניותן, פאַר שלעכטע גזירות און פאַר האַרבע שטראָפן איבער הונדערט מיט צוואָנציק יאָר. זיי זענען מציל פון טויט, מאַכן ווייכער די שטרענגע הימלען און העלפן אַריבערוועגן מיט זייער דאַרן גוף די וואָגשאָל, איבער אַ פרעמדן גורל, פון זאַטקייט און שלווה. אַלץ צוזאַמען קאָסט אַ שיבוש... פאַרוואָסזשע זאָלן זיי נכנע זײַן? מחמת וואָס זאָלן זיי זיך בויגן אין דרײַען? אַחוץ אַלעמען, ווער צעטראָגט דען דעם שם פון אַ נגיד איבער דער גאַנצער מדינה, אויב נישט דער אָרעמאַן וואָס וואַנדערט אויס גאַנצע וועלטן? אַ גוטע וועטשערע בײַ עמעצן אין קיך געדענקט זיך דערנאָך לאַנגע וואָכן און מען קען וועגן איר נאָך דערציילן, סײַ אין טיפן פוילן און סײַ אין גאַליציען... נישקשה, זיי נעמען נישט אומזיסט! דער ווינט אין זייערע פאָלעס וואָלט געקענט עדות־זאָגן, מיט וויפל מי זיי האָבן אַהער געבראַכט צו טראָגן די געלעגנהייט פון אַ מצווהלע, פאַר די יידן וואָס זענען דערויף געבאָטן...

אין מרים ר' לייבס האָט זיך געוועקט אַ באַהאַלטענע פרייד ווען נאָר זי האָט געזען זיי צו קומען. זי האָט הנאה געהאַט פון די להכעיס־געשפּאָטן, וואָס אַ שנאָרעריש אויג גיט פון זיך אַרויס. זי איז צופרידן געווען, וואָס קיין ליסע קומען די קבצנים מיט וואַזשנע טריט פון מלכים. זיי שפּרייזן אַריין אין די הייזער, אַזוי ווי עס וואָלטן געווען זייערע. זיי נעמען נאָר אַ האַלבן גראָשן פון דעם וואָס עס געהער צו זיי. דאָס אַנדערע לאָזן זיי איבער מיט פּירשטלעכער פרייגיביקייט פאַר אַנדערע. עס איז אָבער גענוג אַז עמעצער פון די רייכע זאָל זיך אַ קרום געבן — און אַלץ זאָל זיך ענדערן. באַלד נעמען פליען אויף זיין קאָפּ געבראָטענע קללות, הייס־געקאָכטע זידלערייען. אַזוי ווי בייזע פירשטן טוען עס געוויינטלעך מיט זייערע אומטרייע קנעכט. אַ שטיק פון איר גורל האָט זי געזען אין די דאַזיקע רייען פון בעטלער. זיי זענען עלנט און פאַרוואָרלאָזט. זייער איינציקע פרייד איז די טאָרבע און די אויסגעשטרעקטע האַנט. זייער גליק איז דאָס הפקרדיק־אומגליקלעכע נע־ונד זיין. זיי בעטן פאַר זיך נאָר דאָס ביסל גריץ, דאָס האַרטע גלעגער און די מינוט פון קענען אָנוואַרעמען זיך אין אַ ליכטיקער שטוב. פונקט אַזוי בעט זי אַמאָל אויף שטום־לשון אַ טראָפּן שמייכל פון אַן אַנדערס קינד דורך אַ שכנותדיק פענצטער...

איז זי דען נישט איינע פון זיי? זי בעטלט, כאָטש זי האָט אַן אייגן הויז און זי שטייט אין אַ שיינער קראָם. זי איז שותפות צו זייער פאַרלוירנקייט און צום גאָרנישט האָבן. ווען זיי ציען אַדורך דעם רחוב הגדול פון ליסע מיט דער מינע פון שטאָט־איינגעמער דוכט זיך איר אויס, אַז זיי קומען דאָ אויפמאָנען אויך איר עוולה. האָט עס זי טיילמאָל פאַרדראָסן, פאַרוואָס עס זענען אויך פאַראַן אַזעלכע שנאָרער, וועלכע שטעלן זיך אַוועק מיט אונטערטעניקייט פאַר דער שוועל און זיי וואַרטן אויפן שטיק ברויט ווי אויף אַ גזירה פון דער באַשערטקייט. אַזעלכע וואָלט זי געטריבן מיט בעזעמס. זיי האָבן נישט דעם געהעריקן טעם אין דעם מלכות פון פאַרלאָזטע און צוריקגעשטויסענע. איר איז גוט געווען צו זען, וויאַזוי מענטשן טראָגן די פריילעכע צעלאָזנקייט אין זייערע צעהאָדערטע מלבושים. דאָס זענען די קרוין־טרעגער פון איר דאָליע. זיי לאָזן וויסן אַז אויך זי, מרים בת ר' לייב, די באַקרעכצטע

עגונה קען אַ פּאַרהויב טאָן דעם קאָפּ און זיך פּאַר גאָרנישט שעמען, פּאַר גאָרנישט...

מען האָט געוווּסט אין ליסע, אַז מרים די עגונה האָט טיילמאָל אויס־טערלישע גענג און ווּלעגישן. ווען זי זאָל נישט געווען זײַן אַזאַ מין פּאַרשוין, ווער ווייסט אויב זי וואָלט זיך איצט נישט געבאָדן אין נחת צוזאַמען מיט אַ מאַן און קינדערלעך. האָט זי געהערט פון איר דאָזיקן שם און דאָס האָט זי אָפּגעהאַלטן פון אַ סך טועניש. זי איז צוליב דעם אפילו זהיר געווען פון אַראָפּצורעדן זיך פון האַרץ פאַר פרעמדע מענטשן. אַמבעסטן, האָט זי געפילט, וואָלט זי פאַרשטאַנען געוואָרן דווקא פון אַזאַ אָפּגעריסענעם, וואָס ווייסט אַליין דעם טעם פון ווערן געשלײַדערט אין איין הקדש נאָכן צווייטן. האָט זי נישט איינמאָל געוואָלט אַרײַנרופן איינעם פון זיי, מיט אַ פעכיקער באָרד און צעבליצטע אויגן, זי זאָל פאַר אים אַלץ אויסדערציילן. זי דאַרף אים נישט קענען פונקט ווי ער קען זי נישט. זי וועט דערציילן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ער וועט זיצן מיט בעטלערישער פײַערלעכקייט און אויסהערן. מער דאַרף זי נישט. זאָל ער דאָס אַרײַננעמען אינעם קראַנץ פון אַלדאָס־אָנגעהערטע במשך פון זײַן לאַנגן וועג. אפשר וועט ער עפּעס דערפון אַרויסדרינגען און אפשר וועט ער בלויז עפּעס זאָגן — און עס איז איר נישט געווען קיין אונטערשיד וו אָ ס אַזוינס.

אַזוי האָט זי אַ סך מאָל געטראַכט און באַשלאָסן. קיינמאָל האָט זי עס אָבער נישט אויסגעפירט. ס׳איז גענוג געווען צו דערמאָנען זיך, אַז די שכנה פון צווייטן געוועלבל וועט זען, וויאַזוי מרים ציט אַרײַן צו זיך אַזאַ מין שנאָרער און רעדט פאַר אים אַ שעה און צוויי. די אויסטער־לישסטע שמועות וואָלטן זיך דערנאָך אַרומגעטראָגן פון איין עק ליסע ביז צום אַנדערן און די פּלייצעס פון פּאָטער אירן וואָלטן זיך נאָך מער געבויגן אונטער דער לאַסט פון צער. האָט זי בלויז נאָכגעקוקט די בעט־לער־ירידים מיט אָנגעצונדענע אויגן.

קאַפּיטל צוויי

— 1 —

אין יענעם פּורים־טאָג פון הא אלפים תקכ״ד איז שוין מרים לאַנגע יאָרן געווען אַן עגונה. אפשר אַ יאָר זיבן — און אפשר גאַנצע נײַן. זי ווייסט דען געניי? עס איז איר שוין נמאס געוואָרן צו ציילן די יאָרן און זי האָט זיי געטריבן פון זכרון ווי בייזע שלאַנגען. דאָס געוועלבל איז בײַ איר גרעסער געוואָרן און רײַכער. איר גאַנצן כח און באַליידיקטע ענערגיע האָט זי אַרײַנגעלייגט אינעם מסחר, אין האַנדל און הויבל. דער מעג־לעכער ריווח איז געווען דאָס איינציקע פאַרגעניגן, מיט וועלכן זי האָט פאַרשפּילט די וויינענדיקע טעג. איר אײַנגעבוירענע אשת־חיל׳דיקייט האָט געזוכט אַן אַנטרינונג. האָט זי די גאַנצע בריהשקייט באַגראָבן אין די פּאָליצעס פון דער פולער קראָם. עס איז דאָרט געווען פון כל טוב, כאָטש זי האָט פון דאָרט גאָרנישט געגאַסן. צו איר מאָט אויג האָבן נאָר גע־רעדט די אָפּגעשפּאָרטע רענדלעך פון גאָלד, וואָס זענען באַהאַלטן געווען בײַ איר צוקאָפּנס. זי האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס זי וועט מיט זיי שפּעטער מאַכן און וואָס זי קען פאַר זיי אַמאָל קויפן. זייער בלויזער גלאַנץ האָט אין איר אויסגעגלעט אַ סך ווונדן און געצערטלט אירע אײַנגעדרימלטע ווילנס. זי איז שוין אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר און איר פאַרשעמטע מוטער־לײַב האָט געגומען שפּירן די ערשטע יאושן נאָך אַ קינד, וואָס האָט געדאַרפט קומען און עס איז נישטאָ. דערפאַר האָט איר בליק אַנגעהויבן שאַרפער נאָכקוקן יעדער קינד וואָס איז אַרום־געלאָפן איבער די געטאָ־געסלעך און נישט איינמאָל האָט זיך איר האַנט געוואָלט אויסשטרעקן צו גלעטן זיי איבער די קעפּלעך. זי האָט זיי גע־וואָלט אַרויסגעטראָגן געטריקנטע ראָזשינקעס און אַנדערע פּירות, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו איר קראָם פון ווונדערלעכע ווײַטקייטן. אויף אַ מינוט כאָטש האָט זי געוואָלט נאָכמאַכן אַ מוטער און אויך דאָס האָט זי נישט געקענט. האָט זי זיך נאָר נאָכגעצויגן פון איר פאַרטײַעט ווינקל נאָך יענעם פריילעכן קינדישן טומל, וואָס האָט געשווימט צו איר פון קהלישן פּלאַץ. דאָס לוסטיקע געשריי פון די קינדער, וואָס זענען

נאָכגעלאָפן די פאַרשטעלטע פורים־שפּילער, האָט זי דאָס מאָל גאָר שאַרף אַ וועק געטאָן און זי האָט זיך מיט שכורע טריט אַ לאָז געטאָן פון איר שטוב אין געוועלב אַרײַן.

וואָס רײַכער זי איז געוואָרן, אַלץ מער איז אָפּגעוועלקט געוואָרן די רחמנות צו איר עגונהשאַפט. אויף דעם אָרט איז געוואַקסן אַלץ שטאַרקער די נישט־פאַרגינערישע קנאה. אַליין ווי אַ שטיין, האָבן טייל ווײַבער געטענהט, און זי האַלט אין איין זאַמלען פאַרמעגנס... צוליב וואָס? פאַר וועמען? זי האָט זיך אפילו דערוווּסט, אַז נישט אַלע פאַרגינען איר דעם חלק לעולם הבא. די אָרעמעלייט, וואָס מײַדן געוויינטלעך נישט אויס קיין טיר, האָבן אויפגעהערט קומען בעטן אַ נדבה בײַ איר. צוערשט האָט מען זיי אויסגעלערנט האָבן מיטלײַד מיט אַן עלנטער עגונה און דערנאָך האָט מען זיי געגעבן צו פאַרשטיין, ווי פאַרשאָלטן עס איז די פּרוטה וואָס מען באַקומט געשענקט פון אַזאַ פינצטער מזל. אַזיסטן גיט זי דען מיט אַ פאַרגינעריש האַרץ? זי האָט אַפילו געהערט מרים, אַז די אַמאָליקע שוויגער אירע אַרבעט מעשים אין דער שכנותדיקער שטאָט. אויך איר איז ביטער, הגם זי האָט אַ רײַכן מאַן מיט קינדער. זי קען עס נישט אויסהאַלטן, וואָס איר איינציקער קדיש איז פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַרײַן. קאָכט זי זיך און האַלט אין איין שרײַען, אַז מרים האָט אָפּגעטאָן איר זון אַ כשוף. זי האָט אים, מיט דער הילף פון נישט־גוטע אַרײַנגעזעצט אין אַ ברונעם נישט ווײַט פון דער טומאה בײַ אַ גלח אין גאָרטן און קיינער קען אַהין נישט טרעפן דעם וועג, אויסער זי אַליין. יאַקאָבס מוטער איז שוין עטלעכע מאָל געקומען קיין ליסע, געזידלט מרימען אין מיטן גאַס ווען אַלע מענטשן האָבן געהערט. מרים האָט איר פאַרשוויגן. דאָס האָט נאָך מער צעיאַכמערט די שוויגער און יענע האָט פון זיך געריסן שטיקער פאַר אַלעמענס אויגן:

— זי שווײַגט! געוואַלד מענטשן, איר זענט דען אַ מבין אויף איר שווײַגן!?

זי וואָלט דאָ אַלעמאָל געווען געקומען אַהער, די צעשריגענע שוויגער, ווען איר צווייטער מאַן ר' נח פינער זאָל זי לאָזן. ער האָט פײַנט געשרייען, דער מאַן אירער און דערצו קען ער נישט דערלאָזן, אַז זײַנע קינדער זאָלן זיך לאַנגע טעג אַרומטליקען אויף הפקר. ער האָט עפּעס

צײַט צו זיי ? קומט זי נישט מער. אָבער זי לאָזט איר באַפעלן דורך יעדער געלעגנהייט, אַז עס וועט איר נישט פאַרשוויגן ווערן, אַז איר יאַ־קאָבלס לעבן וועט פאַלן אויף מרימס קאָפּ...

נאָר דאָס אַלץ האָט מרימען נישט געאַרט. זי האָט זיך צוגעוווינט דערצו. זי האָט זיך אָבער גענומען צום האַרץ אַ צווייטע זאַך: דאָס וואָס מען האָט אָפּגעשראָקן די אָרעמעלײַט פאַר איר פּרוטה. אין פאַרלויף פון יאָרן איז איר געפיל צו די בעטלער מער נישט געווען דאָס אַמאָליקע, מחמת להכעיסדיקער שטיפערישקייט. עס זענען מער נישט געווען אַזוי יענע ציִונגען צו אַ שבט מיט בייזער אָנגעבלאָזנקייט און באַעוולהטקייט. איצט האָבן דורכן געפיל אירן גענומען רעדן די יאָרן מיט דער שפּראַך פון באַרעכנטקייט. זי האָט שוין קלאָר געוווּסט, אַז דאָס גאַנצע לעבן אירס, וועט אַזוי ביסלעכווײַז אָפּשטאַרבן, אויב עס וועט נישט געשען דער גרויסער נס פון אָפּגעפינען איר מאַן. זי האָט שוין געהערט וועגן אַ סך עגונות, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייער הויז און פאַרמעגן אויף גאַנצע יאָרן און זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט זוכן די מענער. אַזעלכע האָבן אומעטום געלאָזט אויף זיך רחמנות האָבן, געגאַנגען נעכ־טיקן צו דערבאַרעמדיקע לײַט און געגעסן וועטשערע בײַ אַלע פּרנסים פון דער מדינה. דערנאָך האָבן זיי געקלאַפּט אויף די טירן פון רבנים און גרויסע לײַט. זיי האָבן פאַר יעדן אָרט באַזונדער געהאַט פרישע טרערן צו דערווייקן הערצער און דערמיט געשטורעמט טיר און טויער. עס איז זיי גאָרנישט נמאס געוואָרן צום וויפלטן מאָל צו דערציילן דאָס זעלבע, וויאַזוי זיי האָבן אַמאָל געשמועסט מיט די אַנטלאָפענע „רוצחים" און אַפילו וועלכע אָנבײַסנס זיי האָבן די מענער געגעבן צו עסן.

זייער וווּניק פון זיי האָבן, נאָך יאָרן־לאַנגן וואַנדערן, געהאַט גליק און געברענגט מיט זיך אַ גט צוזאַמען מיט בריוו פון באַרימטע רבנים, וואָס האָבן דערציילט אַז אַלץ איז געמאַכט געוואָרן לויטן דין און אַז די אשה פלונית איז מותר צו דער גאַנצער וועלט. אַנדערע האָבן געברענגט מיט זיך אַ היתר און געכתיבהטע גביית עדותן, אַז דער מאַן זייערער איז אויסגעגאַנגען אין איינער פון די קהילות און איבערגעלאָזט אַ צוואה וועגן זייערע ווײַבער. אַזעלכע האָבן געהאַט דערנאָך פּעק מיט מעשהס צו דערציילן, וויאַזוי די חסדים פון השם יתברך זענען גרויס און

וויפל באַשײַנפּערלעכע נסים זיי האָבן צוגעזען מיט די אייגענע אויגן. אָבער נאָך מער זענען צוריקגעקומען מיט קעפּ גרויע האָר און צעקנייטשטע פּנימער פון וועגס־שטויב און פון טרערן. אַזעלכע האָבן מער גאָרנישט דערציילט, נאָר אײַנגעגראָבן זיך אין זייער פאַרוואָרלאָזט בעטגעוואַנט און אין דער שטוב וואָס האָט געווײנט מיט חורבה און מיט מײַזן־ריח. ערשט נאָך אַ צײַט האָבן אויך זיי געפונען פאַרוואָס צו דאַנקען גאָט:

— אָבי מען איז שוין צוריק אין דער אייגענער שטוב... ס׳ווייסט דען עמעצער דעם טעם פון זײַן נע־ונד?

מרים האָט אַזעלכעס זיך נישט געקענט אונטערנעמען. זי וואָלט נישט געקענט איבערלאָזן הפקר די קראָם און זי וואָלט נישט געקענט יאָמערן פאַר רבנים און חשובע לײַט; נעכטיקן אַלעמאָל אין אַ צווייטן האַרבאַריק און לאָזן זיך אויספרעגן צום הונדערטסטן מאָל פון אַ נײַגעריקן, וויאַזוי ד אָ ס האָט פּאַסירט. אויסער דעם האָט זי נאָך אַן אַלטן פאָטער. ווו וועט ער זיך אַהינטאָן אָן איר? וואָס קען שוין פון אים ווערן? דאָס איז נישט געווען קיין עסק פאַר מרימען. זי האָט אָבער תּופס געווען, אַז וויבאַלד זי קען זיך נישט לאָזן אין דער וועלט אַרײַן, טאָר זי אָבער נישט פאַרוואָרלאָזן דאָס שטיק וועלט וואָס קומט ביז צו איר שוועל. יעדער אָרעמאַן, וואָס קומט קיין ליסע, האָט געזען אַ שטיק לאַנד און זיך אָנגעטראָפן מיט הונדערט אַזעלכע קבצנים ווי ער. היות ווי זיי קומען אין די צענדליקער, טראָגן זיי אין זיך די קאָנטשאָפּט מיט טויזנטער אָרומוואָגלער. ווי דער שטייגער פון שנאָרער, קריכן זיי אַרײַן צו יעדן איינעם אין די פאַרבאָרגענישן; זיי ווייסן וואָס יעדער איינער האָט געטאָן און וואָס מיט אים האָט געטראָפן, ביז ער איז געקומען צום טאָרבע־ברויט. ער איז דערפאַר גערעכט געווען, דער פאָטער אירער, ווען ער האָט ליב געהאַט מקרב צו זײַן אין בית המדרש יעדן אורח; אָפּגעבן זיך מיט אים, פאַרזאָרגן אַ שבת־עסן און דערבײַ אים אויספרעגן וועגן יעדער זאַך... אויך צו איר איז דאָס דאָזיקע געפיל אַריבערגעגאַנגען. עס האָט זי געצויגן צו יעדן אָרעמאַן. זי האָט זיך געוואָלט אַרײַנלאָזן אין אַ שמועס מיט אים, פרווון אים פאָרשטעלן וויאַזוי איר מאַן האָט אויסגעזען. נאָר אַז דאָס אומגליק וויל נישט אָפּלאָזן, האָט עס אַלערליי תּירוצים. זי אַליין האָט עס נישט געקענט טאָן, ווײַל איר זכרון האָט זי

געשטראָפט און אויך אירע פריערדיקע מעשים האָבן זיך איצט אָפּגערופן. זי האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען געגנוי, וויאַזוי יאַקאָב האָט אויסגעזען, וואָס פאַר אַ קול ער האָט געהאַט און וואָס פאַר אַ פאַרב זײַנע אויגן האָבן פאַרמאָגט. אויסער דעם האָט זי געוווּסט, אַז אין פאַרלויף פון אַזויפיל יאָרן קען זיך אַ יינגלינג זייער שטאַרק ענדערן. איבער דער צײַט האָט ער געקענט ווערן העכער אין וווּקס, ער מוז שוין איצט האָבן אַ געדיכטע באָרד, זײַן קול מוז שוין זײַן מענערישער און טיפער, זײַנע אַקסלען זענען שוין מסתמא ברייטער געוואָרן און זײַן גוף איז פולער... האָט זי אויך נישט געוווּסט אויף ו ע מ ע ן צו פרעגן.

ד ע ר מאַן, וואָס איז דאַן אַוועק פון איר, איז שוין זיכער אויף דער וועלט נישטאָ. פון אים, אַזוי ווי פון אַ קערנדל, איז שוין אויסגעוואַקסן אַ צווייטער — מיט אַ געשטאַלט און אויסזען אויף וועלכן זי קען קיין אויסערלעכע סימנים נישט געבן. עס קען גאָר זײַן אַז יעדער איינער פון די קבצנים, וואָס זענען הײַנט דאָ אין שטאָט, האָט זיך מיט אים געטראָפן, געשלאָפן מיט אים אין איין הקדש אָדער אויף איין באַנק... נאָר וויבאַלד זי וועט אָנגעבן א י ר ע צייכנס, וועלן זיי הייבן מיט די פּלייצעס. שוין עטלעכע מאָל האָט זיך איר האַרץ צעפּאָכעט, ווען זי האָט זיך דערנענטערט צו אַזאַ גלגול פון דער פרעמד. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז ד ע ר ווייסט זיכער ווו איר מאַן איז. פון זײַנע בגדים האָט זי כמעט אַרויסגעפילט דעם נאָנטן און פאַרהאַסטן ריח פון איר יאַקאָבן. נאָר ווען זי איז שוין געשטאַנען גאָר נאָנט און געוואָלט עפּעס פרעגן, איז איר דאָס לשון אַרויסגעפאַלן פון דער צונג. וויאַזוי זאָל זי אָנהייבן? מיט וואָס? האָט זי געמוזט אָן אַ וואָרט אַוועקלויפן פון יענעם, ווי פון אַ קוואַל פאַר איר בושה. טיילמאָל האָט זי אַפילו געטראַכט, מיט אַנגסטן אויפן לײַב, אַז זי דאַרף רעזיגנירן, פאַרגעסן... יענער איז פאַרשוווּנדן ווי אַ נישט־גוט דערזעענער חלום, וואָס לאָזט נישט איבער נאָך זיך קיין שום שפּור, אויסער האַרץ־קלאַפּעניש. וואָס קען זי וויסן? עס קען גאָר געמאָלט זײַן, אַז איינער פון די אָנגעלאָפענע בעטלער איז גאָר איר מאַן גופא, נאָר זי ווייסט עס נישט; זי דערקענט אים נישט. נישט איינמאָל האָט זי געזען אַזעלכע הויכע יונגעלײַט מיט געקרײַזלט־פאַרפּלאָנטערטע בערד און זייערע אויגן האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף איר

וואַרעם און כעסדיק; אַזויווי זיי וואָלטן זי געבעטן, געמאָנט ביי איר עפּעס און אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי באַשלאָסן זייער תביעה אָפּצולייגן אויף שפּעטער. ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט פון איר האָט זיך איר אַלץ אויסגעוויזן מיט דער זעלבער נישט־היימלעכער אומקלאָר־קייט, אַז עפּעס אין זיי האָט צו איר אַזוי היימיש געוווּנקען. נאָר זי האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון וואָס אַזעלכעס זי האָט אין זיי דערקענט. זי ווייסט נאָר, אַז אין די נעכט איז זי לאַנג געלעגן מיט אויפ־געריסענע אויגן, אַרויסגערופן נאָכאַמאָל פאַרן דמיון יענע בעטלער־שאָטנס און זי האָט זיך געוואָלט רייסן די אייגענע האָר פאַר כעס און ווייטיק. פאַרוואָס האָט זי נישט געמאַכט קיין געוואַלט, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צוזאַמענלויפן? פאַרוואָס האָט זי זיך נישט איינגעביסן אין יענעם מיט די ציין, נישט אָנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע און נישט געשלעפּט צום רב? פאַרוואָס האָט זי אַזוי שווייגנדיק אָפּגעטרעטן — און געלאָזט דעם דאָזיקן מאַן פאַרשווינדן אַן אַ וואָרט?

עטלעכע מאָל האָט שוין אַזוינס געטראָפן, אַלעמאָל איז זי ערשט שפּעטער, אויף איר געלעגער, זיכער געווען אַז דאָס איז ע ר געווען. ווען זי איז אָבער אַרויס גאַנץ פרי פון שטוב און די קילע שווייגעוודי־קייט פון דער גאַס האָט זי אַרומגענומען, האָט זי זיך ערשט געכאַפּט אַז עס איז מיט איר שלעכט, גאָר שלעכט! זי וועט זיך נאָך אָנהענגען אין יעדן שנאָרער און מאַכן פון זיך ס׳לייטישע געלעכטער. זי וואָלט אים אַליין אפילו אויך נישט דערקאָנט, ווען זי אים דערפּאַר מיט דער צייט דערקענען אין אַלעמען. דאַרף זי זיך צוימען, היטן זיך נישט צו קוקן קיינעם אין פּנים אַריין. נאָר די אַלע קלוג־באַרעכנטע מחשבות האָבן געהאַט אַ האַפט, כל זמן זי האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן מענטשן און געזען די שטאַרע בליקן פון די אַלע, וואָס דאַרפן איר געשריי דער־הערן. די גאַנצע חכמה פון אַזעלכע באַוואָרענישן האָט אָבער אויסגע־וועפּט און פאַרלוירן דעם טעם, ווי נאָר זי האָט זיך ווידער געפונען צווישן די טונקעלע שאָטנס און דער שטיקנדיקער לופט פון איר חדר. די דומפּיקע וואַרעמקייט פונעם בעטגעוואַנט האָט אויף איר אַרויסגע־שלאָגן האַרבע שווייס־ריחות און אַ ווייטן גרוס פון אַנדערע וואַרעמ־קייטן, וואָס זענען נישט געבוירן געוואָרן פון קיין שווערער איבערבעט־

משא דעמאָלט האָט זיך איר בלוט, צוזאַמען מיט די ווענט, דעם טיש און דער אויסגעבויגענער שראַנק צעשריגן מיט שטילע אָבער וואָרנדיק־וואָרגיקע קולות:

— גיי אַרויס! לויף, כאַפּ אים, דערקען אים! און שריי!!! שריי, אַז עס זאָל אַלעמען לעכערן די פאַרשטאָפּטע אויערן...

— 2 —

דאָס פריילעכקייט פון דער פורימדיקער גאַס האָט מרימען גע־טריבן צום געוועלב, ווי אין צעהוליעטע פלאַמען. זי איז אַרײַן אין קראָם און געשפּירט, אַז הײַנט דאַרף זי זיך באַהאַלטן וואָס טיפער מיט איר בושה. זאָל זי קיינער נישט זען. מען טאָר זיך אַפילו נישט דערמאָנען, אַז זי איז דאָ און אַז זי איז אַרויסגעשטופּט פון דער גאַנצער פרייד וואָס נאָר פולע היימען קענען נאָך הײַנט געניסן. מאָרגן וועט ווידער אַלץ זײַן רעכט און זי וועט קענען זײַן איינע פון אַ סך. דאָס לעצטע רעשטל פון איר קינדישער שטיפערישקייט האָט זיך אָבער געעקשנט און זי פאַרהאַלטן בײַ דער שוועל. ווי אַלע יאָר, האָט זי אויך הײַנט געזען דורך דער אָפענער טיר בייַנישן ווי ער רײַט אויף זײַן געמאַכטן פערד און וויאַזוי נעבן אים שטייט אַ הויכער, אויסגעצויגענער בעטלער. דערנאָך האָט זי געזען, וויאַזוי בייניש רײַט אַוועק און דער שנאָרער לאָזט זיך גיין אין דער גאַס וואָס פירט צו איר קראָם.

זי האָט געזען ווי יענער שפּרײַזט אַלץ נענטער צו איר זײַט און אַלע אירע געדאַנקען האָבן זיך מבולבל געווען פּלאָנטערן. גייט ער אָהער? וואָס וויל ער פון איר? אַנשטאָט דעם נײַגעריקן אומרו האָט זיך באַלד אויפגעוועקט אין איר אַ פּחד. זי האָט אים שוין געזען נישט־ווײַט פון דער טיר און עס איז איר אײַנגעפאַלן, אַז זי מוז אַרײַן אינעווייניק, באַ־האַלטן זיך. מען וועט זען, וויאַזוי זי איז געשטאַנען אין דער טיר ווען ער איז פאַרבײַ און מען וועט נאָך זאָגן אַז דאָס האָט זי אים אַליין אַרײַנ־גערופן. עס קען אויך זײַן אַז אירע בליקן זאָלן אים אָפּשטעלן, אים מאַכן טראַכטן אַז זי וואַרט אויף אים — בעת ער אײַלט זיך אין נגידישע הײַזער און צו איר וויל ער אַפילו די האַנט נישט אויסשטרעקן. האָט זי

זיך געוואָרפן מיט אייפער צו די פּאַליצעס, איבערגעלייגט די זאַכן פון איין אָרט צום אַנדערן און גענישטערט נאָך עפּעס, וואָס זי אַליין האָט נישט געוווּסט.

דער פרעמדער איז אַרײַן מיט ווייכע טריט, גלײַך ווי ער וואָלט זי געזוכט צו איבערראַשן. זי האָט אָבער געהערט מיטן האַרץ ווען ער האָט באַטרעטן די שוועל און ווען ער האָט גענומען אַרײַנגיין ווײַטער, נישט פרעגנדיק בײַ איר. די שלייפן האָבן געפּאָכט בײַ איר און די האָר האָבן פאַר דערוואַרטונג געפלאַטערט מיט ווייטיק, בעת נאָר דער שכל האָט זי געזוכט צו באַרויִקן: עס איז גאָרנישט... מען דאַרף אים נאָר געבן אַ נדבה... אפשר אויך אַ שטיקל פריש פּוטער־געבעקס. ער וועט דער־נאָך אַרויסגיין און זי וועט ווידער בלײַבן אַליין וואָס איז דאָ פאַראַן צו ירידעווען? נאָר ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים איז שוין יענער געזעסן אויף אַ בענקל, גאָרנישט מעשה־שנאָרער און זיך היימיש אַרום־געקוקט איבערן געוועלבל. מיט זײַנע פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער אויס־געטאַפּט יעדע פּאַליצע, איטלעכן חפץ... אויך זי אַליין האָט ער חוצפּה־דיק אַרומגענומען מיט זײַנע צוויי שטיקער שפּאָט, וואָס האָבן אים אַרויס־געגלאַנצט פון הינטערן שטערן. ער האָט געשוויגן און אירע הענט האָבן דערווײַל גענומען ציטערן, אָנטאַפּן דווקא דאָס, וואָס זי האָט באַין אופן איצט נישט געדאַרפט זוכן...

ער האָט זיך קענטיק נישט געאײַלט. מסתמא איז אים שוין נמאס געוואָרן דאָס גיין איבער די הײַזער. וויל ער, זיך אַליין צולהכעיס, דערלויבן אין מיטן אַ פּורים־טאָג צו זעצן זיך אויף אַ בענקל, שווײַגן און צוזען ווי אַזוי אירע צוויי הענט וואַרפן זיך פון צעדרודערונג. מער איז קיינער נישט געווען אין קראָם. מרים אַליין האָט געוווּסט, אַז די ווײַבער האָבן נאָך נעכטן אַלץ אָנגעגרייט און אַז הײַנט וועט זיך קוים אַרײַנוואַרפן אַ לעבעדיק נפש. זי איז געקומען אַהער, ווײַל זי האָט געוואָלט זיצן נאָענט פון קהלס מאַרק און זען וואָס עס טוט זיך. איצט האָט איר פּלוצים באַנג געטאָן וואָס קיינער איז נישטאָ מיט איר, אויסער אים. זי האָט שטאַרק מורא באַקומען פאַר זײַן שווײַגן און פון דער צווייטער זײַט האָט זיך איר געוואָלט צומאַכן די אויסערלעכע טיר, אַז קיינער זאָל טאַקע מער נישט אַרײַנקומען. פון יענעמס בגדים און האַסטיקן אַרײַנקום שמעקט

מיט אַ ווײַטן סוד, וואָס ער האָט זיכער געברענגט נאָר פאַר איר אַליין. טאָר קיין לעבעדיקער נפש אים דאָ נישט זען, נישט שטערן כל זמן ער זיצט דאָ...

די טונקעלע שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן. דער פרעמדער האָט מסתמא דאָ געפירט אַ וויכוח מיט זיך אַליין און ער האָט אים אָקערשט געענדיקט. ער האָט זיך בהרחבה׳דיק אויסגעקנאַקט די פינגער פון די בלאַסע הענט, אַ זיפץ געטאָן און אַ רעד געטאָן אויפן קול:

— איז עס, הייסט עס, טאַקע אַזוי...

מרימען איז מער נישט מעגלעך געווען אָנצוהאַלטן די שטילקייט. זי האָט דעם פרעמדן געפרעגט פון וואַנען ער קומט, וואָס ער דאַרף... דער פרעמדער איז פון איר קול איבערראַשט געוואָרן. אַ רויטקייט האָט גענומען אויסשלאָגן איבער זײַן בלייכן פּנים, אויף וועלכן אַפילו די שוואַרצע גע־דיכטעניש האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אָבער ווײַטער געקלאָמערט אין זײַן קילער געלאַסנקייט. פון וואַנען זאָל ער קומען? פון דער ווײַטער וועלט. וואָס ער וויל? ער דאַרף דאָ אײַנקויפן אַ פּאָר קלייניקייטן, איידער ער לאָזט זיך ווײַטער וואַנדערן. קוקט ער זיך טאַקע אום, בכדי צו זען, וואָס אַזוינס זי האָט אַלץ אין דער קראָם. זאָל זי אים טאַקע זאָגן, וועלכע סחורות אירע קענען האַלטן לאַנג אין וועג, ליגנדיק אין אַ זעקל... ער האָט אַ שוואַך האַרץ לא עליכם, דאַרף ער האָבן מיט זיך זיסע זאַכן און אַלעמאָל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. עס איז בײַ איר מסתמא נישט טײַער. וויפל פּאַרדינט זי אַזאַ שטייגער אין אַ היטל צוקער? וויפל פדיונט זי אַ טאָג? וויפל שטעלט זיך איר אָפּ אַ וואָך פון אַלע אירע מסחרים?

דער פרעמדער האָט נישט דרייסט און פון דעסטוועגן חוצפּהדיק געציילט יעדעס וואָרט. נאָך איידער זי האָט אים באַוויזן אַרײַנצופּאַלן אין די רייד האָט ער זיך צעוויגט, צעפלאַמט... ער האָט אַרויסגעוויזן שטאַרקן חשק צו הערן וועגן אירע עסקים, גלײַך ווי זיי וואָלטן געווען זײַנע אייגענע. מרים האָט אַזש געהאַט קיין צײַט זיך צו וווּנדערן, פאַרוואָס ער ווייסט אַזויפיל שאלות צו פרעגן מיט אַזאַ באַהאַלטענער קענטשאַפט, וואָס אַן אַרײַנקומער אויף עטלעכע מינוט קען זיי גאַרנישט שטעלן. ער האָט זיך צעוואָרעמט, נישט געלאָזט ענטפערן און זי באַשאָטן

מיט ווערטער גלײַך ווי ער וואָלט שוין יאָרן־לאַנג געוואַרט צו זיצן אַ מינוט קעגן איר און רעדן, טענהן אָן אויפהער... אין קיין וואָרט האָט ער איר נישט דערציילט, פאַרוואָס ער פרעגט. ער האָט געפאָרשט אירע סחורה, געדרייט זיך אַרום אירע עסקים און מער גאָרנישט. קען זײַן, אַז אים איז געגנוג געווען דאָס בלויזע רעדן צו איר. באַהאַלט ער זײַנע כוונות הינטער די דאָזיקע דיבורים וואָס מיינען גאָרנישט און ווילן גאָר־נישט דערגיין? ער שמועסט, געווינט צײַט ביז זײַן אויג וועט שוין דערזען קלאָר, דאָס וואָס ער דאַרף אייגנטלעך וויסן. שפּעטער וועט ער באַשליסן וואָס ווײַטער צו טאָן...

מרים האָט דערפילט אַז דער פרעמדער וועט זיך דאָ נישט אָפּשטעלן בײַם היטל צוקער און בײַ די זיסע מאָנדלעך, וואָס ער וויל קויפן. זי האָט זיך נאָר אויפגעהערט צו שרעקן מיט יענער זיסער שרעק פון פריִער. קיין נאָנט און פאַרטרויליך געפיל האָט זי נישט אַרומגעכאַפּט. אַדרבא, ער האָט צו איר אַריבערגעוואָרפן אַזאַ ביטער געפיל וואָס דאַרף זי בייז מאַכן, טרײַבן אים... דאָך האָט זיך בײַ איר אויפגעבונדן די צונג און זי האָט אָנגעהויבן צו שפּירן אַ סך ווערטער, וואָס זי דאַרף דאָ זאָגן. ווי עפּעס אַ כשוף וואָלט זי באַפאַלן — האָט זי זיך פרײַ צערעדט, אָנגעהויבן מיט די געוויינטלעכע טענות, וואָס האָבן צו טאָן נאָר מיט די געפרעגטע שאלות. בלויז דאָס האַרץ האָט זיי געלענקט צו יענעם וויי־געשריי, וואָס זי האָט שוין לאַנג געזוכט אַרויסצובריינגען פאַר איינעם פון די משונהדיקע וואַנדערער, וואָס פאַלט אַריין קיין ליסע:

— ניין, זי שטעלט זיך נישט קיין גרויסע פאַרדינסטן. וואָס דאַרף זי דען אַרײַנרײַסן די וועלט? פאַר וועמען? אַן עגונה וואָס פּינצטערט אָפּ איר לעבן אַליין, דאַרף נישט קיין סך און האָט נישט צוליב־וואָס צו שינדן די הויט בײַ די קונים. אַ סך מאָל האָט זי דעם ריווח גאָרנישט אין זינען און זי פאַרקויפט די סחורה פאַרן קרן...

דער פרעמדער האָט אויסגעהערט. געקוקט אויף איר, געוואָלט זיך וווּנדערן פאַרוואָס אַזאַ היפּשע אשה האָט געקענט פאַרלאָזט ווערן פון מאַן. ער האָט געוואָלט מאַכן, אַזויווי זײַן פּנים און די אויגן זענען אײַ־בערראַשט. ער האָט עס אָבער נישט געקענט. יעדער תנועה זײַנע האָט אויסגעזאָגט, אַז דאָס אַלץ וואָס זי דערציילט — איז פאַר אים קיין נײַעס

נישט. ער ווייסט אַלצדינג, ער ווייסט! נאָר ווען זי האָט זיך צעזיפצט, פאַרטרויערט געוואָרן פון די אייגענע ווערטער — האָט אין זײַנע אויגן אויפגעפלאַקערט אַזאַ מין שײַן, פאַר וועלכער זי האָט געמוזט אויפהערן צו קלאָגן. מרים האָט נישט געוווסט אויב דאָס איז געווען אַ פֿײַערל פון נצחון, פון ווייטיק, פון קנאה אָדער פון נקמה. זי האָט בלויז געזען, אַז ער איז איצט זייער ווײַט פון איר. עס וועקט זיך בײַ אים גאָרנישט אַזוינס וואָס זאָל האָבן מיטגעפיל. קיין גרייטקייט איר צו העלפן — אויך ווען ער זאָל עס קענען. פון זײַן אויג פֿײַערט אַרויס די גלוסטונג, זי נאָך מער אַרײַנצופלעכטן אין דער צעטומלעניש; דערבײַ איז ער גאָר שטאַרק צו־פרידן פון אירע רייד און האַרץ־אויסגיסעניש... איבער זײַן פנים רינט אַזאַ מין הנאה, וואָס בלעזלט אים אָן דעם בליק — פונקט ווי ער וואָלט דאָ באותה הרגע שכור געוואָרן. זי האָט געוואָלט אָפּהאַקן, כאַפּן אַ מינוט דעם געדאַנק, וואָס ווײַטער צו זאָגן; וויסן דעם מיין, וואָס ווינקט צו איר אַרויס פון זײַן אויג... ער האָט אָבער בגוואַלט אַרויסגעצויגן פון איר אַלע ווערטער, אַפילו די וואָס זי האָט אין דער לעצטער מינוט געוואָלט אויסבאַהאַלטן. ערשט ווען ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס געהערטע איז גענוג, האָט ער זי פאַרשעריש אָנגעקוקט:

— האָט איר טאַקע פון אים קיינמאָל גאָרנישט געהערט? קיין גרוס נישט באַקומען?

זי האָט די שאלה נישט פאַרשטאַנען. וואָס הייסט? ווען זי הערט, וואָלט זי דאָך געהאַט אַ פאַדעם ווו צו זוכן... ניין, זי האָט קיינמאָל פון אים נישט געהאַט קיין סימן פון לעבן. אַדרבאַ, זאָל דער פרעמדער זאָגן וויאַזוי מען קען דאָס דערגיין? אפשר ווייסט ער פון איר פאַרלוי־רענעם מאַן? יאַקאָב האָט ער געהייסן... זאָל זי אים זאָגן ווײַטערדיקע סימנים?

דער פרעמדער האָט זיך אַ הויב געטאָן, אויסגעצויגן זיך אין זײַן גאַנצער, דינער הויך. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָ פאַרמעסט ער זיך צו גיין אין מלחמה מיט עמעצן, צו דערלאַנגען קלעפּ אָדער זיי צו באַקומען. זײַן פנים האָט פון איין זײַט באַקומען דעם קנייטש פון ביטערער פריי־לעכקייט, ווי ער וואָלט דאָ געהערט אַ זאַך צום לאַכן. פון דער צווייטער זײַט האָט עס אָבער ווײַטער אָנגעהאַלטן דעם קרומען שניט אויף די

מויל־עקן, וואָס קומט פון אַ באַליידיקונג. מרים האָט זיך דערשראָקן פאַר זײַן אויפשטייַן, פאַר זײַן רוקן זיך צו איר נענטער און נענטער. אין זײַן פרעמדן אויסקוק האָט זיך געגומען אַרויסשטעלן אַזאַ מין גאָר־גאָר באַ־קאַנטס, אַ שוין־לאַנג געזעענס, וואָס זי קען זיך אויפן אָרט נישט דער־מאָנען, ווען און ווו. אַפילו אַן אָפּשטויסנדיק געפיל האָט זיך גענומען רוקן אויף איר, צוזאַמען מיט דער אומזיכערער באַקאַנטקייט. האָט זיך איר געוואָלט אָפּרוקן, אַרויסלויפן איבער דער שוועל און שרייַען, רופן מענטשן... נאָר איר שוואַכקייט, צוזאַמען מיטן לאַנגן וואַרטן אויף אַזאַ מין ענלעכער מינוט האָט זי אָפּגעהאַלטן. איז זי געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און צוגעזען ווי ער, דער גרויסער, דער האַריקער און קיל־צעיאָכ־מערטער לאָזט זיך צו איר, שטייט שוין נעבן איר און זײַן פרעמד־באַ־קאַנטער אָטעם צישעט גיפטיק אין איר אַרײַן:

— אַזוי? טאַקע קיינמאָל נישט געהערט?... אַ גרוס ווילט איר?... פון אײַער מאַן? איר וואַרט אַזוי... נו, גוט... איך האָב אײַך אים געברענגט!

וואָס נאָך ער האָט איר געוואָלט זאָגן אָדער אפשר געזאָגט איז זי נישט מסוגל געווען צו פאַרשטיין. זי האָט גאָרנישט מער געזען אויסער אַ פּאָר פרעמדע אויגן און אַ פּנים וואָס איז איר אַזוי באַקאַנט און אַזוי שטרענג, אַזוי אויסגעהונגערט־מילד און אַזוי חיהש־צאַרנדיק... אַזוי זעט זיכער אויס אַ לעמפּערט אָדער אַ טיגער ווען ער וואַרט צו־לאַנג אויף זײַן פאַרציקונג.

— 3 —

דערנאָך האָט זיך מרים דערמאָנט אַ סך פּרטים פון דער ערשטער באַגעגעניש. ווען האָט זי אים דערקענט? זי האָט עס נישט געוווּסט. די גאַנצע צײַט פון זײַן רעדן האָט זי נאָר געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז עפּעס טראָגט ער פאַר איר. עס קען זײַן אַ הילף און עס קען אויך זײַן אַ בייזע בשורה. ער אַליין איז פאַר איר געווען אַזוי פרעמד, ווי דער סוד וואָס ער האָט געברענגט אײַנגעהילט אין זײַן כאַלאַט עס האָט זיך איר אַפילו אויסגעוויזן, אַז דאָ פאַר איר וועט ער גאָרנישט זאָגן ערשט נאָך זײַן

אוועקגיין וועט עפּעס צוריקבלייבן פון אים, וואָס וועט איר אַלץ איבער־געבן. דער גאַנצער סוד זיינער, צוזאַמען מיט איר אויפגעפלאַנטערטן אָדער פאַרחתמעטן גורל, וועט בלייבן ליגן אויפן טיש אָדער ער וועט זיין אונ־טערגעוואָרפן ביי דער טיר פון קראָם. פון זיינע רייד אָדער שווייגן האָט זי מער גאָרנישט דערוואַרט. זי האָט נאָך געוווּסט, אין מיטן נעפּל, אַז דער סוד טאָר נישט בלייבן אויפגעדעקט פאַר איר אַליין און קיין עדות זאָל נישט קענען מיטוויסן. אירע הענט האָבן מיט בלינדן גורל־באַפעל אוועקגעשטעלט אַ פלעשעלע טינט אויפן טיש צוזאַמען מיט אַ פאַר־שניצטער פעדער, נעבן דעם אָרט ווו ער איז פריִער געזעסן. זאָל עס בלייבן איינגעקריצט, פאַרצייכנט...

אין יענע מינוטן האָט זי גאָרנישט געזען אין אים, וואָס זאָל זי דערמאָנען אין דעם יינגלעריש־פאַרשווונדענעם יאַקאָב. ערשט ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין צו איר מיט האַס און באַגער, האָט זי דערזען אַזעלכעס וואָס פריִער האָבן אירע אויגן נישט דערכאַפּט. ווען ער האָט געזאָגט אַז ע ר האָט דעם גרוס אויף וועלכן זי וואַרט — האָט זיין קול זיך פאַרטעמפּט, געוואָרן הארב און זיך אוועקגעטראָגן אין אַנדערע צייטן אַריין. זי האָט זיך שפּעטער דערמאָנט, אַז די ע ג ו נ ה אין איר איז ווייטער געבליבן ניכטערן. איר גוף האָט שוין געוואַרט ער זאָל אַוועק, בעת איר עגונהשער ווילן האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין האַנט מיט אויפגערעגטן געבעט:

— שרייבט.. אוי, שרייבט־אויף ווו איר האָט אים געזען

וואָס אַזוינס ער דאַרף אויפשרייבן געגנוי האָט זי נישט געוווּסט. אין איר מח האָבן זיך בלויז אויפגעהיטן אַ סך מעשהס וועגן עגונות, וועלכע האָבן שיעור געהאַט זייער ישועה; נאָר זיי האָבן דערנאָך ניש געדענקט די געגנויע ווערטער וואָס זיי האָבן געהערט... עס האָבן זיך שפּעטער אָנגעהויבן שטאַרקע חקירות ודרישות ביי די דיינים און זיי זענען צעטומלט געוואָרן. האָט זי אים נאָר אָנגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, געבעטן זיך געפּאָ־דערט, געדראָט מיט די זעלבע צוויי ווערטער:

— שרייבט אויף!

פון איר באַרירונג איז דאָס שפּאָטיקע גלענצל אין זיין אויג ווייכער געוואָרן, צוגעלאָזענער אויפן אָרט פון דער בייז־לוסטיקער גערייצטקייט

האָט זיך דאָרט באַוויזן אַ וואַרעמע הכנעה; אַ פֿאַרלוירנקייט וואָס האָט איר ווידער געבראַכט אַ באַקאַנטן עקל, וועלכער איז שוין אַזוי ווײַט געהאַט אַוועק פֿון איר... דאָס נמאסקייט איז אַזוי אייגן־איבערגעלעבט געווען, אַזוי ווי אַ בת־קול פֿון אַנדערע צײַטן, אין וועלכע זי האָט געלעבט און געדענקט זיי נישט. צו ווען האָט זי אַזוינס געפֿילט? זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דער דאָזיקער אומווילן איז צו איר שטענדיק געקומען, ווען זי האָט געהאַט נאָענט פֿון זיך אַזאַ מין נישט־געשפּירטן ריח, וועלכן זי האָט איצט ווידער אַרויסגעשמעקט פֿון דער לופֿט. אייגנטלעך האָט זי קיינמאָל נישט געוווּסט, אויב דער ריח עקזיסטירט טאַקע אָדער איר חוש באַשאַפֿט אים אין אַזעלכע רגעס. אויך דער ספק האָט דאָ גע־לעבט מיטן זעלבן אומגעוויטיקטן ווייטיק. נעבן ווען האָט זי געהאַט די דאָזיקע פֿײַן, פֿון אַליין נישט וויסן פֿאַרוואָס? פֿון זײַן גאַנץ אויסזען, פֿון זײַן פּנים, פֿון דער באָרד — וועלכע זי האָט זיכער געזען דאָס ערשטע מאָל — איז געקומען דער אומגעריכטער ענטפֿער. ווײַ, ווי ער האָט עס אין געציילט הרף־עינס איבערגענומען דעם היניטיש־באַגערנדיקן און דעם פֿאַרבענקט־אונטערטעניקן בליק פֿון יענעם, דעם ווײַטן און פֿאַרלוירענעם!... נאָר איר האַנט האָט זיך ווײַטער גע־קראַמפּט אין אים. זי האָט דורך די פֿינגער אירע געוווּסט אַז ער ציטערט, אַז ער פֿאַרלירט דעם זין אונטער דעם וואַרעם־גלאַטיקן רויש פֿון איר הויט. ער האָט שוין אַפֿילו אויסגעשטרעקט די צווייטע האַנט בכדי אָנצו־נעמען די פֿעדער...

נאָר דערנאָך איז געשען אַזוינס, וואָס האָט זי נידערגעשלאָגן, אַוועק־גענומען פֿון איר די פֿאַרצווייפֿלטע זיכערקייט אין זיך. דער פֿרעמדער און האַלב־דערקענטער איז צעקראָכן געוואָרן פֿון איר נאָענטקייט. ער איז ווייך געוואָרן, בעטלדיק זיך געקורטשעט אונטער איר בליק — אַזויווי ער וואָלט גאָר דאָ געווען דער אומגליקלעכער, וואָס וואַרט אויף דערלייזונג און נישט זי. אין איין רגע איז ער אָבער אי־בערגעאַנדערשט געוואָרן. ער האָט זיך אײַנגעבויגן נאָך נענטער צו איר, געזוכט זיך נאָך מער אָנצושכורן מיט איר וואַרעמקייט דורך אַלע גלידער. נאָר זײַנע נאָזלעכער האָבן זיך פּלוצים צעשפּרייט, בייז געוואָרן און ברוגז. זי האָט נישט געדענקט וויאַזוי, נאָר זי האָט געוווּסט, אַז פֿון זײַן איבערגעטוישטן בליק זענען אירע פֿינ־

גער שלאַבעריק געוואָרן, נאָכלאָזנדיק. קען זײַן אַז זי האָט שוין געפּילט, וואָס ער קען דאָ זאָגן נאָך אַזאַ אַרײַנאָטעמען. עס איז איר אַפילו אַ שאָד געוואָרן, וואָס ער קען ווערן אַזוי בייז אויף איר... דער פרעמדער האָט זיך באותה הרגע אַ ריס געטאָן, אַרויסגעשלעפּט די האַנט און זי אַ וואָרף געטאָן אין אַ זײַט מיטן גאַנצן כח...

ער איז אָפּגעשפּרונגען פון טיש, אַ שאַר געטאָן מיטן אַרבל די געגנדזענע פעדער ווי אַ טמאדיקע זאַך, וואָס מען טאָר נישט רירן מיט קיין פינגער — און זײַנע אויגן האָבן שנאהדיק געגלאָצט אויף איר, אָנגעזאָגט אַ נישט־גוטקייט און אַ פּחד פאַר דער ס כ נ ה וואָס קומט פון איר זײַט. זי האָט זיך נאָך אַלץ געאַמפּערט מיט אים אין דער ליידיקייט, אָנגעוויזן אויף דער אָוועקגעקוילערטער פעדער און איבערגעחזרט מיט אַ שוואַך־געוואָרענער קאַטעגאָרישקייט:

— ש ר ײַ ב ט...

ער איז שוין אָבער אַרויס לגמרי פון איר מאַכט. פון זײַן נײַעם אָנבליק האָט זי אים שוין ווידער נישט אָנגעהויבן צו דערקענען. זײַנע אויגן זענען שוין געווען בייז, האַרב און געפּרוּװירן. נו, י ע נ ע ר האָט אַזעלכע אויגן אין איר נאָנטקייט נישט געהאַט. איז זי ווידער אומזיכער געוואָרן, פאַרלוירן זיך. עס קען זײַן אַז דאָס איז גאָר אַ בייזער לץ, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ חוזק מיט אַ רײַכער עגונה, וואָס האָט זיך צערעדט פאַר אַן אביון און מיינט אַז זי מאַכט אים גליקלעך דערמיט. ס'איז נישט מער ווי אַ פּורימדיק־הפקרדיקע לוסטיקייט פון אַ קבצן איבער אַן עשירותדיקע קרעמערין. ווען זאָל ער עס דען באַווײַזן, אויב נישט הײַנט? דער דאָזיקער געדאַנק האָט זי צוריקגעבראַכט צום גלײַכן שכל. איר מח האָט דערוואַכט און געזוכט אַן אויסוועג. ווען דער אורח זאָל נאָר נעמען די פעדער אין דער האַנט און אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער, וואָלט זי געהאָלפן געוואָרן... זי דאַרף זײַן כ ת ב! זי האָט אַפילו געוואָלט גיין אויסזוכן די עטלעכע בריוולעך וואָס יאַקאָב האָט איר צוגע־שריבן די ערשטע טעג פון איר ברוגז — און פאַרגלײַכן. האָט זי אָבער מורא געהאַט, אַז דער אורח זאָל נישט נעלם ווערן. סײַווי איז זי זיכער געווען אַז זי וועט דערקענען זײַן כתב, ווי נאָר דאָס ערשטע אות וועט זיך באַווײַזן אויפן פּאַפּיר. זי האָט דערפאַר אויסגעשטרעקט צו אים די הענט,

געוואַלט פאַלן אים צו די פיס און דאָך ווײַטער שטיין געבליבן מיט שטאָלץ:

— שרײַבט...

ער אָבער האָט שוין געקוקט אויף דער פעדער מיטן זעלבן עקל ווי אויף איר. דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז שוין געווען גיכער אַ האַרבע וואָרעניש פאַר זיך אַליין, איידער צו איר:

— נו, אסור... נדה!

אַ בושהדיקער פלאַם האָט איר אַ זעץ געטאָן איבערן מח, פאַרגאָסן איר די אויגן... ווי אכזריותדיק דער דאָזיקער פרעמדער איז געבענטשט מיט אַ חוש הריח! זי האָט די איבערראַשונג נאָך אַזויפיל לאַנגע יאָרן נישט געקענט אויסטראָגן מיט רו. די צײַט אירע האָט זיך מיט פלייץ אַ ריס געטאָן. איצט איז זי געווען אומווירדיק, אומריין... די גאַנצע לופט אַרום איר איז געוואָרן אָנגעזאָפּט מיט די שטומע קולות פון שדים און טמאדיקע ברואים, וואָס קלעפּן צו אַ נדהס הענט און איר לײַב. ער פילט עס, ער דערשמעקט עס, ער דערזעט עס... דערפאַר איז ער אַזוי אָנגעברוגזט, אַזוי אָנגעשטויסן מיט כעס: פאַרוואָס האָט זי אים אָנגעריר‏ט? וואָס ווײַזט זי אים דאָ מיט דער האַנט אויף דער פעדער, וועלכע זי האָט נאָר־וואָס געהאַלטן צווישן די פינגער?

עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי פאַלט, זי זינקט אַרײַן אין אַן אָפּגרונט און ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ספּעציעל איבער איר, אַ הויכער און אָפּגעזונדערטער... ער איז באַעוולהט פון איר דאָזיקער געפאַלנקייט און דערפאַר מעג ער טײַטלען אויף איר מיט זײַן שפּאָטישער גאַל:

— נו־אַ, אסור... נדה... נדה! נדה!!!

וואָס האָט זי געקענט טאָן? זי האָט נאָר פאַרמאַכט די אויגן. זאָל זי אים מער נישט זען, נישט אָנזען די פעדער וואָס וואַלגערט זיך בײַם עק פון טיש... זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן פון גאָר ביז דער מאָדנער פאַרשוין וועט אַוועק און זײַנע שאַרפע נאָזלעכער וועלן מער נישט אויסשפּירן איר ווײַבלעכע שאַנד, איר האַרבן אשה־גורל... און ווען זי האָט געעפנט די אויגן איז שוין די קראָם געווען פוסט. זי האָט דײַטלעך געהערט זײַנע אַוועקגייענדיקע טריט און עס האָט זיך איר געוואָלט אויסווײַזן

אַז זי הערט זיי נישט. ערשט די ליידיקייט האָט אויף איר אָנגעשריגן מיט אימה: פאַרוואָס האָט זי אים אָוועקגעלאָזט? פאַרוואָס האָט זי געמיינט, אַז זי דערקענט אים נישט? ווידער האָט זי זיך דערמאָנט אין זײַן גלוס־טיק־הכנעהדיקן בליק, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט דער גאַנצער י אָ ק אָ ב... דאָס האָט ער שטענדיק אויף איר געקוקט אַזוי קריכנדיק־פאַרווייכט, בעת זי האָט אים נישט געלאָזט אויף די אויגן! אָט אַזוי... פונקט ווי דער פון הײַנט, בעת זי האָט אים אָנגעכאַפּט מיט אירע וואַרעמע, גלאַטע פינגער. געוואַלט, פאַרוואָס האָט זי איר געפונענע האָפענונג אַזוי לײַכט און רעזיגנירט אַרויסגעלאָזט?!

איז זי אַרויסגעלאָפן... די סימנים פון זײַנע טריט זענען פאַרווישט געוואָרן. איבער דער גאַס האָבן זיך געוויגט קרענצלעך מיט פריילעכע ייִדן. ווער וועט זיך איצט אומקוקן אויף איר? פון גרויס פּחד האָט זי אָנגע־הויבן צו שרײַען, לויפן און שרײַען — בעת די האָט אַליין געוווסט אַז הײַנט דאַרף מען זײַן משוגע דערויף. פון אַ בית המדרש האָט זיך געטראָגן זינגעוודיקע קולות. מסתמא זיצט דאָרט איר פאָטער אוין און ווייסט פון גאָרנישט. זי איז אָבער אַהין נישט אַרײַן. דאָס געזאַנג האָט זי אָפּגעטריבן. פון יעגעמס ווערטער האָט נאָך געשוועבט איבער איר די נידערגעשלאָגנ־קייט. זי האָט געפיבערט, ווי פון אַ פריש־אַנטדעקטער אומריינקייט איבער זיך. וואָס וועט זײַן, אַז די גאַנצע עדה ייִדן וועט עס דערקענען געגוי ווי יענער איינער? מען וועט זי טרײַבן מיט כעס פון דער שוועל אין אַ הייליקן הויז. מען וועט צו איר שרײַען, רופן זי „חצופה" און דערנאָך וועט שוין קיינער נישט וועלן זיך אָננעמען פאַר איר... און ווער קען איר דען העלפן, אויב נישט די לומדים? זי האָט זיך נאָר געריסן צום רבס בית־דין שטוב. זי טאָר נישט אַרײַנגיין אַהין, אָבער ער מעג. אויב ער וויל, קען ער שטערן די פריילעכקייט בײַ די יום־טובדיקע ייִדן. ער קען אַפילו גוזר זײַן, אַז זיי זאָלן ניכטער ווערן; אַרויסלאָזן זיך אַרומזוכן איר פאַרשעמער און אויסלייזער... וואָס מעג זי דען יאָ אַליין, די זינדיקע אשה אין די טעג פון איר אומריינקייט?

עס מאַכט נישט אויס, וואָס די גבאים מיט דער חברה קדישא זיצט דאָרט איצט; זיי טרינקען געברענטן ווײַן און זינגען „שושנת יעקב" אויפן קול. ר' פײַוויש איז זייער אַ מילדער, אַ גוטער. ער פאַרשטייט אַ

ביטער האַרץ און נישט איינמאָל שוין האָט ער געקרעכצט. ווען ר׳ לייב האָט פאַר אים געגאָסן מיט טרערן. קען זי בלויז אַרײַנפּאַלן אַהין, וואַרפן זיך אויף דער ערד בײַ דער שוועל... זי וועט זיך רײַסן די האָר, אַרויס־ווײַזן אַלע געווייַנען וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן די גאַנצע צײַט פאַר מענטשנס אויגן... איצט איז געקומען די מינוט דערצו! זאָל איר געשריי שפּאַלטן די הימלען, טראָגן זיך איבער דער גאַנצער שטאָט מיט התראה און צער:

— געוואַלט, רבי!... געוואַלט, ראַטעוועט!!!

קאַפּיטל דרײַ

— 1 —

ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ האַנט מיט אַ פּוס איז באַלד געלאָפן זוכן יאַקאָבן. פּורים־שפּילער האָבן אַרויפגעשאַרצט די פּאַפּירענע קרוינען איבער די קעפּ און געקראָכן אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער... חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן אַפילו נישט געוווּסט ווי אַזוי יאַקאָב זעט אויס, זענען מיטגעלאָפן און אויפגעהויבן אַ גרויסן טומל איבערן גאַנצן וועג. אַפילו בייניש דער שומר האָט איבערגעלאָזט דאָס הילצערנע פערד בײַ זײַנס אַ בהור און ער אַליין איז אַרומגעקראָכן זוכן דעם ווידערגעפונענעם. דער גאַנצער טומל איז אָבער געווען אומזיסט יענער איז נישט אַנטלאָפן און זיך לגמרי נישט אויסבאַהאַלטן אין ערגעץ. די ערשטע מענטשן וואָס האָבן אים אָנגעטראָפן בײַם אויסבויג צו די גויישע סעדער, האָט ער נישט געשטעלט קיין באַזונדערן ווידערשטאַנד. ער איז זיך געזעסן רויק אויף איינער פון די שוועלן, געטונקען אַ קיכל אין אַ בלעכן שיסעלע בראָנפן און הנאהדיק עס געזויגן מיט די דינע, פאַרביסענע ליפּן. ווען עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע מחנה מענטשן אַרום אים, האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק און נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן פון אים. ווען האָט ער דען שלעכטס געטאָן? וואָס גייט עס זיי אָן, ווער זײַן ווײַב איז? נאָר אַז זיי האָבן אים אויפגעפאָדערט צו שטיין, האָט ער

זיך געלאָסן אויפגעשטעלט און געוואַרט. עטלעכע שטאַרקע מענער האָבן אים געוואָלט נעמען בײַ די אָרעמס, ער האָט אָבער געגעבן אַ צייכן מען זאָל אים נישט רירן. ער וועט גיין אַליין. האָבן זיי אים צורו געלאָזט. די גרויסע מחנה מענער מיט פרויען זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געוואַרט וואָס ער וועט זאָגן. אַנדערע פון זיי האָבן נישט געקענט אויס־האַלטן און שוין באַצײַטנס כעסדיק אַריבערגעשריגן צו אים. ער האָט זיך דערפון נישט געמאַכט, נישט געהערט גאָרנישט. ער האָט ווײַטער גע־שפּרײַזט מיט בנעימותלעכע טריט און מיט הנאה אַרײַנגענומען אין מויל די לעצטע קרישקעס. ס׳איז נישט געווען אויף אים צו זען דעם מינדסטן סימן פון אויפרעגונג.

איבער נאַכט האָט מען אים תפוס גענומען און אַרײַנגעזעצט צו ביינישן אין הויז אַרײַן. ס׳איז געווען יום טוב און מען האָט אים נישט געקענט פאַרשטערן צוליב איין מענטש. אויסער דעם איז אַ האַלבע שטאָט געווען בגילופין און מען האָט געדאַרפט וואַרטן אויף עדות. איז נאָר גענוג געווען דערווײַל, וואָס מען האַלט אים אין זיכערע הענט. עס איז געווען פאָרויסצוזען, אַז אַלע זקנים פון שטאָט וועלן קומען עדות זאָגן וועגן אים. אויפן צווייטן טאָג, שושן פורים אין דער פרי, האָט מען אים אַרײַנגעפירט אין דער בית־דין־שטוב. קינד און קייט זענען געשטאַנען פאַר די פענצטער, אָנגעשטופּט זיך צום ר׳ב אין שטוב און געוואַרט מיט אומגעדולד בכדי אים צו זען. ווען מען האָט אים אָבער אַרײַנגעפירט, איז בײַ אַ סך אָפּגעקילט געוואָרן דער כעס. טייל האָבן געמוזט צוגיין גאָר נאָענט און זיך שטאַרק אײַנקוקן אין אים, ביז זיי האָבן אים דערקענט. נישט איינער פון זיי האָט געוואָלט אַרויסזאָגן זײַנע ספיקות, נאָר דאָס פאַריאָמערטע פּנים פון מרימען בײַ דער זײַט פון איר פאָטער האָט אַזעלכן צוריקגעהאַלטן.

דער בעל דבר אַליין איז געשטאַנען אַ געלאַסענער, אַ פאַרטראָגענער — ווי נישט אים וואָלט מען דאָ געמיינט. ער האָט נאָר רויִק באַטראַכט דעם עולם וואָס איז דאָ געקומען און זײַן שטערן האָט זיך דערבײַ גע־קנייטשט. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס וויל ער זיך ערשט דערמאָנען וועמען ער זעט דאָ פאַר זיך. די רבנים אַליין האָבן זיך נישט געקענט געבן קיין עצה מיט אים. צוערשט האָבן זיי אויסגעהערט מרימען, כאָטש

זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרויס פאַרטרויען צו איר. אַ פרוי וואָס זיצט אַזויפיל יאָרן אַליין, קען זיך איר אויסדוכטן פאַרשידנס — אין איר גרויסן באַגער באַפרײַט צו ווערן פון איר עלנט. זי האָט אָבער אָנגעגעבן סִימנים אויף זײַן גוף. אויב מען זאָל אים בודק זײַן און עס זאָל זיך אַרויסווײַזן פאַר אמת, איז זי אַ געהאָלפענע. בײַ קיין מאַן, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פון דער פרוּעמד קען מען אַזוינס נישט וויסן. זי האָט דערפאַר געוויינט און געבעטן רחמים מען זאָל זען צו שרײַבן אַ גט, איידער ער וועט נעלם ווערן נאָכאַמאָל. אירע סימנים האָבן זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, אָבער דער ענין פון אשת איש איז נישט אַזוי גרינג אין די אויגן און מען קען אים נישט אַזוי לײַכט מתיר מאַכן. דער דיין פון בית־דין, ר׳ שלמה זלמן, איז געווען אַ גרויסער חריף להחמיר און ער האָט אויך דאָ אַרײַנגעוואָרפן זײַן שאַרפע פײַל פון ספק:

— אַז מען וויל, קען מען טאַקע זאָגן, אַז נאָר אַן אייגן ווײַב קען וויסן אַזעלכע סימנים. מיר ווייסן טאַקע אויך וואויל, אַז דעם הויפּט־איסור וועט דערנאָך טראָגן אויף זיך די אשה אַליין. פאַרוואָסזשע זאָל זי זיך בכיוון אַליין אַרײַנפירן אין גיהנם אַרײַן? איז דאָך זיכער אַז אַ פרוי גיט אַכטונג איידער זי נעמט אַרויס אַ היתר חתונה צו האָבן. דאָך טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער דעה פון אַן אשה ווײַל זי איז לײַכט, בפרט ווען דאָ איז נישט שײַך קיין טביעת עין אָדער אַ דערקענען אים לויט זײַן קול. אָט איז דאָך די אשה אַליין מודה אַז אין די ערשטע מינוטן האָט זי אים לגמרי נישט דערקענט און זי האָט מיט אים געשמועסט ווי מיט אַ פרעמדן מאַנסביל. עס איז אויך צום פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען. זינט זי האָט מיט אים געפירט דעם שטייגער פון מאַן און ווײַב זענען שוין אַוועק אַ סך יאָרן. איבער דער צײַט איז אים אָנגעוואַקסן אַ באָרד און זײַן קול איז געענדערט געוואָרן. איצט איז ער ברייטער און לענגער. זײַן מראה איז לגמרי אַנדערש, ווי דאַן ווען יאַקאָב איז אַנטלאָפן פון ליסע; טאָ ווער וועט צו אונדז קומען און זאָגן, אַז דאָס איז איינער און דער זעלבער? אָט האָבן מיר דאָך אַ סימן, אַז ער האָט זיך פריִער אַרומגעדרייט איבער דער גאַנצער שטאָט און קיינעם איז גאָרנישט אײַנגעפאַלן, לויטן אויסזען, אַז דאָס איז ר׳ לייבס איידעם? והשנית, קען דאָך גאָר געמאָלט זײַן, אַז זי האָט זיך דאָ מיט דעם מאַן

שטילערהייט צונויפגערעדט, בעת ער איז געווען בײַ איר אין קראַם. זי האָט אים געקענט צוזאָגן אַ סכום געלט, וואָס פֿאַר אַ הײַזער־גייער איז זי זייער גרויס; בשכר זה האָט ער איר אַנטפּלעקט אַ פּאָר פֿאַרבאָרגענע סימנים אויף זײַן גוף, וועלכע זי זאָגט איצט אויס פֿאַרן בית־דין... כּל זמן די בעלי דברים שטייען פֿאַרן בית־דין, מעג מען זיי חושד זײַן — ובפֿרט ווען דאָ גייט אין דעם האַרבן עסק פֿון אשת איש און אין דעם אַז עס זאָלן זיך נישט מערן חלילה קיין ממזרים בײַ ייִדן. דאָס בית־דין דאַרף האָבן קלאָרע באַווײַזן און נישט פֿון איר מויל קענען מיר לעבן...

פֿון ר׳ זלמנס ווערטער איז אַלעמען אַדורך אַ פֿראָסט איבערן לײַב. אין דער לופֿט האָבן זיך צעטאַנצט די סכּנות. עס האָט געשמעקט מיט שטראָף, שלאַפֿקייטן און מיתה משונהס פֿאַר די קליינע קינדער. האָבן זיך אַפֿילו אַזעלכע, וואָס זענען זיכער געווען אַז דאָס איז יאַקאָב, צוריקגע־צויגן אין אַ ווינקל אַרײַן. מרים אַליין איז בלאַס געוואָרן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעצונדן מיט צונטערדיקער רויטקייט. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, שרײַען — אָבער די קילע בליקן פֿון די דייגים האָבן זיך פֿאַרשטומט. זי האָט זיך בלויז אַרומגעקוקט מיט בעטנדיקע אויגן איבערן עולם און געוואָלט אַרויסזוכן באַקאַנטע, וואָס האָבן אַמאָל איר מאַן גוט געקענט. זאָלן זיי קומען, זאָלן זיי זיך אײַנקוקן, זאָלן זיי זאָגן... קיינער האָט זיך נישט געטאָן קיין ריר אַלעמען האָט ראַפּטום אַרומגענומען אַ מורא פֿאַר דעם פֿרעמדן שאָטן וואָס זעט אויס אַזוי באַקאַנט און דאָך איז ער ווײַטער אַזוי פֿרעמד. מרים האָט גענומען וויינען, מאַכן ילְלות. קיינער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט צורוקן נענטער צום גיהנום פֿאַר אירעטוועגן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין קומען און גיין. צוליב אויסגערעכנטע סיבות האָט מען אים אַליין דערווײַל קיין סך נישט גע־פֿרעגט. יעדער אייגער פֿון די קומער האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים און כּמעט אַלע זענען די ערשטע מינוט גרייט געווען אויסצושרײַען אַז דאָס איז דער משוגעוואַטער יאַקאָב פֿינער. עס איז אָבער גענוג געווען אַז אַ דיין זאָל אַזעלכן פֿרעגן, אויב ער איז עס גרייט צו זאָגן אויף זיכער; אונטערן עונש פֿון „ואם לא יגיד ונשא עוונו״ — און יענער זאָל דערשראָקן ווערן, נאָכאַמאָל אַ קוק געבן אויפֿן שטייענדיקן און פֿאַרשוויגן ווערן. קיינער איז נישט געווען קיין בעלן צו נעמען אויף זיך אַ קללה פֿון דער

תורה. עס האָבן זיך אַפֿילו געפֿונען עטלעכע שטאַרקע הערצער, וואָס האָבן דערציילט אַלערליי זײַטיקע פּרטים וואָס האָבן געקענט דעם ענין צופֿירן נענטער צו אַ טאָלק. זייערע אַלע זאָגעכצער האָט מען אָבער נישט געקענט מצרף זײַן צו אַנדערע פּרטים, וואָס זענען געניוער — און אַלע צוזאַמען זאָלן זיי איבערוועגן די וואָגשאָלן פֿון היתּר. פֿאַר זיך אַליין האָבן זיי נישט געהאַט קיין גרויסע קראַפֿט. עס האָט נישט אויסגעמאַכט וואָס די דאָזיקע עדות זענען דווקא געווען גאָר־באַגלויבטע ייִדן.

אַזוי, למשל, האָט דערציילט דער אַלטער שמש פֿון ליסער בית־מדרש, אַז פּורים אין דער פֿרי איז דער אורח אַרײַנגעקומען אין מיטן דאַווענען. ער, דער ישיש ר׳ מרדכי סג״ל האָט ליב צו האַלטן אויג אויף יעדן איינעם וואָס קומט אַרײַן; ווער שמועסט נאָך אין די יום־טוב־טעג, ווען עס איז אַ סכּנה אַז איינער זאָל זיך זעצן אויפֿן צווייטנס אָרט און עס זאָלן דערפֿון אַרויסקומען סכסוכים. לויטן מנהג זעצן זיך די אורחי־ופּרחי אויף די הינטערשטע בענק, וואָס געהערן נישט צו קיינעם. דער דאָזיקער אורח האָט זיך אָבער תּיכּף אַרויפֿגעלאָזט צו די אייבערשטע ערטער און זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ בעל־הבתּישן שטענדער. דער שמש האָט אים געוואָלט אַראָפּנעמען פֿון דאָרט, אָבער ער האָט זיך געוועוערט. ער האָט זיך דערבײַ פֿאַרענטפֿערט, אַז דאָס אָרט געהערט צו זײַן שווער, ר׳ לייבן. אין מיטן דאַווענען איז נישט כּדאַי געווען צו מאַכן אַ טומל. עס טרעפֿט זעלטן, אַז אַ קבצן זאָל האָבן חוצפּה צו אַ שמש, וועלכער האַלט די שליסלען פֿון דעם בית המדרש און מען איז אָנגעוויזן אויף זײַן חסד; אויב מען וויל אַ מאָל דאָרט נעכטיקן. דער פֿאַרשוין איז אָבער געווען אַן אויסנאַם און ר׳ מרדכי האָט מיט אים נישט געוואָלט מאַכן קיין מחזקות, בפֿרט ווען דאָס אָרט איז טאַקע געווען ר׳ לייבס... ער וואָלט עס נישט דערציילט פֿאַרן בית דין, נאָר אַז עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ מעשׂה — קומט ער און זאָגט. ער איז גרייט בנקיטת חפֿץ צו באַשטעטיקן, אַז יעדעס וואָרט איז אמת וצדק.

אין מרימס אויגן האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ פֿײַערל פֿון האָפֿענונג. באַלד האָט אָבער ווער מבטל געווען די גאַנצע זאַך מיט אַ ברום: עט... דאָס האָט געדאַרפֿט הייסן, אַז נישט מיט דעם קען מען מאַכן פֿון אַן עגונה אויס אשת איש. אַ גרויסע זאַך צו וויסן, אַז לייבס טאָכטער איז אַן

עגונה? און וואָס שפּילט אַ ראָל ביַי אַ שנאָרער צו וויסן, וועלכער שטענ־
דער ס׳געהערט צו ר׳ לייבן? שוין איינמאָל אַ באַוויַיז; אַ צווייטער איז
געקומען און עדות געזאָגט אַז דער פרעמדער האָט אויף אים געקוקט,
אַזוי ווי נאָר אַ גאָר־באַקאַנטער קען קוקן. טאָ ווער קען עס זיַין, אויב
נישט זיַין אַמאָליקער חבר יאַקאָב ביַי וועמען ער האָט געטאַנצט אויף דער
חתונה? און אַ דריטער האָט אַליין געזען, וויאַזוי דער פרעמדער האָט
נאָכגעקוקט אַ ליסער גביר מיט שפּאָטישע בליקן. ער האָט דערביַי צוגע־
געבן אַז דער זעלבער גביר איז אַמאָל געווען אַ משרת ביַי אַ היַינטיקן
קבצן, וויאַזוישע קען ער עס וויסן, אויב ער איז נישט קיין געבורטיקער
אין ליסע?

די דאָזיקע גביית עדותן האָבן נאָר צוגעגעבן קליינע ברעקלעך און
מען האָט פון זיי גאָרנישט געקענט צונויפשטעלן. האָט די עגונה געמוזט
אַראָפּלאָזן איר קאָפּ אין טרויער. דאָס בית דין האָט געמוזט אָפּלייגן די
חקירה ודרישה אויף מאָרגן. אַ שליח איז דערוויַיל אַוועק צו בייבישן אין
שטוב אַריַין און מען האָט אים באַפוילן וואָס ער דאַרף טאָן, בכדי מברר
צו זיַין די זאַך ווי עס געהער צו זיַין.

— 2 —

עס זענען דערנאָך אַוועק עטלעכע טעג פון גרויסער פּיַין און האָפע־
נונג פאַר מרימען. טיילמאָל האָט זי שוין געמיינט, אַז אָט־באַלד ווערט
זי באַפריַיט פון אירע שטריק, אַזוי איז עס געווען בעת בייביש האָט
אונטערגעשטעלט זיַינס אַ גוטן ברודער, ער זאָל זיך לאָזן תפוס נעמען
אויף אַ נאַכט און אַרויסבאַקומען ביַים פרעמדן זיַין סוד. דערנאָך האָט
זיך יענער געשטעלט פאַרן דין און דערציילט אַזעלכעס, וואָס האָט אַרויס־
געבערענגט אַפילו דאָס בית דין פון די כלים. מען האָט געמעגט גלויבן דעם
עדות, וויַיל ער האָט דערביַי איבערגעגעבן אַזעלכע פרטים וואָס האָבן אים
אַליין געקענט מבייש זיַין ברבים. ער האָט עס אָבער געטאָן, וויַיל ער
האָט אויף זיך גענומען דעם עונש, אויב ער וועט נישט דערציילן דעם
גאַנצן אמת. האָט ער מעיד געווען:

דער פרעמדער האָט זיך אין דער תפיסה צוגעלאָזט צו אים. ס׳איז

נישט קיין ווונדער. אַ מענטש זיצט איינער אַליין און דאָס האַרץ איז אים פול, פאַרוואָס זאָל ער נישט רעדן? האָט ער תיכף אַ זאָג געגעבן צום עדות: איך קען דיך... נאָך בײַם דאַווענען אין בית המדרש האָב איך דיך באַמערקט. דו ביזט לייב יערטשיוועד! דער זעלבער לייב האָט אָבער יענעם נישט דערקענט. אויסער דעם האָט ער פון אים געוואָלט הערן ווײַ־טערדיקע רייד און דערפאַר האָט ער זיך געמאַכט נישט גלויבן אין דעם וואָס יענער זאָגט. וויאַזוי קען ער אים, אַז ער איז איבערהויפּט נישט קיין היגער? דאָס האָט שוין אַרײַנגעברענגט דעם אורח אין אַ כעס:

— וואָס? ד ו האָסט אויך ספיקות אין מיר? אויב אַזוי, וועל איך דיר געבן סימנים צוליב וועלכע דו וועסט מיר מוזן גלויבן...

ער האָט דערבײַ לייבן דערמאָנט, וויאַזוי ער האָט איינמאָל געבאָרגט בײַ זײַן שווער אַ מעסערל און דערמיט אָפּגעגאָלט דעם קאָרק בײַ יאַ־קאָבן... דערנאָך האָט ער אים דערמאָנט, וויאַזוי זיי זענען איינמאָל ביידע געווען אויף אַ חתונה. זיי זענען שוין ביידע געווען חתנים און געהאַלטן וואָך־נאַכט בײַם חתן. וואָס זיי האָבן דאַמאָלסט געטאָן? זיי האָבן געשפּילט אין קוויטלעך. נאָר לייב האָט יענע נאַכט געשקרנט און אויסגענאַרט בײַ יאַקאָבן אַ גאַנצן טיט מיט געלט, וואָס ער האָט אײַנגעג־שטעלט אין שפּיל. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָט ער פאַר לייבן אויס־דערציילט אַ סך באַהאַלטענע פּרטים צווישן אים און מרימען. אַן אײַזער־נעם זכרון האָט ער! בכדי לייבן צו מאַכן גלויבן, אַז ער איז טאַקע מרימס אמתער מאַן האָט ער אים נאָך דערמאָנט:

— דו געדענקסט? מיר זענען אַמאָל געזעסן צוזאַמען אין איין שטוב מיט מײַן כלה מרים און מיר האָבן זיך געסאַרווערט עסן. דאַן האָסטו מיך ספּעציעל אַרויסגענאַרט צו דער אַנדערער טיר, ווײַל דו האָסט גע־וואָלט בלײַבן מיט מײַן כלה ווען איך וועל נישט זײַן דערבײַ...

די אַלע זאַכן זענען אמת געווען. ערשט דערנאָך האָט זיך לייב אײַנ־געקוקט אין דעם פרעמדנס פּרצוף און אויך ער האָט אים דערקענט. איז ער עס געקומען זאָגן פאַרן בית דין. נאָך אים האָבן זיך שוין געפונען נאָך עטלעכע. יעדער פון זיי האָט דערציילט וויאַזוי דער פרעמדער האָט פאַר אים געגעבן סימנים פון פאַרגאַנגענע צײַטן, וואָס זענען וואַרהאַפּטיק גע־ווען. די אַלע זאַכן האָבן אָבער נאָר באַוויזן, אַז דער פרעמדער קען אַלעמען

און ער ווייסט וואָס מיט יעדן איינעם האָט אַמאָל פּאַסירט. ער ווייסט אַפילו אַלצדינג וואָס עמעצער האָט אַמאָל געשמועסט אָדער געטאָן מיט מרימס מאַן, ווען יענער האָט זיך געפונען אין ליסע. קיינער האָט אָבער נישט געקענט אָנווײַזן מיט וואָס ע ר האָט דערקענט דעם פרעמדן אָן וואָקלעניש, נאָך איידער דער פרעמדער האָט די דערקענטעניש אַרויסגע־רופן אין זיי מיט זײַנע רייד. וואָס קענען דען אַזעלכע סימנים באַווײַזן? עס האָט זיך נאָר געדאַרפט אָפּזוכן אַזאַ מין מענטש, וואָס זאָל האָבן חשק צו שפּילן די ראָל פון מרימס מאַן. אַזעלכער האָט געקענט הערן פון אַ רײַכער עגונה, וואָס וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן אַ הון רב פאַר אַ גט. דאָס וואָלט געגוג געווען, ער זאָל מאַכן אַלע באַמיִונגען. ער האָט דערפאַר געקענט ביסלעכווײַז אויפזאַמלען אַלע ידיעות וועגן איר מאַנס לעבן, מיט וועמען ער האָט געהאַט מחזקות און אויף וועלכן אופן. דערנאָך איז אים שוין לײַכט געווען צו קומען און יעדן איינעם אָנגעבן אמתע סימנים, וואָס זאָלן אָבער נישט באַווײַזן אַז ער איז עס טאַקע.

גאַנצע טעג האָט מען פאַרהערט די עדות, געפּרווט זייערע רייד לויט אַלע דינים און פאַרגלײַכט זיי צו די פּסקים פון פאַרצײַטנס, עס איז אָבער דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען, דער איסור אויף איר איז גע־בליבן אין דער גאַאַנצער שטאַרקייט. בית דין האָט געמוזט אָפּלייגן דאָס שרײַבן אַ גט — הגם עס האָבן זיך געגומען מערן די פאַלן, ווען מענטשן האָבן זיך איבערלייגט און געקומען זאָגן אויף זיכער אַז זיי דערקענען אים סײַווי. מען האָט נאָר באַשלאָסן אַוועקצושיקן אַ שליח מיוחד אין שטעטל פּ י ן. דער שליח האָט געדאַרפט אַרויסרופן מרימס שוויגער, אַז זי זאָל זיך קומען שטעלן פאַרן ליסער בית דין, אָנקוקן אים און זאָגן וואָס זי ווייסט. עס האָט געדויערט ביז ער האָט געברענגט יאַקאָבס מוטער. איבער דער צײַט האָבן די שטאָטס־לײַט געהאַלטן אין איין פירן וויכוחים איבער אים. מען האָט זיך געוועט אין סכומים געלט פאַר אָרעמעלײַט און עס האָט גאָר קיין סוף נישט געגומען צו די שפּאַרענישן; צווישן די וואָס זענען זיכער געווען אין אים מיט די וואָס האָבן אים פאַרלייקנט. ביני לביני האָט ליסע געהאַט געגוג נײַעס. מען האָט דערציילט, אַז ווען דער שליח בית דין איז געקומען צו יאַקאָבס מוטער און איר געזאָגט וועגן וואָס עס גייט, האָט זי פאַרלוירן דאָס לשון פון איבערראַשונג. עס איז עפּעס אַ

קלײניקײט ? געפֿינען איר יאַקאָבן ! זי האָט איבערגעלאָזט די שטוב, דעם מאַן מיט די קינדער און תּיכּף אַװעק מיטן שליח. זי האָט נישט גע־לאָזט אָפּשטעלן זיך אין אַ קרעטשמע נאָר רק געאײַלט. זי װיל טרעפֿן איר יאַקאָבן, האָט זי געזאָגט, נאָך אײדער מען פֿאַרטרײַבט אים אױפֿסנײַ אין די הרי חושך. בײַ איר איז באַלד אין פֿין קײן ספֿק נישט געװען, אַז דאָס איז ע ר און נישט קײן צװײטער . . .

אַ פּאָר טריט פֿאַרן בית־דין־שטיבל איז זי שלאַבעריק געװאָרן און חלשותדיק געשלעפּט די שװער־געװאָרענע פֿיס. נאָך פֿאַר דער שװעל האָט זי אױסגעבראָכן אין אַ גרױס געשרײ : יאַקאָבל ! נאָך פֿון דער װײַטנס האָט זי זיך אַ װאָרף געטאָן, גרײט צום פֿאַלן אים אױפֿן האַלדז און קושן, גלעטן, אַזױװי ער װאָלט נאָך געװען דאָס זעלבע קינד פֿון אַמאָליקע צײַטן. ערשט װען זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און אַרײַנגעקוקט אין יעדן פּינטעלע פֿון זײַן צורה — איז זי בלאַס געװאָרן. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען אַ הױך־באַװאָקסענער ייִד שטײַף און קאַלט. ער האָט געלאָזט די דאָזיקע ייִדענע צוקומען גאָר נאָענט, אײַנקוקן זיך אין אים — װי אין אַ טױטער זאַך, װאָס מען דאַרף גאָרנישט פֿרעגן און עס דאַרף זי גאָרנישט אָנגײן. די מוטער האָט פּלוצים אַראָפּגעלאָזט די הענט און אױסגעשריגן נישט מיט איר קול :

— די אױגן ! ! ! דאָס זענען נישט יאַקאָבס אױגן ! . . .

דאָס בית דין האָט זי געהײסן באַרויִקן, אַרײַנטראַכטן גענױ, װאָס זי האָט צו זאָגן װעגן איר זון. זי האָט זיך אָנגעהױבן דערמאָנען װעלכע צײַכנס ער האָט אַלץ אױף זײַן גוף. דאָס מינדסטע שפּרענקעלע האָט זי אַרױסגערופֿן פֿון זכרון. די שמשים פֿון בית דין האָבן אים װידער אַרײַנ־גענומען אין אַ צװײטן חדר, אױסגעטאַפּט דאָס מינדסטע נעגעלע און דערזען אַז די סימנים זענען אַזױװי גענױע. איצט האָט בית דין געזען, אַז דאָ איז די זאַך ערנסט. אָבער די מוטער אַלײן האָט שױן דערבײַ פֿאַר־לױרן איר פֿריִערדיקן אימפּעט און די פֿרײַערדיקע בענקשאַפֿט צו איר זון. זי האָט אים געדענקט, װיאַזױ ער פֿלעגט שטענדיק קוקן אױף איר מיט אַ פּאָר שװאַרץ־בריִענדיקע, װילד אומצופֿרידענע אױגן װאָס האָבן אַלעמאָל געריסן שטיקער. דערפֿאַר אָבער האָבן צו איר איצט געקוקט אַ פּאָר מידע, גלײַכגילטיקע אױגן װאָס זענען גאָר העל און מען זעט נישט, אַז זײ

זאָלן אַמאָל האָבן געהאַט אַ לעבעדיקן גלאַנץ אין זיך. איז עס טאַקע איר יאַקאָב? פאַרוואָס טוען זײַנע אויגן נישט קיין ציטער ווען עס דערנענ־טערט זיך צו אים אַ פרוי, וועלכע דאַרף זײַן יענע מוטער זײַנע, וואָס ער האָט אַזוי בייז און צעטראָגן ליב געהאַט? און פאַרוואָס פאַלן זײַנע אויגן אַרײַן אין דעם העל־גרינעם קאָליר, בעת בײַ יאַקאָבן האָבן זיי גע־ברענט ווי פעך?

די דיינים האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן בײַ איר די זעלבע שאלה און זי האָט זיך כסדר געטומלט אויפן זעלבן אופן:

— ס'איז יאַקאָב... דאָס גאַנצע געשטעל, די הענט, דער אויסגע־בויגענער פינגער... נאָר די אויגן זענען זיכער נישט זײַנע. אַזעלכע אויגן האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט!

די שאַרפסטע מוחות האָבן זיך מיט אַזאַ עדות־זאָגן נישט געקענט געבן קיין עצה. וויפל זיי זאָלן נישט גלויבן אין קיין אויסטערלישקייטן, זײַבן זיי קיין יסוד פאַר קיין פסק דין נישט געהאַט. ממה נפשך, איז עס יאַקאָב — האָט ער געדאַרפט האָבן די זעלבע אויגן; איז עס נישט ער, טאָ וויאַזוי קומען צו אים די סימנים פון יענעם? האָט מען אַפילו אַרויס־גערופן עטלעכע רופאים צום בית דין און מען האָט זיי געפרעגט שאלות אין חכמת הרפואה. ראשית, צי בלײַבט אַ מענטש שטענדיק מיט די זעלבע אויגן וואָס ער האָט געהאַט בײַ זײַן געבוירן? און בכלל זאָלן זיי זאָגן, אויב מענטשלעכע אויגן קענען ענדערן זייער אויסזען און קאָליר. וויבאַלד יאָ, זאָלן זיי זאָגן פאַרן בית דין וויאַזוי דאָס קומט און צוליב וועלכע סיבות...

אונטער די האַרבסטע פאַרהערן האָבן די ליסער רופאים מודה געווען, אַז די אויגן פון אַ מענטש קענען זיך מיט דער צײַט ענדערן, ביז אַ מצב וואָס מען דערקענט זיי נישט. די סיבות דערצו קענען זײַן, ווען דער מענטש מאַכט אַדורך אַ שווערע קראַנקייט אָדער ווען ער מאַטערט זיך שטאַרק און וואַנדערט צופיל. דערמיט איז זייער עדות זאָגן געווען געענדיקט. דערנאָך האָט יאַקאָבס מוטער געמוזט דערציילן וואָס פאַר אַ שלאַפקייטן ער האָט שוין אַלץ קליינערהייט מיטגעמאַכט. ער אַליין האָט באַזונדער געמוזט דערציילן פאַרן בית דין, וויפל מאָל ער איז קראַנק געווען אויפן וועג און ווו ער האָט שוין אַלץ אויסגעוואַנדערט. מחמת דעם איז אויך

קלאָר געוואָרן פאַרוואָס אַזויפיל ליסער יידן האָבן אים נישט דערקענט. וויבאַלד אַז די מעשה מיט זײַנע אויגן האָט מער נישט געקענט זײַן קיין מניעה, האָבן זייער אַ סך עדות מיט אַ לײַכטער האַרץ זיך געשטעלט פאַרן טיש פון די רבנים און פאַרזיכערט אַז זיי דערקענען אים. איז נאָר געבליבן די איינציקע זאַך פון אויספאָרשן גענויער דעם בעל דבר גופא.

די שווערסטע אַרבעט איז טאַקע געווען מיט אים אַליין. לכתחילה האָט עס אויסגעזען, אַז פון זײַן זײַט וועט מען קיין מניעות נישט האָבן. פון די פריִערדיקע עדות האָט מען געוווסט, אַז אים גייט אין לעבן מען זאָל אים דערקענען. ער האָט מיט יעדן איינעם פאַרפירט שמועסן און אָנגעגעבן אַלערליי סימנים. ער איז אַלעמאָל שטאַרק אויפגעקאָכט גע־וואָרן, ווען עמעצער האָט אים נישט געוואָלט גלויבן און ער האָט זיך באַמיט אויפצווויַיזן באותות ומופתים אַז ער איז יאַקאָב. עס איז פשוט קשה געווען, פאַרוואָס ער וויל עס באַווײַזן מיט אַזאַ אייפער. דאָס בית דין האָט טאַקע צוליב דעם געהאַט אַלערליי חשדים און דערפאַר געוואָלט אַרויסציִען די עיקרדיקע באַווײַזן פון אַנדערע עדות. ערשט ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן אויף זיכער, אַז דאָס איז יאַקאָב און זיי האָבן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן צוגרייטן דעם גט, האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע שוועריקייטן. ווי נאָר מען האָט אים געשטעלט די פראַגע, אויב ער איז יעקב בר׳ יהודה לייב און דער שטיפזון פון ר׳ נח פינער, האָט ער דער־קלערט מיט אַ קלאָרער און פעסטער שטים:

— ניין, איך בין עס נישט...

אַ ציטער איז אַדורך איבער קהלס לײַבער:

— וואָס הייסט? ער לייקנט גאָר?

דער רב אַליין האָט געמוזט אײַנשטילן די צעהיצטע געמיטער. ער גופא האָט זיך פריִער געווענדעט צום אורח מיט גוטן:

— צי ווייסטו, אַז די אשה מרת מרים בת ר׳ יהודה לייב זיצט שוין לאַנגע יאָרן וויסט און עלנט? צו איר צער איז גאָר קיין גרענעץ נישטאָ און פאַר איר אומזיסטער פײַן און פינצטער לעבן וועט קומען אַ האַרבע שטראָף, סײַ אויף דער וועלט און סײַ אויף דער קומענדיקער. פאַרוואָס זשע זאָלסטו פאַרלירן דײַנעביידע וועלטן און איר גורם זײַן אַזאַ גרויסן צער? קענסטו איר דאָך בעסער געבן אַ גט און איך וועל דיר אַרויסגעבן

אַ כתב, אַז דו האָסט ביום פלוני געגט דײַן אשה פלונית בת ר׳ פלוני. אויך דו װעסט אַזוי אַרום קענען נעמען אַ װײַב און דו װעסט זיך אויפ־שטעלן אַ בית בישראל... דו װילסט עס דען נישט? טאָ זײַ זיך מודה!

דער אורח האָט זיך אַפילו נישט געטאָן קיין באַװעג:

— רבי, זי איז מיר פרעמד... איך קען זי אַפילו נישט...

דער רב איז נישט נתפעל געװאָרן:

— זײַ װיסן אַז די גאַנצע עדה האָט דיך דערקענט לויט די סימנים אויף דײַן פּנים און לויט דײַנע רייד, װאָס דו אַליין האָסט גערעדט צו זיי. אויך דײַן אשה האָט געגעבן סימנים אויף דײַן לײַב און די פרוי װאָס שטייט פאַר דיר און איז דײַן מוטער האָט דיך דערקענט מיט סימנים מובהקים, װאָס קיינער קען נישט לייקענען. על פּי דין זענען מיר מחויב זיי צו גלויבן און מיר װעלן דיך דעריבער האַלטן תפוס, כל זמן דו װעסט זיך נישט געבן צו דערקענען. מיר האָבן דערויף דעם רשות פון מלכות און אויך פון די װאָס קיניגן, דאָס מיינט מען די רבנים. מיר קענען דיך האַלטן אײַנגעשלאָסן װי לאַנג עס װעט אונדז נאָר אויפקומען אויף דער דעה. דערמיט װעסטו זיך אַליין ערגער מאַכן און דערבײַ װעסטו אויך פאַרשאַלטן זײַן אויף דער אייביקער װעלט. האָסטו נאָך איצט אַ ברירה אויסצוקלײַבן װאָס דו װילסט. מיר זענען גרייט אויסצוהערן װאָס פאַר אַ תביעות דו האָסט צו דײַן אשה מרים בת ר׳ לייב. אויב זיי װעלן זײַן גערעכט לויטן דין פון דער תורה, װעט דיר דאָס רעשט פון ישראל נישט טאָן קיין עװלות און נישט רעדן קיין ליגנט. דו שטייסט איצט פאַרן בית דין און זיי װעלן אויפמאָנען װאָס דיר קומט, סײַ װען עס גייט דאָ אין אַ דין פון אַ פּרוטה, װעלן מיר זיך אָפּגעבן דערצו, אַזוי װי עס װאָלט זיך גע־האַנדלט אין הונדערט רענדלעך. דו דאַרפסט זיך נאָר מודה זײַן אין דעם װאָס עס איז אמת — און דער װאָס איז א בוחן כליות ולב װעט זײַן מיט אונדז בײַם אַרויסטראָגן אַ משפט...

דער פרעמדער האָט אַ װענד געטאָן זײַנע אויגן צו מרימען װעלכע איז געשטאַנען אין אַ זײַט און אירע אויגן האָבן אויסגעזען װי לאָגלען מיט טרערן. עס האָט אויסגעזען אַז ער װערט װייכער פון רבס רייד און פון איר אומגליקלעך אויסזען. דאָס האָט נאָר געדויערט געציילטע רגעס. זײַן פּנים איז דערנאָך אָנגעלאָפן מיט בלויעם צאָרן. זײַן קול איז װידער

געוואָרן האַרט און שטרענג. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט אין מרימס זײַט אַרײַן און הויך גענומען טענהן:

— דער צער פון דער דאָזיקער אשה איז טאַקע זייער גרויס, אָבער איך קען איר קיין גט נישט געבן. סײַ ווי קען מײַן גט זי נישט מתיר מאַכן צו דער וועלט, ווײַל איך בין אַ געבוירענער אין פּרעמיסלע. איך האָב דאָרט אַ ווײַב און די גרעסטע רבנים פון יענער געגנט קענען דערויף עדות זאָגן. איך הייס יעקב קאַפּהאָן און עס איז דערפאַר נישט מעגלעך, אַז איך זאָל מכשיל זײַן אַ פרעמדן מאַן, וואָס וועט קומען חתונה האָבן מיט דער אשת איש מרים בת ר׳ לייב... וואָס טויגן דאָ די רייד?

אין חדר איז זייער שטיל געוואָרן. אַלע האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם פון גרויס צערודערונג. דערנאָך האָט זיך געהערט דער ערשטער געשריי. דאָס האָט זיך יאַקאָבס מוטער אַ ריס געטאָן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער פרעמדער האָט איצט אַ רעד געטאָן מיטן קול פון איר זון... ער האָט אויסגעשטרעקט י ע נ ע מ ס הענט און אַרויסגעברענגט די ווערטער מיט יאַקאָבס ליפּן און מיט יאַקאָבס אַלע תנועות. אַפילו די אויפגערודערטקייט זײַנע געהערט צו איר זון. דאָס האָט ער נאָר באַוויזן אַז יענער, איר זיכערער זון, איז אין דעמס רשות און מאַכט. אָט וועט ער אים באַלד גאָר נעמען, אײַנשליסן אין זיך און אַוועקטראָגן אים ווי אַ גזלן צוריק אין דער פאַרלוירנקייט אַרײַן. זי דאַרף נאָר שווײַגן עטלעכע מינוט און דאָס שרעקלעכסטע וועט געשען. אָט האָט שוין זײַן פּנים ווידער אָנגענומען יענע אומבאַקאַנטע גרימאַסע און פון זײַן בליק קוקן ווידער אַרויס יענע פרעמדע, אויסגעלאָשענע אויגן וואָס זי קען לגמרי נישט... זי האָט זיך צוגעריסן צו אים, אָנגעכאַפּט זײַן האַנט מיטן אויסגעבויגענעם פינגער וואָס זי האָט אַזוי גוט געקענט און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס רעדט זי גיכער צו דער היימישער האַנט איידער צו דעם ווידער קאַלט־געוואָרענעם, פרעמדן פּנים:

— יאַקאָב... יאַקאָבל... דו וועסט נישט אַוועקגיין... ניין!

איר קלאַמערן זיך האָט אַ טרייסל געטאָן עטלעכע עדות, וואָס זענען אָנגעלאָפן אויף אים מיט געבײַלטע פויסטן. ר׳ לייב שמש האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן און מיט זיכערקייט אים גענומען פאַרשן:

— האָסטו מיר דען אַליין נישט דערמאָנט, וויאַזוי דו ביזט געוועזן

אויף מײַן שאַץ־מאָל צוזאַמען מיט דײַן כלה מרים ? דו האָסט דאָך מיר אַפילו נאָכאַמאָל דערציילט וואָס מיר האָבן ביידע דאָן געשמועסט...

דער סופר פון בית דין האָט פאַרשריבן יעדעס וואָרט. דער פרעמדער האָט אין זײַן שווײַגן אַ שמייכל געטאָן. עס האָט אויסגעזען, אַז ער דערמאָנט זיך ווידער אין יענע צײַטן, ווען עס איז אַזוי מחיהדיק־שיין געווען. מער איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. דעם גרעסטן צאָרן האָט אָבער אַרויסגעוויזן לייב יערטשיוועך. ער האָט שוין סײַ ווי געהאַט חטאים קעגן קהל. דאַרף מען נאָך גלויבן דעם פרעמדן, אַז ער איז נישט מרימס מאַן. דאָס וועט באַווײַזן אַז ער, לייב יערטשיוועך האָט פאַלש עדות געזאָגט פאַרן בית דין. וויאַזוי וועט ער זיך שפּעטער ווײַזן פאַר מענטשן ? ער האָט זיך דערפאַר צוגעריסן צום שמייכלענדיקן אָרעמאַן, פון גרויס האַסט אַוועקגעשטויסן יאַקאָבס מוטער און אים אָנגעכאַפּט בײַם אויבערקלייד :

— האָסטו מיר אַליין דערציילט אַז דו ביזט יאַקאָב פינער און מרימס מאַן ? יאָ אָדער נישט ?

דער פרעמדער האָט געשאָקלט דעם קאָפּ מיט הסכמה. לייב האָט זיך צעקאָכט און גענומען פרעגן מיט נאָך אַ העכער קול :

— האָסטו מיך דערמאָנט, וויאַזוי איך האָב בײַ דיר צוגענומען געלט בײַם שקרן אין די קוויטלעך ?

דער אַרומגערינגלטער האָט עס שטום באַשטעטיקט. לייבס קול האָט שוין איצט געדונערט איבער אים :

— האָסטו מיך דערמאָנט וויאַזוי איך האָב דיך אַרויסגענאַרט פון דײַן כלהס חדר דורך דער הינטערטיר ? זאָלסט שוין זאָגן !

דעם פרעמדנס פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ צאָרנדיקער רויטקייט. זײַנע אויגן האָבן גענומען זוכן מרימען, וואָס איז פאַרשטעלט געוואָרן דורך דער גאַנצער מחנה צעכעס׳טע יידן. עס האָט אויסגעזען, אַז פאַרן ענטפערן וויל ער נאָך עפּעס אַרויסלייענען פון איר אָנבליק, וואָס נאָר ער און זי ווייסן. ווען דאָס איז אים נישט געלונגען — האָט זיך זײַן אויג אָנגענומען מיט פיבער, בייז געוואָרן. מען האָט געקענט מיינען אַז ער גרייט זיך דאָ אַלעמען צו הרגענען, די גאַנצע שטוב איבערצוקערן. ער האָט אָבער גאָרנישט געטאָן. בלויז זײַן קול איז געוואָרן גרעבער, מוראדיק־צעוויייטיקט און דראָענדיק :

יאָ... אמת!

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. לייב יערטשיוועך האָט מנצח געווען. ער האָט זיך דערפילט אויף אַ מאָל ווי דער הויפּט־עדות פון דער גאַנצער דין תורה. דער גאַנצער ענין איז שוין געוואָרן זײַנס אַ פּער׳זענלעכער, פון וועלכן ער טאָר נישט אָפּטרעטן. דאָ איז שוין נישט געשטאַנען קיין הילפלאָזע עגונה, וועלכע ער האָט אַמאָל ליב געהאַט, וואָס וואַרט אויף אַ גט בכדי צו קענען נעמען אַ צווייטן מאַן. דאָ איז אויך מער נישט געשטאַנען פאַר זײַנע אויגן אַ דער־שלאָגענע מאַמע, וואָס איז געקומען זען איר פאַרלוירענעם זון... דער עיקר שטייט דאָ ער, דער גבורהדיקער לייב — און ווײַטער קיינער נישט. דער מענטש האָט אים שיעור באַרויבט פון זײַן נאמנות בײַ קהל — און דערפאַר מוז ער זיך דאָ עוסקן מער ווי אַנדערע. ער מוז פון אים אַרויסבאַקומען אַזוינס, וואָס זאָל אים פאַרדינט מאַכן בײַ גאַנץ ליסע. ער קען זיך דאָ לײַכט אײַנקויפן אַ מצווה, פאַר וועלכער גאַנץ עולם הבא איז צו ווייניק. ער האָט דערפאַר גענומען טרייסלען דעם פרעמדן מיט כוח׳דיקן ירגזון!

— אויב אַזוי, וועסטו שוין געבן אַ גט נאָך הײַנט!

יענער האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן. לייבס אָנכאַפּן אים האָט צוגע־דריקט זײַן ברוסט און בײַ אים געפּרעסט דעם אָטעם. אַ שוים האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן אויף זײַן הינטערשטער ליפּ און זײַנע בלייכע הענט האָבן זיך אויסגעקרומט, זיך אַ הויב געטאָן אין דער הויך... קיינער האָט נישט געזען, אויב ער האָט טאַקע אַ קלאַפּ געגעבן לייבן אָדער נישט. מען האָט נאָר געזען ווי גופים האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, געפאַלן איינס איבערן אַנדערן און אַרייַנגעדרייט געוואָרן. איבערן פרעמדן זענען שוין געלעגן עטלעכע גופים. הענט האָבן אים געהאַלטן בײַ די אָרעמס, בײַ די פיס. עס האָבן זיך געהערט אָפּהילכן פון קלעפּ און אַ שווער־אָטעמדיק איבערחזרן:

— וועסט געבן אַ גט אָדער נישט? וועסט געבן?

יאַקאָבס מוטער האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: צי דאַרף זי שרײַען פאַרוואָס מען ממיתט דאָ איר זון; אָדער זי דאַרף צופרידן זײַן וואָס מען שלאָגט דאָ אַ פרעמדן, וועלכער טוט אַלעמען עוולות — און אויך אַפילו איר אַליין... אַז דערבײַ וויל דאָך יענער, אַפילו מיטן

שלאָגן, איר טובה און דורך דעם איר צוריקגעבן דעם זון! צום סוף האָט זי באַשלאָסן צו שרײַען, וועקן די איבערגעשראָקענע רבנים, אַז זיי זאָלן נישט דערלאָזן צו דעם. מרים אַליין האָט געגומען ווייַנען, גלײַך ווי מען וואָלט גאָר זי דאָרט געשלאָגן אומגעזעענערהייט. אַ קלאַפּ אויפן טיש און אַ רבניש קול האָט שנעל פונאַנדערגעשיידט די צעהיצטע לײַבער. אַ ווייך, פרום קול האָט געהאַט טענות צו דער לופט, צו עולם בײַ דער זײַט און צו קיינעם נישט:

— ס׳איז נישט קיין יידישער דרך... שלאָגן? שפיכת דמים?

איבערן פרעמדנס אויג און מויל האָבן געפלאָסן רויטע ריטשקעלעך, וואָס האָבן אַראָפּגעטריפט אויפן דיל. זיי האָבן אים צעבלוטיקט די נאָז, דעם שטערן און קינבאַקן. איצט איז אים נאָך שווערער געווען צו דערקענען. אַ דיין האָט פאַרשטאַנען אַז מען מוז דאָ אַ סוף מאַכן צו דעם קריג. אַ טראָפּן יידיש בלוט, ווי געשריגן, האָט אײַנגעגעצט דאָס אָרט פון צדק און תורה! ער האָט דערפאַר גענומען שנעל־שנעל אויספרעגן דעם צעבלוטיקטן אָרעמאַן:

— יעקב בר׳ יהודה לייב! ביזטו גרייט צו געבן גט דײַן אשה מרים בת ר׳ לייב? וועסטו זאָגן פאַר בית דין און עדות, וועלכע תביעות דו האָסט צו איר? ביזטו גרייט אַלצדינג צו טאָן מיט דײַן גוטן ווילן? ביזטו מודה, אַז דאָס ביזטו דער וואָס איז אַמאָל נעלם געוואָרן פון אונדזער קהילה און איבערגעלאָזט די אשה וואָס שטייט פאַר דיר ווי אַן עגונה? ענטפער!

דער פרעמדער האָט אַפילו רעכט נישט געהערט וואָס מען פרעגט אים. ער האָט בלויז מידערהייט אָפּגעענטפערט אויפן קול:

— יאָ...

עס האָט אויסגעזען אַז מער דאַרף מען דאָ גאָרנישט צו האָבן. עפּעס אַ בורר פונעם עק טיש האָט געוואָלט ווײַזן, אַז ער איז דאָ נוצלעך, כאָטש ער האָט די גאַנצע צײַט נישט פוצה פה געווען. ער האָט דעריבער מיט אַ פריילעך און פײַערלעך קול באַפוילן דעם חזן און בית דין שמש ר׳ לייב:

— זאָג דעם סופר, אַז ער זאָל אַרײַנגעבן די גאָליש־טינט מיטן פּאַרמעט...

קיינער האָט זיך מער נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. אין שטוב

איז שווער געווען צו כאַפּן דעם אָטעם פון גרויס שטילקייט. בלויז מרים האָט זיך געכומען רוקן נענטער צום טיש און נאָר די מוטער האָט נאָך העכער גענומען יאָמערן:

— מײַן קינד! זונעלע!

דעם פרעמדנס פּנים איז געווען פאַרקלעפּט מיט שוואַרצע, בלוטיק־צוגעטריקנטע פּאַסקעלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז די אויגן. דאָך האָט זיך דער מוטער ווידער אויסגעוויזן, אַז ער קוקט איצט אויף איר מיט פּײַכטקייט און געבעט. זי וואָלט געגאַנגען שווערן בײַ אַ ספר־תּורה אַז דאָס קוקן אויף איר יאַקאָבס אויגן, די זעלבע ווי אַמאָל.

— 4 —

אויב פריִער האָט זיך נאָך געקענט פאַרגנבענען אַ שטיל ספק בײַ עמעצן, איז ער תּיכּף פאַרשוווּנדן אין דער מינוט, ווען דער פרעמדער האָט מסכּים געווען צו געבן אַ גט. פון זײַן ווײַב מרים האָט ער קיין גרויסע זיבן זאַכן נישט פאַרלאַנגט. ווען מען האָט אים פאָרגעשלאָגן אַ סכום געלט, האָט ער נישט מיט קיין איבעריקער צופרידנקייט מסכּים געווען צו נעמען. דער עיקר האָט ער אָבער פאַרלאַנגט, אַז פאַרן שרײַבן דעם גט זאָל זי אים אָפּגעבן די זאַכן זײַנע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין שטוב. דער שמש פון בית דין האָט געשריבן וואָס דער מאַן האָט דיקטירט פון זכרון און דאָס האָט דער רב צוגעזאָגט אויפצומאָנען בײַ איר, נאָך פאַרן געבן איר די צוועלף שורות. בײַ יעדן חפץ, וואָס ער האָט דערמאָנט, איז מרים געשטאַנען און געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלס צייכן אַז עס איז וואַרהאַפטיק. ער האָט זיך נאָר אַרויסגעוויזן פאַרן אמתן עקשן און איר גאַרנישט געוואָלט שענקען. אַפילו די כלה־מתנות האָט ער פאַרלאַנגט צוריק, כאָטש ער האָט זיי איר געגעבן נאָך חתונה. ער האָט געוויזן באַשײַנפּערלעך, אַז דער זכרון איז נאָך בײַ אים זייער שטאַרק און אַז דער געדאַנק איז בײַ אים קלאָר.

ער האָט בפירוש צוגעגעבן, אַז דאָס וואָס ער פאַרלאַנגט צוריק די מינדסטע זאַך איז נישט קיין סימן פון קאַרגשאַפט, נאָר ווײַל דאָס דער־מאָנט אים אין זײַנע יאָרן אָן זאָרג. די כלה־מתנות ווידער, וויל ער סתם

צוריק האָבן. ער האָט זיי אַמאָל אָפּגענומען בײַ זײַן ערשטער כלה פון ברעסלוי, וואָס האָט אים קיין שום רעה נישט געטאָן. פאַרוואָסזשע זאָל ער זיי איבערלאָזן בײַ אַ מרשעת, וואָס האָט אים קיין איין רויִקע מינוט נישט געשענקט און אים געטריבן ווי אַ הונט ?

ער האָט מיט אַ גענויער פּינקטלעכקייט אויסגערעכנט יעדן חפץ זײַנס, וואָס ער האָט בײַם אַוועקגיין נישט גענומען מיט זיך. פון די כלה־מתנות האָט ער פאַרלאַנגט צוריק די שנור קרעלן. ער האָט אויך געמאָנט צוריק די שיינע לײַכטערלעך אויף ליכט־בענטשן, דאָס שערטיכל און דעם לײַבצודעק. ווען מרים האָט געבראַכט די זאַכן פאַרן בית דין, האָט ער ווײַטער אַרויסגעוויזן זײַן געניטשאַפט. אויפן לײַבצודעק האָט ער אָנגע־געבן אַ סימן, אַז ער האָט געהאַט זעקס זילבערנע קנעפּ. צווישן זיי איז געווען איינער, וואָס איז אַמאָל אַראָפּגעפאַלן און מרים האָט אים געמוזט צונייען מיט אַן אַנדער קאָליר פאָדעם. פאַרוואָס איז ער נישטאָ ? מרים האָט עס מודה געווען — און זי האָט דערציילט די רבנים, אַז זי האָט נישט מער יענעם קנאָפּ, ווײַל זי האָט אים פאַרקויפט. ווען עס איז געקו־מען צו דער בײַטש קרעלן האָט ער זיך אויפסנײַ צעבייזערט : ער האָט איר אַמאָל געקויפט אַ גרויסע שנור און דאָ ברענגט זי אים צוריק ווייני־קער. . . פאַרוואָס זאָל זי אַראָפּגנבענען אַ האַלבע שנור מיט קרעלן ? מרים האָט נישט געהאַט קיין עצה, נאָר מודה צו זײַן אַז זי האָט צו זיי געגלוסט און דערפאַר האָט זי פאַר זיך איבערגעלאָזט אַ היפּש ביסל. דאָס זעלבע דינגעניש איז צוגעגאַנגען אויך מיט די אַנדערע זאַכן זײַנע. נישט אַלע האָט זי שוין געהאַט און דערפאַר האָט זי געברענגט אַנדערע, וואָס זענען געווען ענלעך צו יענע. ער האָט אָבער דערקענט יעדן פאָדעם און איר מתרה געווען, אַז ער וועט זיך נישט צורירן צום גט ; ביז זי וועט אים נישט אַוועקלייגן ממש די זעלבע זאַכן זײַנע, וואָס ער האָט בײַ איר געלאָזט. אַלעמאָל האָט זיך דאָס בית דין געמוזט אַרײַנמישן און בעטן מרימען, אַז זי זאָל גיין אויסזוכן די אמתע זאַכן. דאָס קומט אים און שוין. ערשט ווען זי האָט אַלץ אויסגעפאָלגט ווי עס געהער צו זײַן, האָט ער זיך באַרויִקט.

דאָס האָט געדויערט לאַנגע טעג און קיין עצה איז נישט געווען. זײַן הסכמה צו געבן אַ גט האָט ער שוין לאַנג געגעבן, אָבער עס איז שווער

געוועזן מיט אים צו קומען לידי פּשר, ווײַל ער האָט אַלעמאָל זיך דערמאָנט אַן אַנדער חפץ, וואָס ער האָט געלאָזט אין דער היים און ער האָט עס איר נישט געוואָלט שענקען. דאָס מאָל איז שוין גאַנץ קהל געווען אויף זײַן צד. מענטשן האָבן זיך עס נישט געקענט שענקען: אוווא, וואָס ווײַבער זענען! נישט אומזיסט האָבן די חכמים וועגן זיי געזאָגט אַזעלכע זאַכן. אָט נעמט למשל די דאָזיקע מרים. קיינער וועט נישט זאָגן, אַז זי איז אַ נאַרישע אשה — און ווער געדענקט דען נישט וואָס זי האָט אַלץ אויסגעקלאָגט? זי האָט זיך דאָך שטילערהייט די אויגן אויסגעוויינט! עס איז איר נישט אײַנגעגאַנגען דאָס עסן, דאָס געלט און די שיינע קראָם... וואָס איז זי דען נישט גרייט געווען צו געבן, אַבי דער מאַן זאָל זיך באַווײַזן און זי אויפבינדן דורך דעם שטיקל פּאַרמעט? און אַז גאָט האָט געהאָלפן און ער האָט זיך באַוויזן, האָט זי אויפסנײַ געהאַט גרויסע צרות. גאַנץ קהל האָט זיך געמוזט אײַנשטעלן פאַר איר; די רבנים האָבן זיך אויסגעריסן די העלדזער און מענטשן האָבן צוליב איר עובר געווען אויף דער עבירה פון שופך דם זײַן... דער גאַנצער גורל אירער האָט געהאַנגען אויף אַ האָר און זי האָט אײַנגעריסן אַ וועלט, טײַכן טרערן האָט זי פאַרגאָסן! נאָר אַ ייִדענע בלײַבט פאָרט אַ ייִדענע. ווי נאָר מען איז מיט אים פאַרטיק געוואָרן — האָט זי געמוזט אַרויסווײַזן, אַז זי איז אַ גיריקע סוחרטע. אַפילו בײַ דעם עסק דאַרף זי, מישטיינס געזאָגט, פאַרדינען! ער וויל אָפּ זײַנע קרעלן? גיב אים אָפּ און פאַרטיק! לאָזט איר אָבער נישט דאָס האַרץ; מוז זי אַראָפּלקחענען אַ פּאָר פּאַטשערקעס... וואָס האָבן דען פּאָר אַ ווערט די גאַנצע קרעלן? און דעם ווערט פון צען אַזעלכע בײַטשן האָט זי דען נישט געדאַרפט אים אַנטקעגן־טראָגן בשמחה רבה? גיי מאַך מיט נשים. זיי וויינען ווי די ביבערס און האָבן זייערס אין זינען. אויב דאָס איז איר ווייניק, מוז זי בײַ יעדן חפץ מאַכן די זעלבע קונצן. דאָס איז דאָס לײַב־העמדל זײַנס נישטאָ — און אָט האָט זי גאָר זײַן שבתדיקן חתן־קאַפּטאַן אויסגעביטן אויף אַן אַלפּאַגענעם... ס'איז דען אַ וווּנדער, פאַרוואָס ער האָט איר אָנגעטאָן אַזעלכע צרות? מען קען זיך שוין פאָר־שטעלן, וויאַזוי זי האָט אים געגעבן די וועלט צו זען. ער איז אַזוי אויך איין צדיק אין דער וועלט, אַז ער גט איר נאָך. ער האָט זי געדאַרפט לאָזן אַן עגונה נאָך עטלעכע יאָר. בנאמנות ווי זי איז עס ווערט!

נאָר מרים האָט אויסגעהערט די אַלע רייד און דאָס האַרץ האָט איר געשניטן. וואָס ווייסן מענטשן? און ווען קען זי דען דערציילן, דאָס וואָס זי אַליין וויל נישט מודה זײַן פֿאַרן אייגענעם האַרץ? האָט זי ביסלעכווײַז געברענגט איין חפץ נאָכן אַנדערן. בײַ יעדן איינעם באַזונדער האָט זי געקרעכצט און געזיפֿצט, אַזוי ווי מען וואָלט איר אַ שטיק נשמה אָפּגענומען. זי האָט איבער דער צײַט זיך צוגעוווינט, אַז די אַלע חפֿצים זאָלן הענגען בײַ איר אין שטוב. זיי האָבן איר דערמאָנט אין זייער אַ סך זאַכן וואָס האָבן זי צוריק יונג געמאַכט. איצט איז מיט דעם אָפּגעריסן געוואָרן דער פֿאָדעם צום פֿריִער און עס איז איר אויסגעקומען, אַזוי ווי זי וואָלט פּלוצים געבליבן נאַקעט. אַ סך זאַכן נאָך האָט מרים דערבײַ געקלערט און קיינער האָט עס נישט געטאָרט וויסן.

איבער דער צײַט האָט מען דעם אסיר אַרויסגעלאָזט אויף דער פֿרײַ און ער האָט שוין מער נישט געדאַרפֿט זיצן אײַנגעשפּאַרט בײַ ביינישן. הגם מען האָט נאָך געהאַלטן אויף אים אַ שטיקל שמירה, איז ער פֿאָרט געגאַנגען ווהין ער האָט געוואָלט און געשמועסט מיט וועמען עס האָט זיך אים געגלוסט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטאָט און דער־ציילט אַלערליי מעשהס, וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט. וועגן מרימען איז ער קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו רעדן. קיינער ווייסט נישט ווי גרויס מרשעת זי איז, אַזוי גוט ווי ער. וואָס קען מען דער אויסדערציילן די צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן? אַ שטיין אויפֿן וועג איז אים זיסער געווען, איידער דאָס ווײַסע געלעגער אונטער איין דאַך מיט איר! ס'איז נישט מקנא צו זײַן דעם מאַן, וואָס וועט פֿאַלן אין איר חלק. מענטשן האָבן אים אויסגעהערט, מיטלײַד געהאַט און אַלעמאָל האָט אים עמעץ אַנדערש גערופֿן אַהיים אויף מאָלצײַט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר אַ וואָזשנע דברן און פֿון זײַנע אויסטערלישע דערציילענישן האָט מען פּשוט געלעקט די פֿינגער. ער האָט דערבײַ באַוויזן מיט סימנים וואָס לאָזן זיך אויסוויזן, אַז ער האָט אַלעמאָל געהאַט אַ געפֿיל פֿאַר יושר. איין באַווײַז פֿון זיי האָט אַלעמען אַרויסגעפֿירט פֿון די כלים, ווײַל דער עדות האָט נאָך געלעבט אין ליסע גופֿא.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם ישיבה־בחור בימה לייב בר' סענ־דער. מען האָט יענעם גערעדט אַ שידוך מיט יאַקאָבס שטיפֿשוועסטער

פון דער שטאָט פּין. יאַקאָבן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָ נאַרט מען אָפּ דעם שטילן יונגנמאַן און ער אַליין איז אים געקומען וואָרענען. עס קען טאַקע זײַן אַן אייגענע שוועסטער פון איין מאַמען, אָבער דער חתן מעג וויסן דעם אמת: זי האָט אַ פאַרבאָרגענעם מום... ווען בימה לייב איז געקומען עדות זאָגן דערויף פאַרן בית דין, האָט אים דער פרעמדער אַפילו דערמאָנט די טובה וואָס ער האָט אים דאַן געבעטן. ער האָט געוואָלט, אַז דער בחור זאָל אויפן וועג פון ליסע קיין פּין זיך אָפּשטעלן בײַם דאָר־פישן מילנער. יענער האָט בײַ יאַקאָבן אויסגענאַרט געלט און בימה לייב מעג אים זאָגן אַ פּאָר האַרבע ווערטער, ווי גרויס עס איז דער עונש פון צונעמען בײַ אַ יתום דאָס לעצטע... בימה לייב, וואָס איז שוין אײַנ־צווישן געוואָרן אַ חשובער ייִד אין ליסע, האָט די אַלע זאַכן באַשטעטיקט פאַרן בית דין. אויך דאָס האָט באַוויזן, אַז מען האָט פאַר זיך מרימס מאַן און זי איז אַ נאַר, וואָס זי אַליין שלעפּט אָפּ דעם ענין מיטן גט. איבער דער צײַט רייצט ער זיך אַליין אויף מיט די זכרונות און אויך די שטאָט־לצים גיבן אים צו געדעכט. וואָס וועט זי טאָן, אויב ער וועט זיך ווידער נעמען עקשענען?

אין איינעם פון די ערבֿ־פּסחדיקע טעג האָט מען זיך פאָרט פאַרגלײַכט מיט אים. דער גט איז געשריבן געוואָרן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער ליסער עדה. יאַקאָב האָט איר דערלאַנגט דאָס פאַרמעגט און דאָס בית דין האָט מכריז ומודיע געווען, אַז מהיום והלאה איז די אשה מרים בת ר׳ לייב פון דער קהילה ליסע מותר צו יעדן מענטש, אויסער אַ כהן. דער גט־געבער אַליין האָט תיכף נאָכן גט־געבן פאַרלאָזט דעם רבס הויז. די מוטער, וואָס האָט דערווײַל געמוזט צוריקפאָרן צו איר מאַן, האָט געבעטן אירע קרובים זיי זאָלן אויף אים אַכטונג געבן. פאַר זײַנע נײַע פרײַנט האָט ער זיך אַפילו פאַרטרויט, אַז עס בענקט זיך אים שוין שטאַרק צו זײַן אין אַ שטוב, ווו ער זאָל זיך קענען אויסרוען און ווו ער זאָל פילן דעם טעם פון אַ היים. עס איז דערפאַר בײַ יעדן געווען אַ זיכערע זאַך, אַז פון ליסע וועט ער זיך לאָזן צו דער מוטערס שטאָט. ראשית, איז זי רײַך און עס וועט אים דאָרט גאָרנישט פעלן. שנית, איז זי אַ מאַמע און זי וועט שוין זאָרגן דערפאַר, אַז ער זאָל קריגן אַ זיווג שני מיט מער הצלחה. די מוטער האָט אַ שם פאַר אַ גרויסער בריה און זי וועט שוין באַוואָרענען אַז ער זאָל

מער קיין צרות נישט האָבן פון קיין ווײַב. עס קען גאָר געמאָלט זײַן, אַז דער שטיפפאָטער ר׳ נח זאָל אים באַזאָרגן מיט אַ פּרנסה דערצו. בײַ זײַנע מסחרים קען זיך אַזאַ יונגערמאַן גאָר בכבודיק מפרנס זײַן... טאָ וווּהין קען אַזאַ עלנטער פאַרשווין גיין? אין יעדן פאַל האָט ליסער קהל מיט אים געענדיקט אַלע חשבונות און עס איז מער נישטאָ וואָס צו פאַר־נעמען זיך מיט אים. בלויז איינער, אַ נײַגעריקער ייִד, איז אים נאָכגע־גאַנגען און דווקא געוואָלט זען, וואָס יענער וועט דאָ ווײַטער טאָן. האָט ער געזען, וויאַזוי דער מידער גרוש לאָזט זיך אַראָפּ צום הינטערשטאָטישן בערגל. זײַנע אויגן זענען שטאַרק פאַרטרויערט און ער האַלט אין איין ברומען צו זיך. דעם טשיקאַוון אונטערהערער האָט זיך אַפילו אויסגעוויזן, אַז יענער גיט אַ בײַל די פויסט און אַז ער וואָרטשעט אַרײַן אין דער פאַרנאַכטיקער לופט אַרײַן:

— זי איז נאָך מײַנע נישט פּטור געוואָרן...

היות ווי ער האָט עס אָבער נישט געהערט אויף קלאָר און דערצו האָט זי שוין געהאַט אַלץ אין דער האַנט, האָט עס יענער קיינעם נישט דערציילט. מילא, וואָס אַ פאַרביטערטער מאַן קען זיך אַלץ טראַכטן בשעת מעשה!

— 5 —

מרים אַליין האָט עפּעס נישט אויסגעזען צו זײַן אין גאַנצן צופרידן. פון רב איז זי טאַקע אַרויס אַ צעפלאַמטע, אַ גליקלעכע — ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכער, וואָס האָט נאָר־וואָס באַקומען געשענקט דאָס לעבן. זי איז שטיין געבליבן נעבן קרענצל מענטשן, וועלכע האָבן צו איר געהאַלטן אין איין רעדן און געבן עצות וואָס זי האָט ווײַטער צו טאָן. געניטע בליקן האָבן אָבער געזען, וויאַזוי אירע אויגן קוקן צו דער טיר, וועלכע איר יאָקאָב האָט נאָר־וואָס צוגעמאַכט. עס האָט אויסגעזען, אַז ווען זי שעמט זיך נישט — גייט זי אַרויס און קוקט אים נאָך וווּהין ער גייט. אויך דאָס איז נישט קיין וווּנדער געווען. ס׳איז אַזוי דער שטייגער, אַז דווקא נאָך אַלעמען הויבט מען ערשט אָן אַרײַנקלערן, צי איז מען טאַקע נישט באַגאַנגען קיין פעלער מיט דעם וואָס מען האָט אָפּגעטאָן. אויך צו איר האָט מען נישט געהאַט צופיל געדולד. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט

צו זיך איצט געצויגן .איר פאָטער, דער אַלטער ר׳ לייב. מען האָט אים שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ פריילעכן. ער האָט אויסגעזען ווי שכור און געהאַלטן אין איין רופן די אַרומיקע מענטשן מען זאָל אים ווינטשן מזל טוב... ס׳ווייסט דען עמעץ ווי גליקלעך ער איז אַצינד ?

דער אַלטער פאָטער אירער איז ראַפּטום יונגער געוואָרן מיט אַ היפּש ביסל יאָרן. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט די ידידים זײַנע און הויך אויפן קול דערציילט זײַנע פּלענער אויף שפּעטער. דאַנקען גאָט, וואָס אַזאַ עול איז פון אים אַראָפּ. מיט מרימען האָט ער איצט גאָר קיין דאגות נישט. ער האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף אַ טײַערן יונגנמאַן, אַן אלמן וועלכן ער וועט גאָר בקרוב אַראָפּבר׳ענגען קיין ליסע. יענער וועט שפּרינגען אין דער הויך פאַר גדולה. עס וועט דאַן זײַן גאָר פריילעך. ער זאָגט אַפילו צו אַלע גוטע פרײַנט — אַז אם ירצה השם נאָך פסח, וועט ער פאַרבעטן דעם גאַנצן עולם אויף קידוש. וואָס ? אויב מרים וועט אַ שידוך טאָן ? וו וועט ער זיך אַהינטאָן ? אַ שיינע פראַגע ! וויבאַלד זי וועט זײַן פאַר־זאָרגט, איז ער נאָך אויך אַ לעבעדיקער מענטש. עס וועט זיך פאַר אים אויך עפּעס אויסגעפינען... נאָר נישט געדאגהט !

אַז עס איז אַ שטיקל שמחה, וויל יעדער שטעקן דערין. האָבן זיך דערפאַר אַרײַנגעשטופּט וואָס מער מענטשן און יעדער איינער האָט מיט הנאה געכאַפּט אַ ברעקל פון יענעמס פרייד. ווי גוט עס איז, וואָס מענטשן קריכן אַרויס פון אַן אומגליק ! כאָטש גיי און מאַך אַ ברכה אין מיטן גאַס „ברוך מתיר אסורים"... איז אַפילו קיינעם נישט אײַנגעפאַלן צו כאַפּן אַ בליק וואָס עס איז געשען מיט יאַקאָבן. ער איז אַוועק ? זאָל ער גיין. וועמען גייט עס אָן ? מסתמא איז ער אַרײַן צו איינעם פון זײַנע גוטע ברידער. סײַ ווי האָט שוין קיינער צו אים נישט קיין טענות און ער איז שוין אויס סוד. וואָסזשע וועט מען דען פון אים נאָך הערן פאַר אַ נײַעסן ?

נאָר מער האָט אים שוין קיינער אין שטעטל נישט געזען. אַנשטאָט דעם האָט אַן ערל אויף צומאָרגנס אין דער פרי געברענגט אַ בריוול צום ליסער רב אין וועלכן עס איז מיט אַ צעצויגן כתב געווען געשריבן בזה הלשון :

„לכבוד מורינו הגאון מוהר״ר פײַוויש, אב בית דין דק״ק ליסע

ודגליל... אחר דרישת שלומו הטוב, טו איך אײַך צו וויסן טאָן אַז איך יעקב, דער זון פון מנחם מאַן וואָס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דער הייליקער קהילה פּרעמיסלע און איז דאָרט אָנגערופן געוואָרן מיטן צונאָמען „קאַפּהאַן" האָב נעכטן געגעבן אַ גט לעיני כבודו אן אשת איש מיטן נאָמען מרים בת ר' לייב... נון, ווי עס איז ווויל באַקאַנט האָב איך עס נישט געוואָלט טאָן און איך האָב זיך געהאַלטן אין מײַנע טענות בײַם אמת, אַז זי איז נישט מײַן ווײַב און דערפֿאַר געשיקט זיך נישט, אַז איך זאָל זי אָפּגטן אויפן אָרט פון איר מאַן על ידי חופּה וקידושין. היות ווי מען האָט מיך געשלאָגן און געפּײַניקט, האָב איך מײַן נפש נישט געוואָלט לאָזן אונטער די הענט פון מײַנע פּײַניקער. דערצו האָב איך נישט געוואָלט זיצן תפוס אַזאַ לאַנגע צײַט, בעת די וועטערן זענען שוין לינדער געוואָרן און עס האָט מיך געצויגן ווײַטער צו מאַכן מײַן וועג. דאַרום האָב איך בעל כרחי מסכים געווען אויף דעם אַלעמען וואָס מײַנע באַדריקער האָבן פון מיר פאַרלאַנגט. גם בין איך מודה אַז אין דער לעצטער מינוט האָט מיך דער יצר מפתה געווען און מיך בײַגע־קומען. מײַן האַרץ האָט זיך געצויגן נאָכן סכום געלט און נאָך די חפצים וואָס איך האָב באַקומען פאַרן גט. נאָר ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט האָט מײַן האַרץ מיך געשטראָפט און איך האָב פורכט, אַז צוליב מיר וועט אַ מאַן געשטרויכלט ווערן אינעם האַרבן איסור. לכן טו איך מודיע זײַן מײַנע האַרן, די רבנים און די מורי צדק פון דער קהלה קדושה ליסע, אַז די אשה מרת מרים איז אסור חתונה האָבן צו דער וועלט ביז איך אמתער מאַן יאַקאָב וועט נישט צוריקקומען און זי אויפבינדן פון אירע עגונה־שטריק און אַלס צייכן בין איך געקומען מיט מײַן חתימה אין חודש ניסן פון יאָר ה' אלפים תקכ"ד. יעקב בר' מנחם מאַן, המכונה קאַפּהאַן מק"ק פּרעמיסלע יצ"ו..."

ווען די ידיעה וועגן דאָזיקן בריוו האָט דערגרייכט צו די אויערן פון מענטשן האָט די גאַנצע שטאָט געברומט פון אויפגערודערטקייט. מרים האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געחלשט, זינט די שטאָטלײַט האָבן זי געקענט. ווען מען האָט זי דערמינטערט איז זי אַוועק צום רב און זיך געריסן די האָר פון גרויס צער. עס זענען שוין דאָרט געזעסן די שבעה טובי העיר צוזאַמען מיט אַ סך לומדים און זיך מפלפל געווען. עס זענען

אויך געווען אַזעלכע צווישן זיי וואָס האָבן געוואָלט אויפווײַזן, אַז דער גאַנצער בריוו מיט זײַנע דיבורים זענען בטל ומבוטל. אַלע האָבן אים געזען אַ לעבעדיקן פֿאַר די אויגן בעת ער האָט זיך מודה געווען און בשעת ער האָט געשריבן דעם גט. דערפֿאַר אָבער קומט עמעץ אָפּפֿרעגן דעם גט דורך אַזאַ כתב וואָס קיין שום עדות איז נישטאָ צו באַווײַזן אַז דער גט־געבער אַליין האָט עס געשריבן... און אַפֿילו ווען מען זאָל זיכער זײַן אַז דאָס האָט ער געטאָן, איז נאָך אויך אַ גרויסע פֿראַגע אויב ער קען קומען און מערער זײַן לאחר המעשה; נאָכדעם ווי אַ גאַנץ בית דין האָט מסכים געווען צום גט און צו זײַן חתימה. ער איז ווערט מלקות דערפֿאַר און אַ גרויסן קנס... אַ סך רייד האָט מרים געהאַט דאָרט אויס־צוהערן, אָבער זי האָט דערפֿון נישט געהאַט קיין ישועה. זי ווייסט נישט פֿאַרוואָס — נאָר מען האָט גענומען ערנסט די רייד פֿון בריוו, הגם אײַך ערל האָט אים טך הכל געברענגט.

דערנאָך האָט קהל שנעל געדונגען צוויי געזונטע ערלים און מיט זיי געשיקט צוויי נאמנים פֿון שטאָט. זיי האָבן באַקומען אַ באַפֿעל זיך צו לאָזן איבער דער סביבה, אויסזוכן דעם פֿרעמדן איבער אַלע וועגן און אים ברענגען בכל הכוחות ביז דער בית־דין־שטוב. דאָ וועט ער מוזן אָפּלײ־קענען קודם כל זײַן מחלוקת אויפֿן גט און דערנאָך ערשט וועט ער מוזן נעמען אויף זיך דעם קנס וואָס וועט אויף אים געטאָן ווערן. בית דין וועט נישט דערלאָזן, אַז אײנער אַזעלכער זאָל מצער זײַן אַן אשה אָן רחמנות. די שלוחים האָבן אים אָבער מער נישט געקענט אָנטרעפֿן. די שליאַכן פֿון זײַנע טריט זענען נעלם געוואָרן. עס האָט זיך געמאַכט אַזוי אַז דאָ ווו זיי זענען הײַנט געקומען איז ער נאָך נעכטן געווען און עס איז קיינעם נישט אײַנגעפֿאַלן צו פֿרעגן אַ וואַנדערנדיקן שנאָרער ווהין ער ציט ווײַ־טער. ער האָט פֿון זיך אַליין קיינעם גאָרנישט געזאָגט. בלויז עפּעס אַ פֿאַרדעכטיק קרעטשמערל האָט זיך געשווירן מיט כל השבועות, אַז דער פֿרעמדער האָט נעכטן בײַנאַכט דאָ גענעכטיקט. אַ סימן דערצו איז דאָס, וואָס זײַן פּנים איז דאַר און אויסגעצויגן. זײַן שוואַרצע מראה איז געווען צעקנוידערט און אײַנגעשרומפּן. די האָר פֿון זײַן באָרד זענען געווען צע־פּלאָנטערט אין ווילדע קרײַזעלעך און ער האָט אויסגעזען טרויעריק און דערשלאָגן. ער, דער קרעטשמער האָט פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ געפּלאָג־

טער מאָן און ער האָט אים געוואָלט געבן אַ געלעגער אין שטוב. אַ צער האָט אָנגענומען צו זען, ווי יענעמס אויגן האָבן געטרערט און זײַנע ליפּן זענען בלאַס געווען. דער אורח האָט אָבער אַנדערש נישט געוואָלט, רק ער זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן אין דער הינער־קאַמער. דאָס איז פאַרן בעל־הבית געווען זייער ביטער. עס קומען אַזוי ווייניק ייִדן וואָס שטעלן זיך דאָ אָפּ — און אויך ער וויל אַ מאָל מקיים זײַן די מצווה פון הכנסת אורחים כהלכתה. ער האָט אָבער נאָכגעגעבן און אויך אַרײַנגעבראַנגט אַ פּלעשל יין שרוף, בכדי צו דערקוויקן בײַ יענעם דאָס האַרץ.

דער אורח האָט פרום אַ שלוק געטאָן און דערנאָך מיט אַ געלאַסענעם טאָן אַ פרעג געטאָן, דורך וועלכן וועג עס איז אַמנאָנטסטן צו גיין קיין פּרעמיסלע. מעו־ האָט ער פון אים גאָרנישט געקענט דערגיין — און ער האָט חושד געווען אַז דאָ האָט ער צו טאָן מיט אַ באַהאַלטענעם צדיק, וואָס מען טאָר נישט באַלעסטיקן צופיל מיט רייד. ער האָט יענעם מיטן פינגער אָנגעוויזן דעם וועג און צוריק אַרײַן אין דער אכסניא אַרײַן. פאַר־טאָג האָט ער געהערט טריט און ער איז אַרויסגעאַנגען זען וואָס דאָרטן קומט פאָר. דער פרעמדער איז שוין געווען אין דרויסן און אים בלויז געוויזן מיטן שטעקן, אַז ער זאָל אים נישט נאָכגיין. ער וואָלט געשווירן בײַם הייליקסטן, אַז יענער איז נישט געגאַנגען מיט קיין געוויינטלעכע טריט. ווי נאָר ער האָט אים אַ ווײַז געטאָן מיטן שטעקן האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. מער האָט ער גאָרנישט געזען. ווי ווײַט זײַנע אויערן זענען נישט טויב געווען אינעם שטילן פאַרטאָג, האָט צו אים נאָר דערגרייכט אַ געוואָלטיק הויך לאַכן מיט אַ פול מויל. וויאַזוי אַזאַ פאַר־ווייטער קבצן קען אַזוי הויך און פול לאַכן איז פאַר אים אַ פּלא.

מער האָבן זיי וועגן אים אויפן גאַנצן וועג נישט געקענט דערגיין. זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט דעם וואָס זיי זענען געקומען און עס האָט ווידער נישט געקענט זײַן קיין רייד, אַז מרים זאָל קענען חתונה האָבן ווי זי האָט געפּלאַנט. ר׳ לייב האָט זיך נאָך דעם אַ לאַנגע צײַט נישט געוויזן צום דאַווענען און מען האָט אים געמוזט קומען מבקר חולה זײַן אין זײַן שטוב אַרײַן. מרים האָט זיך אַ שטיק צײַט נישט געוויזן אויף דער גאַס און דאָס ערשטע מאָל זינט לאַנגע צײַטן האָט מען גאַנצע וואָכן געזען מרימס קראָם פאַרמאַכט אויף עטלעכע שלעסער.

צווייטע טייל:

דער ערשטער ברוגז

קאַפּיטל פֿיר

— 1 —

מיט יאָרן צוריק האָט מען אין דער שטאָט פּין געוווּסט, אַז דער קליינער יאַקאָב איז גאָר אַן אויסטערליש יינגל. נאָך דער ערשטער דרדקי־מלמד זײַנער האָט פאַרויסגעזאָגט, אַז מען וועט פון אים האָבן מער צרות ווי נחת; כאָטש קיין ספּעציעל־בייזע זאַכן האָט ער נישט געטאָן. געלערנט האָט ער ווי אַלע קינדער און וואָס ער האָט איינמאָל געהאַט אין קאָפּ, האָט מען אים מער נישט געקענט אַרויסשלאָגן. צו דער עברי איז עס גראד געווען אַ נישקשהדיקע מעלה. דער מלמד האָט זיך בײַ אים נישט געדאַרפט אויסרײַסן דאָס האַרץ מיט די לונגען. דערפאַר אָבער האָט ער געוווּסט אַ סך זאַכן וואָס געוויינטלעכע קינדער אין זײַנע יאָרן האָבן נישט געוווּסט. ער האָט געקענט אויפכאַפּן אַ וואָרט וואָס ער האָט געהערט און עס אויפהיטן אין קאָפּ, ביז ער האָט געהערט נאָך איינס און פון זיי ביידן צונויפשטעלן אַ גאַנצע מעשה. יעדער זאַך האָט ער זיך גענומען צום האַרץ און זײַן זכרון האָט נישט אָפּגעלאָזט די מינדסטע עוולה וואָס אים איז געשען.. ער האָט דאָס געקענט אויסטראָגן אויף יאָרן שפּעטער מיט דער זעלבער פרישקייט ווי אינעם טאָג פון זייער פּאַסירן. ער האָט געקענט טראָגן אַ נישט־איינגעלאָשענע שנאה צו זײַן מלמד, וואָס האָט אים נאָך מיט עטלעכע חדשים פריִער געטאָן אַ שטורך מיטן טײַטל און ער האָט מיט יאָרן שפּעטער געקענט פײַנט האָבן זײַן יונגער שטיפשוועסטערל, ווײַל זי האָט אים קליינערהייט אַרויסגעשטעקט די צונג.

זינט יאַקאָבל האָט זיך אַליין געדענקט, האָט אים נאָכגעיאָגט דאָס

אומגליק. ווען ער האָט נאָך נישט געשטעלט רעכט די ערשטע טריט איז דער פאָטער זײַנען קראַנק געוואָרן. יאַקאָב האָט דערנאָך געדענקט די מינדסטע פּרטים וויאַזוי דער רופא איז איטלעכע מאָל געקומען אין שטוב אַרײַן, געברענגט מיט זיך זאַלבן וואָס האָבן געריסן די נאָז־לעכער און דער פאָטער האָט שפּעטער געמאַכט גרויסע געשרייען. דערנאָך איז דער פאָטער שטיל געוואָרן און מער קיין פּיפּס נישט געלאָזט פון זיך הערן. אַלע אין שטוב האָבן שטאַרק געוויינט און יאַקאָבל האָט נאָכגעטאָן די גרויסע. ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז עס האָט אים אויף אַן אמת ווי געטאָן פאַרוואָס דער פאָטער שרײַט נישט מער. שפּעטער האָט מען אים געפירט אויף אַן אָרט פול מיטביימער, ווו מען האָט ווידער געוויינט און ער האָט געדאַרפט זאָגן קדיש פון אַ סידור אַרויס. יאַקאָבל האָט דאַן פאַרשטאַנען אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע קינדער. אַ שכן מיט גרויסע ברעמען האָט אים געוועקט יעדן פרימאָרגן ווען אַנדערע קינדער זענען נאָך געשלאָפן. דאָס זעלבע איז געווען פאַרנאַכט, ווען אַנדערע האָבן נאָך אַרומגעשטיפט. אויסער דעם האָט ער אַ גאַנץ יאָר זיך געמוזט האַלטן בײַ די דערוואַקסענע ייִדן אין בית המדרש.

עס האָט אים אַלעמאָל פאַרדראָסן, יאַקאָבלען, וואָס ייִנגלעך באַרימען זיך מיט זייערע טאַטעס. ער האָט געוווּסט, אַז ער טאָר זיך נישט באַרימען, ווײַל ער האָט אַליין געזען וויאַזוי מען האָט זײַנעם אַוועקגעטראָגן אויפן הייליקן אָרט און אים באַהאַלטן אין אַ גרוב צווישן געדיכטע ביימער. איינמאָל האָט ער זיך אַפילו אויך געפּרוווט באַרימען מיט זײַן טויטן טאַטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זײַן פאָטער מעג זיך אַרומדרייען איבער די הימלען וויפל ער וויל נאָר אַליין און די אַנדערע קינדערס טאַטעס קענען בלויז האַנדלען מיט ערלים. נישט זיי זענען מלאכים און נישט זיי קענען פליִען אין דער בלויזער לופט. די חברימלעך זײַנע האָבן זיך אָבער מיט אים געררייצט:

— ער איז טאַקע אין הימל, אָבער דו זעסט אים קיינמאָל נישט. ער פאַרהערט דיך נישט דאָס חומש און ער ברענגט דיר קיינמאָל נישט קיין פּײַפּעלע . . .

דאָס האָט יאַקאָבל אַליין געזען. ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט אַרויפשרײַען צום טאַטן אין דער הויך אַז ער זאָל זײַן ווי אַנדערע טאַטעס

און אים עפּעס אַראָפּוואַרפן. ער מוז דאָס האָבן צו ווייזן די יינגלעך. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן און יאַקאָב איז טרויעריק געוואָרן.

די ערשטע טעג נאָכן טאַטנס טויט איז אין שטוב געווען זייער פינצטער. יאַקאָבן האָט זיך אויסגעוויזן אַז עס וועט שוין שטענדיק זיין אַזוי. עס דאַרף אַזוי צו זיין. דעם טאַטנס בעט וועט שטענדיק זיין ליידיק און אַלע וועלן אַרומגיין מיט אויסגעצויגענע, פאַרוויינטע פּנימער. עס איז אים אַפילו גוט געווען, וואָס עס וועט שטענדיק זיין אַזוי. ער האָט עס ליב באַקומען. אַז דער טאַטע איז נישטאָ, וויאַזוי־זשע קען זיין אַנדערש? האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן וויאַזוי עס קען ווערן אַנדערש. די מאַמע האָט זיך ביסלעכווייז אַנגעהויבן צוריק אָנטאָן די טערקישע שאַל צום שבתדיקן דאַווענען און עטלעכע מאָל האָט זי זייער שיין אויפגערוימט די שטוב.

פון יעדן ווינקעלע אַרויס האָט צו יאַקאָבן געוווּנקען דעם טאַטנס שאָטן און פון זיין בעט האָט צו אים אַרויסגעשטעקט דעם טאַטנס טויטע, פאַרריסענע באָרד. האָט ער נישט געקענט פריילעך זיין. עס האָט אים בלויז געוווּנדערט וואָס אַלע אַרום אים קומען אין שטוב אַריין — און דאָך פאַרגעסן זיי, אַז דאָ איז דער טאַטע געלעגן שטום און געל... ליכט האָבן דאָן געברענט, ווייבער האָבן געקלאָגט און די גאַנצע שטוב איז געווען פאַרפלייצט מיט שאַרפע ריחות. ער האָט דער מאַמען גאַרנישט געקענט זאָגן, אָבער פאַר זיך אַליין האָט ער אַ סך מאָל געטראַכט:

— זי פאַרגעסט, די מאַמע...

ער האָט געזען ווי די מוטער שמייכלט, פּוצט זיך. דערביי האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גרויסער ווייטיק און ער האָט נישט געוווּסט, באַין אופן נישט געקענט אָנטאַפּן פון וואַנען ער קומט. זינט דעם טאַטנס טויט האָט זיך דעם קליינעם יאַקאָב אויסגעוויזן, אַז מען האָט אים אָפּגעריסן אַן אבר און ער איז שוין געבליבן אַן אייביקע קאַליקע. אַלע קינדער האָבן נעז, אויגן, הענט און טאַטעס. ער האָט אויך אויגן מיט גלידער נאָר קיין טאַטן האָט ער נישט. דערפאַר איז אים גאָר גוט געווען מיט דער מאַמען. ער האָט זי מסוכן ליב געקריגן מיט אַ ליבשאַפט, וואָס קיינער האָט ביי אים נישט אַרויסגעזען. ער האָט אין איר געקלעפּט, נישט געקענט ליידן וואָס זי גייט אַ מאָל אַוועק. עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס טיילמאָל רעדט

זי מיט מענטשן און אים זעט זי גאָרנישט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער מוטער און אויך זי וועט ער קיינמאָל נישט אַוועקלאָזן. פאַרוואָס זאָל ער עס טאָן? זאָל ער נאָר גרויס ווערן וועט ער שוין וויסן וויאַזוי צו מאַכן אַז ער מיט דער מאַמען זאָלן שטענדיק זײַן צוזאַמען און ער וועט אַפילו קיינעם מער נישט אַרײַנלאָזן אין שטוב אַרײַן. ס׳איז זײַן מאַמע!

נישט איינמאָל האָט געטראָפן אַז דער קליינער יאַקאָב האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט און מיט באָרוויסע פיסלעך זיך אַרײַנגעשאַרט צו דער מוטער אין חדר. דאָס האָבן אים אויפגעוועקט די אַנגסטן און ער איז געגאַנגען זען אויב די מוטער איז דאָ; ווײַל אים האָט זיך געחלומט אַז מען האָט זי אַוועקגעגנבעט. עס איז נישט געווען צו פאַרשטיין פון וואַנען בײַם ייִנגל האָט זיך דערנומען אַזאַ ליבשאַפט צו איר, בעת פריִער האָט ער עס נישט אַרויסגעוויזן. עס האָט געטראָפן אַז ער איז פון איר נישט אָפּגעטרעטן ביז זי האָט נישט צוגעמאַכט די אויגן און זיך פאַרשטעלט ווי אַ שלאָפנדיקע. עס האָט אויך געטראָפן אַז ער האָט זיך אַוועקגעגנבעט פון חדר אין מיטן לערנען און געלאָפן צו דער מוטער אין קרעמל אויף אַ מינוט, אַבי אויף איר אַ בליק צו טאָן. ער וואָלט די ייִנגלעך אַרויסגענומען די אויגן, ווען זיי זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן איר. זי האָט געמוזט בײַ זיי בלײַבן די שענסטע און די בעסטע, אָן דינגעניש. צוליב איר האָט ער זיך אַפילו שפּעטער אויפגעהערט נעמען צום האַרץ דאָס וואָס אַנדערע ייִנגלעך שמועסן אַזויפיל פון זייערע טאַטעס. אים איז גוט געווען וואָס ער האָט זײַן מאַמע און נישט קיין אַנדערנס. דערבײַ וועט אים שוין קיינער נישט זאָגן אויף איר, אַז זי לעבט אויך נישט און אַז ער זעט זי נישט. מענטשן האָבן זיך ממש אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר אַזעלכע נטיות בײַ אַ צען־יעריקן ייִנגל און אַפילו געגעבן אָנצוזאָגערן דער מוטער אַז אַזאַ בחור דאַרף נאָר אין זינען האָבן דאָס לערנען. זי איז אָבער גאָר שטאַרק צופרידן געווען דערפון. עס האָט איר הנאה געטאָן, וואָס דאָס קינד איז איר אַזוי געטרײַ און וואָס זי דערוועקט אין אים אַזעלכע שטאַרקע געפילן, וועלכע זענען גאָרנישט צום פאַרשטיין בײַ זײַן עלטער. זי האָט אים געקושט, געשטופּט אין מויל אַרײַן שטיקלעך צוקער און זיך מחיה געווען וואָס ער קומט צולויפן אין מיטן טאָג זי

אַרומנעמען. האָבן עס מענטשן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין מיטן שכל. פאַר־וואָס נישט? סוף כּל סוף איז עס אַ וויסטע אלמנה און מער ווי דעם איינציקן קדיש האָט זי נישט. זאָל זי זיך נישט פרייען מיט אים?

ערשט אין אַ צײַט אַרום האָט זיך אין קליינעם יאַקאָב אויפגעוועקט אַ פרישער צאָרן. ער האָט איינמאָל דערזען, ווי אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ הויכער ייִד מיט אַ כעסן־באָרד און ציטערדיקע ברעמען. ער איז אַרײַן אין שטוב און קיינעם נישט געזאָגט וואָס ער וויל אַזוינס. די מאַמע האָט אים קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, אַפילו ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט בײַם טיש, גענישטערט אין די שופלעדער און עפּעס גאָר בייז געברומט. יאַקאָב האָט געוואָלט אַ פרעג טאָן דער מאַמען, וואָס עס וויל דאָ, דער פרעמדער ייִד. עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז די מאַמע אַליין האָט זיך פאַר אים אויך דערשראָקן און איר פּחד האָט יאַקאָבן צוגעהאַלטן דאָס מויל. זי איז געשטאַנען אין אַ זײַט, געקוקט דעם הויכן ייִד אין מויל אַרײַן און אים נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט דאָ וואָס ער וויל. יאַקאָב האָט עס נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט פרעגן דער מאַמען, פאַרוואָס מעג הײַנט דער דאָזיקער ייִד איבערדרייען אַלע שענקלעך און ער האָט מורא געהאַט. נאָר ווען דער בייזער ייִד איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און פון דאָרט אַרויסגענומען דעם טאַטנס טלית האָט זיך דער קליינער צעשריגן:

— רירט עס נישט!... ס׳איז מײַנס, מײַן טאַטנס!

אַ טלית, האָט יאַקאָבל געוווסט דאַרף מען האָבן גרויס צו ווערן גלײַך מיט אַלע דערוואַקסענע. וואָסזשע נעמט אים יענער? ער האָט זיך אַפילו געוואָרפן צום פרעמדן מיט די קליינע פויסטלעך, אָבער דער ייִד האָט אים אַ שטאַרקן שטויס געטאָן און ער איז אומגעפאַלן. די מוטער איז בלייך געוואָרן, צוגעלאָפן צו אים און אָוועקגעפירט אין אַ זײַט. ער האָט דערווײַל געזען וויאַזוי דער פרעמדער ייִד נעמט דעם טאַטנס טלית און טראָגט אים אָוועק אויף אַ צווייט אָרט. ער האָט אים געוואָלט נאָכשרײַען, מאַכן אַ געוואַלד אין דרויסן, נאָר די מאַמע האָט אים נישט געלאָזט. זי האָט גאָר אַזוי פריילעך געשמייכלט און דאָך איז זי טרויעריק געווען:

— נאַרעלע... דאָס איז דאָך ר׳ נח, דײַן נײַער טאַטע...

יאַקאָבל וואָלט געדאַרפט זײַן צופרידן, וואָס ער האָט שוין ווידער אַ טאַטן און דאָך האָט ער נישט געהאַט קיין שום פרייד דערפון. וויאַזוי איז דער דאָזיקער בייזער ייִד פלוצים געוואָרן זײַן נײַער טאַטע? ער האָט גוט געדענקט דעם טאַטנס פנים און געוווּסט, אַז דער ייִד איז קיין דמיון נישט ענלעך צו יענעם. ער איז אים מיט גאָרנישט געפעלן געוואָרן און קיינער האָט אים פריִער נישט געפרעגט, אויב ער וויל דווקא אַזעלכן פאַר אַ טאַטן. מיט דער מוטער האָט ער וועגן דעם נישט געקענט רעדן. זי האָט נישט געלאָזט. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן זאָגן אַ ווײַטערדיק וואָרט האָבן בײַ איר גענומען קאַפּען טרערן פון די אויגן. ער האָט דערפון געמיינט, אַז פונקט ווי מען וויינט בעת איין טאַטע גייט אַוועק, אַזוי דאַרף מען וויינען בעת אַ נײַער קומט. נאָר אַז ער האָט עטלעכע מינוט געשוויגן איז די מאַמע ווידער פריילעך געוואָרן און יאַקאָבלען האָט זיך שוין גאָר פאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך און אים איז אויסגעקומען, אַז די מאַמע דאַרף איצט אַ סך וויינען וואָס אַזאַ ייִד קען קומען נעמען דעם טלית און נישטערן אין די שטובן. זי האָט אים אָבער געגלעט איבער די בעקלעך און פון איר האָט געשמעקט מיט לעקעך און זיסע זאַכן. האָט ער דאָס ערשטע מאָל זינט לאַנגע צײַטן געוואָלט אַנטלויפן פון איר, זי נישט זען. צי האָט ער זי אַליין פײַנט באַקומען, אָדער בלויז איר איצטיקע פריילעכקייט? יאַקאָב האָט עס ביז גאָר לאַנג נישט געקענט וויסן. אין זײַן קעפּל האָבן זיך געפּלאָנטערט אַלערליי געדאַנקען. ער האָט ליב געהאַט די מאַמען ווײַל ער האָט זי געזען וויינען בײַם טאַטנס טויט. ער האָט געמיינט אַז פונקט ווי אים, פעלט אויך איר דעם טאַטנס געל־פאַרוואַקסן פנים. נאָר איצט האָט ער דערזען אַז זי קען אויך צופרידן זײַן מיט אַ נײַעם טאַטן וואָס האָט אַ פנים צום דערשרעקן זיך. האָט ער שוין באַצײַטנס געזען די מאַמען מיט יענעמס אויגן און מיט יענעמס כמורנע ברעמען. זי האָט זיך אַפילו נישט געוווּנדערט, וואָס ער רוקט זיך אָפּ פון איר און לויפט אַרויס צו די קינדער אויפן הויף. אַדרבא, זי האָט אים נאָך געוואָלט געבן אַ צוקערל דערפאַר און אים צוגערעדט:

— גיי טאַקע... גיי אַרויס אַביסל...

אין דרויסן האָבן אים די שכנטעס אָנגעקוקט אַנדערש ווי אַלעמאָל.

פון וואַנעט ווייסן זיי אַז ביי זיי אין שטוב איז געווען אַ בייזער ייִד און אַוועקגעגאַנגען? ער האָט זיך געשפּילט — און דאָך האָט ער פּול מיט גנבהשן בײַגער אונטערגעהאָרכט וואָס זיי רעדן צווישן זיך. אפשר וועט אים דאָ קלאָר ווערן? נאָר מער ווי אייינצלנע ווערטער האָט ער נישט אויפֿגעכאַפּט. עפּעס האָבן זיי געשמועסט וועגן „איר", וואָס קאָן זיך בײַ זיבן און צוואַנציק יאָר נישט אַרײַנלייגן אין קבר אַרײַן; און אַז „ער" איז דערצו אַן אַדיר, אַ גביר וואָס ווייסט נישט וויפֿל ער פֿאַרמאָגט. וואָס איז די עוולה? ער וואָלט נאָך געווען געהערט און געהערט, נאָר איין ווײַבל האָט אויף אים אַ ווײַז געטאָן מיט אַ פֿינגער און שטיל אַ וואָרן געטאָן:

— אַ ממזרישער קאָפּ... איז מבין כל דיבור...

און באותה הרגע האָט יאַקאָבל זיך דערמאָנט, ער ווייסט נישט פֿאַרוואָס, אַז זײַן מאַמע איז טאַקע אַלט זיבן און צוואַנציק יאָר. ער האָט זיך פֿאַרשעמט, פֿאַרוואָס ער הערט אונטער ווײַבערישע רייד וועגן זײַן מאַמען און געלאָפֿן ווײַטער אין גאַס אַרײַן. ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט שוין דער לאָמפּ געברענט און ער איז מיד געווען. די מאַמע האָט אים נישט געפֿרעגט מיט זאָרג, ווו ער איז אַזוי לאַנג געווען — אַזוי ווי אַלעמאָל. זי האָט אים נאָר געגעבן צו עסן, געהייסן לייענען קריאת שמע און לייגן זיך. זי זעט דען נישט אַז די אויגן בײַ אים זענען רויט? ער האָט זי גע־פֿאָלגט מיט שטילער פֿאַרביסנקייט. עפּעס איז אים נישט געפֿעלן וואָס זי זאָגט אים גאָרנישט, גלײַך ווי זי וואָלט זיך שטאַרק געאײַלט. ער האָט אָבער געצויגן זיך צום שלאָף און אַפֿילו נישט געקאָנט אויסזאָגן די לאַנגע קריאת שמע ביזן סוף.

אין מיטן דער נאַכט האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און עס איז אים באַפֿאַלן אַ פּחד. ער איז געלעגן מיט אויפֿגעריסענע אויגן און געזען קריכנדיקע שאָטנס אויף די אײַנגעפֿינצטערטע ווענט. איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז ער וועט טאָן ווי אַלעמאָל. ער וועט אַרײַנגיין צו דער מאַמען, קוקן אויף איר, זיך אַוועקלייגן דערנעבן און פֿאַרטרײַבן די שרעק מיט איר נאָענטקייט. ערשט ווען ער האָט געוואָלט עפֿענען די טיר צו דער מוטערס אַלקערל האָט ער געזען אַז דאָרט איז פֿאַרמאַכט פֿון אינעווייניק. פֿון גרויס שרעק — און פֿון זײַן פֿינצטערער אַליינקייט — האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאַפּן אין דער טיר. באַלד האָט זיך פֿון דאָרט געהערט דער מאַמעס

שטיל קול און דערויף האָט געענטפערט אַ בייז, גראָב כריפּען. יאַקאָב האָט אינעם קול דערקענט דעם הויכן, אָנגעצינדענעם ייִד פון בייטאָג און זײַן פּחד איז נאָך גרעסער געוואָרן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז נאָך הײַנט וועט דער דאָזיקער ייִד נעמען די מאַמען, אַרויסטראָגן זי אין דער פינצטער און ער וועט מיט איר אַוועק אַזוי ווײַט, אַז יאַקאָבל וועט אַהין נישט קאָנען דערלויפן. וועט ער דאָ בלײַבן איינער אַליין אין דער פינצ־טער, אַלע נעכט אַזוי... ער האָט דעריבער נאָך שטאַרקער גענומען קלאַפּן מיט די הענטלעך אין דער טיר און אַרײַנשרײַען יאָמערלעך:

— לאָז מיך אַרײַן, מאַמע... איך וויל דיך נאָר זען, מאַמע!

דאָס גראָבע קול האָט דאָרט שטאַרק געכריפּעט און יאַקאָב האָט נאָר געהערט דאָס בעטנדיקע קול פון דער מאַמען:

— גיי שלאָפן, יאַקאָבל... ס׳איז שוין שפּעט... מען טאָרף נישט איצט!

און יאַקאָבל האָט אויפּאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע געהערט שוין נישט מער צו אים. דער נײַער ייִד איז געקומען און זי גענומען פאַר זיך. זי אַליין האָט אויך אַזוי געוואָלט. איצט וועט אַלץ זײַן אַזוי ווי יענער וועט הייסן. אַז ער וועט וועלן — וועט ער צולאָזן יאַקאָבלען אויף אַ מינוט צו דער מאַמען און אַז נישט — וועט ער זי אײַנשליסן אין אַלקערל. עס וועט מעגן זײַן אין מיטן דער נאַכט און יאַקאָבל וועט מעגן שרײַען ביז צום פרימאָרגן — וועט ער נישט עפענען... און אַז ער וועט נאָר וועלן, וועט ער יאַקאָבלען אַרויסוואַרפן, פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל און לאָזן אים אויפן קאַלטן חושך... וואָס זשע טוט מען? דער דאָזיקער געדאַנק האָט יאַקאָבן אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט מורא געהאַט ווײַטער צו שרײַען. ער האָט בלויז אויסגעטאַפּט מיט די הענטלעך דעם וועג צו זײַן געלעגער און שוין אַזוי געלעגן מיט אָפענע אויגן, ביז מען האָט געהערט די ערשטע טריט אין דרויסן.

אינדערפרי האָט ער זיך געשעמט צו קוקן אויף דער מאַמען. ער האָט געוווּסט אַז ער האָט זי ווײַטער ליב, אַז ער בענקט שרעקלעך נאָך איר פון דער נאָענט — און דאָך האָט ער געפילט, אַז ער וועט מער נישט קאָנען צוגיין זיך איינטוליען אין איר, ווען עס וועט אים באַפאַלן אַ שרעק. זי וועט עס אים אפשר אַליין נישט לאָזן, נאָר ער וועט עס סײַווי נישט וועלן.

דערפאַר האָט ער שטאַרק געוואָלט, אַז עס זאָל איר עפּעס גאָר שטאַרק ווי טאָן; איר — צוזאַמען מיט דעם מוראַדיקן ייִד — וואָס האָט זי צוגעצוּנומען בײַ אים, האָלט זי בײַ זיך און לאָזט אַפּילו יאַקאָבלען נישט אַריבער בײַנאַכט איבער דער שוועל... זאָל זי וויסן! ער איז אָבער געווען צו קליין און ער האָט נאָך נישט געוווּסט מיט וואָס ער קאָן איר ווי טאָן און ווי אַזוי ער זאָל זיך אָפּנעמען פאַר דער פאַרשעמטער נאַכט.

— 2 —

מיט זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן האָט יאַקאָב גענומען אויפכאַפּן אַלץ וואָס מען שמועסט אין שטאָט וועגן זײַן מאַמען און דעם נײַעם טאַטן, ר׳ נח פּינער. מען האָט געוווּסט, אַז ער איז נאָך אַ קינד און מ׳האָט זיך נישט איבעריק געהיטן פאַר אים. ער האָט זיך באַצײַטנס אויסגעלערנט נאָרן מענטשן. ער האָט זיך געמאַכט, אַזוי ווי ער איז פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן; אַז ער האָט נישט בדעה אונטערצוהערן און דאָך האָט ער אויפגענומען מיטן געהער דעם מינדסטן שאָרך.

ביסלעכווייז האָט ער זיך דערוווּסט אַז זײַן פאָטער האָט איבערגעלאָזט אַ סך ווערטיקע זאַכן און אַפּילו געשריבן אַ צוואה, אַז זיי געהערן צו זײַן בן־יחיד, יאַקאָבן... נאָר די מוטער האָט מער נישט געקענט זיצן אַליין און זי האָט די גאַנצע ירושה אַוועקגעגעבן דעם נײַעם מאַן און נגיד, נח פּינער. ער האָט עס אַפּילו נישט געקענט פאַרשטיין. וואָס איז איר געווען אַזוי שלעכט מיט אים אַליין? און פאַרוואָס איז איר בעסער מיט יענעם אימהדיקן ייִד, מיט וועלכן ער האָט מורא צו זײַן אין שטוב? ער האָט נישט געקענט וויסן וואָס מיט זײַן גוטער מאַמען איז געשען. ער האָט דאָס נישט געקענט פאַרשטיין אַפּילו נאָך אַלע אונטערהערענישן. דערפאַר האָט ער אָבער געוווּסט אויף זיכער, אַז דער הויכער ייִד האָט צוגענומען אַלע זאַכן וואָס זײַן טאַטע האָט פאַר אים איבערגעלאָזט. די מאַמע אַליין האָט זיי אים אַוועקגעגעבן און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אָפּנעמען, ווער עס זאָל זיך אײַנשטעלן פאַר יאַקאָבן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע צרה האָט זיך גענומען דערפון וואָס ער איז קליין און ר׳ נח איז אַ גרויסער, אַ צוואַקסענער — דאַרף די מאַמע האָבן אַ גרויסן מענטש

נעבן זיך. ווען יאַקאָב זאָל אויך זײַן גרויס, וואָלט די מוטער נישט אַרײַנ־
געלאָזט ר׳ נחן אין שטוב און אים גאָר נישט אָוועקגעגעבן. ער וואָלט זיך
דעמאָלט נישט געשראָקן פאַרן גביר און אויך די מאַמע וואָלט פאַר אים
נישט געציטערט. דאַרף ער זיך צואײַלן גרויס צו ווערן. ווי אַזוי מען מאַכט
דאָס, האָט ער אָבער נישט געוווּסט. עס האָט זיך אים אויך אויסגעוויזן,
אַז דער ר׳ נח איז גאָר אַ גרויסער גבור און צוליב דעם ציטערן אַזוי אַלע
פאַר אים. ווי נאָר ער טוט אַ ברום, באַפאַלט יאַקאָבן אַ גרויסע שרעק און
ער קען דאָס מויל נישט עפענען. ער וועט אים דערפאַר גאָרנישט אָפּגעבן
ביז יאַקאָב וועט זיך נישט קענען שלאָגן, אָט פונקט ווי דוד המלך האָט
מלחמה געהאַלטן מיטן מוראדיקן פּלשתי. מוז ער זיך אויסלערנען שלאָגן,
יאַקאָב. אוי, וועט ער שלאָגן!... און אין זײַן דמיון האָט ער זיך פאַרגע־
שטעלט ווי אַזוי ער בײַלט די פויסטן, מאַכט מיט די הענט און אַלע וויינען
פאַר גרויס מורא... אַפילו אין די חלומות האָבן אַזעלכע טראַכטענישן
אים נישט אָפּגעלאָזט.

עס איז געקומען דערצו, אַז גייענדיק אין גאַס האָט ער געדראָעט
מיט די פויסטן פאַרטראַכטערהייט עמעצן אין דער לופט. אַלע האָבן גע־
לאַכט און ער האָט זיך דערנאָך געשעמט וואָס מען מאַכט פון אים חוזק
און מען דערציילט עס דער מאַמען. ער האָט זיך דערפאַר גענומען אַרויס־
גנבענען פון שטאָט און דאָרט זיך אָפּגעגעבן זײַנע זיסע נקמה־טראַכטענישן
וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. זײַן גליק איז געווען וואָס די מוטער איז
געווען פאַרנומען מיטן נײַעם מאַן. זיי האָבן געפירט אַלערליי מסחרים
און זי האָט נישט געהאַט קיין סך צײַט זיך אומצוקוקן אויפן בן־יחיד.
דערנאָך האָט זיך געמאַכט אַ טאָג, ווען אַ סך מענטשן זענען געקומען
צו זיי אין שטוב אַרײַן. ס׳איז געווען שוין נאָך דעם ווי נח האָט פאַרקויפט
זײַן ווײַבס דירה און זי מיט יאַקאָבן אַריבערגענומען צו זיך. ווײַבער האָבן
געלאַרעמט און די מאַמע איז געלעגן אין בעט און געקרעכצט. יאַקאָבן האָט
מען באַלד אַרויסגעטריבן און געהייסן גיין ווו ער וויל, כאָטש ער האָט
געוויינט און געוואָלט זײַן נעבן איר. נח אַליין האָט אים אָנגענומען בײַ
דער האַנט און אַ פעסטן שלעפּ געטאָן. דערנאָך איז שוין יאַקאָב געלאָפן
אַן אָפּשטעל. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער שוין געוווּסט אַז די מו־
טער האָט געבראַכט אַ נײַ שוועסטערל, וואָס ער האָט פײַנט באַקומען

נאָך איידער ער האָט עס געזען. דערנאָך האָט זיך די גאַנצע שטוב געדרייט אַרום דעם נײַעם נפשל וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שרײַען. אין אים האָט מען לגמרי פֿאַרגעסן. ער האָט זיך דערפֿאַר געקענט אַרויסגנבֿענען צו די פֿעלדער, קוליען זיך, שרײַען און דראָען עמעצן מיט אַן אָפּגעדאַרטער צווייג וואָס ער האָט געפֿונען. קיינער האָט אים נישט געזוכט דערנאָך און קיינער האָט אים נישט געפֿרעגט, ווו ער איז געווען די גאַנצע צײַט...

איינמאָל האָט עס אים אַפֿילו אַוועקגעצויגן ביז צו דער דאָרפֿישער מיל, וואָס אַ מרה־שחורהדיקער ייִד האָט געהאַלטן אין אַרענדע. יאַקאָב איז געשטאַנען און אַרויפֿגעקוקט וויאַזוי דער ווינט יאָגט די פֿליגל און זיי דרייען זיך מיטן גאַנצן שטורעם. אים איז אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק אַז ער מוז אויספּרוּוון זײַנע כּוחות אויף די פֿליגל פֿון דער ווינט־מיל. איז ער נישט געוואָרן אַמאָל אַ גיבור און ער ווייסט אַליין נישט דערפֿון? ער האָט זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אין דער הויך און קיינער האָט עס נישט באַמערקט. ער האָט גענומען אײַנהאַלטן די דרייענדיקע פֿליגל מיט אַ שטעקן. דערנאָך האָט ער געקלאַפּט מיט די פֿויסטן איבער די ריזיקע געהילצן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט און זיך געדרייט מיט אַ ווילדער שנעלקייט. וואָס עס האָט דערנאָך פּאַסירט מיט אים איז ער נישט מסוגל געווען צו געדענקען. ער האָט נאָר געפֿילט ווי אַ מוראַדיקער כּוח האָט אים אַ שלײַדער געטאָן און ער איז געפֿלויגן אין דער לופֿט. אַ ווייטיק האָט אים ערגעץ געצויגן און ער האָט נישט געוווּסט אויף וועלכן אָרט. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און געזען די מאַמען. זי האָט שטאַרק געוויינט — און אים איז גאָר גוט געווען וואָס זי שטייט אַזוי נאָענט און וואָס זי האָט אַזויפֿיל צער צוליב אים. די יסורים האָבן אָבער געריסן שטיקער און ער האָט זיך דערפֿאַר נישט געקענט פֿרייען. ער איז דערנאָך געלעגן אַ לאַנגע צײַט אין שטוב. איין פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט איז געבליבן אויס־געבויגן אויף שטענדיק און אויפֿן פֿאַרהיילטן פֿוס נישט ווײַט פֿון קנעכל, איז געבליבן אַ שוואַרץ גריבעלע...

לאַנג האַלטן אים אין שטוב האָט אויך די מאַמע נישט געקענט. עס האָט ווידער פּאַסירט אַ מעשׂה. ר׳ נח איז גראָד אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ יריד קיין ליסע און די מוטער האָט געמוזט זיצן אין קראָם. זי האָט דערפֿאַר געהייסן יאַקאָבן היטן דאָס קליינע שטיפֿשוועסטערל. צוערשט האָט

ער אַפילו נישט געטאָן קיין בליק אויפן קינד, וואָס האָט זיך געשפּילט הינטערן טיש מיט אַ שנירל גלעזערנע פּאַטשערקעס. דערנאָך האָט עס אַ וויין געטאָן און אים דערמאָנט אין זיך. יאַקאָב האָט אַ הויב געטאָן דאָס שוועסטערל, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און עס באַטראַכט פון אַלע זײַטן. דאָס האָט ער געוואָלט דערגיין דעם סוד, פאַרוואָס אַלע גיבן זיך אָפּ דערמיט; כאָטש עס איז אַזוי קליין. אַפילו דער בייזער ר׳ נח גלעט עס און קושט עס. די מאַמע אויך... ער האָט פון דעם קינדס גלאַטיקייט פאַר־געסן וואָס ער וויל דערפון וויסן און זיך אַליין גענומען שפּילן דערמיט. דערנאָך איז אים פּלוצים אײַנגעפאַלן אַז ווען דאָס קינד זאָל נעמען וויינען כסדר, אַזויווי ער האָט געוויינט ווען עס האָט אים ווי געטאָן, וואָלט די מאַמע געהאַט גאָר־גרויסע צרות... אַפילו דער מאַן אירער וואָלט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט און יאַקאָבן וואָלט דערפון אַזוי פריילעך געווען... אַ חשק האָט אים אַרומגעכאַפּט, פון וועלכן דאָס האַרץ האָט זיך גענומען וואַרפן פאַר שרעק און דערוואַרטונג. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט איבער דער שטוב און נאָכגעפאָרשט, אויב קיינער זעט דאָ גאָרנישט. דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דעם קינדס ליפּעלעך, אין די ציינדלעך און ער האָט געוואָלט דערגיין אויב דאָס קינד וועט שוין קענען דערציילן וואָס עס האָט דערמיט פּאַסירט אָדער נישט. דעם קינדס אויגן האָבן אויף אים געקוקט פאַרכטיק־שטום און נײַגעריק. מער האָט עס גאָרנישט געקענט טאָן. יאַקאָב האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערפילט ש ט אַ ר ק ע ר פאַר אַן אַנדער לעבעדיק מענטשעלע. ער האָט עס דערפאַר לײַכט אַ דריק געטאָן אין הענטל. דאָס קינד האָט פון עפּעס אַ שרעק אין זײַן נאָענטקייט גענומען שרײַיק פּלאַפּלען אַזעלכע קלאַנגען וואָס קענען גאָרנישט דערציילן. דער בייזער חשק האָט שוין יאַקאָבן אַרײַנגעטריבן אין אַ ציִעניש אָנצוכאַפּן דאָס קינד בײַם העלדזל און דאָרט אַרײַנצוקוועטשן די פינגער... דערפון האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט דאָס קינד אַ וואָרף געטאָן פון זיך. אין צעטומלטקייט האָט ער עס נאָך אַ שאַר געטאָן מיטביידע הענט און דאָס קליינע איז אַראָפּגעפלויגן פון טיש אַראָפּ...

פונעם קינדס יללות זענען אים די האָר פאַרשטײַפט געוואָרן. ער איז אַרויסגעלאָפן און געלאָזט דאָס קינד וויינען אויף דער ערד. צוזאַ־

מען מיט דער שרעק איז אים זייער לײַכט געוואָרן אויפן האַרץ. אַ לאַנגע מאַטערניש האָט אויפגעהערט. אין מיטן לויפן איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט איצט גאָר שטאַרק ווײי געטאָן זײַן מאַמען מיטן שטיפטאַטן, כאָטש זיי אַליין ווייסן עס נאָך נישט. דאָס האָט אים אַזוי פריילעך געמאַכט, אַז ער האָט געמוזט ערגעץ לויפן זיך פרײַ אויסשרײַען פון גרויס פאַרגעניגן. נאָר ווען ער איז מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער געקומען צוריק — האָט ער אָנגעטראָפן אַ פולע שטוב מיט מענטשן, בפרט ווײַבער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דורך אַ נס האָט אַ שכנה דערהערט דעם קינדס געוויין און זי האָט עס אָפּגעמינטערט. דער רופא האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט. עס איז אָבער געווען פאַרויסצוזען, אַז דאָס קינד וועט בלײַבן אַן אייביקע קאַליקע...

ס'איז גאָרנישט קיין שיעור צו די קלעפּ וואָס דער קליינער יאַקאָב האָט שפּעטער אַרײַנגעכאַפּט פון נחן. דער שטיפפאָטער האָט געשריגן מיט אַלע כוחות אַז ער מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו דעם מזיק אין שטוב. דאָס וואַקסט אַ רוצח, איז גלײַכער מען זאָל אים פּטרן וואָס פריִער. די מאַמע אַליין האָט זיך געוואָרפן נחן אונטער די הענט, פאַרשטעלט יאַקאָבן מיט איר גוף, זי האָט אים אָבער נישט געקענט היטן גאַנצע טעג. אויסער דעם האָט זי אַליין נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַרענטפערן דעם קליינעם שד. זי האָט בלויז געטאָן דאָס, וואָס זי טוט אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן: זי האָט געוויינט. קיינער האָט אים נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס קינד האָט זיך אַליין צעקלאַפּט ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ מינוט זיך שפּילן. מען האָט אים געזען לויפן מיטן גאַנצן כח עטלעכע מינוט פאַר דעם וואָס די שכנה איז געקומען און אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד, ווען עס האָט געוואָלדעוועט פון יסורים. און פאַרוואָס האָט ער זיך געזוימט אַזוי לאַנג, אויב ער האָט זיך נישט באַהאַלטן אויס מורא? האָט ער דערפאַר געמוזט אָננעמען אַלץ פאַר ליב.

די קלעפּ פונעם שטיפטאַטן האָבן זיך גוט אײַנגעקריצט בײַ יאַקאָבן אין זכרון. די געדאַנקען וועגן נקמה נעמען האָבן זיך אין אים נאָך מער צעפלאַקערט. ער האָט בלויז אײַנגעזען, אַז דאָ האָט ער די גאַנצע שטאָט פאַר שונאים. ווו ער איז געקומען האָט מען אים געטריבן און מאַמעס האָבן נישט געלאָזט, אַז ער זאָל זיך שפּילן מיט זייערע קינדער.

האָט ער זיך פּאַרזיסט די טעג מיטן טראַכטן וועגן פאַרברענען דאָס הויז, די גאַנצע שטאָט. עס האָט זיך אים געחלומט, וויאַזוי ער באַפאַלט ר' נחן בײַנאַכט מיט אַ שטעקן און שלאָגט אים מיטן גאַנצן כח. בײַטאָג האָט ער זיך געמאַכט פּלענער, וויאַזוי צו כאַפּן דאָס שוועסטערל און עס אַוועקטראָגן אין וואַלד אַרײַן, אַז קיינער זאָל עס מער נישט קענען געפינען. אָבער וואָס מער אַזעלכע הוריות האָבן אים פאַרכאַפּט, אַלץ מער האָט ער געשפּירט ווי ער האָט מורא. אויך די מאַמען האָט ער אַלץ מער ליב געקריגן, צוזאַמען מיט דער שנאה וואָס ער האָט צו איר געטראָגן. זי איז געוואָרן העכער, אויסגעגלײַכטער און דאָס ווײַסע פּנים האָט עפּעס גענומען לײַכטן אַזוי ווי קיינמאָל נישט. יאַקאָבן האָט זיך גענומען אויסווײַזן אַז אַלע זעען אין זײַנע אויגן, וועגן וואָס ער טראַכט גאַנצע טעג און נעכט — און ער האָט זיך אָנגעהויבן שעמען צו ווײַזן דאָס פּנים פאַר מענטשן. דאָס האָט אים דערווײַטערט און אָפּגעפרעמדט פון אַלעמען. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַזוי פיל שונאים ווי ער האָט גאָר קיינער נישט און און ער האָט זיך גענומען פילן אומגליקלעכער פאַר אַלעמען.

— 3 —

ער האָט לאַנג נישט געקענט בלײַבן אין חדר לערנען. אויסער דעם וואָס די קינדער האָבן אים דערצערנט איז ער שוין געווען נאָך בר מצווה. די מאַמע האָט איבער דער צײַט געבוירן נאָך צוויי שוועסטערן און ר' נח האָט געהאַלטן אַז עס איז געגוג צו קאָרמען אַזאַ מין פּרי. אַלע יינגלעך פון זײַנס גלײַכן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין בית המדרש אַרײַן. דאָרט האָבן זיי געהערט דעם רבס שיעורים און זיך געשניטן אויף לומדים. אַנדערע זענען גאָר אַוועק אין דער פרעמד; ווער פון זיי עס האָט זיך אָפּגעקליבן אַ נאָנטע ישיבה און ווער פון זיי עס האָט זיך אָנגעגורלט מיט תורה און ווילן צו פאָרן קיין פּראָג. דאָרט האָט געקיניגט דער גרויסער גאון, וואָס האָט גלײַך פונעם קליינעם, רוסישן יאַמפּאָלע דערגרייכט די עיר ואם בישראל פּראָג. מיט דעם האָט ער געוויזן אַ סך גוטקעפּלדיקע בחורים, אַז תורה קען אַרויסשײַנען פון דעם פאַרוואָפנסטן

אָרט אין די מרחקים אַרײַן. יאַקאָב אַליין האָט אָבער נאָך פריִער נישט באַגערט צו לערנען. אויסער דעם האָט ר׳ נח באין אופן אים מער נישט געוואָלט טראָגן אויף די פּלייצעס. בכדי אָנגענומען צו ווערן אין אַ ווײַטער ישיבה האָט יאַקאָבן געפעלט תורה און עס איז שווער געווען צו וויסן וואָס פון אים וועט ווערן.

לערנען יאַקאָבן אַ מלאכה איז קיינעם נישט אָנגעשטאַנען. ר׳ נח איז געווען אַ חשוב אין פּין און די מוטער האָט געשטאַמט פון יחוס. האָט מען פאַר יאַקאָבן אַלעמאָל צוגעטראַכט עפּעס אַנדערש און מיט קיין עסק איז ער נישט צופרידן געווען. אים האָט עס געריסן צו דער ווײַטער וועלט ווו עס זענען נישט פאַראַן קיין שטיפּטאַטעס און נישט קיין שטיפשוועסטערלעך. ער האָט געבענקט צו פרעמדע שטעט און דערפער ווו מען קען זיך אַרומדרייען אומבאַמערקט. קיינער פרעגט דאָרט גאָרנישט און מען דאַרף פאַר קיינעם נישט אָפּגעבן קיין חשבון ווער מען איז און וואָס מען טוט. מען דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט — און עס געפינט זיך שוין ווער עס זאָל דאָרט אַרײַנלייגן אַ שטיק ברויט אָדער אַ פּרוטה. דערנאָך וואַנדערט מען ווײַטער...

עטלעכע מאָל איז ער טאַקע געהאַט אַנטלאָפן אין נאָנטע דערפער, פון וואַנען מען האָט אים באַלד צוריקגעברענגט. אייגמאָל איז ער שוין אַפילו גאָר ווײַט אַוועק, אָבער ער אַליין האָט זיך דערשראָקן מיטאַמאָל אַזוי פרעמד צו זײַן און נישט האָבן די מאַמען בײַ דער זײַט. ער האָט דאַן אײַנגעזען אַז צו דער עלנטקייט מוז מען זיך ביסלעכווײַז צוגעוווינען און מען ווערט נישט מיט איר היימיש נאָך דער ערשטער קאַנטשאַפּט. יאַקאָב האָט זיך געגעבן צו דערקענען און גוטע מענטשן האָבן אים אָפּגעשיקט אַהיים. צוליב אים האָט זיך דער שלום־בית צווישן ר׳ נחן און דער מוטער זייער פאַרערגערט. ר׳ נח האָט גענומען די מוטער צוליב איר יִנגקייט צו זיך אין דער עשירות אַרײַן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט לײַדן פון עפּעס אַ בחור וואָס קער זיך אָן נאָר מיט איר. די מוטער איז כסדר געווען הכנעהדיק און צוריקגעצויגן, בפרט ווען זי האָט זיך געפונען אונטער ר׳ נחס האַרבן רשות. זי האָט געוווּסט אַז יאַקאָב האָט שטאַרק פײַנט דעם מאַן אירן און ר׳ נח האָט נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז איר בן יחיד איז אים ממש מקצר די יאָרן. ווער קען דען

אויסהאַלטן אַזויפיל חרפות ובושות? די מוטער האָט דערויף נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער אויך נישט. יאַקאָב האָט דאַמאָלסט לגמרי נישט געוווסט וואָס ער וויל מיט זיך מאַכן און די מוטער האָט מורא געהאַט אַליין עפּעס אויסצוקלערן. האָבן זיי נאָר געמוזט וואַרטן אויף ר׳ נחס חסד.

טאַקע ר׳ נח איז איינמאָל אַהיימגעקומען און דערציילט דער מוטער אַז ער האָט אַ פּלאַן. זײַן פּנים האָט טרוקן געפלאַמט — אַזוי ווי שטענדיק ווען ער קומט אַהיים נאָכן אַדורכפירן אַ מסחר, אָן צו וויסן געגנוי דעם פאָלנעם ריווח. דערנאָך האָט ער זיך לאַנג געסודעט מיט דער מוטער. יאַקאָב האָט גאָרנישט געקענט וויסן ווענן וואָס דאָ גייט. ער האָט נאָר געזען ווי די מאַמע איז זייער בלאַס געוואָרן און דערפון האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז יענער האָט אויסגעפּלאַנירט גאָר אַ שלעכטע זאַך פאַר אים. דערנאָך זענען אַוועק לאַנגע טעג אין וועלכע ער האָט נישט דערקענט די מאַמען. זי האָט אים ווידער געגלעט איבערן קאָפּ ווי אַ קליין קינד, צוגעוואָרפן אים דאָס בעסטע חלק עסן און זיך געהאַלטן אין איין שפּיגלען אין אים. יאַקאָבן האָט אויסגעזען, אַז דאָס געזעגנט זי זיך מיט אים — און דערפאַר כאַפּט זי אַוועק די לעצטע צערטלעכקייטן און שענקט אים זיי. דער מאַן אירער איז גראַד אויף די טעג נעלם געוואָרן און יאַקאָב האָט נישט געקענט דערגיין ווּהין ער איז עס געפאָרן. דאָס האָט געדויערט איבער אַ וואָך צײַט. אַז ר׳ נח זאָל נישט קומען אויף שבת איז געווען אַ זעלטענע נײַעס און דערפאַר האָט זיך יאַקאָבן געגומען חלומען, אַז ער וועט גאָר מער נישט צוריקקומען. נישט אומזיסט איז די מאַמע צו אים אַזוי גוט געוואָרן... שוין אַזוי לאַנג האָט זי נישט געהאַט קיין סבלנות צו זײַנע רייד. נאָר איצט האָט ער געקענט נעבן איר זיצן, ווי לאַנג ער האָט געוואָלט — און ער האָט איר דערציילט וואָס ער טראַכט און וואָס אים טוט וויי. ער האָט איר כסדר געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז ער וויל שוין זײַן אַ גרויסער. וויפל איז דער שיעור? און זי האָט עס אויסגעהערט און געגאָסן מיט טרערן. וואָס איז מיט איר געשען? און פאַרוואָס איז ר׳ נח אַוועק? אפשר וויינט זי טאַקע צוליב דעם אויך? ער האָט זי געוואָלט טרייסטן, זאָגן איר אַז מען דאַרף דאָ נישט האָבן דעם דאָזיקן כעסן. ע ר וועט שוין אַלץ גוט

מאַכן... נאָר אויך דאָס האָט ער נישט געוואָלט זאָגן דער מאַמען. עס איז אים גוט געווען וואָס אַזויפיל טעג שפּירט מען דאָ נישט לגמרי נחס אָטעם. האָט ער אים נישט געוואָלט דאָ אַריינברענגען אַפילו מיט די בלויזע רייד. נישטאָ און שוין! ער איז פון דעם געוואָרן רויִקער און די שכנים האָבן אים קוים דערקענט. ס'איז דען דער זעלבער יאַקאָב?

לאַנג האָט עס אָבער נישט אָנגעהאַלטן. ר' נח איז ראַפּטום ווידער אַרײַנגעפאַלן אין שטוב מיט אַ ווילדער אײַלעניש. די מוטער האָט אויפ־געציטערט און יענער האָט זי באַלד געגומען טרײַבן, נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל:

— וואָס זיצטו? מען דאַרף אים וואָס שנעלער אַהינפירן, כל זמן עס איז נישט שפּעט! יענע וועלן זיך נאָך באַלד כאַפּן וואָס פאַר אַ מין תכשיט דאָס איז... קיין שונאים פעלן נישט — און זיי וועלן חרטה האָבן נאָך פאַר די ראשי פּרקים...

די מוטער איז נאָך בלייכער געוואָרן און גאָרנישט געענטפערט. בלויז די פײַכטע אויגן, וואָס זענען נאָך אַלץ געווען יונג און לויטער, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אים און זיך פאַר אים שטום פאַרענטפערט: זעסט דאָך... ס'מוז אַזוי זײַן... דערנאָך האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין אַ בויד צוזאַמען מיט דער מוטער און איר מאַן. זיי האָבן זיך לאַנג געטרייסלט איבער די האַרטע וועגן ביז מען איז אָנגעקומען וווהין מען דאַרף. יאַקאָבן איז עפּעס נישט אײַנגעגאַנגען דאָס לאַנגע פאָרן און דאָס זען אַזויפיל אומבאַקאַנטע דערפער און וועלדער. דאָס האָט אים קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. ערשט ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַכסניה איז אים קלאָר געוואָרן אַז זיי זענען גאָר ווײַט פאַרפאָרן. די פרעמדע שטאָט איז געווען גרויס און יאַקאָב האָט איר נאָמען שוין לאַנג געהאַט געהערט רימען: ברעסלוי. נישט ער און נישט די מוטער האָבן געדאַרפט עפּעס טאָן דאָרט. ר' נח האָט שוין פריִער אַלץ אָפּגע־שמועסט און אָפּגעטאָן. יאַקאָב האָט נאָר געזען וויאַזוי עטלעכע מענטשן קומען צו גיין און דרייען זיך אַרום אים. זיי האָבן זיך שאַרף אײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן, פאַרטראַכט זיך און דערנאָך אים אויסגעפרעגט פאַר־שידענע נאַרישקייטן. ער איז שוין אַלט געווען פופצן יאָר און אַ סך

זאַכן האָט ער שוין געוווּסט בעסער ווי די דערוואַקסענע האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט.

די אַלע זײַטיקע מענטשן האָבן אים נישט אינטערעסירט. ער האָט זיך דערוווּסט צוליב וואָס מען האָט אים געשלעפּט אַזוי ווײַט — און ער האָט בעיקר געזוכט מיט די אויגן דאָס איינציקע פּנים וואָס מען האָט פאַר אים באַשטימט. ער האָט עס טאַקע באַלד געזען. ווי נאָר מען האָט זיך אויסגערוט אַביסל, האָט מען זיי געפירט אין אַ גרויס הויז אויף כּיבוד. יאַקאָב האָט נישט געפרעגט וואָס מען געהערט זיך אָן מיט יענע פרעמדע מענטשן און צוליב וואָס מען גייט צו גאַסט אַהין. די מוטער מיט נחן האָבן עס גערעכנט ווי אַ טייל פון זײַן תּמעוואַטיש־קייט. ר׳ נח האָט געשטעלט ברייטע טריט פאָרויס און עס האָט אויס־געזען, אַז ער ציטערט מיט יעדער טריט נישט צו פאַרשפּעטיקן. יאַקאָב מיט דער מוטער האָבן קוים באַוויזן אים נאָכצולויפן. אַ צולהכעיסדיקער ווילן איז אַפילו באַפאַלן יאַקאָבן, ער זאָל פּלוצים אַנטלויפן און זיך אויס־באַהאַלטן אַ פּאָר שעה... אוי, ווי נח וואָלט זיך דאָ געשלײַדערט פאַר צאָרן! אין מיטן גאַס טאַקע... און אַ פּנים וואָלט ער געהאַט פאַר יענע מענטשן, אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זײַן. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. די מאַמע האָט אים געהאַלטן פאַרן אָרעם אַזוי ווי אַ קליין קינד און עס איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרלירן איין רגע אַזעלכע...

אין דער אויסגעפּוצטער שטוב האָט מען זיי אַוועקגעזעצט בײַ אַ שיינעם טיש און אַ יונג מיידל האָט דערלאַנגט דעם כּיבוד אויף טעלערס. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן אָבער אין דער אַראָפּגעלאָזטקייט האָט יאַקאָב אַ רגע געפילט איר בליק אויף זיך. אין איין מינוט האָט יאַקאָב פאַרלוירן דעם גאַנצן כּעס אויף נחן. געקושט וואָלט ער אים! אַ וואַרעמקייט האָט אים צענומען אַלע אבֿרים און דאָס גאַנצע פּנים האָט אים געפײַערט, כאָטש ער האָט עס נישט געוואָלט אַרויסווײַזן. אַזויפיל נײַע געדאַנקען זענען אים באַפאַלן און ער האָט מורא געהאַט זיך גוט אײַנצוהערן אין זיי, בעת אַלע זענען אים. עס איז אים נישט גע־גאַנגען אַזוי ווײַט אין דעם וואָס ד אָ ס מיידל איז אים געפעלן, ווי דערין וואָס ער האָט דאָ געזען אַזאַ גוטן וועג פון קענען אַוועקגיין פון דער היים... ער וועט זיך נישט דאַרפן וואַלגערן, נישט מורא האָבן

פּאַר אַ שאָטן אויפן וועג, נישט שנאָרען — און דערצו וועט ער האָבן עמעצן וואָס וועט געהערן צו אים נאָך מער ווי די מאַמע... טאַטע זיסער, ווי גוט דאָס וועט זײַן!

זינט דער צײַט וואָס ער איז אַנטלאָפן, האָט ער באַוויזן אָנצוזאַמלען אַ קופּקעלע געלט פון זײַנע בעטלערײַען. דאָס געלט האָט ער אויסבאַהאַלטן פאַר אַלעמען. איצט, נאָכן זען דאָס שעמעוודייקע מיידל איז אים באַפאַלן אַזאַ מין ווייכקייט ווי קיינמאָל נישט. ער האָט מיט איר נאָך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און ער האָט שוין געפילט, אַז איר וואָלט ער תיכף אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע בײַטעלע מיט גרויס שמחה. ס׳איז נאָך אַ נס וואָס זי איז באַלד נעלם געוואָרן און זיך מער נישט געוויזן די גאַנצע צײַט. אַנדערש וואָלט ער עס באַלד געוועזן געטאָן אויפן אָרט. ער וואָלט צו איר צוגעגאַנגען און עס איר דערלאַנגט. דאָס וואָלט איר געזאָגט מער ווי אַלע רייד וואָס ר׳ נח האָט דאָ אָנגערעדט און וואָס די מאַמע האָט דאָ ווינטשנדיק אויסגעזיפצט בײַם טיש. וואָס מוז מען דען רעדן צו אָט די אַלע פרעמדע מענטשן, אויב דער עיקר גייט דאָ אין א י ר און טאַקע נאָר אין איר?... מען האָט אָבער בײַ אים נישט געפרעגט קיין עצה. אים האָט מען באַלד געלאָזט זיצן בײַם טיש און אַרײַנקוקן לײַטיש אין אַ ספר וואָס מ׳האָט אַוועקגעלייגט פאַר אים. די דערוואַקסענע זענען אַרײַנגעגאַנגען אין אַ זײַטיקן חדר און צווישן זיך לאַנג געשמועסט. וואָס מען האָט דאָרט גערעדט האָט ער נישט געוווּסט. ערשט ווען מען איז אַרויסגעקומען האָט ער געהערט ווי די מאַמע רופט יענע הויכע ייִדענע מיטן שטערנטיכל און מיטן זיסן מויל: מחותנתטע!

אויף דער אַכסניה האָט די מאַמע אויפסנײַ געהאַלדזט יאַקאָבן און אים שוין פּשוט גערופן „חתן בחור״. ער האָט געוווּסט, יאַקאָב, אַז מען וועט שרײַבן אָדער מען האָט שוין געשריבן תנאים. די גאַנצע שרעק אין זײַן האַרץ איז אַוועק. איצט איז ער שוין זיכער אַז דאָ איז אָנגעגרייט פאַר אים אַזויפיל גוטס וואָס ער אַליין ווייסט נישט. דאָס דאָזיקע מיידל וואָס ער האָט אַזוי שנעל געזען איז שוין זײַן — און אָט באַלד וועט ער גאָר זיצן מיט איר צוזאַמען. זײַן שכל האָט אים אונטערגעזאָגט אַז מער וועט ער שוין נישט דאַרפן אַנטלויפן און אַז ער דאַרף שוין אַפילו מער

נישט האָבן דאָס ביסל געלט, וואָס ליגט בײַ אים באַהאַלטן. ער האָט גאָרנישט געקענט טראַכטן פון דעם, וואָס ווײַטער וועט זײַן נאָך דעם ווי ער וועט לאָזן די מאַמען מיט נחן אַוועקפאָרן. ער האָט נאָר געוואָלט מען זאָל אים צורו לאָזן, ער זאָל קענען אַרויסגיין, אומקוקן זיך איבער דער שטאָט, זען שיינע זאַכן און קויפן... קויפן אָן אויפהער! ער האָט געוואָלט צופאַלן צו דער מאַמען און בעטן, אַז זי זאָל אים גלײַך אַוועקפירן צו איר, נישט אויפהאַלטן קיין רגע... ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אַז ער האָט נאָך פאַר איר גאָרנישט אין דער האַנט. אַ געדאַנק האָט אים אונטערגעזאָגט אַז איצט דאַרף ער גאָר אײַנקויפן זאַכן און איר אונטערטראָגן. זאָל זי זען ווי גוט ער איז פאַר איר, ווי שטאַרק זי געפעלט אים.

אין איין מינוט איז אים באַפאַלן אַ פחד: וואָס וועט זײַן אַז זי וועט חרטה האָבן? נישט וועלן אים? עס האָט אים אויסגעזען אַז מער וואָלט ער קיין מינוט נישט געקענט לעבן. ער וואָלט געשריגן, די האָר פון קאָפּ זיך אַרויסגעריסן... ער וואָלט דאָרט אויסגעזעצט די שויבן... אָבער פון דער מאַמעס זיכערן בליק האָט ער אַרויסגעדרונגען, אַז אַזוינס וועט גאָר נישט קומען; עס איז גאָר נישט מעגלעך... און ווי גוט זײַן מאַמע איז! זי אַליין איז מיט אים אַרומגעקראָכן איבער די ברעסלויער קראָמען און אײַנגעקויפט פאַר איר געלט קרעלן, אַ געשפּיצט קאַפּטאַנדל און אַנדערע ווײַבערישע זאַכן, וואָס אַזאַ מיידל מוזן זיי געפעלן ווערן... זיי וועלן איר מאַכן פרייד! מער האָט יאַקאָב נישט געקענט טראַכטן. די שמחה וואָס זי האָט געהאַט, בעת ער האָט די אַלע מתנות איר געברענגט אין שטוב אַרײַן, האָט ער שוין קיינמאָל נאָך דעם נישט געקענט פאַרגעסן. ער האָט פון איר אַרויסגעזען אַז מיט אים אַליין וואָלט זי אויך געהאַט אַ גרויס פרייד, נאָר זי שעמט זיך עס צו ווײַזן. דערפאַר האָט זי זיך אַזוי אַרומגעכאַפּט מיט די מתנות. דאָס ערשטע מאָל זינט יאַקאָב געדענקט, האָט זיך עמעצער אַזוי געפריידט מיט אים. דערצו נאָך אַזאַ שטיל און שיין באַשעפעניש פון וועלכער ער האָט מער נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

עס וואָלט געווען אַ ליגן צו זאָגן, אַז יאַקאָב איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך אין זײַן לעבן. אין יענע טעג איז צו אים קיין

גלײַכן נישט געווען. ער האָט אַפילו ליב באַקומען ר׳ נחן פאַר זײַן אײַנפאַל און ער האָט לגמרי געוואָלט פאַרגעסן אַז יענער האָט צוגעגומען זײַן טאַטנס ירושה פאַר זיך. לאַנג האָט אָבער יאַקאָבס גליק נישט געדויערט. מען האָט געדאַרפט צוריקפאָרן אַהיים. יאַקאָב האָט גאָרנישט געהאַט קיין דעה. פונקט ווי מען האָט אים גענומען קיין ברעסלוי, אַזוי האָט מען אים גענומען צוריק קיין פין. ער האָט אַפילו נישט געקענט זאָגן, וואָס ער מיינט און וואָס ער וויל. עפּעס איז די מוטער אַהיימגעפאָרן אַ טרויעריקע. איר איז נישט געפעלן די כלה און נישט איר משפחה. אַויסער דעם איז ברעסלוי געווען צו ווײַט פאַר איר און זי האָט נאָך אַלץ געוואָלט האָבן יאַקאָבן נעענטער צו זיך. אין די פאַר טעג וואָס זיי זענען געפאָרן און געווען אין ברעסלוי, איז ער פאַר איר אויסגעוואַקסן פון דאָס נײַ. ער איז גאָר געלאָפן קויפן זאַכן מיט אַ ברען, זײַנע אויגן האָבן עפּעס געלויכטן מיט אַזאַ נײַעם פײַער — ווי פון אַ גרויסן מענטש וועלכן זי האָט גאָר ביז איצט נישט געקענט. ווען איז דאָס געוואָרן? זי האָט דערזען אַז דאָ האָט זי פאַר זיך אַ נײַעם זון, וואָס זי דאַרף ערשט אויפסנײַ באַקענען. אַזאַ מין ליבשאַפט האָט ער דער מאַמען גאָר קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן! יאַקאָב האָט גאָרנישט געוווסט און נישט געקענט טראַכטן, פון וואָס אַזאַ מאַמע ווי זײַנע קען ווערן אַזוי טרויעריק אויפן וועג אַהיים.

אין דער היים זײַנער האָט יאַקאָב פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל טעם. ער האָט געוווסט אַז צווישן דיביידע מחותנישע הײַזער גייט עפּעס אָן אַ לאַנג דינגעניש. אים האָט מען גאָרנישט דערציילט. ער האָט געוווסט, אַז דער שטיפטאַטע האָט דאָ די גאַנצע דעה אין הויז און דאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די מוטער פלאָנטערט דאָ אויס אַ שווערע זאַך. ער האָט זי חושד געווען, אַז זי וויל עפּעס אָפּטאָן סײַ אים און סײַ דער כלה. עטלעכע מאָל האָט ער באַשלאָסן צוצוגיין צו איר און זי וואָרענען, נאָר אַלעמאָל האָט דאָס לשון בײַ אים זיך אויסגעלאָזט. ער האָט געזען, אַז די מאַמע וויל אים האָבן נעבן זיך און דאָס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן. ער האָט געזען ווי זי באַקומט נײַע קנייטשן און שרעק־ציטערלעך. דער מאַן אירער האָט אָנגעהויבן איר אַרויסווײַזן אַלץ מער בייזע באַפעלערישקייט און די ליבשאַפט זײַנע צו איר איז געוואָרן פינצטערער און

אײַנגעהאַלטענער. יאַקאָב האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל די מאַמע ער זאָל איצט זײַן נאָענט צו איר ביז ער וועט אויסוואַקסן. זי מוז אים האָבן בעת זי ווערט עלטער, און ר׳ נח ווערט אויפגערעגטער פון טאָג צו טאָג. ווער זאָל זיך פאַר איר אײַנשטעלן ? פריִער האָט עס געטאָן איר אייגענע און יונגע שיינקייט. איצט אָבער מוז עס זײַן יאַקאָבס פרישע צעוואַקסנקייט. ער האָט זערפון געהאַט גרויס נחת. איצט וועט ער זיי ביידע ווײַזן וואָס עס הייסט אַזוינס ! נאָר די פאָר טעג אין ברעסלוי האָבן זיך אים צעלייגט איז געמיט און זיי האָבן אים געריסן אַהין, פאַר־בענקט... האָט ער אַליין נישט געוווּסט וואָס ער וויל בעסער. דאָס אַליין האָט אים אויך צעטומלט. דאָס מיידל פון ברעסלוי, וואָס ער האָט קוים געזען, באַווײַזט זיך אים אַלעמאָל פאַר די אויגן און רופט אים וואָס פריִער צו קומען. עס איז אים אָבער נישט מעגלעך געווען פאָרצו־שטעלן זיך אַז צוליב איר וועט ער מוזן אויפהערן צו זען די מאַמען, וואָס ער געדענקט פון קליינווײַז אויף און וועלכער ער קען זיך קיין איין טאָג פון זײַן לעבן כמעט נישט דערמאָנען. ער האָט שוין געוואָלט אויף אייגענער האַנט זיך אַריבערכאַפּן קיין ברעסלוי און נישט געוווּסט וויאַזוי. דערצו האָט ער עס נישט געקענט. דער מאַמעס מאַן האָט זיך אַרײַנגע־מישט און באַקומען איבער אים די גאַנצע שליטה.

ר׳ נח האָט זיך דערוווּסט אַז יאַקאָב האָט אַ ביסל געלט. מסתמא האָט עס די מאַמע דערציילט. יאַקאָב איז אויף איר נישט בייז געווען דערפאַר. דורך נחן האָבן זיך די פעדעם געצויגן קיין ברעסלוי און יאַקאָב האָט אים מער נישט אויסגעמיטן. אַדרבא, עפּעס איז געבוירן געוואָרן אין אים אַזאַ חשק צו חנפענען זיך, צו גלעטן זיך נעבן ר׳ נחס אָטעם. איז ער געוואָרן פאָלגעוודיק און געקוקט יענעם אין מויל אַרײַן וואָס ער זאָגט. ר׳ נח האָט יאַקאָבן אַרויסגעפירט צו אַ מילנער הינטער דער שטאָט. אין ברעסלוי האָט ער דערציילט אַז יאַקאָב האַנדלט שוין פאַר זיך, מוז עס אמת זײַן. ער האָט אָפּגעשמועסט מיטן מילנער, אַז ער זאָל יאַקאָבן אַרויסגעבן צו ביסלעך מעל און יאַקאָב זאָל עס פאַרקויפן אין די שפּײַז־געוועלבער אָדער לאחדים. דאָס האָט יאַקאָבן געדאַרפט אַרײַנפירן אין מסחר אַרײַן און ער זאָל זיך אויסלערנען וויאַזוי מען פאַרדינט אויף פרנסה. וואָס מיינט ער עפּעס ? יאַקאָב האָט אים פשוט

געוואָלט קושן. ער רעדט וועגן ברעסלוי, וועגן חופּה, וועגן אויסהאַלטן אַ בני בית... פאַרוואָס האָט טאָקע יאַקאָב דערפון נישט געקלערט? צי מיינט ער אַז מען וועט אים שטענדיק אויסהאַלטן מיט גרייטן? נישט אומזיסט איז די מאַמע אַזוי נאָכגעצויגן געוואָרן נחן! ווי קלוג ער איז...

ער האָט אָוועקגעגעבן דעם מילנער זײַנע באַהאַלטענע אוצרות. דער הויכער, צעוואַקסענער מילנער האָט אים דערפאַר אַרויסגעגעבן אַ זאַק מעל און יאַקאָב האָט אָנגעהויבן מסחרן מיט קוואַרטן און בײַטעלעך מעל. ער האָט געהאַט מזל. מען האָט אָנגעהויבן בײַ אים קויפן און די ווײַבער פון שטאָט זענען נאָך צופרידן געווען וואָס ער קומט אַרײַן אין שטוב, גיט אָן ערלעכע מאָס און איז אַפילו גרייט צו וואַרטן מיטן געלט, ביז זיי וועלן אַליין האָבן צו באַצאָלן. ער האָט אַפילו געזען, ווי ביס־לעכווײַז מערן זיך בײַ אים די מטבעות. אַ צוריקגעהאַלטענער, האָט יעדער סכום זיך געהאַלטן בײַ אים אָפּגעהיטן און ער האָט געקלערט וועגן אָנזאַמלען אויף אַן אייגענער קראָם. דאָס געלט האָט ער נישט געהאַלטן בײַ זיך און נישט אָנגעטרויט ר׳ נחן. יענער קען עס האַלטן פאַר זײַן אייגנס צוליב דער מאַמען און עס צורעכענען צום טאַטנס ירושה. יאַקאָב האָט דערפאַר געהאַלטן, אַז זײַן געלט איז צום זיכערסטן בײַם מילנער, ווו ער נעמט דאָס מעל.

וויפל ער האָט זיך אָנגעזאַמלט בײַ יענעם צעוואַקסענעם ייִד האָט יאַקאָב נישט געקענט געדענקען. דער מילנער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער לייגט אָוועק יעדער פּרוטה אויף אַ באַזונדער אָרט אומגעציילט. עס וואָלט אַזוי געדויערט גאָר לאַנג, נאָר יאַקאָבן האָט זיך איינמאָל ווידער פאַרוואָלט קויפן דער כלה אַ מתנה. ווען ער האָט געבעטן דעם מילנער, אַז ער זאָל אים ווײַזן דאָס אָרט ווו ער האַלט זײַן געלט, האָט אים יענער אָנגעקוקט ווי אַ מטורף׳ן: וואָס הייסט ער וויל בײַ אים געלט? עס קומט אים דען עפּעס? דאָס אַלץ וואָס ער האָט אים געגעבן, איז נאָר געווען באַצאָלט פאַר דעם מעל וואָס ער האָט פון אים באַקומען... וויפל ר׳ נח האָט אין דעם געהאַט אַ חלק איז נישט מעגלעך געווען צו וויסן, נאָר יאַקאָב האָט פון דער מעשה צוריק פאַרלוירן זײַן געמיט־לעכע רו.

קיין עדות זענען נישט געווען. דער מילנער אַליין האָט געכאַפּט

פּאַרויס און אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָט דערציילן, וויאַזוי ער האָט געוואָלט שטעלן אויף די פיס דעם צעדרייטן יאַקאָב. ער האָט אים געטרויט סחורה, געלערנט וויאַזוי אַרײַנצוקומען אין דעם מסחר — אָבער ער האָט שלעכט אָפּגעשניטן פאַר זײַנע טובות. דער בחור איז צו אים אַרײַנגעפאַלן און ער האָט פון אים פאַרלאַנגט אַ גוזמאדיקע סומע אומזיסט און אומנישט, וואָס ער אַליין פאַרמאָגט גאַרנישט... מענטשן האָבן אויסגעהערט און געשאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויערן. דער שטיפפאָטער אַליין האָט אויך געגעבן דעם מילנער גערעכט: דער בחור איז ווידער נישט בײַ די געדאַנקען! און בײַ אים אַליין האָט ער דען נישט געוואָלט קיין פאַרמעגנס, וואָס זײַן פאָטער האָט מכלומרשט אי־בערגעלאָזט? נאָר עס איז פאָרט אַ טרויעריקער רחמנות אויף אים... אַ יתום נעבעך!

יאַקאָב האָט דערזען אַז קיינער וועט זײַן רויב נישט אָפּנעמען. מען מוז זיך אַליין טאָן וואָס מען דאַרף. ער האָט איינמאָל געוואַרט אויפן מילנער שפּעט בײַנאַכט און אים אַרײַנגעזעצט די נעגל אין האַלדז אַרײַן. יענער איז געווען שטאַרקער פאַר אים. ער האָט יאַקאָבן געבענ־דיקט, געשלאָגן מיט מוראדיקע קלעפּ און דערבײַ געמאַכט קולות מען זאָל אים קומען ראַטעווען. וואָס עס איז שפּעטער געשען מיט יאַקאָבן האָט ער זיך דערוווסט פון דער מוטער. מען האָט אים אַהיימגעבראַכט יענע נאַכט אַ האַלב־טויטן און וואָלף מילנער האָט נאָך דערציילט אַלעמען וואָס פאַר אַ נסים עס האָבן מיט אים געטראָפן. ער האָט שבת געבענטשט גומל און מנדר געווען ח״י גילדוין אויף צדקה לעניים... דער שם וועגן יאַקאָבס פרישער משוגעת האָט אים שוין דערנאָך אַרומגענומען ווי אַן אײַזערנער פּאַנצער פון וועלכן מען קען נישט אַרויסקריכן. אַפילו די אייגענע מאַמע האָט נישט געגלויבט, אַז דער מילנער האָט אים צוגע־נומען אַ פאַרמעגן. ס'האָט זיך אים אַוודאי געמוזט חלומען. האָט יאַקאָב בלויז געקענט באַהאַלטן זײַנע נקמה־טראַכטענישן אויף אַנדערע צײַטן. ער האָט זיך בלויז געקלאַמערט וואָס לענגער צום בעט, בכדי נישט צו דאַרפן קומען צווישן מענטשן. זײַן האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט אויפשטיין, וועט ער מוזן אָפּטאָן אַ מעשה נורא. ער האָט

דערפאַר מער נישט געוואָלט הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און וואָס די מאַמע רעדט צו אים.

איבער דער צײַט האָבן זיך אַרום אים געטאָן זאַכן וואָס אַנדערע האָבן באַשלאָסן פאַר זײַנעטוועגן אָן זײַן וויסן. עמעצער האָט מודיע געווען קיין ברעסלוי וועגן דעם וואָס עס איז געשען צווישן יאַקאָבן און דעם מילנער. מיט אַ צײַט שפּעטער האָט אַ שליח מיוחד געברענגט פון דאָרט אַלע מתנות וואָס יאַקאָב האָט געשענקט דער כלה. אַ לאַנגע צײַט האָט מען עס אויסבאַהאַלטן פאַר יאַקאָבן און ר׳ נח מיטן ווײַב האָבן אַליין צוגע־ענדיקט דאָס עסק מיט די מחותנים. עס איז געווען אַ סברא, אַז נח פינער האָט בײַ יענע אַרויסבאַקומען אַ שיין ביסל מזומנים אַלס קנס פאַרן חרטה־האָבן. בײַם אויפשטיין פון בעט האָט יאַקאָב זיך ערשט דערוווּסט אַז ער איז שוין מער נישט קיין חתן פאַר יענעם דיקלעכן מיידל מיט די רויטלעך־מילכיקע באַקן. ער האָט אַפילו נישט געקענט פרעגן ווען און וויאַזוי דאָס איז געשען. ער האָט פאַרשטאַנען אַז זײַן שם רע איז שוין אַוועק איבער דער גאַנצער מדינה און עס איז נישטאָ וואָס צו פרעגן. בלויז די מוטער זײַנע איז שטאַרק צופרידן געווען פון עסק. יעדעס מאָל ווען אַ נײַגעריקער האָט זי אַ פרעג געטאָן וואָס עס איז פאַרט געשען מיטן מילנער, האָט זי פרום אײַנגעצויגן די ליפּן:

— אַלע רעות זענען לטובה... ווען נישט די מעשה, ווייסט איין גאָט, וויאַזוי מײַן יאַקאָב וואָלט דאָ אַרויס פון עסק. אַזוי איז אָבער אַלץ אַדורך בשלום. אדרבא, די ברעסלויער האָבן זיך גאָר געגרויסט און מבטל געווען די תנאים... זיי ווילן נישט קיין גזלן! נו, וועלן זיי שוין האָבן איידעלערע חתנים און מײַן יאַקאָב וועט נישט קומען אויף זייערע הענט... אוי, איך האָב באַלד געזען! איז גוט וואָס עס האָט זיך אַזוי געענדיקט...

יאַקאָב האָט זיך אונטערגעהערט און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דערמיט האָט זיך אָנגעפּולט דאָס מעסטל פון זײַנע יסורים. וואָס מער ער האָט זיך אײַנגעהערט אין דער מוטערס רייד, אַלץ מער האָט ער זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין. די קרענק אין מיטן האָט אים איבערגעבראָכן און עס האָט אים נישט ווי געטאָן די גאַנצע מעשה. פריִער האָט אים אַזוי שטאַרק געצויגן קיין ברעסלוי און ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין

צוליב וואָס מען שלעפּט אַזוי לאַנג מיט דער חתונה. אָבער איצט האָט ער געהערט וואָס די מאַמע רעדט אויס און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער איז צופרידן גלײַך ווי זי די מאַמע איז גערעכט, נאָר מיט וואָס זי איז אַזוי גערעכט האָט ער זיך נישט געקענט דערקלערן. ער איז נאָר געלעגן בײַנאַכט מיט אָפענע אויגן און געטראַכט, אַז מער וועט ער שוין נישט דאַרפן לויפן קיין ברעסלוי, ער וועט נישט דאַרפן זוכן קיין רייד צו פאַרענטפערן זיך פאַרוואָס ער איז באַפאַלן דעם פעטן מילנער און ער וועט מער נישט דאַרפן טראַכטן וויאַזוי צו שמועסן מיט דער כלה... ער האָט אויך געהאַט הנאה דערפון וואָס די מאַמע פילט זיך עפּעס שולדיק קעגן אים. זיצט זי אָפּ בײַ זײַן בעטל, ווײַזט אים אַרויס געטרײַשאַפט און זאָגט אים צו אַזויפיל גליקן... איז דען דערפאַר נישט ווערט צו פאַרלירן דאָס מיידל, וואָס האָט אים נישט אויסגעטראָגן און ער האָט זי בלויז איין מאָל געזען האַלטן אַ טעלער אייער־קיכלעך? אויסער דעם האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע פרייד פון דער מאַמען איז אַ געמאַכטע. לעולם טוט איר גאָר שטאַרק וויי די גאַנצע מעשה, כאָטש זי האָט דעם שידוך געהאָלפן צעשטערן בידים. צוזאַמען מיט דער גאַנצער ליבשאַפט צו איר האָט ער נאָך אַלץ זיך צוגעהערט צו יענעם ווילדן חשק זײַנעם מצער צו זײַן די מאַמען, פאַר די ערשטע יאָרן פון זײַן קינדשאַפט — און ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס די מאַמע לעבט אַזוי איבער דאָס גאַנצע פאַסירעניש נעבן זײַן פאַרטרויערט בעטל. עפּעס האָט ער געהאַט אַ געפיל, יאַקאַב, אַז די מאַמע גיט זיך גאָר שטאַרק אָפּ מיט אים בעת עס טרעפט מיט אים אַ נחת אָדער אַ צרה. אין די געוויינטלעכע טעג איז נחס באַפעל שטאַרקער און זי פאַרגעסט אין יאַקאָבן. וויפל ער זאָל זיך נישט באַמיִען צו פאַרשאַפן זיך און דער מאַמען אַביסל נחת — קען ער נישט. דערפאַר אָבער איז עס לײַכטער צו טאָן מיט צער׳ן און עגמת נפשן. איז ער טיילמאָל גרייט געווען זיך אָנצוטאָן די גרעסטע יסורים, אַבי ער זאָל זײַן אומגליקלעך און דאָס אומגליק זײַנס זאָל שרײַען צו אַלעמען. דאַמאָלסט רײַסט זיך די מאַמע אָפּ פון אַלע אירע מסחרים און ער איז ווידער נישט איבערגעגעבן זיך אַליין. ער ווערט צוריק דאָס קליינע קינד פון פריִער, וואָס דאַרף אַליין נישט אָנפירן מיט זײַן לעבן און ער מוז נישט אַליין וויסן וואָס צו טאָן מיט די מענטשן

וועלכע ער טרעפט אָן. זי קומט, ווײנט, גלעט אים, טרייסט אים און עס ווערט אים אין אַזעלכע מינוטן אַזוי לײַכט ווי קיינמאָל נישט. ער איז גרייט דערפאַר אייביק צו בלײַבן אומגליקלעך און צו זוכן זײַנע צרות אויף אַלע וועגן.

בלויז דאַן, ווען אים אַליין האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער ווייסט נישט דערפון, האָט יאַקאָב געטראַכט פון נאָך איין זאַך. די לעצטע צײַטן פאַר זײַן קראַנק ווערן האָט מיט אים פּאַסירט עפּעס אַזוינס פון וועלכן ער האָט פריִער קיינמאָל נישט געקענט וויסן. דאָס האָט אים גענומען אַרײַנציִען אין אַ פאַרבאָרגענעם סוד פון וועלכן ער האָט פאַר זיך אַליין געגנבעט גאָר אַ סך תענוג. צוליב דעם האָט ער אויך נישט געקענט האָבן קיין גרויס צער בײַם הערן אַז די מתנות פון ברעסלוי זענען צוריקגעשיקט געוואָרן. ער איז אַלעמאָל געווען שטאַרק צערייצט ווען מען האָט אים געטאָן די מינדסטע עוולה און אויך איצט וואָלט ער געווען באַדאַרפט צו טראַכטן וועגן נקמה־נעמען אין דער כלה. ער האָט אָבער אַזעלכע געדאַנקען מער נישט געקענט אויסגעפינען בײַ זיך. עס איז אים גאָר לײַכטער געוואָרן דערפון און ער האָט געהאַט גרויס הנאה וואָס אויך די מאַמע האָט אין דעם קיין אומגליק נישט געזען. דערציילן עמעצן דערפון האָט ער נישט געוואָלט. די שטילע פרייד האָט אים אַפילו נישט געלאָזט אַרײַנטראַכטן, צוליב וואָס ר׳ נח מיט דער מאַמען האָבן פריִער אַזוי שטאַרק געאײַלט, אים געפירט אַהין... און דערנאָך האָט דער שטיפטאַטע אים געלאָזט פאַרלוירן גיין אין די הענט פון דעם שווינדלערישן מילנער, בעת זיי האָבן אַזוי לײַכט געלאָזט אַ תל ווערן פון יאַקאָבס גרויסער האָפענונג. אין מינוטן פון צופרידנקייט האָט ער מיט זײַנע קאַרגע זעכצן יאָר נישט געקענט אַרומטראַכטן אַזויפיל פאַרהוילענע זאַכן מיטאַמאָל.

קאַפּיטל פינף

— 1 —

די גאַנצע שטאָט האָט שוין פריִער געוווסט אַז יאַקאָב איז אַ חתן פאַר אַ מיוחסדיק מיידל פון ברעסלוי. מען האָט אויך גאַנץ גוט געוווסט, אַז ווען נישט נח פינער מיט זײַן ווײַב וואָלט יאַקאָב שוין לאַנג געווען אַ בעל הבית פאַר זיך אין יענער ווײַטלעכער שטאָט, גלײַך ווי אַלע יונגעלײַט אין זײַן עלטער. יאַקאָב אַליין האָט זיך אויך באַטראַכט פאַר אַ פאַרקנסטן, וואָס האָט שוין נישט וואָס צו טראַכטן וועגן אַ צווייטער בתולה. דערפאַר האָט ער זיך אָנגעהויבן פירן געלאַסן און מיט חשבון. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו טראָגן מעל אין די קראָמען, אָדער אין די היימישע שטובן, האָט ער עס געטאָן מיט חשיבות. ער האָט זיך געהיטן צו קוקן אויף די יונגפרויען, וואָס האָבן זיך דאָרט אַלעמאָל געפונען. ער האָט געוווסט, אַז מער דאַרף ער נישט זען קיין מיידל אין שטאָט, פונקט ווי די חברים זײַנע וואָס האָבן שוין געהאַט באַזונדערע דירות און אייגענע ווײַבער. אויך די מיידלעך מיט די פאָטערס זייערע האָבן אין יאַקאָבן בלויז געזען דעם נײַעם סוחר, מיט וועלכן מען קען זיך נאָר עסק'ן אין געלט־זאַכן. נישט די מיידלעך האָבן זיך געמיט צו געפינען חן אין זײַנע אויגן און נישט ער האָט געטראַכט וועגן וווילגעפעלן זיי, בעת זיי האָבן בײַ אים געקויפט. עס איז אים גאָרנישט אײַנגעפאַלן אַז עס קען אויך זײַן אַנדערש.

אויב יאַקאָב האָט אין זיך געפילט אַ גרויסע שינוי, איז עס נאָר געווען ווען ער איז געקומען אין געוועלבל פון דעם אלמן ר' לייב אין דער דערבײַאיקער שטאָט ליסע. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געזען דאָס געוועלבל בעת ער איז אַנטלאָפן פון דער היים און געמוזט זיך קויפן עפּעס צו עסן אין דער פרעמדער שטאָט. בעת ער האָט שוין אָנגעהויבן צו האַנדלען אַלס חתן האָט ער, נישט וויסנדיק פאַרוואָס, געמאַכט אַ נסיעה קיין ליסע. דאָס איז ער געגאַנגען צו ר' לייבן פרעגן, אויב מען קען מאַכן אַ שטיקל מסחר צוזאַמען; יאַקאָב טראַכט פון האַנדלען מיט שפּײַז און עס איז אַ סבֿרא אַז ר' לייב ברענגט אַ סך זאַכן פון ברעסלוי.

מיטן גאַנצן געוועלב האָט שוין דאַן אָנגעפירט ר׳ לייבס פריילעכע טאָכטער מרים. נישט האָבנדיק קיין מאַמען איבער זיך איז זי אויך געווען ר׳ לייבס בעל הביתטע אין שטוב, דערפאַר האָט זי זיך געפילט תקיפ׳ער ווי אַנדערע מיידלעך אין אירע יאָרן. צו איר האָט מען נישט געמוזט וואַרפן קיין בליקן פון דער זײַט בכדי זי צו זען, אַזוי ווי יאַקאָב האָט עס געדאַרפט טאָן בײַ זײַן כלה. אויך זי אַליין האָט נישט געמוזט דווקא אַרײַנברענגען קיין כיבוד, בכדי זי זאָל מעגן אַ קוק טאָן ווער עס דאַרף זײַן איר באַשערטער. מרים איז געשטאַנען אין קראָם, געשמועסט מיט וועמען זי האָט געוואָלט און טיילמאָל האָט זי אַפילו אויסגעהערט קלות־ראש׳ן פון די פועלים, וואָס זענען געקומען צו איר קויפן איבערבײַסן. זי האָט אַלעמען געקוקט אין די אויגן אַרײַן און אַפילו אָנגעהויבן די ערשטע אַ שמועס, גלײַך ווי זי וואָלט נישט געווען קיין בתולה וואָס שטייט אין שידוכים.

אָן שום מיין האָט יאַקאָב עטלעכע מאָל געמאַכט נסיעות קיין ליסע און ר׳ נח מיט דער מוטער זענען אַפילו געווען צופרידן, וואָס ער זוכט ביסלעכווײַז צו שטאַרקן זײַן מעמד, איידער ער גייט ווערן אַ מענטש פאַר זיך אַליין. עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט אַז ער איז אַלעמאָל געקומען אין לייבס קראָם אַרײַן און געשטאַנען גאָר נאָנט פון מרימען. טיילמאָל האָט ער בײַ איר עפּעס געקויפט און פאַר דעם איר געבערענגט מעל. איז זיי אויסגעקומען בײַנאַנד צו השבונען, ביז מען האָט אויסגע־גלײַכט די געלטער. מרים איז שוין דאַמאָלסט געווען די אשת־חיל און דער פאָטער האָט זיך ווייניק געמישט אין די עסקים. יאַקאָב האָט נאָך ווייניק גערעדט; געזאָגט וואָס ער וויל — מער מיטן ווונק ווי מיט ווערטער, זי אָבער האָט שוין געוווסט, אַז מען דאַרף מענטשן אײַננעמען מיט רייד און מיט אַ גוט פּנים, בכדי זיי זאָלן קומען נאָכאַמאָל. זי האָט געזען ווי יאַקאָב רויטלט זיך, שטאַמלט און נעמט אַוועק די אויגן בעת איר דערנענטערונג. אַ פריילעכע און שטיפערישע, האָט זי אין דער קראָם ווייניק געלעגנהייטן געהאַט פון וואָס זיך לוסטיק צו מאַכן. האָט איר הנאה געטאָן וואָס זי זעט אים און וואָס ער ווערט אַ געענדערטער נעבן איר. זי האָט בײַם רעדן געקוקט אויף אים גלײַך און אָן אָפּהאַלט, ווי זי האָט עס געטאָן מיט די אַנדערע פועלים אָדער ערלים וואָס זענען

אַרײַנגעקומען עפּעס קויפן. מעשה דערוואַקסענער מענטש האָט זי אים אויסגעפרעגט וואָס עס מאַכט זײַן כלה פון ברעסלוי; אויב זי געפעלט אים און ווען ער טראַכט שוין חתונה צו האָבן. אַלץ האָט זי געדאַרפט וויסן. זי האָט בײַ אים געפאָרשט, וואָס פאַר אַ מתנות אַזאַ שטייגער ער האָט איר שוין געקויפט; וואָס אַזעלכעס ער האָט מיט איר געשמועסט בעת זיי האָבן זיך געזען און וויאַזוי זי זעט אויס אויפן געשטאַלט. יאַקאָב האָט זיך געשעמט איר צו דערציילן דעם אמת און דערפאַר האָט ער מיט אַ שטאַמלדיק קול אויסגעקלערט אַלערליי שקרים. זי האָט געלאַכט דערפון און אים געזאָגט, אַז זי וואָלט אַזאַ חתן פאַריאָגט אין די הרי חושך. א י ר חתן וועט מיט איר מוזן רעדן אַ סך, דערציילן איר וואָס זי וויל נאָר. ער וועט מוזן קענען אַ סך זאַכן און זי. וועט אים פרײַער אַ סך אויספרווון. זי האָט אַפילו חוזק געמאַכט פון יאַקאָבן דערפאַר וואָס ער ווייסט נישט, אויב זײַן כלה איז אַ קלוגע אָדער נישט. וואָס וועט ער טאָן דערנאָך, אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן אַז זי האָט אַלערליי פעלערן?

יאַקאָב האָט זיך געפילט צוגעצויגן צו מרימען נישט בלויז צוליב איר אָפענער שיינקייט. אים האָט אויך געצײַגערט צו וויסן, וויאַזוי עס זעט אויס מיט אַזאַ איינער וואָס האָט מיט מאַנסבילן אַזאַ געווייניטלעך לשון ווי מיט אירס גלײַכן. ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוווּנדערן דערפון וויאַזוי זי מסחרט, וויאַזוי זי קוקט און רעדט, לאַכט און פרעגט אויס... ער האָט אָבער געוווּסט אַז ער טאָר ווײַטער נישט טראַכטן און ער האָט עס אויך נישט געפּרווּט. ער האָט בלויז זיך באַמיט צו קומען וואָס אָפּטער, אויסגעזוכט אַלערליי חשבונות און געהאַט אַלעמאָל פאָרצולייגן אַנדערע פאַרקויפּעכצער... זײַן מעל איז דאָס שענסטע, דאָס לויטערסטע און ער וועט נעמען ווינציקער אַ גרײַצער אויפן פוד. עס האָט אים גאָר מער ווי געטאָן ווי פאַרדראָסן, וואָס עס קומען אַרײַן צו איר אויך אַנדערע יונגעלײַט עפּעס קויפן. אויך מיט יענע רעדט זי אַזוי, לאַכט און מאַכט זיך פריילעך? פאַרוואָס טוט זי עס? און פאַרוואָס קומען זיי, ווען ער איז דאָ פאַראַן? וואָס מער ער איז געקומען אַלץ מער האָט עס אים געצויגן אַהין. ווו נאָך קען ער דען זען אַזאַ מין מרים, רעדן מיט איר און אויסהערן איר זיסן שפּאָט וואָס טראָגט זיך אַזוי

לײַכט און מחיהדיק אויף זײַן קאָפּ? עס וואָלט אים גאָרנישט געאַרט ווען זי חוזקט אים אַזוי אויס דאָס גאַנצע לעבן, אַבי זי זאָל אַזוי שטיין נאָענט פון אים... זאָל זי נאָר!

מער פון די דאָזיקע געדאַנקען האָט זיך יאַקאָב נישט געקענט פאַרגינען. עס איז אים גוט געווען דערפון — און ווײַל ער האָט נישט געטאָרט, האָט זײַן מחשבה מער גאָרנישט געפּאָדערט. ער האָט אָבער באַוויזן צו זען, וויאַזוי די בחורים פון ליסע רעדן פון איר און וויאַזוי זיי רעדן צו איר, בעת זיי געפינען דערצו אַ געלעגנהייט. ער איז מיט דער צײַט צוגעקניפּט געוואָרן צו איר פון דער ווײַטנס און נאָכגעשפּירט איר יעדן גאַנג און יעדעס וואָרט. ער האָט דערפאַר געזען וויאַזוי אין אָנבליק פון טייל בחורים ווערט אויך זי רויט און פאַרשעמט. בעת זיי זענען אין דער נאָענט פאַרלירט זי איר שפּאָטיש־דרײַסט לשון און באַמיט זיך געפעלן צו ווערן מיט איידעלע תנועות און מיט אײַנגעהאַלטענעם שווײַגן. יאַקאָב האָט שוין געוווּסט, אַז פאַר אים אין די אויגן ווערט זי נישט רויט און בלייך. זי דערשרעקט זיך נישט און ווײַזט נישט אַרויס קיין פריילעכן ציטער ווען ער קומט. איז עס אַ גוטער סימן? ער האָט דערפון נישט געוואָלט טראַכטן. ער האָט נאָר געשפּירט אַז אין זײַן אָנבליק דאַרף זי זיך נישט אויספּײַנען. סך הכל איז ער אַ שטיקל צעדרייטער הענדלער פון וועלכן זי קען הארציק אָפּלאַכן, אָבער זי איז צוליב אים נישט מחוייב צו האַלטן זיך אין דער מעלה. דאָס האָט אים נאָך מער אָפּגעהאַלטן. האָט ער זיך געהיטן ניט אָנצוהענגען אין אַזאַ אומגליקלעכער זאַך. ער האָט מיט דער צײַט געמוזט זיך באַווײַזן אַ מאָל אין אַ יובל בײַ איר אין קראָם; ווײַל אַזיסטן וואָלט ער עס נישט אויסגעהאַלטן. דערפאַר אָבער האָט ער זיך אין דער מחשבה אַריבערגעוואָרפן מיט נאָך מער פאַרביסנקייט צו יענעם שאָטן פון אַ מיידל, וואָס האָט מיט אַ צײַט צוריק אַרײַנגעברענגט וואָרעמס מיט קיכלעך אין אַ ברעסלויער שטוב. זי איז געוואָרן זײַן שוץ אַנטקעגן דעם ציענדיקן ריח און שמעקעוודיקן טרויער וואָס האָט אויף אים געיאָגט פון ר׳ לייבס בת יחידה. ער האָט אָנגעהויבן צו בענקען נאָך יענער, נישט נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט זי דאַן געזען מיט איבערראַשטע אויגן, נאָר אויך צוליב דעם וואָס דורך איר אין ברעסלוי קען ער אויסמײַדן

אַ גרויסע בושה מצד מרימען און מצד די מענטשן אַרום איר. כל זמן ער האָט אַ כלה מעג ער זײַן אַ יינגער הענדלער וואָס קומט מאַכן זײַנע חשבונות מיט מרימען און דערנאָך גיין זײַן וועג. קיינער וועט אים נישט פאַרהאַלטן און נישט חושד זײַן אַז ער זוכט זיך דאָ אַ וועג אַרײַנצוקומען — און ער אַליין פילט זיך אויך זיכערער. ער האָט געקענט דערמיט מער איבערהאַלטן מרימס גלײַכגילטיקייט און עס האָט אים נישט אַזוי ווי געטאָן. ער האָט פאַר זיך אַליין געהאַט דעם תירוץ, אַז דאָס טוט זי ווײַל זי ווייסט אַז ער האָט שוין אַ גרייטע כלה און נישט דערפאַר ווײַל ער אַליין איז איר אַזוי שטאַרק דערווידער. וואָס וואָלט ער געטאָן ווען ער זאָל קיינמאָל נישט האָבן געוועזן מיט דער מאַמען אין ברעסלוי און נישט געקויפט קיין געשאַנקען? ער וואָלט זיכער צוגעפאַלן צו מרימען און זי וואָלט געלאַכט, גערופן אַנדערע אַז אויך זיי זאָלן זען יאַקאָבס שאַנד. דער גאַנצער שטאָט וואָלט זי דערציילט און ער וואָלט אפשר אויסגעמיטן צו קומען קיין ליסע...

פון דעסטוועגן האָט יאַקאָב טיילמאָל געצאַרנט אויף זיך אַליין און בייז געווען אויף די מענטשן וואָס האָבן אײַנגעשטעלט אַזאַ משונהדיקן סדר אויף דער וועלט. באַהאַלטענערהייט האָט זיך אין זײַן מוח געפּלאָנטערט אַ ווילן, אַ בקשה צו עמעצן אַז עס זאָל פּלוצים עפּעס געשען, וואָס זאָל אים אָפּרײַסן פון זײַן וואַרעם ווינקעלע אין ברעסלוי. ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען די כלה זײַנע זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַוועקגענומען ווערן פון אים — און ער זאָל בלײַבן שטיין אַ לייזיקער, אַן אָפּגעזאָגטער, אַ צעשטויסענער און איבערגעשראָקענער. נאָך דעם ווי ער האָט דערזען מרימען מעג ער דערפון טראַכטן, כאָטש ער ציטערט אַזוי. ער וואָלט דאַן אָנגעשטעלט אַלע חושים זײַנע אויף מרימען. אַזוי צי אַזוי וואָלט אים דערפון גאָר גוט געווען. קודם וואָלט ער בײַ זיך געפועלט צו זײַן אירער. ער וואָלט דאַן באַקומען מער דרייסטקייט און ער וואָלט פון איר נישט אָפּגעטרעטן. עס האָט זיך אים אפילו אויסגעוויזן, אַז ער וואָלט זיך שטאַרק געפרייט ווען ער האָט פון מרימען פריער אַ סך חרפות און בזיונות; ווען זי און אַנדערע וואָלטן אים זייער אויסגעלאַכט. דאָס וואָלט בײַ אים פאַרשטאַרקט די עקשנות אויסצוגלײַכן זײַן חרפה, וועלכע איז אויך אַזוי זיס דערפאַר ווײַל מרים דער-

לאַנגט זיי עפּעס גאָר אַנדערש... און דערצו וואָלט זי מיטן מבייש זײַן באַקומען גאָר אַ נאָענטן שייכות מיט אים. אפשר וואָלט זי אויך געקענט אַמאָל ח ר ט ה האָבן דערפון און איר האַרץ וואָלט גע־לעכצט נאָך אויסבעסערן זײַן עוולה... וואָס איז אים דען אַ נפקא מינה? ער איז זיכער געווען אַז דאַן וואָלטן אַ סך זאַכן געמעגט קלאָרער ווערן.

נאָר פון ברעסלוי זענען אַ לאַנגע צײַט געקומען בריוועלעך מיט קינדיש־קלאָרן כתב, וואָס האָבן געזוכט אַרויפצוסטעמפּלען אויף אים די ערשטע סאַמעטקייט פון מיידלערישער צניעות און וואַרעמקייט. ער איז פון דעם אַזוי אָפּגעבריט געוואָרן, געטראַכט פון יענער מיט הייסן אָטעם און פאַרלוירנקייט. האָט ער אַהין צוריקגעשריבן און דאָרט מיט־געשיקט שטיקלעך פון זײַן צעשויבערטער האָפענונג אויף איינער, וואָס זי קען עס אויך זײַן. צוליב דעם איז אים אויך נמאס געוואָרן זײַן פאָרן אומזיסט קיין ליסע, בכדי אויפצונעמען מר׳מס געלעכטער בײַ איר אין קראָם.

ער האָט זיך אָבער אויך צו דעם נישט געקענט העלפן. אים איז געפעלן אין מרימען דאָס וואָס זי שטעלט זיך העכער פון אים. זי איז אויך העכער. אין משך פון אַלע יאָרן, זינט יאַקאָב האָט געפילט אויף זיך די לאַסט פון זײַנע באַוואוסטע יאָרן האָט ער געוווּסט, אַז אים איז באַשערט צו זײַן דערנידעריקט. בײַ א י ם האָט נח מיט דער מאַ־מען צוגענומען וואָס זיי האָבן געקענט. מיט אים האָט דער מילנער אָנגעהויבן מאַכן אַזעלכע קונצן, וואָס מיט אַ צווייטן יינגנמאַן פון אַ שיינער שטוב וואָלט ער עס נישט געהאַט די העזה. אויך זײַנע שטאָטלײַט האָבן אין אים דאָס געגנאַר. עס וועט שוין אַנדערש נישט ווערן ביז ער וועט זיך שטעלן הינטערן שאָטן פון אַ צווייטן מענטש וואָס קען אומעטום עפענען אַ מויל און זאָגן דאָס וואָס מען דאַרף. איז דערצו מסוגל זײַן ברעסלויער כלה? זי איז נאָך שוואַכער און דער־שראָקענער פון אים. ווער עס האָט נישט געזען איר פאַרלוירענעם קוק אין זײַן זײַט אַרײַן! זי קען נאָר אַרונטערפאַלן אונטער אים און ווערן איינס מיט זײַן אומבאַהאָלפנקייט. עס וואָלט אים מסתמא גוט געווען צו האָבן נאָך עמעצן בײַ זיך, אַן הכנעהדיקן און גורל־גרייטן. ער וואָלט זי אפשר געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ דווקא דערפאַר אויך. אָבער וויסן

מעג ער דאָך פּאָרויס, אַז פאַר אים וועט עס נישט טויגן. נישט אומזיסט האָט די מוטער אַלץ אַליין באַשלאָסן, געשריבן תנאים און דאָך איז זי אַוועקגעפאָרן טרויעריק און אומצופרידן. נישט בחינם האָט זי אָנגעהויבן אָפּצושלעפּן דעם זמן החתונה אַלעמאָל מיט אַן אַנדער אויסרייד. פאַרשטייט זי טאַקע נישט?

אָט זי, מרים למשל, איז שוין אַן אַנדערע. זי וועט זיך מיט גאָרנישט פאַרלירן אין זײַן חולשות. ס'קען זײַן, אַז זי וועט אים צונישט מאַכן, צערײַבן אין דער האַרטקייט פון איר שפּאָט און אַנטשלאָסנקייט. ער וועט אָבער צוליב איר און נעבן איר שטאַרקער ווערן. אוי, ווען זי זאָל נאָר לאָזן אָנלענען זײַן צעבראָכנקייט אין איר זיכערן טריט! ער וועט זיך לגמרי אַרײַנטאָן אין איר ווילן, נישט איבערלאָזן גאָרנישט פאַר זיך ווי אַ באַזונדער שטיק לעבעדיקייט. עס וואָלט אים געווען האַרט, שלעכט... עס וואָלט פון אים געפאַלן שטיקער כבוד און דאָך וואָלט ער דערמיט גרעסער געוואָרן. דאָס וואָס ער קען נישט אויסבעסערן אין זײַן לעבן דורך זיך, וואָלט ער בעסער געמאַכט דורך איר. ווי נאָר מען וואָלט געזוכט אים קליין צו מאַכן, וואָלט זי אויסגעוואַקסן בײַ דער זײַט מיט איר הפקרדיקן שטאָלץ און זי וואָלט אָפּגעיאָגט יעדער פּרווו צו מאַכן שטויב פון זײַנע טעג...

איז ער געלאָפן, הגם ערשט אויפן וועג האָט ער זיך געכאַפּט אַז דאָס לויפט ער זיך דרייען בײַ איר טיר. ער האָט געוווּסט אַז עס איז אין דעם נישטאָ קיין שום שכל און קיין שום ציל — אַז דאָך האָט ער זיך געהיטן, אַז די מוטער זאָל נישט וויסן דערפון. פוןביידע זײַטן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים צוויי שווערע וועגן און ער, דער זעכצן־יעריקער האָט גאָרנישט געקענט באַשליסן אָדער אויסוויילן. ער איז געשטויסן געוואָרן בעגוואַלד אויף ביידע און זײַנע כוחות האָבן קיין איינעם נישט געקענט מבטל זײַן. האָט ער געקוקט צו דער מוטער מיט אַ סך געבעטן און מיט אַ דערוואַרטונג אויף אַ נס. אפשר וועט זי שוין שטילערהייט צעשטערן דאָס וואָס מען דאַרף און פאַרוואַרפן אַ בריק דאָרט ווו זי וועט אײַנזען דעם וועג פאַר אים? ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן ווינק אירן, דאָס מינדסטע וואָרט וואָס זי האָט געזאָגט שטילערהייט צום מאַן אָדער צו זיך אַליין. ער האָט אָבער נישט געקענט

וויסן געגוי וואָס זי וועט דאָ אַרויסברענגען. ס׳איז אים אויך נישט קלאָר געווען, אַפילו נאָך דעם ווי זי איז געזעסן בײַ זײַן קראַנק בעטל, נאָכן געשלעג זײַנעם מיטן געזונטן מילנער.

— 2 —

ס׳איז דוכט זיך נישט געווען נאָך אַ מיידל אין גאַנץ ליסער קהילה וואָס זאָל זיך אַזוי נוהג זײַן ווי מרים בת ר׳ לייב. זי איז באַלד גע־בוירן געוואָרן מיט אַזאַ פּרײַקייט וואָס אַן אַנדערער וואָלט מען עס נישט דערלויבט. איר האָט מען אָבער באַלד נישט געקענט האָבן בדעה פאַרצוואָרפן דאָס מינדסטע. זי האָט חלילה קיין רשעות נישט אָפּגע־טאָן. דערצו איז דאָס הויז פון וואַנעט זי קומט געווען אַ מיוחסדיקס. איר פאָטער האָט נאָר באַצײַטנס געקריגן אַזאַ מין שוואַכקייט פון וועלכער מען קען שוין אַ גאַנץ לעבן קיין גרויסער בריה נישט זײַן. די מוטער איז געשטאָרבן פרי און דער פאָטער איז צוליב דעם געוואָרן נאָך מער אָפּגעלאָזט און צעבראָכן. מרים האָט בײַ גאָר פריִע יאָרן געמוזט נעמען דעם רודער אין דער האַנט, סײַ אַלס פּרנסה־מאַכערין און סײַ אַלס אַכטונג־געבער פון דער שטוב, דעם פאָטער האָט זי געלאָזט לאָזט זיצן אין בית המדרש און קוויקן זיך מיט די ספרים, סײַדן ער אַליין האָט אַמאָל געוואָלט קומען אַרויסהעלפן. דער עיקר האָט ער איר אָבער נאָר געקענט העלפן מיט אַן עצה פון אַן עלטערן מענטש. די גאַנצע אַרבעט איז סײַווי ליגן געבליבן אויף איר.

אין די ערשטע יאָרן האָט מרים זייער שטאַרק מקנא געווען די אַנדערע שטוב־מיידלעך פון שטאָט. זיי זענען געזעסן אין די וואַרעמע שטובן און געשיצט געווען פאַר בייזע אויגן ווי די בת־מלכהס, ווּעמענס גאַנצער כבוד אין אײַנגעשלאָסן צוזאַמען מיט זיי אין די חדרים. זיי האָבן מוטערס געפלאָכטן די האָר, דערלאַנגט מילך צו טרינקען און געזאָרגט אַז זייער הויט זאָל לײַכטן מיט מילכיקער ווײַסקייט. יענע האָבן אַלע שבת געשפּרײַזט איבער די געסלעך מיט לײַכטע שפּאַציר־טריט און אין די נעכט האָבן זיי זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פון זייער האַרץ, בעת די עלטערן האָבן זיך דערציילט צונויפגעדריקטע סודות

וועגן זייער תכלית. מרים האָט דאָס נישט געהאַט. זי האָט עס אַרויס־געשליידערט צום מאַרק ווו זי האָט געמוזט אָפּשטיין סײַ אין קאַכיקן זומער און סײַ אין די פראָסטיקע ווינטערס.

צו איר האָבן בחורים נישט געדאַרפט וואַרפן קיין בליקן דורך פאַרהאַנגענע פענצטער. זי האָט בכלל נישט געקענט מאַכן, אַז עמעצער זאָל לאַנג דאַרפן וואַרטן בכדי צו זען איר טריט. זי איז אויסגעשטעלט געוואָרן צו דער אָפנקייט און צום בליק פון יעדן איינעם, וואָס איז געקומען קויפן אַ פלעצל פאַר אַ קרייצער. זי איז נישט געצערטלט געוואָרן, נישט אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין די אינעווייניקסטע צימערן. איר פּנים־הויט האָט נישט געקענט האָבן יענעם צאַרט־בלייכן קאָליר פון איידלקייט, וואָס אַ יידישע טאָכטער דאַרף האָבן, בכדי צו געפעלן גאָט און לײַט. איר פּנים האָט געכאַפּט דעם ברען פון דער זון און די שמיץ פון קעלטן און ווינט. עס האָט אויסגעזען אַז זי וועט בלײַבן אַ מיאוסקייט לויט די ליסער געשמאַקן; אָבער די געזונטקייט פון איר יוגנט האָט גובר געווען און איר הויט איז געוואָרן האַרט און ברוינ־לעך־פעסט, גאָרנישט לויט די פופצן יאָר פון אַ מיידל אין יידישן ליסע. אירע אויגן האָבן געגומען גלאַנצן מיט בליצן און אַנטשלאָסנקייט. עס איז אין זיי גאָרנישט געווען צו מערקן יענע אומגעשיקטע צעשטראָלט־קייט וואָס ווייסט נישט וווהין זי ציט זיך. פון איר אויג האָט אַרויס־געקוקט אַ צײַטיקע ווייסעוודיקייט און די איבערגעברענטקייט פון ערשטע צער'ן, וואָס בלײַבן ווײַט צוריקגעלעגן אין דער דערשראָקנקייט פון אַנ־דערע. זי האָט געשמועסט מיט עלטערע, דערוואַקסענע פרויען ווי מיט אירס גלײַכן, געהערט זיי און געענטפערט מיטן זעלבן, אַלטגעזעסענעם טאָן. זי האָט זיך געעצהט מיט זיי פונקט ווי זיי האָבן זיך געעצהט מיט איר — און עס זענען פון איר אַוועקגעפאַלן אַ סך שטײַגערקייטן, וואָס נילטן פאַר יונגע מיידלעך ווען מען דער פאָטער דאַרף ברענגען דעם באַ־שערטן אין שטוב אַרײַן הינטער דער פאַלע.

מרים האָט זיך געקענט לוסטיק מאַכן מיט רייד ווען בחורים זענען אַרײַנגעקומען אָדער פאַרבײַגעגאַנגען. זי האָט געקענט קוקן אויף זיי אין נישט אַוועקכאַפּן די אויגן ווען זייערס אַ בליק האָט זיך צו איר געקערט. זי איז געגאַנגען יעדן טאָג אַהין און אַהער איבער די שטעטל־

ײיקע גאַסן, געלאָפן אין דער הינטערשטאָט און אין אַנדערע שטיבער, בכדי צו געפינען אָדער פאַרקויפן די נויטיקע סחורה. עטלעכע מאָל האָט זי זיך אַפילו געלאָזט אויסער דער שטאָט מיט אַ גויִשן וואָגן אײַנצוהאַנדלען אַזעלכע מינים וואָס האָבן אויסגעפעלט אין ליסע. עס איז נישט געווען וואָס צו דינגען זיך איבער איר קלוגשאַפט און בריהשאַפט.

ווײַבער חניפהניצעס האָבן זי געהאַלטן אין איין לויבן, בעת זיי האָבן געדאַרפט אָפדינגען אַ האַלבן העלער אויף אַ לויט זאַפרען. זיי האָבן איר פאָרויסגעזאָגט, אַז מיט אַזאַ בריהשאַפט וועט זי אַרויסהייבן דעם גרעסטן עילוי אָדער גאָר אַ גרויסן סוחר. מען וועט זיך נאָך „הרגענען" איבער איר! נאָר צווישן זיך האָבן טייל נישט געקענט פאַרבײַלאָזן דאָס פאַרגעניגן פון אַרומרעדן זי אויף אַלע זײַטן. קיין שלעכטס האָט מען חלילה נישט געהערט. צי איז עס אָבער אַ ייִדישער דרך? אַ מיידל וואָס שטייט אין שידוכים דאַרף נישט זײַן אַזוי. ווי פרײַ זי רעדט! ווי געשיקט און דרייסט זי דינגט זיך דאָס מיט די מאַנסלײַט! הײַנט דאָס לאַכן... ווי מעג דען אַזוי לאַכן אַ מויד, וואָס האָט נאָך געדאַרפט זײַן אַן אָפגעהיטן כלה־קינד בײַ דער מאַמען? נאָר מרימען איז פאָרט אומעטיק געווען אויף דער וועלט. טאַקע דערפאַר האָט זי אַזויפיל געלאַכט און געזוכט פון וואָס צו לאַכן. אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך גע'עוסקט מיט די פאַרשידענע קונהטעס און געדונגען זיך מיט זיי, אַזוי ווי זי וואָלט שוין אַליין געווען אַן אַלטע און אויסגעפרוווטע בעל הביתטע. אַ סך מאָל האָט זיך מרימען אויסגעוויזן אַז זי איז שוין טאַקע זייער אַלט און נידערשלאָגן. ווען האָט זי געהאַט די יונגע יאָרן? אַז זי שטייט שוין אין אַ געוועלב גלײַך ווי אַלע מאַמעס... זי האָט דערפאַר אָנגעהויבן צו זוכן זיך פרייד אויפן אָרט ווו זי שטייט אָפ אירע יאָרן. זי האָט זיך אויס אויסגעלערנט קוקן מענטשן אין די אויגן אַרײַן, אַראָפכאַפן פון זיי אַלע העוויות און פון דאָרט אַרויסשעפן אַביסל לוסטיקייט.

אויפן זעלבן געסל האָבן געוווינט עטלעכע חייטים וואָס האָבן געשיקט זייערע שנײַדער־געזעלנס אײַנקויפן עפעס אין מויל אַרײַן. מען האָט זיי געדאַרפט ווײַזן אַ פרײַנטלעך פנים, בכדי זיי זאָלן וועלן קומען צו איר אין געוועלב. מרים האָט זיי אָבער גוט אויפגענומען נישט צוליב

דעם אַליין. די חברה פּלעגט אַרײַנקומען לעבעדיק און אונטערזינגען פריילעכע לידלעך וואָס האָבן מרימען לאַכעדיק געמאַכט. בײַם אויסדינגען עפּעס האָבן זיי אויך געשיט מיט לוסטיקע ווערטלעך און מעשה׳ס, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, אָבער עס איז זיי געווען אַ מחיה צו הערן. מרים האָט שוין געטראַכט, אַז אויב זי וועט דאַרפן זיך אויסזוכן אַ חתן, וועט זי נאָר וועלן אַ לוסטיקן און רירעווידיקן מיט וועלכן עס זאָל נישט טרויעריק זײַן אונטער איין דאַך.

דעם טאַטן אירן, ר׳ לייבן האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין וואָרענען, אַז ער האָט נישט קיין אויג אויף זײַן קינד. זי לאַכט, שטיפט און מאַכט טענות מיט די מלאכה־יונגען. עס קען גאָר זײַן אַז זי זאָל ברענגען אַ בושה אויף זײַן קאָפּ און ער וועט אַפילו נישט אָנהייבן וויסן פון וואַנעט דאָס האָט זיך גענומען. וואָס קען דאָ ווערן דער סוף? זי וועט דערנאָך מוזן איבערגעענטפערט ווערן צו אַן עם הארץ אין די הענט אַרײַן און עס וועט געגליכן ווערן אַזוי ווי ער וואָלט זי געבונדענערהייט אַוועקגעלייגט פאַר אַ לייב. ער האָט אָבער ווייניק וואָס געקענט העלפן. און וואָס האָט זי דען געטאָן? אַז עס קומט אַרײַן אַ קונה מוז מען אים מקבל זײַן בסבר פּנים יפות. אַנדערש קען עס נישט זײַן. אלא וואָס זי מאַכט זיך אַ מאָל אַ חוזקל, אַ קאַטאָוועס? איז נישט מעגלעך, אַז אַ יונג קינד זאָל זײַן די קרעמערין און אַ גאַנצן טאָג אויסמײַדן די קליינע קלותן וואָס זענען נהוג פאַר דער גאַס. זאָל איר נאָר אונטערקומען דאָס אמתע, וועט זי שוין זײַן ריין און פײַן — בעסער ווי אַלע. ס׳ווייסט דען עמעצער וויאַזוי זי איז געהיטן אין כיבוד אב?

אויך מיט דעם יאַקאָבן האָט זיך עס אָנגעהויבן ווי אַ חוזק. אַ חתן־בחור וואָס גייט אַרום פאַרתמ׳ט און פינטלט מיט די אויגן — דאַרף מען אויסלאַכן. שטענדיק ווען ער קומט אַרײַן זיך פרעגן עפּעס, באַהאַלט ער זיך אין ווינקל, דרייט זיך ווי אַ וואָרעם — זאָל זי נישט זײַן לוסטיק? דערנאָך האָבן שוין מענטשן דערציילט וועגן אים אַלערליי מעשים וואָס זיי האָבן געהערט. איין מזיק אין דער וועלט איז עס! דוכט זיך, אַז אַזוי קען ער קיין הויך וואָרט נישט זאָגן, אָבער דווקא ער האָט זיך אַמאָל געוואָרפן מיט אַ שטעקן אויף די פליגל פון אַ ווינט־מיל און געוואָלט אויספּרווון זײַן כח... און דער זעלבער האָט אַמאָל אַראָפּגע־

שלײַדערט זײַן קלײַן שוועסטערל פֿון אַ טיש און עס געמאַכט פֿאַר אַ קאַליקע. הײַנט זײַנען אַנדערע מעשׂים! ער קריגט זיך אַרום מיטן שטיפֿטאַטן און דער מאַמען, פֿאַרוואָס זיי האָבן צוגענומען זײַן ירושה און זײַן גאַנצע שטאָט דערציילט פֿון אים אַלערלײַ וווּנדיירים. פֿאַרוואָס זאָל מרים נישט טאָרן מאַכן אַ שפּאַס פֿון אים?

ער האָט אַ כּלה... און דאָך האָט מרים אַרויסגעפֿילט וואָס ער וואָלט איר געקענט זאָגן, ווען ער זאָל נישט פּלאָנטערן פֿאַרשעמט מיט דער צונג בײַ דער מינדסטער זאַך. זי דערקענט עס אין אים און זי האָט הנאה דערפֿון. עס וואָלט פֿאַר איר געווען אַ גרויסע פֿרייד אים אָנצוקוקן גלײַך און אים צו פֿרעגן ווער עס איז שענער, זי אָדער זײַן כּלה? ווי ער וועט דאָס צעחושט ווערן! וואָס דאַרף זי מער? זי איז אַפֿילו צופֿרידן געווען, וואָס עס קומט צו איר אַרײַן אַזאַ מין פֿאַרשוין פֿון וועלכן אַ גאַנץ שטעטל האָט צו רעדן. וואָס נאָך האָט זי דען אין אים דערזען? גאָרנישט. איין גאָט ווייסט דעם אמת. אפֿשר אויך דאָס, וואָס זי האָט געזוכט טײלמאָל נעבן זיך אַ נאָך־שוואַכערן און פֿאַרלוירענעם פֿאַר איר. ער האָט געדאַרפֿט זײַן איר טרייסט און איר פֿאַרגעניגן. וויפֿל איז דער שיעור אַז אַלע זאָלן זי באַזיפֿצן? דאָס אַלץ האָט זי נאָר געטראַכט נעבן אים, אָבער קײנמאָל האָט זי זיך נישט פֿאַרגעשטעלט במחשבה איין מינוט מיט אים אינאיינעם.

וויבאַלד עס איז איר אָבער אַדורכגעלאָפֿן אין געדאַנק אַז דער בחור האָט זי גערן, האָט זי עס שוין איבערגעטראַכט — ווי עס איז דער שטײַגער פֿון די מיידלעך, וואָס שטויסן אין זייער געדאַנק נישט אַוועק לגמרי קיין איין מענטש וועלכן זיי געפֿעלן. דאָס איז געווען אַזוי, כאָטש זי האָט שוין געפֿילט אַז זי וואָלט זיך פֿון אים קײנמאָל נישט געלאָזט אָנרירן. וואָס האָט זי פֿון אים געוואָלט? פֿאַר מרימען איז עס קלאָר געווען: אַביסל געלעכטער. וואָס וועט ער דערפֿון האָבן? דאָס איז איר נישט אָנגעגאַנגען. סײַ ווי וועט ער באַלד זיך אַריבערטראָגן צו זײַן ביסל נחת אין ברעסלוי און קיינער וועט אים דאָ מער נישט זען. זי טוט דערמיט קיינעם נישט קיין רעה. אים אויך נישט. ערשט ווען זי האָט געזען, אַז זײַנע אויגן ווערן הכנעהדיק געבויגן צו איר — האָט עס זי געשראָקן. דערבײַ איז זי ווײַטער צופֿרידן געווען דערפֿון, וואָס זי קען אים נאָך

מער צעטומלען. זי וויל אויך וויסן וואָס מיט אים איז דער מער און פאַרוואָס דערציילט מען וועגן אים אַזעלכע אויסטערלישקייטן... טאָר זי נישט?

אין משך פון דעם יאָר צײַט וואָס יאַקאָב האָט געמסחרט, איז ער פינף מאָל געווען אין ליסע. יעדעס מאָל איז ער געווען בײַ מרימען מער ווי בײַ זײַנע קרובים. זי האָט אים אויסגעפרעגט אַלערליי נאַרישקייטן און ערנסטע זאַכן. נאָך דעם ווי ער איז אַוועק און קיין קונים זענען נישט אַרײַנגעקומען האָט זי געטראַכט וועגן אים. ווי נאָר עס איז איר אויס־געקומען זיך פאַרצושטעלן אַ נאָנטקייט מיט אים זענען איר אַדורך רונצלען אויפן לײַב. דאָס נישט! פון דעסטוועגן האָט זי געוואַרט ער זאָל ווידער קומען. זי האָט געוואָלט ער זאָל זיך דאָ ווידער אַוועקשטעלן שווײַגן מיט זײַן אויסטערליש שווײַגעניש און זי זאָל אים דאַרפן ציִען בײַ דער צונג. עס האָט בײַ איר אויסגעזען, אַזוי ווי זי וואָלט דערבײַ רעדעוודיק געמאַכט עפּעס אַ שטומע וואַנט און דערמיט באַוויזן גרויס חכמה פון וועלכער מען האָט שטאַרק הנאה פון זיך. יעדעס מאָל ווען זי האָט געפּרוווט רעדן מיט אים האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי ווערט דערבײַ קלוגער און זי דערוויסט זיך אַזוינס — וואָס אָן אים וואָלט זי עס קיינמאָל נישט געוווסט. עס איז איר אויך גוט געווען צו וויסן אַז אויף אים וואַרט אַן אַנדער מיידל און זי וועט זיך נישט דאַרפן האַלטן מיט אים נאָך דעם ווי זי וועט מער נישט דאַרפן שמועסן מיט אים. עס איז איר גאָר נישט געקומען אויפן זינען, אַז דאָס דאָזיקע אומגעוויינלעכע נפש קען אַמאָל קומען צו איר און עפּעס מאָנען, פאָדערן זי אַליין אויפן גאַנצן לעבן.

די נײַגעריקייט אים צו באַקענען ווי עס באַדאַרף צו זײַן האָט זי געלאָזט איבערטראָגן זײַנע פלאַנטערדיקע רייד, די פאַרחלשטע בליקן זײַנע און דאָס דערשראָקענע אַרומקוקן זיך זײַנס אין אַלע זײַטן. מיט יעדן מאָל האָט מרים אַנטדעקט אַלץ מער און מער הנאה פאַר זיך אין זײַן קומען צו איר. אוי, ווי זי געפעלט אים! פאַרוואָס זאָגט ער גאָרנישט וועגן דעם, כאָטש דאָס האַרץ איז אים זיכער פול? דער גולם! זי מוז אים אַזוי לאַנג פאַרשן ביז ער זאָל עס אַרויסזאָגן. זי האָט אים פײַנט, ווייל אים נישט האָבן נאָנט צו זיך, אָבער הערן עס האָט זי שטאַרק חשק

געהאַט. עס איז איר אפילו געפעלן וואָס ער האָט נישט אָפּגעגעבן זײַן גאַנצן חוש פאַר דער אייגענער כלה, נאָר ער האָט אַזויפיל עקשנות בײַם קומען צו איר. ער איז צוליב דעם אַפילו גרייט צו נעמען אויף זיך אַלע אירע אָפּלאַכעניש. איז עס נישט קיין אויסטערלישער בחור? ס׳איז טאַקע טשיקאַווע צו הערן וואָס ער וועט זאָגן בײַם קומען דאָס צווייטע מאָל. זי דאַרף עס זען ביז צום סוף, ביז מען וועט אים רופן חתונה האָבן. מער איז איר נישט אײַנגעפאַלן צו טראַכטן וועגן יאַקאָבן. זי האָט זיך אויך נישט געקענט פאָרשטעלן אַז עמעצן קען צוליב דעם אַרויפקומען אויפן געדאַנק צו מאַכן אַ שייכות צווישן אירע שפּילערײַען און דעם בחור פון וועלכן מען דערציילט אַזעלכע לוסטיק־טרויעריקע זאַכן.

— 3 —

זינט יאַקאָב האָט צוריקגעקריגן זײַנע מתנות פון ברעסלוי איז ער געוואָרן נאָך מער שווײַגנדיק און פאַרביסן. קיין ליסע איז ער אַ לאַנגע צײַט נישט געקומען. אויך אויף די גאַסן אין פין האָט ער זיך זעלטן געוויזן און אויסגעמיטן מענטשן. טייל האָבן אים אָבער פאַרהאַלטן און אַרײַנגעגאַנגען מיט אים אין אַ שמועס. ער איז געווען רויק און געענטפערט מיט אַן איבערגעקלערטער געמיטלעכקייט, וואָס האָט מענטשן אַרײַנגע־ברענגט אין פאַרוווּנדערונג. סוף כל סוף האָט ער דאָך געכאַפּט שטאַרקע קלעפּ און דערנאָך נאָך געליטן אַזאַ בזיון אַלס צולאָג. יעדן איינעם וואָלט עס אַרויסגעפירט פון די כלים — און ער גייט זיך גאָר זײַן וועג און האָט נישט צו קיינעם קיין טענות. איז דאָס אַליין נישט דער בעסטער סימן, אַז מען האָט דעם בחור געמאַכט מער שלעכטן שם ווי דער אמת איז? מענטשן וואָס האָבן ליב צו שאַרפן דעם מח און אַרײַנקלערן אין יענעמס עסקים, האָבן אַפילו פלוצים אַנטדעקט אַז דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ גרויסע עוולה. אַפילו די אייגענע מאַמע, בפרט דער שטיפ־טאַטע, האָט אָפּגעטאָן אַ משוגענע זאַך וואָס מיטן שכל איז עס שווער תופס צו זײַן. ס׳איז דאָך עפּעס אַן אייגן קינד! זיי האָבן געוווּסט אַז דער בחור ציט זיך קיין ברעסלוי, אַז די כלה איז אים שטאַרק געפעלן — האָבן זיי זיך נישט געדאַרפט אײַלן! וואָס איז דאָס לויפעניש?

ווי נאָר יענע האָבן עפּעס געהערט און אָנגעהויבן קרומען מיט דער נאָז — האָט די גוטע מאַמע באַלד אַ זאָג געגעבן: מסכים! עס איז איר נישט געלעגן דערין אויפצוקלערן יענע, אַז דאָ איז אַ שטיקל טעות און טאַקע רופן צום רב אויך... מענטשן וואָלטן זיך געוועץ אַרײַנגעלייגט אין עסק אַרײַן און געמאַכט שלום. דער בזיון פון אַן אייגן קינד איז שוין גאָרנישט? פאַרוואָס זאָל ער זיך אַרומטראָגן מיטן פלאַסטער אַז אַ כלה האָט אים אַוועקגעוואָרפן? אַ מעלה צו אַ גוטן שידוך איז עס זיכער נישט! וואָסזשע האָבן זיי אַזוי העגדוס־פּענדוס אָפּגעהאַקט דאָס גאַנצע עסק, נאָך איידער זיי האָבן אַ פרעג געטאָן בײַם בעל דבר אַליין? אַ לײַטישע מאַמע טוט נישט אַזוי...

און אַז עס איז שוין צו רייד געקומען, האָט מען זיך שוין דערטראַכט אַז נח קמצנס קאָפּ מוז דאָ שטעקן אין עסק. ס'איז אים געגאַנגען אינעם קנס וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען בײַ די מחותנים! ווייניק מסחרימלעך אַזעלכע האָט דער ייִד געמאַכט ביז ער איז געוואָרן אַ נגיד? ער האָט דערין גאָרנישט אַרײַנגעלייגט אויסער יאַקאָבס בזיון און אַרויסגענומען דערפון וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט... פאַרוואָסזשע האָט ער זיך נישט געקענט אָנכאַפּן דערין וואָס יענע האָבן געטענהט חרטה? אײַ די מאַמע? נשים דעתן קלות... און אַז דער מאַן זאָגט! וואָס מער די פּינער גרינגע קעפּ האָבן זיך אַרײַנגעטראַכט אין דער זאַך, אַלץ מער איז זיי קשה געוואָרן די גאַנצע מעשה. דער מילנער איז שוין פון לאַנג באַקאַנט פאַר אַ קל שבקלים. קיין צדיק הדור איז ער זיכער נישט... און דאָס ייִנגל איז פאָרט אַ שטיקל בן תורה און דערצו אַ מיושבדיקער. וואָס זשע? ווערט אַזאַ ייִנגל גיין און סתם מאַכן אַ בלבול אויף אַ הויכן, געזונטן גבור, אַז ער האָט אים צוגענומען געלט? און אויך פון נחן איז אַ וווּנדער. אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן אויב מען האָט מיט אים אַ סכסוך אויף אַ פּרוטה. ער לאָזט נישט אָפּ, שלעפּט צו דין תורהס און ער זוכט מחייב צו זײַן אַ שבועה... פאַרוואָס האָט ער געלאָזט אַזוי לײַכט אָפּגיין דעם גאַנצן מילנער? יאַקאָבס געלט איז קיין געלט נישט? ער האָט דאָך אַפילו מיט יענעם נישט אָנגעהויבן צו רעדן דערפון! וואָס איז ער עס אַזוי זיכער געוועזן אַז יאַקאָב האָט זיך אויסגעטראַכט די גאַנצע מעשה? צוליב אַ בלבול בלויז וואָלט אַזאַ שטילער יונגערמאַן

נישט געוואַרט בײַנאַכט אויפֿן מילנער און ער וואָלט זיך אויף אים נישט געוואָרפֿן מיט אַזאַ האַסט... מסתמא האָט אים דאָס האַרץ ווײ געטאָן צעפּלאַצט געוואָרן פֿון פּאַרדרוס...

און אַז מען טראַכט שוין דערפֿון, האָט עפּעס אַ קלוגער קאָפּ צוגעטראַכט אַ סברא, וואָס האָט באַלד באַקומען פֿליגל איבער דער גאַנצער שטאָט. ס'האָט זיך געלייגט אויפֿן שכל אויך. לעולם האָט דאָך יאַקאָב דעם מילנער נישט געקענט. צוגעפֿירט אים אַהין האָט דאָך דער שטיפֿטאַטע. טאָ ווער וועט אונדז לייקענען, אַז די צווײ לײַט האָבן נישט געמאַכט קיין קנוניא צווישן זיך? דאָס האָט דער נח געוואָלט אַזוי אַרום באַקומען יאַקאָבס געלט און אויך אַראָפּגעבן דעם מילנער זײַן חלק. כל זמן יאַקאָב האַנדלט נישט מיט יענעם, קען מען גאָרנישט מאַכן — און אַזוי איז שוין מעגלעך אים צו פֿאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַלערלײ חשבונות. נישט אומזיסט האָט דערנאָך נח פֿאַרשוויגן די גאַנצע זאַך און נאָך געגעבן גערעכט דעם מילנער... אויסער דעם איז דאָ גלאַט צוגעקומען נאָך אַ זאַך. ס'איז נישט געווען קיין געוואַלטיקע חכמה צו וויסן, אַז יאַקאָב וועט נישט שווײַגן. ער וועט שרײַען, מאַכן קולות און אַרײַנפֿאַלן אין אַ רציחה... דאָס וועט קענען נוצן בכדי צו מאַכן אַ שם אַז דער בחור איז לא עלינו נישט בײַ די געדאַנקען. דאָס דאַרף נאָר דערהערן דער מחותן פֿון ברעסלוי און ר' נח האָט אים שוין אויך אין דער האַנט מיט אַ כתב... ווער איז דען געווען דער גאַנצער שדכן, אויב נישט דער זעלבער נח? פֿאַרוואָס האָט ער צונויפֿגעפּאָרט יאַקאָבן מיטן מילנערס ערשט נאָכן צוריקקומען פֿון די תנאים?

צוליב די אַלע רייד האָט מען אָבער קיינעם גאָרנישט געקענט טאָן. דערויף האָט מען קעפּ מיט מײַלער מען זאָל קלערן און זאָגן. קיינער האָט אָבער גאָרנישט געקענט אויפֿווײַזן. האָט מען נאָר געקענט אויספֿרעגן יאַקאָבן איינמאָל און נאָכאַמאָל. דערנאָך האָט מען שוין געוווסט אויף זיכער, אַז דער יונגערמאַן איז זיך אַליין שולדיק מיט זײַן שטילקייט. פֿאַרוואָס האָט ער געשוויגן? פֿאַרוואָס האָט ער עס נישט דערציילט באַצײַטנס בײַ קיין מענטשן? מען זעט דאָך באַשײנפּערלעך, אַז דער אמת רעדט אים אַרויס פֿון מויל... נאָר אַז ער האָט געוואָלט אָפּטאָן אַ מעשה

וואָס פאַסט פאַר אַ גוי, איז שוין שווער זיך אַרײַנצומישן... אָבער גערעכט איז ער פאָרט. אַז ער זאָגט — מעג מען אים גלויבן.

עס איז שוין אויך אַזוי דער שטייגער געווען בײַ ייִדן. מען האָט געקענט אַ שטיקל צײַט הנאה האָבן און אויסלאַכן אַ מענטש בלויז דערפאַר וואָס דאָס מזל שטעלט זיך צו אים מיטן נאַקן. באַלד איז אָבער גובר דאָס רחמנות דווקא צו דעם וואָס מען האָט נאַרוואָס אויסגעלאַכט. דאַמאָלט וויל יעדער צולייגן אַ האַנט און מיט אַלע כוחות אַרויסראַטעווען יענעם פון דער צרה. האָט זיך נישט איין תושב פון דער שטאָט פײַן געפילט ווי אַ שולדיקער קעגן דעם וואָס יאַקאָב דרייט זיך אַרום אַזוי אומגליקלעך און רויק. פון אַלע זײַטן האָט מען אים גענומען טרייסטן, אַז די וועלט גייט נאָך נישט אונטער און אַז מיט דער ברעסלויער כּלה האָט ער נאָך זײַן גאַנץ גליק נישט פאַרלוירן... אפשר איז אים גאָר באַשערט נאָך בעסערס! פון די אַלע רייד איז יאַקאָבן גאָר גוט געוואָרן און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַוויזן וואָס מער צווישן מענטשן. קיינער האָט אים נישט געהערט אַזוי אָפט און אַזוי לאַנג רעדן ווי אין יענע טעג. דערפאַר האָבן אויך אַ סך אָנגעהויבן וויסן אַז ער איז אַ שטיק בעל־שכל און ער קען נאָך אַמאָל ווערן גאָר אַ וואַזשנע מענטש אויך. מען האָט שוין געזען אַזעלכעס!

אויגן זענען דאָ אומעטום. באַלד האָט מען שוין געוווּסט אין פײַן אַז יאַקאָב איז געפאָרן קיין ליסע. דאָרט האָט ער זיך באַלד אַוועקגעלאָזט צום אַלטן ר׳ לייב אין קראָם אַרײַן, הגם דאָס מאָל האָט ער נישט וואָס צו פאַרקויפן און בײַ וואָס צו מסחרן. אין ליסע האָט מרים קיין גאָר גוטן שם נישט געהאַט, הגם קיין שלעכטס וועגן איר איז נישט געווען צו דערציילן. מען האָט טאַקע געזען אירע מעלות בחוש, אָבער זי איז פאָרט געווען אַ שטיפערקע און אַ ברענענדיק געמיט. איז נישט געווען מקנא צו זײַן אַ שטילן בחור וואָס וועט אַרײַנפאַלן צו איר אין די הענט. ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען אַז ר׳ לייב האָט געשיקט נישט איין מאָל שדכנים צו עטלעכע בחורים וואָס האָבן געלערנט בײַם ליסער רב. אָבער די עלטערן פון די חתנים האָבן בלויז געטאָן אַ קרום מיט דער נאָז און נישט געוואָלט רעדן קיין לשון הרע אויף אַ ייִדישער טאָכטער. דערבײַ איז עס געבליבן. מען האָט אַפילו דערציילט אַז ר׳ לייב האָט שוין טייל־

מאָל אויף אייגענער האַנט אָנגעהויבן אַ שמועס מיט בחורים און זיי קודם כל אַרײַנגעבעטן צו זיך אין שטוב אַרײַן, מכלומרשט צו ווײַזן אַ זעלטן ספר. אָבער ווי נאָר זי האָט אַזעלכן דערזען האָט זי געמאַכט ס׳גרויסע געלעכטער און די בחורים זענען אַנטלאָפן פאַר בושה. האָט מען שוין געוווסט אין ליסע אַז ר׳ לייבן וועט זײַן שווער צו טאָן אַ שידוך אַזוי ווי ער וויל, הגם ער האָט געהערט צו די נכבדים פון שטאָט און דערצו געהאַט פרנסה בריווח.

ווען דאָס שטיקל נײַעס פון יאַקאָבס אַרײַנקומען צו מרימען אין געוועלב אַרײַן האָט דערגרייכט די אויערן פון די פינער נשים, האָבן זיך אַלע אַ כאַפּ געטאָן. אויך אין ליסע האָט מען זיך באַלד דערוווּסט אַז נח פינערס שטיפזון איז שוין איצט אויס חתן־בחור און אויס סוחר. דערפון האָט מען גערעדט אַז דאָ געשעט עפּעס פאַר אַלעמענס אויגן און קיינער האָט נישט געהאַט קיין שכל עס צו דערזען. מענטשן האָבן דערציילט אַז יאַקאָב האָט מיט איר אַ סך אַרײַנגעטענהט כאחד האדם און זי אַליין האָט אים אַלעמאָל געענטפערט גלײַך און געשטעלט אים אַ סך שאלות. וואָסזשע נאָך פאַר אַ סימנים דאַרף מען דאָ האָבן? האָט עס אַ סך ליסער ווײַבער גאָר שטאַרק פאַרדראָסן, וויאַזוי דאָס האָט זיי גאָר פריִער נישט געקענט אײַנפאַלן... באמת אַ גלײַכע זאַך! צוויי יתומים אוןביידע זענען זיך צום האַרצן, וואָסזשע וועט מען דאָ לאָזן שלעפּן דעם ענין? ווי ווײַט ליסע זאָל נישט האָבן געווען פון פּין, האָט מען באַלד אויך דאָרטן געוווּסט פון דער גאַנצער זאַך און נישט איינער האָט דאָ געפונען די בעסטע מעגלעכקייט אויסצובעסערן יאַקאָבן די עוולה וואָס אים איז געשען. ס׳איז געווען אַנצוטאַפּן בחוש גאָטס ווונדער, וואָס ער גרייט צו פריִער די זאַלב איידער דער שטעקן פון זײַן צאָרן טרעפט דעם מענטש. האָבן זיך טאַקע געטראָפן שליחי מצווה פון אַלע זײַטן און עס האָט אויסגעזען אַז דער עיקר האָבן זיי דאָ די דעה. זאָלן זיי נאָר קומען צו אַ תכלית, וועט שוין אַלץ ווערן לויט זייער רצון...

באַלד האָט דערפון אויך געהערט יאַקאָבס מאַמע. פון אַלע זײַטן איז מען געקומען איר זאָגן. זי האָט אויסגעהערט און גאָרנישט געענטפערט. מען האָט זיך אָבער משער געווען אַז דאָס איז איר אַרײַן אין קאָפּ אַרײַן, ווײַל אויב נישט וואָלט זי נישט געווען תיכף אַריבערגעשיקט איר

מאַן קיין ליסע. אַ פּלא איז נאָר געווען וואָס דער עקשן ר׳ נח האָט דאָס מאָל געלאָזט אַז אַנדערע זאָלן אים געבן עצות, און ער זאָל זיי נישט מבטל זײַן. ס׳איז געווען אַ דבר ידוע, אַז ער וועט צולייגן אַ האַנט נאָר צו אַזעלכע ענינים, בײַ וועלכע זײַן קאָפּ האָט געשטעקט פון תחילת אָן. אויך דאָס איז אָבער געווען צום פאַרשטיין. מען האָט אים אַזויפיל באַרעדט צוליב זײַן שלעכטן אומגיין מיט יאַקאָבן, אַז ער אַליין איז שוין צופרידן געווען פטור צו ווערן פון דעם עול. ווען ער זאָל געווען מעכב זײַן אַ רגע, וואָלט ער זיך בײַ אַ האַלבער שטאָט נישט געקענט אויס־קויפן... איז ער געפאָרן.

מיט ר׳ לייבן גופא איז נישט געווען וואָס צו מאַכן קיין גרויסע טענות. ר׳ נח מיט זײַן קומען האָט שוין אויך פאַרשפּעטיקט און אים לגמרי נישט איבערראַשט. פון אַלע זײַטן איז מען שוין געווען בײַ אים, געטאַפּט בײַ אים דעם דפק נאָכן דאַווענען און בײַם בײַנאַכטיקן שיעור אין בית המדרש. דער גאַנצער ענין האָט אים שוין אַ שיין ביסל געשטעקט אין קאָפּ און ער אַליין האָט שוין געטראַכט מיט די זעלבע טענות, וואָס אַנדערע האָבן אים פריִער געזאָגט. סוף כל סוף האָט ער די בתולה און אַ בחור מוז נישט דווקא זײַן מיט אַלע מעלות. אײַ, וואָס יענער האָט אָפּגעטאָן אַלערליי נאַרישקייטן? איז עס אויך שטותים! בײַ זעכצן יאָר מוז מען נישט זײַן קיין חכם עתיק און נישט קיין צדיק הדור. אַז מ׳איז יונג קען מען אַמאָל זײַן אַ קונדס אויך. פון זײַן מרימען הערט ער דען נישט דאָס זעלבע? און דאָך בלײַבט זי די זעלבע מרים. אויסער דעם האָבן מיר שוין אַ לאַנגסטיקן קיימא לן, אַז די אַלע וואָס ווילדעווען קליינערהייט ווערן זייער געלאַסן בעת זיי קריגן אויף זיך דעם עול פון ווײַב און קינד. גראַד אַזוי זעט מען אַמאָל אויך דאָס פאַרקערטע. דווקא אַזעלכע וואָס זענען קליינערהייט שטיל ווי די טויבן, ווערן דערנאָך ביטער ווי גאַל. יחסנים זענען זיי און וויפל מען גיט זיי נאָך, טויג עס אַלץ נישט. יעדער מענטש מוז זיך אַביסל אויסשייגעצן, איז גלײַכער טאַקע וואָס יאַקאָב האָט עס געטאָן פאַר דער חתונה... בײַ אים האָט מען עס שוין געפועלט!

דער עיקר אַרבעט איז אָבער געווען מיט מרימען. ווען דער פאָטער האָט איר דערציילט וואָס און ווען מען האָט אים אָנגעשלאָגן פאַר

אירעטוועגן — האָט זי אים נישט אַנטקעגן גערעדט און נישט געשריגן. זי האָט בלויז שטאַרק געלאַכט, אַזוי ווי אַן איבערגעביטענע. לאַכט זי פון טאַטן? ר׳ לייב האָט זיך דערשראָקן פון דעם מער ווי פון אַלץ וואָס ער האָט זיך פריִער אָנגעהערט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז איר נאָר פריילעך געוואָרן פון דער גאַנצער זאַך. אַ חתן אירער? פאַרוואָס נישט! עס איז טאַקע כדאי צו זען וויאַזוי ער וועט קומען צו איר און וויאַזוי ער וועט אויסזען אַלס א י ר חתן... פאַרוואָס האָט זי טאַקע פריִער נישט געמאַכט אַ פרווו צו שפּאַסן מיט אים אַלס זײַן כלה? ווײַטער וועט סײַ ווי גאָרנישט זײַן. ס׳איז דאָך אַזוי אוממעגלעך, אַז אַלע דאַרפן עס זען באַצײַטנס... און ווײַל עס איז איר אויסגעקומען ווי אַ זאַך וואָס איז נישט מעגלעך איז זיך נישטאָ וואָס איבערצונעמען.

דערנאָך זענען געקומען אַזויפיל זאַכן פון וועלכע מרים האָט געהאַט גאָר שטאַרק הנאה. ווער האָט עס געהאַט אַזאַ גוטן אײַנפאַל? פון געוויינטלעכע זאַכן, וואָס אַלע זעען, אַז אַזוי דאַרף צו זײַן קען מען קיין גרויס פאַרגעניגן נישט האָבן. דערפאַר איז אָבער פאַר איר געווען פול מיט פריילעכן וווּנדער די גאַנצע מעשה מיט יאַקאָבן. זי האָט שוין גע־וואַרט אויף דער מינוט ווען ער וועט אַרײַנקומען מיט זײַן צעדרייט שמייכעלע און איר ברענגען מתנות... ער האָט איר אַליין דערציילט און זי דערמאָנט זיך איצט וואָס ער האָט געשענקט יענער פון ברעסלוי... שיין וועט זײַן, אויב ער וועט אויך איר ברענגען אַ בײַטש מיט קרעלן אָדער אַ שטיק זײַדענע שטאָף און עס איז אַוועקלייגן בײַ דער זײַט... אויף אַזעלכן קען מען אַלץ גלויבן. די מאַמע גיט דאָך אים עצות, וועט זי אים מסתמא לערנען וויאַזוי צו ברענגען טאַקע די זעלבע מתנות וואָס יענע האָט צוריקגעשיקט... מען דאַרף קיין געלט אומזיסט נישט פּטרן... ער וועט דערבײַ נישט וויסן וואָס ער האָט צו זאָגן, וואַרטן אויף אירס אַ וואָרט, אַרײַנאָטעמען איר ריח — ווי ער האָט עס געטאָן בײַם זײַן דאָ ס׳לעצטע מאָל — און קנוידערן זיך פאַר שרעק און ווילן... גיי ווייס, אַז דאָס מאָל איז ער געקומען מיט אַזעלכע מחשבות!

דערנאָך איז געקומען יאַקאָבס מאַמע און באַשמעקט זי פון אַלע זײַטן. זי איז נאָך געווען אַ שיינע, אַ הויכע — אָבער יאַקאָבס פּחדנותדיק־

הכנעהדיקע און הייס־גיריקע אויגן האָבן אויך פון איר אַרויסגעקוקט. מרים האָט אויך צו איר באַלד באַקומען דאָס זעלבע ווידערגעפיל ווי צו יאַקאָבן. זי האָט זי אָבער גערן און בייז אויסגעהערט, ווען יענע האָט אָן אויפהער איר דערציילט וועגן די גרויסע מעלות פון איר זון. וואָס פאַר אַ האַרץ ער האָט! ווי שטאַרק ער קען ליב קריגן! דאָס לעבן קען ער אָפּגעבן... מרים האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז בײַ אַ צווייטן שידוך זאָל זי זיך אַזויפיל אָנזען און אָנהערן. דאָס איז דאָך טאַקע שיין און צום לאַכן!

דערנאָך האָט שוין מרים נישט געקענט וויסן, ווי ווײַט עס האַלט. טיילמאָל האָט זי געוואָלט שרײַען, אַז עס איז גענוג. ביז אַהער האָט זי געוואָלט! דאָס ווײַטערדיקע הייסט שוין נאַריש געמאַכט זיך. ווי לאַנג איז דער שיעור? אַלע מאָל איז איר אָבער אַ שאָד געווען איבערצורײַסן די גאַנצע זאַך אַזוי פרי און אַלע מאָל איז שוין אונטערגעקומען עפּעס אַזוינס וואָס האָט זי געצויגן ווײַטער. זי האָט זיך אַפילו אָנגעהויבן פילן ווי אָן ווילן און אָן אַ כח צו זאָגן וואָס זי האָט לכתחילה אין זינען געהאַט. דער פריילעכער נײַגער האָט זי דערבײַ נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט: וואָס וועט ער זאָגן בעת מען וועט רעדן פון אַ חופּה? און וואָס וועט זי טאָן אין יענער צײַט? ס'איז טאַקע כדאַי צו זען אויב זי וועט עס קענען. בײַם סאַמע סוף וועט זי אַ גרויסן לאַך טאָן און זאָגן אַז זי וויל נישט, זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט! דער גאַנצער שטאָט וועט זי דערמיט אָפּטאָן. זיי ווילן אַזוי? זיי זוכן זיך צו פרייען? זיי האָבן זי פריִער באַרעדט און איצט האַלטן זיי אַז בלויז יאַקאָבן איז זי ווערט? וועלן זיי טאַקע האָבן נחת... די מײַלער וועלן זיך בײַ זיי אויפרײַסן פון דערשרעק און איבערראַשונג... ס'איז אַפילו גוט וואָס זי וועט אַזוי לאַנג אַרײַננאַרן אין דער פאַרבלענדעניש. דער טאַטע? ווער האָט אים געהייסן אַזוי שנעל אָפּפּסקענען וואָס פאַר איר איז גוט? נאָר דער אמת איז דאָך, אַז ער האָט נישט געטראַכט פון איר. ער האָט נאָר געוואָלט האָבן די טאָכטער אויסגעגעבן. ז ײַ ן פ ר יי ד האָט ער דערבײַ אין זינען געהאַט. האָט ער מסכים געווען, נישט געפּרוווט אַרײַנקלערן אַפילו... וועט זי אים ווײַזן! אַ טאַטן מעג מען אויך אַמאָל לערנען! וועט זי עס נאָר טאָן אַזוי, אַז ער זאָל עס געדענקען...

אויסער אַלע טראַכטענישן איז אָבער מרים אַרײַנגעפאַלן ווי אין אַ הינטערפּלעט. זי האָט נאָר געהאַט איין וואַכן חשק דערבײַ: צו זען... צו זען וואָס מער, וויאַזוי אַלערליי מענטשן האָבן אַ פּנים בעת זיי האָוועון אַרום דערבײַ. זי האָט שוין נישט איין מאָל געזען פאָרקומען חתונות אין שטאָט. טיילמאָל האָט זי מקנא געווען די חברטעס און טיילמאָל זיי אויסגעלאַכט. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט צוגעזען פון דער נאָנט וויאַזוי מען גרייט זיך דערצו און וויאַזוי מען פירט זיך ביז מען באַשטימט די צײַט. פאַרוואָס זאָל זי עס איצטער נישט זען? וועט זי וויסן אַלץ בעת זי וועט טאַקע גיין חתונה האָבן אויף אַן אמתן. די גאַנצע צײַט האָט זי נישט אַרײַנגעטראַכט צופיל, געלאָזט דעם פאָטער שרײַבן תנאים, אַזוי ווי עס וואָלט בלויז זײַן עסק געווען און זי האָט צוגענומען בײַ יאַקאָבן אַלץ וואָס ער האָט געברענגט... נו, זי איז טאַקע קלוג! לויט ווי ער האָט איר אַמאָל אָפּגעמשלט, זענען עס געווען די זעלבע מתנות וואָס זײַן פריִערדיקע כלה האָט אים צוריקגעשיקט... דער פּרא־אדם! אָבער ווי גוט ער איז... די גאַנצע צײַט איז ער ווי אַ פּוסנבעבקעלע אירס. נישט ער פאַרלאַנגט עפּעס און נישט ער גיט זיך אַמאָל אַ דרייסטן קער אין דער קראָם. טאַקע אַ פרעמדער! ס'איז כאָטש גוט וואָס ער שפּירט עס, כאָטש זי וואָלט געוואָלט זען, וויאַזוי ער דרייט זיך שוין דאָ אַרום מעשה בעל הבית... גלאַט אַזוי, עס וואָלט שענער געווען צו זען אַזוינס. אין דעם גאַנצן הארמידער האָט זי אַפילו נישט געדענקט געננוי וואָס דאָ דאַרף נאָכקומען.

ערשט אַזוי אַרום ראַפּטום האָט זי געהערט אַז דער זמן החתונה איז שוין נאָנט. וויאַזוי איז דאָס געשען? מען האָט עס איר עטלעכע מאָל געזאָגט און זי האָט זיך אַלץ אַזוי ווי יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט. דאָס לצנישע געפּיל האָט זי געטריבן ווײַטער און דערבײַ איז זי כסדר זיכער געווען אַז יאַקאָב וועט פאָרט איר מאַן נישט ווערן. עס ווענדעט זיך דאָך נאָך אַלץ אין איר. זי האָט זיך אַפילו נישט אָנגעהויבן ערגערן פון די גאַנצע הכנות וואָס מען מאַכט. זאָלן זיי. פאַרשטייט זיך אַז אירע קוים זעכצן יאָר האָבן זי פאַרפירט. קיין געוויעם פּלאַן וואָס צו טאָן ווײַטער האָט זי נישט געהאַט און זי האָט זיך אַליין אָפּגעפּטרט מיטן לײַכטזיניקן חוזק. זי האָט נאָכגעפאָרשט אירע אייגענע געדאַנקען

אַזוי ווי זי וואָלט זיך דאָ אונטערגעגנבעט צו אַ פרעמדן אין האַרץ און געוואָלט דערגיין אַ סוד: וואָס וועט זי טאַקע טאָן, ווען עס וועט האַלטן ביי דער לעצטער מינוט?

אַלץ האָט איר אויסגעזען ווי אַן ענין וואָס גייט בעיקר אָן דעם טאַטן אירן, יאַקאָבס מוטער און נאָך אַ ביסל ייִדן פון שטאָט. זי דאַרף מען נישט פרעגן גאָרנישט און זי קען נאָר צוקוקן פון דער ווייטנס וואָס זיי מאַכן. די גאַנצע ערנסטקייט און אימה איז זי ערשט באַפאַלן אין דער נאַכט פון דער חופה. מיטאַמאָל האָט זי געזען ווי מען קומט ווידער צו איר, מען שמועסט און מען לערנט זי וועגן זאַכן וואָס זי דאַרף נאָך אייגנטלעך נישט וויסן. זעט אויס אַז דאָס אַלץ איז טאַקע איר נוגע און זי קען עס מער נישט מבטל זיין מיט אַ געלעכטער. מיינען טאַקע די אַלע מענטשן אויף אַן אמת זי צונויפצוקייטלען מיט דעם יאַקאָב ווי מאַן און ווייב? האָבן זיי נישט געמיינט דעם זעלבן שפּאַס וואָס זי? זי האָט זיך אויפאַמאָל דערוווּסט אַז מען קען נישט בלייבן שטענדיק בלויז כ ל ה, נעמען געשאַנקען און אָפּלאַכן שטילערהייט...

די פּאָר טעג פאַר דער חופה האָבן שכנטעס און אויך דער אייגענער טאַטע זי נישט געלאָזט שטיין אַ גאַנצן טאָג אין קראָם. מרים האָט זיך געוווּרט קעגן דעם. עס איז איר פּאָרט גוט מיט מענטשן, וואָס׳שע ווילן זיי? נאָר אין דער ערנסטקייט וואָס האָט גענומען פאַלן אויף איר פון אַלע זייטן האָט זי געזען אַז דאָ וועט אַרויסקומען אַ שווער לעבן פאַר איר. זי האָט נאָך באַוויזן צו זען עמעצן פון אירע בחורים, וואָס זענען אַמאָל געקומען צו איר אין געוועלב. זי האָט שוין אָנגעהויבן רעדן מיט שרעק וועגן דעם וואָס קומט, געפרעגט עצות ביי זיי — נאָר אויך די פריילעכע לצים האָבן נישט געקענט פאַרשטיין: וואָס האָט זי זיך עפּעס איצטער דערמאָנט? ס׳איז אַ גאַנץ שווערע זאַך... דאָ קען מען האָבן צו טאָן מיט גאַנץ קהל, מען וועט דאַרפן צאָלן אַ גרויסן קנס און מען איז פאָרט אָנגעוויזן אויף מענטשן. זיי קענען זיך נישט מישן. וואָס איז זייער גאַנצער כח, מישטיינס געזאָגט? ווער עס וויל — קען זיי אָנטאָן געבערענטע צרות.

אַפילו ווען זי איז געזעסן מיט יאַקאָבן און נאָך חברים זיינע אין אַ הדר, האָט זי געזען וויאַזוי עס רוקט זיך אָן אויף איר אַ מוראדיקע זאַך.

ווי אַנדערש ער איז! יעדער איינער פון זײַנע חברים איז דאָך איר טויזנט מאָל ליבער... וואָס וועט דאָ זײַן? זי האָט אַפילו פאַרלוירן דאָס שטענדיקע געלעכטער. עס האָט זיך איר אָבער אויסגעוויזן, אַז דאָ דאַרף מען נאָר אַוועקגאַרן יאַקאָבן אויף דער גאַס און אַלץ וועט ווידער גוט זײַן. זי האָט אַפילו אַ בעט געטאָן דעם געזונטן דאָרפישן יונג, לייב יערשיווער אַז ער זאָל עס טאָן. וואָס דאַרף מען דען מער ווי אַרויסשטופן דעם שלימזל? מיט דעם וועט זיך אַלץ ענדיקן און שוין. מער וויל זי נישט דאָס שפּיל. ווען לייב האָט דורך עפּעס אַ תירוץ אַרויסגעגאַרט יאַקאָבן איז זי צוגעלאָפן צו אים, געבעטן רחמים נישט ווי איר שטייגער, געוויינט פּשוט אַז ער זאָל זי ראַטעווען. וואָס איז עס דען בײַ איר געווען אויב נישט קיין שפּאַס וואָס האָט זיך פאַרצויגן עטלעכע וואָכן? נו, האָט זי נישט געדאַרפט ציִען אַזוי לאַנג, אָבער אַ סוף מאַכן דערצו מעג ער דאָך! נאָר דער יונג האָט זי אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן און זײַן גאַנצע חוצפּה פון אַלעמאָל איז נעלם געוואָרן. ער האָט נאָר שטום אַ צעשפּרייט געטאָן מיט די הענט... מער האָט ער גאָרנישט געקענט מאַכן. ער האָט אַפילו געוואָלט אַנטלויפן באַצײַטנס פון דאָרט, בכדי קהל זאָל נישט חושד זײַן אַז ער האָט דאָ אַ האַנט, אויב עס וועט זיך דאָ מאַכן פריילעך.

יאַקאָבס הכנעהדיק־גליקלעכער בליק איז פון מרימען נישט אָפּגעטרעטן אַפילו ווען זי האָט אים נישט געזען. זי האָט זיך אָנגעהויבן פילן שולדיק אַנטקעגן אים. וואָס האָט זי אים געדאַרפט אַרײַנפירן אין דער דאָזיקער מראה אַרײַן? ער קוקט אויף איר שטום, אָבער זײַן פאַרלאַנג איז אַ קלאָרער. איצט איז ער גליקלעך און דערפאַר קען ער אויך ווערן בייז און צערייצט ווען זי וועט אים נישט לאָזן ווײַטער גליקלעך זײַן. בײַם מינדסטן בזיון צווישן מענטשן וואָס זי וועט אים פאַרשאַפן וועט ער ווערן רציחהדיק און מסוכן... צי וועט ער נישט גערעכט זײַן? מרים האָט דערשפּירט אַז זי וועט שוואַך, אומזיכער און פאַרלוירן. זי האָט אים פײַנט און דאָך האָט זי מורא אַז דער נסיון איז צו גרויס. זי וועט פון זײַן הינטיש־תחנונימדיקן בליק געפירט ווערן גאָר־גאָר ווײַט און דערנאָך וועט זי אויף זיך אַליין נישט וועלן קוקן. דאָס בעסטע וואָלט געווען צו מאַכן אַ גרויס געשריי אַז אַלע זאָלן זיך צונויפלויפן. דערנאָך

וועט זי אַלעמען בעטן מען זאָל זי נישט לאָזן אַליין... אָן אומגליק וועט געשען... נאָר זי האָט גאָרנישט געטאָן. עפּעס איז נישט איר טבע געווען צו שרײַען אָדער צו בעטן הילף. פון קינדוויַיז אויף האָט זי אַלץ געטאָן אַליין. מען וועט זי נאָך באַטראַכטן פאַר אַ משוגענע. וואָס עפּעס פלוצים? און אויסער דעם האָט זי נאָך אַלץ ג ע וו אָ ל ט, אַז די משונהדיקע יום־טובדיקייט און דאָס פלאַטערן אַרום איר זאָל דויערן נאָך אַביסל, נאָך אַ מינוט... וויאַזוי קען מען עס פלוצים ווערן פאַרשריגן פון אַלעמען?

זי האָט נאָך פון זיך נישט אָפּגעווישט דעם עקל־פּחד וואָס איז זי באַפאַלן און שוין האָט מען געקלאַפּט, גערופן זי. דער פאָטער האָט זיך באַוויזן, ווײַבער האָבן געאײַלט... דעם טאַטנס אויגן האָבן געלויכטן מיט אַזויפיל נחת, אַז עס איז געווען אַן עבירה אים צו צעברעכן פאַר אַלעמענס אויגן. אָט, ווען דאָס זאָל קענען געמאַכט ווערן צווישן זיך, אָן דעם גרויסן געפילדער פון אַ חתונה — וואָלט עפּעס אַנדערש געווען. זי וואָלט אפשר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און ער וואָלט עס מסתמא פאַרשטאַנען. זי האָט זיך אַפילו געוווּנדערט, פאַרוואָס ער באַמערקט אין איר גאָרנישט די גאַנצע צײַט. ער זעט אַפילו נישט וויאַזוי זי גייט אַרום די גאַנצע צײַט מיט אַ לציש שמייכעלע און גרייט זיך גאָרנישט, און האָט נישט קיין אינטערעס צו טומלען און צו פלאַמען אַרום דעם וואָס קומט פאַר. זי האָט נאָך געטראַכט אַז אין דער לעצטער מינוט וועט געשען דער גרויסער נס. ער וועט פלוצים פאַרשטיין, דער טאַטע, וואָס מיט איר טוט זיך. ער וועט זי אַ פרעג טאָן א יי ן וואָרט בלויז און זי וועט אים מיט אַ געוויין אָדער מיט אַ געלעכטער אַרויסזאָגן אַלץ וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך די גאַנצע צײַט... דערנאָך וועט שטיל ווערן. ער וועט אויסהערן, אַרײַנגיין צו די פאַרזאַמלטע מענטשן און זיי בנעימותדיק זאָגן, אַז זיי זאָלן זיך פונאַנדערגיין. ס'איז גאָרנישט... אַ קליינער טעות איז געשען... און אויך דער עולם וועט פאַרשטאַנדיק אויסהערן, נישט פרעגן קיין וואָרט און זיך פונאַנדערגיין. מען וועט איר גאָרנישט זאָגן און בלויז זי מיטן טאַטן וועלן בלײַבן אויפן אָרט. אַפילו דעם תמעוואַטן יאַקאָב וועלן זיי מיטנעמען — און זי וועט אים מער נישט זען; און ער וועט שוין מער קיינמאָל נישט קוקן אויף איר מיט אַזעלכע

אויגאַנעס... נאָר דער פאָטער האָט פון גאָרנישט געטראַכט. ער האָט בלויז אײַלעווודיק עפּעס אַ זאָג געטאָן וועגן דער חופּה וואָס איז שוין דאָ, וועגן רב, וועגן די געסט וואָס זענען שוין באַצײַטנס בגילופין פון דער בלויזער שמחה... וואָסזשע האָט זי נאָך געהאַט צו האָפן?

אויך צו דער חופּה איז זי געגאַנגען באַרוישט, ווי געטראָגן פון עמיצן־אַנדערשס פיס. עס האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, ווי אין שלאָף, אַז זי איז קראַנק און ווײַל זי איז חולה־מסוכן האָט זי נישט קיין כח צו שרײַען און ווערן זיך. אויסער דעם ברענט אין איר דווקא דערפאַר אַזאַ אומגעזונטער ווילן צו זײַן צווישן די פריילעכע מענטשן און אַרײַנקריכן טיפער אין דער געשעעניש צוזאַמען מיט אַלעמען. וואָס וואָלט זי איצט געטאָן ווען זי איז איינע אַליין? זי האָט איצט אַפילו פריילעך־פאַרלוירן געטראַכט פון יאַקאָבס טעמפּער גלוסטעניש — וואָס זי האָט נאָך אַלץ נישט אַדורכגענומען ביזן סוף — און עס האָט אין איר גענאָגט דער באַגער צו זען זײַנע איבערגעפּולטע אויגן קוקן אין איר זײַט אַרײַן. עס איז איר עפּעס אַזוי גוט געווען אין איר צעמישעניש צו טראַכטן, אַז דאָס וועט ער אויך טאָן צווישן אַזויפיל מענטשן און אַלע וועלן עס זען... אַלע! ווי גוט דאָס איז אַזוי — און זי גייט דערצו מיט פאַרמאַכטע אויגן... אָט באַלד! דאָס וועלן זען אויך יענע, די בחורים צו וועלכע זי האָט אַמאָל פאַרהויבן אַ בליק און זיי האָבן אים אויסגעמיטן — — —

איז זי געשטאַנען אונטער דער חופּה, אויסגעשטרעקט אַ פינגער, געהערט און דאָך נישט געהערט וועלכע ווערטער דער רב זאָגט פאָר — און יאַקאָב זאָגט זיי נאָך... אַ קאַלטער קײַלעכדיקער שטראָם האָט אײַנגערייפט איר אויסגעצויגענעם פינגער און די קעלט האָט מיט שכורער פאַרגעסנקייט זיך אַ לאָז געטאָן איבער איר גאַנץ לײַב, וואָס האָט אַנגסטיק זיך געזוכט צו עמעצן צוצוטוליען. דערנאָך האָט זי געלאָזט אַריבערגיין איבער איר קאָפּ אַלערליי אויסגעשרייען און ווונטשענישן... יאָ, מען דאַרף עס זען ביזן סוף. אַזוי זעט טאַקע אויס די גאַנצע מעשה מיט אַ חתונה? זי האָט קיינמאָל דערבײַ נישט געקענט שטיין אַזוי נאָנט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען בײַ אַנדערע. זי האָט נאָר געהערט דערציילן מיט אַ שטיל קול און אויפן ווונק וועגן זאַכן וואָס האָבן צו טאָן דערמיט. קלאַנגלאָזע ליפּן האָבן מורא געהאַט צופיל זיך מתעסק צו זײַן אין איר

אָנוועזנהייט מיט די עניִים. זי האָט נאָר אויפגעכאַפּט ברעקלעך ווערטער: חופּה... רינגל... רב... מאַן... און דערנאָך האָט מען זי אָפּגעטריבן אָדער מען איז אַליין אַוועק אין אַ זייַט.. איז אָט וועגן דעם האָט מען זיך אַזויפיל געסודעט? איר איז אויסגעקומען ווי אַ וווּנדער, פאַרוואָס קיינער האָט זי דאָס מאָל נישט אַוועקגעשטופּט אין אַ זייַט און נישט פאַר־שטעלט איר דאָס גאַנצע שפּיל. מען האָט זי אַפילו געלאָזט אָנטאָן דאָס רינגל אויף אַ פינגער און זי האָט אַלצדינג אַזוי גוט געזען, פון אָנהייב אָן ביז צו די מזל־טוב־געשרייען...

וויפל איז זי דען סך הכל אַלט געווען? איבער אירע פופצן יאָר איז געשטאַנען אַ צעבראָכענער טאַטע וואָס האָט זיך ראַפּטום צעשייַנט... עס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ בייז־צופרידענע מחותנתטע וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין קושן מיט איר... אַ בדחן האָט עפּעס אויסגעזונגען און כלי זמר האָבן געשפּילט. מיידלעך האָבן געטאַנצט מיט געפלאָכטענע הענט. בחורים האָבן געגעסן גראָבע פאַסמעס לעקעך, געשמועסט אין תורה און געריוויטלט זיך ווען די עלטערע האָבן אָנגעוווּנטשן האַרבע ברכות פול מיט רמז — אַז אים ירצה השם ביי זיי... און ווען שוין עסט מען ז יי ע ר לעקעך?... דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איין גרויסן יריד, אין איין מוראדיקן געפילדער. מרים האָט זיך געפילט נישט אָנ־זעעוודיק, פאַרלוירן און געוווּנדערט זיך, פאַרוואָס מען זעט זי דאָ נאָך אַלץ אַרויס. עס האָט זיך איר אַרויסגעוויזן, אַז ווען זי זאָל איצט נעמען שרייַען אָדער גאָר אַוועקהלשן וואָלט זי קיינער נישט באַמערקט. וואָס איז זי דען אין אַזאַ גרויסער שמחה, ווען אַלץ טאַנצט אַזוי און שרייַט פון פאַרגעניגן? דורכן גאַנצן נעפּל פון טויבקייט האָט זי געהערט יאַקאָבס שטיל און אומהיימלעך קול. זעט אויס אַז ער איז דאָס איצט דער איינ־ציקער וואָס פילט זי, קוקט אויף איר און וועט דערהערן איר מינדסטן שאָרך... זי וואָלט געוועזן גרייט צו שווערן אַז ער זיצט נעבן איר גאָר נאָנט, באַרירט זי ממש מיט לייַכטע פינגער וואָס שטאַרקן נאָך אויף איר די משא. פון גרויס פאַרלוירנקייט איז איר אַפילו אַזוי ווי גוט געוואָרן וואָס איינער האַלט וואַך איבער איר, מעג עס זייַן ע ר. זי האָט אים אָבער פאָרט נישט געזען און מורא געהאַט אויסצודרייען דעם קאָפּ בכדי עס צו זען מיט גאַנצע אויגן. בלויז איר אינעווייניקסטער אומווילן האָט

ע׳ס איר מודיע געווען אין לײַב אַרײַן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז דווקא די אומהיימלעכע גוטסקייט וואָס זי פילט בײַ זײַן זײַט איז פאַר איר גאָר ממוכן. זי וואָלט געדאַרפט זיך אויפשטעלן. אַרויסגיין און אַוועק־שפּרײַזן גאָר ווײַט, ווו די לופט אַליין ווייסט נאָך נישט וואָס מיט איר איז דאָ אָקערשט פאָרגעקומען. דאָ איז אַזוי שווער און די שויבן מיט דער סטעליע ווייסן אַלצדינג און זענען אַרײַנגעוועבט אין דעם חתונה־פּרעפל אַרײַן...

זי האָט עס אָבער נישט געטאָן, נישט געקענט. קיין אבער האָט זיך בײַ איר נישט געוואָלט רירן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז ווי נאָר זי וועט זיך אַ טרייסל טאָן, וועט דער גאַנצער טומל אַרײַנפאַלן אין איר און זי אײַנקראַמפּן, ביז זי וועט זיך מער נישט קענען באַפרײַען פון אים. זי האָט געזען דעם פאָטער אַרומלויפן, שרײַען פריילעך צו אַלערליי אומבאַקאַנטע מענטשן, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך לאַנגע יאָרן אײַנגעקנויי־דערטער מרה שחורה געוואָלט באַווײַזן דאָ, אַז ער קען נאָך זײַן לוסטיק. זאָלן זיי אַליין זען, ער האָט שוין אַזוי לאַנג געוואַרט דערויף און די איינע נאַכט קען אים אָפּגעבן פאַר דער גאַנצער צײַט... נאָך אַ פּאָר שעה און עס וועט גאָרנישט זײַן מער. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געזען מיט דערוואַקסענע אויגן איר פאָטער אזוי צעהוליעט. ע׳ס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָר אַזוי גליקלעך־אויפגערוימט דערפאַר וואָס זי זיצט דאָ אויפן זעלבן אָרט און טוט זיך נישט קיין ריר. זאָל זי נאָר פּרווון מאַכן איין טריט צום אַרויסגאַנג — און אַלץ וועט זיך טרויעריק אָפּשטעלן אין סאַמע מיטן. דער פאָטער וועט צוריק באַקומען זײַן שטענ־דיק פּנים. זײַן שבתדיקער מלבוש וועט צוריק ווערן גרוי און צעקנייטשט; ער וועט ווערן בייז און די אויגן וועלן זיך אָנצינדן מיט רויטקייט... ער קען זיך גאָר נעמען רײַסן בײַ די האָר פון דער גרויער באָרד, וואַרפן זיך אויף דער ערד. איר נאָכשרײַען אַ קללהדיקן שפּרוך און אַלע וועלן יאָמערלעך אַנטלויפן מיט גרויס שרעק... אַ ווינט וועט זיך אַרײַנרײַסן און אויסלעשן די וואַקסענע ליכט און ס׳וועט ווערן פינצטער. בלויז זי וועט אַוועק גאָר ווײַט און דאָך וועט זי ווידער בלײַבן אויפן אָרט בײַ דער טיר, זי מיטן צעפּליקטן טאַטן...

האָט זי נישט געוואָלט. אַז זי דאַרף גאָרנישט טאָן. זי דאַרף גאָרנישט וויסן. נאָר דער געדאַנק האָט זיך ביסלעכווײַז שאַרף און קלוג אומגעקערט צו איר. זי האָט פאַרשטאַנען אַז זי מוז דאָ אויף אַ זײַטיקן אופן אָנהאַלטן די דאָזיקע פײַערלעכקייט פון דער נאַכט. זאָל זיך דאָ אַלץ לעשן און צינדן, דרייען זיך און אָפּשטעלן, שרײַען און שטיל ווערן. זאָלן אַלע דאָ עסן מיט צעפּוישטע ליפּן, הויבן די הענט און זיי אַראָפּלאָזן, זינגען זמירות מיט אַ פריילעך קול און ווערן טרויעריק פון בייניש בדחנס יללה. וואָס גייט עס זי אָן? זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן נאָר אַליין, אַבי דער אָנגעכמורעטער און שטענדיק־געקריוודעטער ר׳ לייב זאָל זיך דאָ אויסשרײַען, אויספרייען און זיך אַרויסרײַסן פון אַזויפיל יאָרן עצבותדיקער שטילקייט...

אירע אַלע חושים זענען ערשט געוואָרן וואַכיק־שאַרף און אויסגעניכטערט ווען זי האָט זיך געפונען מיט יאַקאָבן אַליין אין אַ טונקעלן חדר. די ערשטע מינוט פון וואָך ווערן האָט זי זיך אויפסנײַ דערשראָקן פאַר זײַן אַליינקער נאָענטקייט. זי האָט געוואָלט אויסשרײַען און רופן עמעצן. נאָר דאָס געשריי איז איר אַראָפּ שטילערהייט אין די געדערים. דאָס האָט זי געמאַכט קיל און אָפּוואַרטנדיק, וואָס האָט זי זיך צו שרעקן? זי קען אים דען נישט? און ער אַליין טוט אויך גאָרנישט. ער קוקט נאָר אויף איר און וואַרט. אַזאַ נידערגעשלאָגן און צוגעשפּיצט וואַרטן האָט זי אַפילו פון אים אַליין נאָך נישט געזען. דערפון וואָלט זי געדאַרפט אויף אים רחמנות האָבן — איז עס אָבער נישט פאַר איר טבע. זי קען נישט און ער האָט נאָך דערבײַ געמאַכט אַ פּנים, וואָס האָט סײַ ווי נישט געלאָזט אויף זיך דערבאַרעמען, נישט געלאָזט דערנענטערן זיך צו אים; פרעגן אַ וואָרט, רעדן אַ וואָרט... זי האָט געפילט אַז דאָ וועט זי מער מיט קיין גוט וואָרט פון רחמים נישט יוצא זײַן. זײַן אונטערטעניקע שטילקייט פאַרלאַנגט האַרבע חובות און זי טאָר נישט, האָט נישט דעם מינדסטן סיגול זיי צו קענען אויפנעמען...

דאָס איינציקע וואָס מרימען האָט זיך געגלוסט אין יענע שעהן, האָט זי געטאָן. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן מיטן געהער אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. דאָס האָט זי דערמאָנט, אַז עס איז נאָך פאַראַן

עפּעס אויף דער וועלט אויסער דעם טונקל־פאַרמאַכטן חדר. זי איז דאָ נישט אַליין מיט יענעם. זי האָט זיך אויך אָנגעטאָן אַ כח אים צו וואָרע־נען שטומערהייט מיט אַ קוק, וואָס ער האָט נישט געקענט זען נאָר שפּירן זײַן קאַלטע היץ, ער זאָל בלײַבן רויק זיצן אויף זײַן אָרט. איז ער געזעסן און פאַרגאַפט־אומגליקלעך אַרײַנגעטראַכט אין זיך אַרײַן. זי האָט דערווײַל צוגעהערט ווי אַרום דעם חדר ווערט נאָך שטילער און שטילער, ביז דאָס גאַנצע הויז בלײַבט שטעקן אין אַ פינצטערער ליידיקייט. זי וואָלט גרייט געווען אין דער מינוט צו גלויבן אַז אַלע לעבנס האָבן זיך איצט אויסגע־לאָשן און אויף דער וועלט זענען נאָר געבליבן זי און יאַקאָב. דאָס האָט איר אימה נאָך מער אויפגעוועקט, כאָטש זי איז שוין איצט נישט געקומען פונעם זיצנדיקן שאָטן נאָר פון יענעם דרויסן וואָס זי האָט אַרײַנגעצויגן אין זיך דורכן געהער. האָט זי זיך לײַכט אַ שאַר געטאָן צו דער טיר. יאַקאָב האָט זיך נאָך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. עס האָט אויסגעזען אַז זי דאַרף אים נישט וואָרענען, ווײַל ער אַליין ציטערט פאַר נאָך ערגערס בײַם מינדסטן באַוועג זײַנעם. זי האָט דערפאַר לײַכט אָן עפן געטאָן די טיר און געקוקט אויב קיינער שטייט נישט דאָרט. ס׳איז קיינער נישט געווען. זי האָט נישט געדענקט ווו זי געפינט זיך און געמיינט אַז באַלד וועט זי האָבן איבער זיך די שטערן. ס׳איז אָבער געווען אַ שמאָלער קאָרידאָר און אַ נײַע טונקלקייט. פון דאָרט האָט אָבער געיאָגט מיט נײַער, שטראָמיקער לופט וואָס האָט איר געקילט דעם נאַקעטן קאָפּ און דעם הייסן שטערן. זי האָט דערפאַר געלאָסן אַרויסגעשטופּט דעם גוף דורך דער טיר. אַ צווייטע טיר קעגנאיבער האָט זי אַ רוף געטאָן. האָט זי ערשט איצט פאַרשטאַנען וואָס זי דאַרף טאָן. זי האָט האַסטיק אַ ריס געטאָן דעם ריגל און אַרײַנגעשפּרונגען אין דערבײַאיקן חדר. ס׳איז דאָ געווען נאָך פינצטערער און ליידיקער. אירע פינגער האָבן אָבער פריידיק געזוכט דעם אינעווייניקסטן ריגל און ווען זי האָט אים צוגע־מאַכט פון דער צווייטער זײַט און פאַרקייטלט — האָט זי געוואָלט וויינען צוליבן גרויסן נס, וואָס האָט שוין זינט דורות געוואַרט אויף איר.

קיינער האָט דערנאָך נישט געקלאַפּט. זי האָט מער קיין טריט נישט געהערט. זעט אויס, אַז יאַקאָב איז שוין אַזוי געבליבן זיצן אויפן אָרט. ווי לאַנג זי איז נאָך וואַך געווען האָט זי געמוזט טראַכטן וועגן אים.

ווי נאָר זי איז צו זיך געקומען פון דעם פרישן גליק, וואָס האָט זי גע־טראָפן מיטן אויסבאַהאַלטן זיך, האָט אַ נײַער פחד זיך אָנגעוואָרפן אויף איר. צוליב דער פינצטערקייט האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז אויך דאָס איז עפּעס נישט מעגלעך. עס קען גאָר זײַן אַז ער איז מיטגעלאָפן, אַז ער איז דאָ מיט איר אויך אין דעם חדר, נאָר ער לאָזט פון זיך נישט הערן. ווי נאָר זי וועט צומאַכן די אויגן און אײַנשלאָפן, וועט ער שטיל זיך אַרויסשאַרן פון זײַן טונקעלער באַהעלטעניש און זיך צולייגן בײַ איר זײַט... אָט באַלד וועט ער דאָ זײַן און אַרויפלייגן זײַן פרעמדע האַנט אויף איר קאָפּ, אויפן פּנים... די שטילקייט פון יענער זײַט האָט זי געשראָקן. ווי גוט עס וואָלט געווען ווען ער נעמט דאָרט אַרומשפּרײַזן מיט הילכיקע טריט! פאַרוואָס וויל ער איר אַזוי אַרום נישט אָנזאָגן אַז ער איז טאַקע געבליבן ד אָ ר ט ן און זי איז געשיצט אונטער אַ שלאָס? איז דאָס זײַן עקשנותדיקע נקמה אויף זײַן אומעטיקן אופן? די טראַכטענישן אין איר מח האָבן זיך געוואָרפן אויף אַלע זײַטן און בײַ איר אויפגעוועקט אַלערליי מינים בהלות: וואָס איז פאַרט מיט אים? ווי קען ער אַזוי זיצן פאַרגליווערט נאָך אַזאַ נאַכט פון רויש און דערוואַר־טונג? פאַרוואָס יאָמערט ער נישט און פאַרוואָס רײַסט ער זיך נישט אַרויס צו קלאַפּן אין איר טיר מיטן גאַנצן כח? איז ער נישט געשטאָרבן אַמאָל פון גרויס יסורים און פאַרשעמטקייט? עס קען גאָר זײַן אַז מאָרגן וועט מען אים געפינען זיצן אויפן זעלבן אָרט, נאָר אָן אַ ביסל אָטעם אין זיך און מיט פאַרמאַכטע אויגן. אין אַלעם וועט זי שולדיק זײַן — און מענטשן וועלן זי באַפאַלן, שרײַען, רײַסן איר שטיקער... און די מוטער זײַנע, וואָס האָט זי נעכטן געקושט אַזוי חשדיק, וועט זי נעמען שטיקן בײַם האַלדז...

נאָר די פרייד פון בלײַבן אַליין אין די איצטיקע שעהן האָט אַלץ גובר געווען. זי האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך איין אויסגעצירטע חתונה־קלייד נאָכן צווייטן און געפּילט, אַז דערמיט האָט זי זיך דאָ אויסגעטאָן פון דער גאַנצער נאַכט מיט איר אומגעווייינטלעכן רויש. איצט וואָלט גוט געווען, ווען אַלץ זאָל פאַרגעסן ווערן, זי זאָל מאָרגן קענען אַרויסגיין אין קראָם און קיינער זאָל זי מער גאָרנישט פרעגן, נישט ווינטשעווען... עס זאָל מער קיין יאַקאָב נישט זײַן און זי זאָל קענען פריילעך אַרומ־

שטיפן מיט די אַרײַנקומער ווי פריִער. צי וועט טאַקע אַזוי זײַן? דערויף האָט איר שוין געענטפערט אַ צעשפּילטער חלום אין שלאָף. זי האָט נאָר פאַרשטאַנען אַז עס וועט זײַן אַ גרויסע עוולה פון די מענטשן, אויב זיי וועלן זי צוריקשלעפּן צום שפּאַס פון דער גאַנצער נאַכט. אַז זי וויל אַנטלויפן דערפון, פאַרגעסן — ווען גייט עס אָן?

קאַפּיטל זעקס

— 1 —

ווי גרויס איז דען ליסע? און ווי לאַנג דאַרף דען אַ קול האָבן בכדי אַרײַנצופאַלן אין יעדער ייִדישער שטוב, אויב עס האָט באַקומען פליגל? באַלד האָבן אַלע געוווּסט אַז מרים מיט יאַקאָבן זענען נישט צווישן זיך אויפן שטייגער פון מאַן און ווײַב. די דאָזיקע שמועה האָט זיך אַפילו באַלד אַריבערגעטראָגן ביז אין דער שטאָט פּין. מענטשן זענען פון דאָרט געקומען אויף די גרויסע ירידים פון ליסע און האָבן צוזאַמען מיטן פּדיון אויך אַוועקגעפירט אַזאַ בכבודיקע נײַעס, וואָס מען מעג דערציילן אין די הײַזער. עס וואָלט זיכער באַלד געווען אַנגעשלאָגן בײַ רבנים, דיינים און בוררים ווען נישט יאַקאָבס אונטערטעניקע שטילקייט. ער האָט דער אייגענער מאַמען גאָרנישט געוואָלט דערציילן און זי נישט געלאָזט אָנמאַכן קיין רעש. פון זײַנע אויגן האָט זיך געטראָגן אַזאַ ביטער און גיפטיק פײַערל אַז אַ סך האָבן זיך צוליב דעם געשראָקן צו רעדן פון דער גאַנצער מעשה, אַפילו ווען ער איז דערבײַ נישט געשטאַנען. בדרך השכל האָט מען זיך פאַרגעשטעלט אַז יאַקאָב וועט זיך איצט שעמען צו ווײַזן די אויגן פאַר מענטשן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פּונקט דאָס פאַרקערטע. ער האָט געקריגן אין זיך אויסערגעוויינטלעכע חוצפּה און דווקא זיך געדרייט צווישן אַלעמען, הגם מען האָט אים אויסגעמיטן. עס איז קיינעם נישט קלאָר געוואָרן וואָס ער וויל דערמיט. מען האָט נאָר געוווּנדערט זיך אויף זײַן סבלנות. אים איז אַפילו נישט אָנגעגאַנגען וואָס מענטשן טראַכטן זיך דערבײַ.

מען האָט יאַקאָבן געזען דרייען זיך איבער די געסלעך, אָנשלאָגן

אַלע טירן און זוכן אַ פאַרדינסט. אין זײַן הויכן רעדן, נישט לויט זײַן רגילות, האָט מען אַרויסגעהערט אַז דאָס מאָנט ער בכח מען זאָל אים העלפן אויסגעפינען דורך זײַנע הענט אַ מקור פון שפּײַז פאַר זיך און פאַר זײַן אשה. די גאַנצע שטאָט האָט זיך משמח געווען אויף דער חתונה, אַלע האָבן אים אַרונטערגעבּרענגט אונטער דער חופּה מיט איר — דאַרפן זיי אויך וויסן אַז ער האָט אויף זיך אַן עול, וואָס זיי מעגן אים העלפן טראָגן. ער פאַרלאַנגט דען אַ סך? ווען מען איז שוין זיכער געווען, אַז ער איז אַוועק האָט מען צווישן זיך געשמועסט אַז דער בחור האָט אין זיך אַ סך משונהדיקייטן, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך בײַ קיין מאַנסביל נישט געזען. ער האָט די מרים אַזוי ליב באַקומען, אַז דאָס בלויזע זײַן מיט איר אונטער איין דאַך מאַכט אים גליקלעך. דאָס אַליין איז שוין פאַר אים אַ סימן אַז זי איז זײַנע און אַז קיינער וועט זי נישט טאָרן מער צונעמען בײַ אים. וואָס נאָך דאַרף ער? נײַגעריקע מענטשן האָבן מיט גרויס געדולד בײַ אים געפּאָרשט, אַרויסגעריסן ברעקלעך פון זײַן מויל דורך אַלע שווײַגענישן זײַנע וועגן דעם ענין — און דערפון צונויפגעשטעלט אַ שטיקל שכל הישר וועגן זײַן אײַנגעהאַלטנקייט. דאָס גאַנצע אומגליק, גלויבט ער, נעמט זיך דערפון וואָס ער איז נאָך אַליין נישט געוואָרן קיין בעל פּרנסה. זאָל זי נאָר זען אַז ער קען אויף אייגענער האַנט פאַרדינען אַ מטבע — וועט זי ווערן גלײַך ווי אַלע נשים פאַר איר און נאָך איר. ער האָט זיך דערפאַר צוגעהאַלטן בײַ איר שאָטן, געזוכט אַלע מינים תחבולות וויאַזוי צו פאַרדינען עפּעס אַ סכום דורך וועלכן ער זאָל קענען אָנהייבן זײַנע אמתע רייד מיט איר. בײַ יעדן טענה מיט אַ סוחר האָט זײַן דאָזיקער באַגער קלאָר זיך אַרויסגעלייגט — און דורך זײַנע האַרבע רייד האָט ער פּשוט געבעטן תחנונים, געשריגן נאָך הילף...

נאָר דאָס מזל האָט יאַקאָבן אָפּגעזאָגט. וואָס ער האָט נאָר נישט אָנגעהויבן איז דערפון געוואָרן אשפּה. טיילמאָל האָט ער זיך געשעמט צו גיין אַהיים אין שטוב אַרײַן; כאָטש מרים האָט אים סײַ ווי נישט געפרעגט אויב ער פאַרדינט אָדער נישט. זי האָט זיך בכלל נישט געפרעגט גאָרנישט און עס האָט זי נישט געאַרט, אויב ער גייט אַוועק אָדער ער בלײַבט. זי האָט זיך נאָך געפעדערט פאַר אים און אַוועק צו זיך אין

קראַם אַרײַן. נישט צונויפגערעדטערהייט האָט יאַקאָב געוווסט, אַז אַהין דאַרף ער נישט קומען; נישט ווײַזן זיך אויף אירע אויגן ווען מענטשן זעען. ער האָט זיך געדרייט אויף דער צווייטער זײַט פון שטעטל, געזוכט זיך אָנצוהענגען בײַ וועלכן מסחר עס זאָל נאָר נישט זײַן — און אַלעמאָל איז געווען עמעצער פלינקער פאַר אים דאָרט ווו מען האָט געקענט מאַכן אַ שטיקל ריווח. מיט מרימען איז אויך געשען אַן ענדע־רונג. ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן אין קראַם האָבן די ערשטע טעג אַ סך ווײַבער אָנגעהויבן אַרײַנקומען, ווינטשן און אויספרעגן זיך. מרים האָט זיי אָבער דערלאַנגט אַזאַ מין גאַב, אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָגט אַנדערע. האָבן די בעל הביתטעס מורא געהאַט אַרײַנצושטעלן אַ פוס און אויך אָנגעזאָגט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן בעסער אַרײַנגיין קויפן בײַ מרימס אַנטקעגנאיבער. ס'קען דען עמעץ וויסן וואָס מיט איר איז פאַר־געקומען? אפשר האָט זי גאָר צו טאָן מיט כישוף, ווי יאַקאָבס מאַמע האָט אַ וואָרף געטאָן איר וואָרט? אויב נישט, פאַרוואָסזשע איז זי פריִער געאַגנגען צו דער חופה, אַרײַנגעצויגן דעם יונגנמאַן אין דער נעץ און דערנאָך... השם ישמרנו! איז טאַקע גלײַכער אַז מען האַלט זיך אַביסל ווײַטער.

די פרנסה אין שטוב האָט גענומען שוואַכער ווערן פון טאָג צו טאָג. וויפל נדן עס איז געווען האָט יאַקאָב געווי נישט געוווסט און עס געלאָזט פאַר מרימען. איצט האָט ער עס אַוודאי מורא געהאַט צו פרעגן, כאָטש טיילמאָל האָט ער געוואָלט אַרײַנגיין צו איר און פאַרלאַנגען אַ גרעסערן סכום. ער האָט געמיינט אַז זײַן גאַנצע שלימזלדיקייט נעמט זיך דערפון וואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט קלייניקייטן. די מאַמע אַליין האָט אים שוין באַפוילן, אַז זי וועט קומען מיט איר מאַן און פאַרלאַנגען חשבון. ווען ער האָט אַ שטיק נדן אין דער האַנט וואָלט ר' נח אַליין אים שוין צוגעהאָלפן. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַז די מאַמע זאָל זיך דאָ אַרײַנמישן. זי קען דאָ אַלץ קאַליע מאַכן אויף שטענדיק. האָט ער זיך געבעטן בײַ איר זי זאָל אים אַליין לאָזן אויסטאָפּן דעם וועג. סײַ ווי האָט ער נישט קיין גרויסן פאַרגלויבטקייט אין איר מאַן... זי ווייסט דען נישט? און מרים אַליין איז אויך נישט אַזאַ שלעכטע, מען זאָל צו איר דאַרפן אַראָפּברענגען אַ מאַמען מיט אַ שטיפטאַטן.

נאָר ווען עס זענען אַוועק עטלעכע חדשים האָט יאַקאָב אַליין פאַרשטאַנען, אַז מיטן בלויזן ברויט און גריץ קען מען אויפעסן מרימס מאַגערע געוועלבל. דער שווער, ר' לייב איז טיילמאָל געקומען און געזיפצט. ער האָט בלויז איינמאָל יאַקאָבן געפרעגט — מיט תלמיד־חכמדיקער אָנצוגעהערעניש וואָס זידלט נישט און שרייט נישט — וועגן דעם, וואָס דער תכלית דערפון קען אַרויסקומען. האָט יאַקאָב שוין אַכטונג געגעבן, אַז ווען יענער קומט זאָל ער נישט זײַן אין שטוב. פון קלאָגן זיך פאַרן שווער אויף מרימען האָט מער נישט געקענט זײַן קיין רייד. אויך צו מרימען אַליין האָט יאַקאָב מער נישט געטראַכט צו דערנענטערן זיך. ווי נאָר ער איז געקומען האָט ער זיך אַרײַנגעשלײַכט צו זיך אין חדר אַרײַן און עס האָט אים געוווּנדערט וואָס זי גרייט נאָך אָן דאָס עסן פאַר אים. זי איז פאַרט אַ גוטע! איז געגנוג וואָס זי אַליין באַפאַלט אים נישט, רופט אים נישט אויף קיין שמועס. איז אים גוט געווען וואָס ער קען זי אויסמײַדן, כאָטש ער האָט שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט הערן אַזעלכע ווערטער פון איר, וואָס קומען יעדן מאַן פון זײַן אשה. ער האָט עס אַלץ אָפּגעלייגט אויף יענער צײַט ווען ער וועט מוזן האָבן אַן אַנדער פּנים בײַ איר און קענען צו איר רעדן ווי עס געהער צו זײַן. ער האָט זי דערפאַר געלאָזט זײַן אָפּגעזונדערט און טראַכטן זיך וואָס זי וויל נאָר אַליין. סײַ ווי האָט ער געהאָפט אויף אַ טאָג ווען ער וועט דערגיין דעם סוד וויאַזוי צו כאַפּן דאָס מזל בײַ דער האַנט. ס'וועט דערנאָך קענען זײַן אַ שמועס מיט איר אויף גאָר אַן אַנדער שטייגער!

מרים אַליין האָט אויך נישט גערוט. יאַקאָב האָט עס געזען ערשט נאָך דעם ווי זי האָט עפּעס געטאָן. דאָס הויז מיט עטלעכע חדרים, וואָס זיי האָבן באַקומען, איז געוואָרן פּוסט און פינצטערלעך. אויף וואָס דאַרפן זיי אַליין פאַרנוצן עטלעכע חדרים? האָט איר סוחרישער חוש איר געזאָגט, אַז אויך דערפון קען מען האָבן אַ צושטײַער. עס פעלן נישט אַזעלכע וואָס וועלן צאָלן בתשואות־חן דירה־געלט. בײַ יאַקאָבן האָט זי סײַ ווי נישט געפרעגט. ער איז נאָר איינמאָל געקומען פון בית המדרש נאָך מעריב און געהערט אַ פריילעך זינגערײַ פון אַ זײַטיק חדרל. דאָס האָט זי אויסגעזוכט איינעם פון די חייטים וואָס זענען אַרײַנגעקומען צו איר אין קראָם אַרײַן. ער איז נאָך געווען אַ בחור און דערצו זייער

אַ פרייליכער, ווי עס איז דער שטייגער פון די פועלים וואָס פאַרדינען אויף זייער ברויט. איז אים געפעלן וואָס די מיוחסדיקע מרים טרעט אים אָפּ אַ חדר בײַ איר אין הויז. ער האָט גאָרנישט געקענט זאָגן דערצו, יאַקאָב. דער חייט האָט געזאָלט צאָלן אַ לײַטישן פרײַז בתנאי אַז דאָס געלעגער זאָל זײַן ווייך און מרים זאָל אים לאָזן מיטעסן וואַרעמעס. אַז יאַקאָב אַליין ברענגט נישט קיין פרוטה, פאַרוואָס זאָל זי נישט אויסגעפינען נאָך אַ מקור פון ריווח? ... ער האָט זיך נאָר געשעמט, יאַקאָב, וואָס ער מוז דערלאָזן צו אַזוינס. די ערשטע צײַטן האָט ער אַפילו געוואָלט אַרויסווײַזן אַ גוט פנים דעם נײַעם אײַנוווינער און דערמיט נושא־חן זײַן בײַ מרימען, ווײַזן איר וויאַזוי ער העלפט איר צו אויסשלאָגן די פרנסה מיטן מקרב זײַן דעם צאָלער פאַרן שטיקל אָרט. זײַן הכנעהדיקייט צו איר האָט באַקומען אַ נײַעם מקור פון וואַנעט זיך צו נערן און זי האָט עס אַפילו קיין געלעגנהייט נישט געהאַט צו זען.

נאָר בלויז אַ קליינע צײַט האָט עס אַזוי געדויערט. באַלד האָט יאַקאָב אָנגעהויבן מיטלעבן דאָס וואָס עס קומט פאָר אין שטוב אויף זײַן אייגענעם אופן. מיטאַמאָל האָט ער געשפירט אַז זײַן שייכות צום פרייליכן יונג וואָס וווינט בײַ אים איז נישט אויסגעשטעלט בלויז אויף מרימס ווילן. וואָס לענגער ער האָט געפילט, אַז יענער איז דאָ אַ בן־בית — אַלץ מער אויפגערייצט איז ער געוואָרן. עס זענען געווען אַזעלכע מינוטן, ווען ער האָט דעם דירה־שותף געוואָלט באַפאַלן און קורע כדג זײַן. עפּעס איז ער צופיל געזעסן אין שטוב, צופיל געזונגען מיט זײַן חזנישן קול און מרים איז צו לאַנג געזעסן און זיך אײַנגעהערט דערצו. יאַקאָב האָט געוווסט אַז ווען ער איז נישטאָ אין שטוב רעדן זיי צווישן זיך און מרים האָט שטאַרק הנאה פון יענעמס צעהוליעטקייט. זי איז עפּעס גאָר שטאַרק אָנגעבונדן געוואָרן אין דעם חייט. עס האָט געטראָפן אַז דער בחור האָט געדאַרפט אַרויספאָרן אויף אַ פאָר טעג צו זײַן מוטער אין דאָרף אַרײַן. יאַקאָב האָט פון זײַן באַהעלטעניש געזען, וויאַזוי מרים זיצט אין אַזעלכע טעג מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און די הענט לייגן זיך נישט בײַ איר צו טאָן דאָס מינדסטע. אין זײַן נײַעם חשד האָט יאַקאָב געפונען בײַ זיך נײַע לעבעדיקייט און אַ פאַרטיקע פאַרנומענקייט, וואָס האָט אים בייז אויפגעהייטערט. ער האָט זיך גענומען אונטערגנבענען און זיך צוגעהערט

וואָס דיביידע לײַט שמועסן צווישן זיך. זיי האָבן טאַקע גערעדט וועגן אים און ער האָט געפילט ווי דאָס האַרץ שפּרינגט אויף. דער שנײַדער־געזעל האָט הויך אָפּגעלאַכט פון יאַקאָבן, וואָס קען גאָרנישט טאָן צו פאַרדינען אַ קרײַצער, מרים האָט געלאַכט און נאָך צוגעגעבן פון אירע רייד, דאָס וואָס יענער האָט פאַרפעלט, גלײַך ווי דאָ וואָלט זיך נישט געהאַנדלט אין אירס אַ מאַן. יאַקאָב האָט פון דעם בולט געזען, אַז אַפילו דער בעל מלאכה איז איר מער ניחא פאַר אים. דאָס האָט ער אויך אַרויסגעפילט פון דעם וויאַזוי זי זוכט אַלערליי געלעגנהייטן מיט יענעם אײַנצוטוענהן: אויסהערן זײַנע קלותדיקע זינגערייען און זײַן גראָב געזונט לאַכן. ער וואָלט גרייט געווען צו שווערן פאַר זיך אַליין, אַז זי איז נוטה צו מאַכן מיט יענעם מחזקות — אויב אַפילו זי האָט עס נאָך ביז איצט נישט געהאַט. ער האָט אָבער געוווסט אַז ער דאַרף שווײַגן. קיין באַווײַזן האָט ער נישט און ער וויל זיי גאָרנישט האָבן. קען ער זיך נאָר אויסשמירן דאָס פּנים פאַר גאָט און פאַר מענטשן. אויסער דעם קען אַ בית דין אים בלויז אָפּשיידן פון איר, נישט לאָזן זיך איבערבעטן מיט איר — אויב זי זאָל עס אַפילו וועלן...

יאַקאָבס שכל האָט אים געזאָגט, אַז מרים וועט זיך מוזן אַמאָל איבערבעטן מיט אים. קיין ברירה האָט זי סײַ ווי נישט. נאָכן מסדר־קידושין זײַן קען איר קיינער נישט העלפן. זי ווייסט שוין, אַז ער איז אַן עקשן און פון קיין גט וועט ער נישט וועלן הערן... וועט זי טאַקע וועלן אָפּפינצטערן איר לעבן? אים האָט נאָר געוווּנדערט פאַרוואָס דאָס דויערט אַזוי לאַנג. שוין אַ סך חדשים זינט דער חתונה און זי האָט אים אַפילו נישט אין זינען. איז נישט אַנדערש ווי דאָס וואָס דער חייט וווינט בײַ זיי. זי וואָלט שוין לאַנג מרוצה געוואָרן צו אים, נישט געוואָלט מער זיצן אין דעם ליידיקן חדר נאָכן קומען פון דער קראָם. זי וואָלט אים גערופן, געקומען צו אים און באַטראַכט צוזאַמען וואָס זיי האָבן צו טאָן. האָט זיך אָבער דער חייט אַרײַנגעשטעלט אין מיטן. ער האַלט אין איין ממאס זײַן יאַקאָבן אין אירע אויגן און מרים זיצט אַזויפיל אויס און הערט זײַנע רייד. אויסער דעם זינגט ער, מאַכט פריילעך און באַווײַזט פאַר איר זײַנע מאַנסבילישע בריהשאַפטן יעדע מינוט — און דערפון זעט זי נאָך מער יאַקאָבס אומבאַהאָלפנקייט. וויל זי נישט. איז זי צו־

טומלט, געפֿאַנגען פֿון אַ דיבוק. ער האָט פֿאַרשטאַנען יאַקאָב, אַז בעיקר דאַרף ער קענען פֿאַרטרײַבן דעם חייט פֿון שטוב. דערצו דאַרף ער אָבער אויך קענען ווײַזן מרימען זײַנע עסקים און זאָגן צו איר: אָט זע, פֿון דעם וועט אונדז קלעקן אויף אַלצדינג...

ס׳איז אים נישט מעגלעך געווען צו באַווײַזן אַזעלכע גבֿורות, יאַ־קאָבן. ער האָט זיך שוין בגניבֿה אַפֿילו אַרויסגעכאַפּט צו וואָלף מילנער און אויפֿסנײַ געמאָנט זײַן חובֿ. יענער האָט אים גאַרנישט געענטפֿערט נאָר אָנגערייצט אויף אים דעם גויִשן שכנס הונט. איז ער באַצײַטנס אַנטלאָפֿן. טיילמאָל האָט יאַקאָב פֿאַרדינט אַ פּאָר קליינע פּרוטות — האָט ער זיי געהאַלטן פֿאַר זיך, ווײַל ער האָט געמוזט פֿאָרן אין די דער־פֿער און געשעמט זיך צו נעמען בײַ איר עסן אויפֿן וועג. ער האָט בכלל געזוכט אַ וועג וויאַזוי כאָטש צו פֿאַרדינען אויף זײַן אייגן אויסקומעניש און ער זאָל נישט דאַרפֿן וואַרטן מיט הונגעריקע אויגן אויף איר טיש. ער האָט אַפֿילו געמוזט אויפֿהערן נאָכצושנאָרכן וואָס אין די אַנדערע חדרים טוט זיך. מעשׂה שטן איז שוין אָבער אויסגעקומען, אַז ער זאָל הערן בדרך מקרה וואָס זיי שמועסן. פֿון דעם האָט ער געדרונגען אַז זיי רעדן צווישן זיך אויף אַזאַ שטייגער ווי נאָר נאָנטע קענען עס טאָן. די חוצפּה פֿונעם שנײַדער איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט גאָר אַרומגעזוכט יאַקאָבן בכדי פֿון אים אָפּצולאַכן אין די אויגן. דווקא ווען מרים האָט געזען און געהערט. זי האָט זיך פֿאַר יאַקאָבן נישט אײַנגע־שטעלט און נאָך הסכמהדיק צוגעשמייכלט. יאַקאָב האָט בײַ זיך געוווּסט אַז דערויף טאָר ער נישט שווײַגן, ער מוז שרײַען און יענעם באַווײַזן זײַן כּח. סוף כּל סוף איז יענער דאָ בלויז אַן אײַנגעבעטענער בעת ער... יאָ, אונטער דער חופּה איז ער געשטאַנען מיט דעם דאָזיקן הויז! זאָל יענער עס וויסן... נאָר אַלעמאָל האָט ער זיך אָנגעצונדן און דערבײַ איז עס געבליבן. ער האָט נאָר אַ קוק געגעבן אויף ביידע און געמוזט בלײַבן שטיל.

דער שנײַדער־יונג האָט אָנגעהויבן האָבן צו־ווייניק נחת פֿון בלויז חוזק. איינמאָל האָט ער זיך אַפֿילו אַרײַנגעלאָזט מיט איר אין אַ לאַנגן שמועס וועגן יאַקאָבן, בעת יאַקאָב אַליין איז געזעסן נישט ווײַט און ביידע האָבן געוווּסט אַז ער הערט יעדעס וואָרט. אפֿשר האָט ער עס

טאַקע געטאָן צוליב דעם גופא. יאַקאָב האָט געשלונגען ווי בריענדיקע קוילן יענעמס פשוטע רייד: ער קען נישט פאַרשטיין מרימען! וואָס טוט זיך דאָ? קיין מאַן אירס איז ער נישט. דאָס דאַרף מען אים מער נישט דערציילן. קיין פרנסה־געבער איז ער אויך נישט. אַדרבא, וואָס מרים שלאָגט אַרויס פון איר האַווניש, קומט יאַקאָב און עסט ביי איר אָפּ. דערנאָך צעלייגט ער זיך אין אירע חדרים און טוט וואָס אים ווילגעפעלט... פרעגט ער בלויז מיט זיין שניידערישן שכל: וואָס איז דער טעם פון דעם? אויף וואָס דאַרף זי אים? אָמער, זי קען דאָך אים אַרויסטרייבן און מער נישט לאָזן איבער דער שוועל... ס'איז דען געהערט געוואָרן אַזעלכעס?

אין דער ערשטער רגע האָט זיך יאַקאָבן געוואָלט כאַפּן אַ שטיק אייזן אָדער אַ האָלץ און עס וואַרפן דעם עם הארץ און מחוצף. דער כעס האָט אים אַ וואָרג געטאָן און ער האָט געמיינט, אַז מער וועט ער עס נישט אויסהאַלטן. אַז עק זאָל עס נעמען און שוין. באַלד האָט ער זיך אָבער איינגעקורטשעט, קליין געוואָרן, צעריבן און נישטיק... דאָס האָט ער אויפגעכאַפּט וואָס מרים האָט אַ זאָג געטאָן בכיוון הויך, אַז עס זאָל גרייכן ביז צו זיין געהער:

— בנאמנות ווי ער איז גערעכט. זי וועט טאַקע אַזוי טאָן אויך... מער קען זי נישט!

פון דעם האָט יאַקאָבן גענומען וואַרפן אין אַ ביטערער קעלט. וואָס הייסט? אַזוי האָט זי טאַקע געזאָגט? און צום שניידער־יונג? ווי אַ קליין קינד האָט ער פּלוצים מורא באַקומען צו זיין אין דרויסן. וואָס וועט זיין אַז זי וועט אים הייסן גיין? און אַז דער שניידער וועט איר צוהעלפן ביים אַרויסשליידערן? דאָס איינציקע וואָס אים איז געווען אַמלייכטסטן — איז געווען צו פאַרשווייגן. ער האָט זיך געהיטן אַרויס־צוברענגען אַ וואָרט וואָס זאָל זיי נאָך מער דערצערענען... אַ חשק איז אים באַפאַלן זיך אַריינצושטופּן אין אַ ווינקל ביז זיי וועלן אים מער נישט אַרויסזען. וואָס קומט דען אַרויס וואָס זיין צאָרן ברענט אין אים ביז משוגעת? אַזעלכע ווי ער זענען נישט באַשאַפן געוואָרן צו נעמען נקמה דורך געשלעג און פייניקן יענעם. ער מוז נאָר ווערן אַזוי קליין און פאַרלוירן, ביז קיינער וועט מער נישט זוכן צו וועקן אין אים קיין

נקמה־געפילן... ער מוז בלויז קיינעם נישט שטיין אין וועג און זאָל מען זיך מיט אים בכלל נישט רעכענען...

פון מרימס גיין אַהין און אַהער איבערן חדר האָט ער אָבער פאַר־שטאַנען אַז אויך דאָס טויג נישט. וואָס האָט ער זיך עפּעס באַהאַלטן הינטערן שווײַגן? פאַרוואָס האָט ער דערלאָזט צו אַזעלכע רייד? איז ער שוין טאַקע בכלל קיין מענטש נישט? פון מרימס ווײַטערדיקע רייד צו איר שכן האָט עס אַזוי אויסגעזען. זי האָט זיך מער נישט גערעכנט דערמיט וואָס ע ר זיצט דאָ און ער הערט. וויאַזוי קען ער זײַן אַ מענטש, אויב ער נעמט אויף דאָס גאַנצע אָן אַ שאָרך? וויאַזוי דרייט זיך עס אַרום אַ מענטש אויף דער וועלט און ווער עס וויל מעג אים טרעטן אויפן קאָפּ? אָט איז דער שנײַדער דאָ געקומען ווי אַ ווילד־פרעמדער — און פון דעסטוועגן לאָזט אים יאַקאָב רעדן, געבן פּלענער וויאַזוי מען זאָל אים אַרויסוואַרפן פון דער אייגענער שטוב... איז עס דען זײַן שטוב, אויב ער איז דערבײַ געוואָרן קליין און דערשראָקן ווי אַ וואָרעם? ווי קען זי מיט אַזעלכן צוזאַמענלעבן? וויאַזוי וועט ער קענען האַנדלען, פאַרדינען, אויסהאַלטן אַ שטוב און דערציִען קינדער? ער האָט פאַרשטאַנען, יאַקאָב, וואָס מרים קען וועגן אים טראַכטן אין אַזעלכע רגעס. ער האָט געוווסט, אַז דאָ קען ער תיכף פאַרשפּילן אַלץ וואָס ער האָט נאָך אויף שטענדיק. ער מוז באַצײַטנס ראַטעווען זײַן מערכה אין אירע אויגן און טאָן וואָס עס זאָל נאָר נישט זײַן. לכל הפּחות דאַרף ער איר כאָטש זאָגן אַ פּאָר ווערטער וואָס זאָלן איר געבן צו פאַרשטיין, אויפקלערן און וואָרענען. ס׳איז אים אָבער קיין איינציק וואָרט נישט געקומען אויפן רעיון. אַ רגע בלויז איז אים באַפאַלן די אַלטע נטיה צו פילן זיך גליקלעך דווקא אין דעם באַליידיקט ווערן. עפּעס האָט ער ווידער אַ נײַעם פאָדעם צו קענען מאָנען אַ חוב, בעת ער האָט ביז איצט גאָרנישט געקענט געבן קיינעם. האָט ער זיך פאַרשפּאַרט דעם וועג צום רעדן. פּלוצים האָט ער פון זײַן פאַרשטויסנקייט אַרויס דערזען דורך אַ האַלב אויג, וויאַזוי די צוויי לײַט שמייכלען צווישן זיך ליבלעך און פאַרטרוילעך דורך באַהאַלטענע אויגן־גלאַנצן. ער האָט ראַפּ־טום זיך רערוווסט, אַז ער האָט שוין פאַרשפּעטיקט. זיי האַלטן שוין אַ סך ווײַטער פאַר ד י רייד וואָס ער האָט זיך געגרייט צו זאָגן.

צווישן זייביידע מוז ער שוין האָבן אַנדערע ווערטער, וואָס ער דאַרף ערשט צוקלערן פונדאָסנײַ און דאַן וועלן זיי שוין באַווײַזן נאָכאַמאָל אַרומצורעדן זייערע ווינקענישן. אויך מיט די שפּעטערדיקע רייד וועט ער זיי נישט אָניאָגן. ער האָט דערפאַר בלויז געבראָכן אַ זיפץ געטאָן און צוגעהאַלטן די שטילקייט מיט די ליפּן.

— 2 —

אין ליסע האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן אַלערליי ריידענישן וועגן יאַקאָבן. ווי יעדעס מאָל ווען עס טרעפט עמעצן אַן אומגליק, האָט מען בלויז רחמנות אויפן געטראָפענעם אַ שטיקל צײַט; ווי נאָר דאָס ציט זיך לענגער, נעמט מען זוכן די שולד בײַם שוואַכערן און נכנעדיקן. זי, מרים, האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון אַלע רייד און געקוקט אַלעמען אין די אויגן אַרײַן מיט אַ פרײַעם בליק. האָבן אַלע אָנגענומען, אַז דאָ איז זיכער פאַראַן אַ סיבה וואָס איז באַהאַלטן און צוליב דעם איז ער מער שולדיק פאַר איר. אַנדערש וואָלט ער נישט אויפגענומען די גאַנצע זאַך מיט אַזאַ לאַנגן שטילשווײַגן, נאָר ער וואָלט איבערגעקערט די וועלט. וואָס מער ער האָט זיך יעדן אָוונט געלאָזט אין שטוב אַרײַן מיט אָפּגעהאַקטע, פּחדנותדיקע טריט — אַלץ מער האָט מען גענומען אײַנזען, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט. עס קען גאָר געמאָלט זײַן אַז דאָס האָט ער אָפּגעהאַקט די יונגע יאָרן פונעם ווײַבל און זי פאַרשווײַגט עס גאָר. מען דערקענט עס דען נישט פון זײַן שולדיק פּנים?

יאַקאָבס שטיפפאָטער האָט נישט געקענט איבערהאַלטן די בושה. אַליין אַ כעסן פון דער טבע, האָט ער נישט געקענט סובל זײַן וואָס יעדער איינער פון זײַנע שונאים און מקנאים האָט אים שפּאָטיש אַרײַנגעקוקט אין דער באָרד אַרײַן. אויסער דעם האָבן זײַנע קליינע קינדער זיך נישט געקענט ווײַזן אויף דער גאַס, ווײַל מען האָט זיי נאָכגעטײַטלט דעם יחוס זייערן מיט יאַקאָבן. עס איז אים אויסגעקומען זיך אַרומצוקריגן מיט דער גאַנצער שטאָט, נח פינער. ער האָט דערפאַר אײַנגעזען אַז דאָס בעסטע מיטל וואָלט געווען צו מאַכן זיך נישט וויסנדיק. אויב דער שוטה האָט דאָרט נישט קיין שכל זיך צו מאַכן אַ וועג, זאָל ער האָבן

אַזוי ווי ער וויל. יאַקאָבס מוטער האָט דווקא געחלשט צו זען נאָכאַמאָל מרימען, זיך מיט איר אויסשמועסן און דערגיין פון איר וואָס עס ווערט פאָרט זײַן דער תכלית. זי האָט איר אַפילו איבערגעשיקט אַ בריוו וואָס האָט זיך געווייקט אין טרערן. אָבער זי האָט גאָרנישט דערגרייכט. ראשית האָט איר מרים אַפילו נישט געוואָלט ענטפערן און שנית האָט איר מאַן, נח אָנגעזאָגט אַז ער וועט עס נישט דערלאָזן. ווי נאָר זי וועט פרוּוון פאָרן קיין ליסע, מעג זי שוין דאָרט בלײַבן... אַ סוף זאָל עס נעמען! זי האָט שוין נישט געהאַט מיט אים וואָס צו רעדן וועגן איר נײַעם חשק צו רופן יאַקאָבן צו זיך, קיין פּין... ברענגען נחן אין דער רציחה איז אויך נישט קיין קלייניקייט! שוין צוויי ווײַבער געגט... און זיי זענען אַרויס מיט חרפּות. איז יאַקאָב ווײַטער געבליבן אַ הפקר־דיקער, אַן עלנטער און נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו האַלטן אַן עצה.

האָט עס איינמאָל געמוזט געשען. ער איז צוגעקומען בײַנאַכט צו זיך אין שטוב אַרײַן און זי געטראָפן צוגעהעמערט. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז מרים איז אַוועק אויף אַ רגע און ער האָט זיך געשטעלט וואַרטן אין דרויסן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון אינעווייניק. ער האָט געפּרוווט רײַסן די טיר, אויפשליסן זי מיט וואָס ער האָט געקענט. אַ קול פון אינעווייניק האָט אים אָבער געוואָרנט ער זאָל בעסער אַוועקגיין מיט גוטן. ער האָט אויך דערקענט מרימס קול, וואָס האָט עפּעס שטילערהייט אונטערגעזאָגט דעם שרײַער. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין דרויסן און נישט געהאַט פאַר וועמען אויסצוגיסן זײַן האַרץ. ער האָט זיך אַפילו געשעמט אַרײַנצוגיין צו די פּאָר מענטשן וואָס האָבן אים אַרויסגעוויזן פרײַנטשאַפט. ער האָט דערפאַר אָפּגעוואַרט אויף דער קעלט ביזן פרימאָרגן קיינער זאָל אים נישט זען. ווען מרים האָט פרימאָרגנס געמוזט עפענען די טיר צום אַרויסגיין האָט ער זיך שטילערהייט אַרײַנגעגנבעט און זיך באַהאַלטן אין זײַן חדר. זי האָט עס שפּעטער געזען אָבער גאָרנישט געזאָגט. מער האָט ער צו איר נישט געקענט רעדן, ווען ער זאָל עס אַפילו האָבן געהאַט בדעה. ער האָט אויך מיט דעם שלום געמאַכט און קיינעם נישט דערציילט. עס איז אים נאָר שווער געווען אויסצובאַהאַלטן די נײַע צרה פאַר מענטשנס אויגן. עטלעכע מאָל האָט ער אָנגעטראָפן

אויף פאַרהאַקטע טירן און געמוזט וואַרטן אויף די פּרימאַרגנס. האָט ער געמוזט הונגערן און פרירן. דאָס האָט אין אים קיין פרישן כעס צו איר נישט אַרויסגערופן. עס האָט אים נאָר געצויגן ווידער צו שטיין אין איר מחיצה. ווען ער האָט געהאַט אַ פריַעם אַרײַנגאַנג אין שטוב אַרײַן האָט ער געלעכצט צו איר נאָענטקייט, זי אָנצורירן... איצט אָבער האָבן זיך זײַנע השגות פאַרשמעלערט און זיי זענען געוואָרן אַזוי קליין, ווי ער אַליין בײַ זיך אין די אויגן. ער האָט שוין מער נישט פאַרלאַנגט ווי דאָס קענען אַרײַנקומען אין שטוב ווען ער וויל און קענען קוקן אויף איר פון דער ווײַטנס. און אַז זי האָט אויך צו דעם נישט צוגעלאָזט, זענען אַלע זײַנע מחשבות נאָר געווען פאַרנומען מיט דעם וויאַזוי זיך אַרײַנצוגנבענען אַהין און קיינער זאָל נישט וויסן, זי אויך נישט.

ער האָט זיך נישט געקענט אָפּרײַסן פון דעם אָרט וווּ זי געפינט זיך, דווקא דערפאַר וואָס זי האָט אים געטריבן; און מחמת דעם גאָר וואָס ער איז מיט איר קיינמאָל נישט געווען נאָענט. וויאַזוי פון אַזאַ ווײַטקייט צווישן זיי זאָל גאָר די אהבה געשטאַרקט ווערן האָט ער אַליין נישט געקענט משיג זײַן. ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן איר אַז זי איז נישט שולדיק. זי איז אפשר גערעכט אויך. וואָס האָט ער געמיינט בײַם גיין מיט איר צו דער חופּה? ער האָט געמוזט אויסזוכן אין זיך אַליין די שולד, בכדי ער זאָל קענען פאַרענטפערן זײַן קלאַמערן זיך צו איר שוועל נאָך דעם ווי זי האָט אים געטריבן פון איר. ער איז געקומען צו איר בעירום וחוסר כל, אָן אַ שכל וויאַזוי ער וועט פאַרדינען אויפן מאָרגן. פאַרוואָסזשע זאָל זי אים אויפנעמען מיט חסד? אַזיסטן האָט ער דען די גאַנצע צײַט געלעבט מיט חשבון? אַז ער האָט געהאַט אַ פּאָר זהובים, האָט ער זיי געגעבן דעם מילנער אָן עדות. ער האָט אויך נישט געזאָרגט צו האָבן אַ בעל־הבתישע אחיזה, איידער ער האָט מקדש געווען מרימען. וואָס האָט ער געמיינט? אַזאַ אשה ווי זי דאַרף האָבן צירונג און פאַרביקע קליידער פון שטאָפן וואָס מען ברענגט פון ווײַט. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די פּרנסה אין שטוב דאַרף זײַן בריווח און זי זאָל נאָך קענען טאָן צדקה מיט אָרעמעלײַט — ווי אַנדערע טוען... זי דאַרף אויך נישט פאַרלירן איר לויטער פּנים פאַר דער צײַט אין קראַם און בײַ די דאגות. וואָס האָט זי געקענט דערוואַרטן פון אים?

פון די אַרײַנטראַכטעניש, אין משך פון לאַנגע נעכט אין דרויסן בײַ איר טיר, איז ער נאָך שפּל׳ער געוואָרן בײַ זיך. ס׳איז אים רעכט געוואָרן פאַרוואָס אַפילו דער פּראָסטער זייט איז בײַ איר חשובער פאַר אים. איז זי נישט שולדיק. דער חייט אויך נישט. נאָר היות ווי אַ מענטש קען זיך אַליין נישט מאַכן אין גאַנצן שולדיק אין זײַן אומגליק, האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן פריִער און שפּעטער. פאַרוואָס איז ער טאַקע אַזעלכער? ווי לאַנג איז דען אַז ער האָט בכלל שכל צו זען וואָס עס טוט זיך? דאָ קענען נאָר זײַן שולדיק יענע וואָס האָבן אים נישט געהיטן אין זײַן קינדוויַז. דאָ האָט אַ האַנט אין דעם גאַנצן ביטערניש זײַן שטיפטאַטע און טאַקע אויך, די מוטער... וואָס האָבן זיי פון אים געוואָלט? פאַרוואָס האָבן זיי געמאַכט, אַז דער שידוך אין ברעסלוי זאָל בטל ווערן? און אַז די מוטער האָט אַזוי געוואָלט, פאַרוואָס האָט זי אים איבערגעלאָזט אויף הפקר, אַז מרים מיטן שנײַדער זאָלן אים וואַרפן פון שטוב און ער זאָל זיך מוזן דרייען אויף די גאַסן?

אין די לאַנגע נעכט אויף דער גאַס האָט זיך יאַקאָב זערטראַכט צו נאָך עפּעס. ווען די מאַמע מיט ר׳ נח זאָלן האָבן אַ גוטן רצון, וואָלט ער באַלד געהאָלפן געוואָרן. וואָס דאַרף ער דען? בלויז אַ סכום געלט. ער וואָלט געקויפט אַ נײַע דירה און זי אויסגעצירט מיט תכשיטים. פאַר מרימען וואָלט ער געקויפט אַ נײַ קלייד מיט פּערל און צירונגען. דערנאָך וואָלט ער אַוועק צו איר, געוויזן וואָס ער האָט אַלץ אָנגעקויפט פאַר זיך, נאָר פאַר איר כבוד וועגן! ער וואָלט זיך אויך געמאַכט אַ קלייט מיט כלערליי סחורות, ווו ער אַליין וואָלט געשטאַנען און געמסחרט. צו איר וואָלט ער בלויז געזאָגט: דו זעסט וואָס דאָ איז פאַראַן? דערויף קענסטו געוועלטיקן וויפל דײַן האַרץ גלוסט. דו דאַרפסט אַפילו נישט שטיין דאָ און פאַרדאַרבן דײַן שיינקייט. דו זיץ אין שטוב בײַ מיר און איך וועל שוין ברענגען וואָס דו דאַרפסט, בתנאי אָבער דו זאָלסט מער דעם שנײַדערוק נישט לאָזן איבער דער שוועל. זאָל ער זיך געפינען אַן אַנדער דירה. ווי פאַסט עס פאַר דיר צו הערן זײַנע רייד און זײַנע טריפה זינגערײַען? אַזוי פירט מען זיך בײַ יידן?

דאָס אַלץ האָט געקענט געשען. ער איז זיכער געווען, אַז מרים וואָלט אַנדערש געקוקט אויף אים. זי וואָלט אים זיכער ליב באַקומען

און עס וואָלט געוואָרן שלום ושלווה... נאָר זײַן מוטער מיט איר
מאַן אַרט עס נישט. זאָל ער דאָ שטיין בײַ אַ פאַרמאַכטער טיר און
אָפּפינצטערן די נעכט! מען שמועסט, אַז זיי האָבן עטלעכע זעקלעך
מיט גאָלדענע מטבעות. נאָר פאַר אים האָבן זיי גאָרנישט. עס גייט זיי
נישט אָן וואָס זײַן בלוט טריפט יעדן טאָג פון בושה און ווייטיק און
וואָס ער מוז אויסגיין יעדע נאַכט אין די טונקעלע לעכער פון ליסע...
טאָר ער נישט שווײַגן! עס איז נאָך פאַראַן אַ דין און אַ דיין בײַ ייִדן.
וואָס וויל ער דען? נישט קיין נדבה. ער דאַרף זיך נאָר אַריבערכאַפּן
אין זײַן געבוירנשטאָט און אויסווײַזן מיט עדות, אַז זײַן פאָטער האָט אים
איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגן. פריִער איז ער געווען אַ קליין קינד און
נישט געקענט אָפּשאַצן די גזילה. נאָר איצט איז ער דערוואַקסן און ער
קומט מאָנען ס׳זײַניקע. ווו איז דעם טאַטנס צוואה? און פאַרוואָס האָט
די מאַמע אָוועקגעגעבן ז ײַ נ ס ר׳ נחן, בעת ער אַליין האָט גענוג?
בײַ אים, יאַקאָבן איז עס פּיקוח־נפש. דאַרף ער זוכן דין, רחמים, יושר...

פון זײַנע דאָזיקע טראַכטענישן איז ער שטאַרק צעוואָרעמט געוואָרן.
ער האָט געגלוסט תיכּף מודיע צו זײַן מרימען, טרייסטן זי און אָנזאָגן
אַז עס וועט שוין גוט זײַן. ער האָט אַ פּלאַן פון וועלכן ביידע וועלן
נתעשר ווערן. ער דאַרף נאָר געפינען עטלעכע ייִדן וועלכע זאָלן געדענקען
וואָס זײַן פאָטער האָט פאַרמאָגט. אין די אַרומיקע דערפער וווינען זײַנע
קרובים וואָס ווייסן אַלץ. צוליב דעם זענען זיי ברוגז מיט זײַן מוטער
און ווילן פון איר נישט הערן. דאַרף ער נאָר קומען צו זיי — און יענע
וועלן אים אויפנעמען ביד רחבה. זיי וועלן זיך אָננעמען פאַר אים און
אַרויסבאַקומען זײַן ירושה. דערנאָך וועט ער ווערן גאָר אַן אַנדערער
יאַקאָב. זי וועט אומיסטן זען. ער וועט פירן גרויס מסחר און זײַן איר
געטרײַ מער פון אַלע. די גרעסטע נגידותטעס פון ליסע וועלן זי מקנא
זײַן...

ער האָט פון גרויס התלהבות אָנגעקלאַפּט פאַרטאָג. די טיר איז
ווײַטער געווען פאַרריגלט. ער האָט געהערט טריט, אירע טריט. נאָך
איידער זי האָט עפּעס געפרעגט, האָט ער גענומען אַרײַנשרײַען דורכן
שפּאַלט מיט אַ ציטערדיק, ווייך קול:

— מרים, עפֿן אויף... איך האָב פֿאַר דיר גוטס צו דערציילן... עפֿן!

זי איז דאָרט קענטיק איבערראַשט געוואָרן דערפֿון וואָס ער איז עס. ס׳איז פֿאַר איר שוין געווען אַ פּשוטע זאַך, ער זאָל נעלם ווערן אויף דער גאַנצער נאַכט און זי האָט געמיינט מי־יודע ווער עס וועקט זי. האָט זי מער נישט געוואָלט אויסהערן. זי האָט נאָר אויפֿגעמאַכט אַ ברייטער שפּעלטעלע אין דער טיר און געהעסיק אויף אים אַ קוק געטאָן. דערפֿון איז אים דאָס לעצטע ביסל רייד אין מויל פֿאַרלוירן געגאַנגען. זי האָט צו אים אַרויסגערעדט אָן אַ קול און אָן אַ בר׳עקל מיטלײַד:

— יאַקאָב, דו זאָלסט מער נישט קומען אַהער... איך וויל גאָרנישט הערן און וויסן. גיי אַוועק און שוין.

די טיר האָט זיך האַרב און פֿאַרדראָסיק צוגעריגלט. ער איז ווידער געבליבן שטיין אין דעם זעלבן מצב. אָנשטאָט כעס האָט דאָס שפּל׳ע געפֿיל זיך ווידער אומגעקערט צו אים. וואָס האָט ער טאַקע געהאַט צו קלאַפּן? איז ער דען נישט מיט די זעלבע ליידיקע הענט וואָס פֿריִער? אַ גדולה האָט זי געטראָפֿן: ער האָט אַ פּלאַן!... ער איז אַ שוטה. צוערשט האָט ער געדאַרפֿט אַוועק צו דער מאַמען, אַרויסנעמען מיטן כח פֿון דין וואָס אים קומט און דערנאָך האָט ער ערשט געדאַרפֿט צוריק־קומען, אַרײַנגנבֿענען זיך אין שטוב און וואַרטן אויף איר... ער דאַרף איר נאָר אַוועקלייגן אַ הויפֿן גאָלד אויפֿן טיש און שטיל אַ זאָג טאָן: דו זעסט? ד אָ ס און נאָך מער ווי דאָס איז מײַנס...

אָט אַזוי וואָלט גוט געווען. איז ער אָבער אַ נאַר און דערפֿאַר איז ער איבערגעאײַלט. דערפֿון קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען. דעריבער איז די טיר ווײַטער צוגעמאַכט און די נאַכט איז נאָך פֿינצטערער ווי פֿריִער. וווהין זאָל ער גיין? ווידער באַהאַלטן זיך אין אַ לאָך און איבער־וואַרטן די נאַכט? זאָל ער מאָרגן אין דער פֿרי זיך ווידער אַרײַנכאַפּן אין שטוב, ביז זי וועט שוין גאָר ווערן אין כעס און אים אַרויסטרײַבן אין מיטן טאָג, אַלע זאָלן זען? עס איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז מער טאָר ער דאָ נישט שטיין. קיין איין רגע טאָר ער נישט פֿאַרלירן אין ליסע ביז ער וועט נישט זען די מאַמען און רעדן מיט איר. דאָס שטיק נאַכט איז אויך אַ שאָד. אמת, עס זענען פֿאַראַן ערלים מיט גזלנים אויף די וועגן,

וואָס די נאַכט איז זייער פאַנצער. אים איז אָבער מער נישט קיין נפקא מינה. ער דאַרף גיין, ער מוז. טאָר ער זיך מער נישט פאַרהאַלטן. אַ שאָד נאָר וואָס דער טלית איז דאָרט געבליבן בײַ איר...

— 3 —

מען זאָל נישט געפּרווט ווערן מיט אַזעלכע נסיונות. ער, דער פרומער יאַקאָב האָט גאָר אין יענער נאַכט פאַרגעסן אין כיבוד אם. ער איז גרייט געווען צו קריגן זיך מיט איר און רעדן צו איר האַרבע רייד. דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך געהאַלטן אין איין סדרן די טענות זײַנע צו איר און צום מאַן אירן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און אַ מורא־דיקע. ער איז אָבער געגאַנגען אין דעם אויסערשטאַטישן חושך אָן פחד. דער ווילן זיך אויסצוגלײַכן מיט מרימען פון איין זײַט און דער ברען צו וויכוחן מיט דער מאַמען פון דער צווייטער זײַט האָבן בײַ אים צוגענומען דאָס לעצטע ברעקל שרעק. פאַרטאָג איז ער אָנגעקומען קיין גריידיץ, ווו ער האָט אָנגעקלאַפּט בײַ זײַן פאַטערס אַ ידיד. מען האָט אים געגעבן עסן און אויסגעבעט אַ געלעגער. ער איז אָפּגעשלאָפן ביז שפּעט אויפן טאָג און דערנאָך אויסגעגאָסן זײַן ביטער האַרץ פאַר די גאַסטגעבער. די בעל הביתטע האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוווּנדערן, וואָס עס זענען גאָר פאַראַן אַזעלכע מאַמעס אויף דער וועלט. זי האָט געהאַלטן, אַז נישט אַנדערש נאָר יאַקאָב זאָל זי רופן לדין און אַרויסציִען וואָס אים קומט. זיי זענען אויך צו רייד געקומען וועגן מרימען. דער בעל הבית, ר׳ שמואל זעליק סגל האָט געהאַלטן, אַז צו אַזעלכע ארורהס איז נאָר דאָ איין עצה, אָפּצוגטן זיי און פאַרטיק! ער וועט נאָך באַקומען אַ ווײַב וואָס זאָל אים געניגן טאָן, דער גאַנצער יאַקאָב. אָבער פאַר דער עצה איז יאַקאָב ברוגז געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מער נישט געוואָלט שמועסן. פון דעסטוועגן האָט ער גענומען דאָס געלט וואָס ר׳ שמואלס ווײַב האָט אים געגעבן אויף הוצאות און אים געווונטשן אַ סך הצלחה. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דערפל וועלפיוקע, ווו ער האָט געהאַט אַ קרובה וואָס איז שוין לאַנגע יאָרן געווען אַן אלמנה. אויך דאָרט איז ער אָפּגעזעסן אַ שיינע פאָר שעה און זיך געלאָזט מכבד זײַן מיט וואָס

זי האָט נאָר געקענט. האָט ער זיך טאַקע אויסגערעדט אויף פאַר איר זײַן ביטער האַרץ. טאַקע די אלמנה האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וויאַזוי עס פירט זיך אויף דער וועלט. אַט זיצט זי שוין אַזוי לאַנג אויף דער וועלט אַ וויסטע אלמנה און עס קומט נישט אונטער ווער עס זאָל זי ווידער פירן צו דער חופּה... און יענע, די מרים האָט אַזאַ ווילן מאַן און צום סוף וואַרפט זי זיך גאָר, טרײַבט אים מיט שטעקנס! זי האָט זיך גיך צעווײנט פאַר רחמנות, געמישט מיט אייגענעם אלמנה־צער — און זי האָט פאַר יאַקאָבן צוגעגרייט אַ גאַנצן מאָלצײַט. ער האָט שוין לאַנג אַזעלכע מאכלים נישט געגעסן. זי האָט אָנגעריבן אַ הערינג און געלאָזט אים ווייקן אין שמן־זית, דערצו האָט זי אָנגעגרייַשט ציבעלעס און זיי אײַנגעקאָכט מיט פלייש אין זויערן פאַר זײַנעטוועגן. פון גרויס הנאה און אַדורכגענומענקייט האָט יאַקאָב אָנגעהויבן פאַרלירן דעם כּעס זײַנעם. נאָר זי, די וועלפיוועקער אלמנה טאַקע, האָט אים בײַם עסן אונ־טערגעוואַרעמט און אַרײַנגעלייגט אין זײַן דאַליע איר אייגן ביטער מזל. זי האָט אים געהייסן רײַסן קברים, שרײַען צו די אַלע מענטשן וואָס ער קען און נישט דערלאָזן, אַז אויף דער וועלט זאָלן געשען אַזעלכענע עוולות... ער האָט דאָך נאָך צו טאָן מיט ל ע ב ע ד י ק ע !

ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּין איז ער נישט אַוועק תיכּף צו זײַן מוטערס שטוב, נאָר ער איז פריִער אַוועק זיך מתיעץ זײַן מיט זײַנס אַ שוועסטער־קינד. יענער איז געווען דער רופא און שרײַבער פון דער קהילה און דערצו נאָך מפורסם געווען אַלס אַ פרייליכער לונג און לעבער. אויך יענער האָט יאַקאָבן פײַן אויפגענומען מיט כּיבוד אָבער ער האָט אים דערבײַ געלערנט, אַז אַ מענטש טאָר זיך נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס. זאָל זיך די מאַמע האָבן געזונטערהייט אַ גרויס מסחר בשותפות מיט נחן, אָבער יאַקאָבס דאַרף זי נישט צונעמען. ער איז יונג און דאַרף אויך לעבן. אָנגעוואַרעמט פון די אַלע עצות איז יאַקאָב אַרויס אין די מען זאָל קומען מעיד זײַן פאַר זײַנעטוועגן צום בית דין... ער וועט די אייגענע מאַמען מיט איר מאַן תובע לדין זײַן! דערבײַ האָט ער יעדן איינעם באַזונדער מבטיח געווען, אַז די גאַנצע שטאָט וועט קלינגען מיט גאַסן און ווען ער האָט געטראָפן פון די שטאָטלײַט, האָט ער געבעטן זײַן משפּט. ער וועט גאָרנישט פאַרשווײַגן און גאָרנישט שענקען.

אַלץ האָט זיך אָבער געענדערט ווי נאָר ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער מאַמעס הויז. ווען זי האָט אים געזען אַרײַנקומען האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען. האָט ער אויך נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי מיטוויינען צוזאַמען מיט איר אויף זײַן אומגליק. עס זענען באַלד אָנגעלאָפן זײַנע קליינע שוועסטערלעך און אים נײַגעריק באַקוקט פון אַלע זײַטן. האָט זיך יאַקאָב דערמאָנט אַז ער האָט זיי געדאַרפט ברענגען מתנות, ווי עס טוט יעדער לײַטישער מענטש ווען ער קומט פון ווײַט צו זײַנע היימישע. היות ער האָט דאָס געהאַט פאַרגעסן, איז ער פאַרשעמט געוואָרן און זיי נישט געקענט גלעטן — ווי מען טוט עס מיט קליינע שוועסטערן. צוליב דעם איז פון אים אַרויסגעפלויגן דער גאַנצער כעס, וואָס ער האָט בכיוון געזאַמלט אין זיך אַזוי לאַנג. דערצו האָט די מוטער געשטעלט וואַסער צום דערוואַרעמען און זי האָט דווקא געוואָלט, אַז ער זאָל זיך אָפּוואַשן פון ווײַטן וועג. ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעוואַשן און שוין האָט זי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש ליכטיק ברויט און הייסע מילך. זײַן האַרץ איז דערפון געוואָרן ווייך און איבערגעגאָסן. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט עפּעס איבערכאַפּן, איז ער געוואָרן מיד און שלעפעריק. פון זײַן זכרון זענען אַוועק אַלע שווערע טענות צו דער מאַמען, וואָס ער האָט מיט זיך אַרומגעשלעפּט ווי אַ שווערע משא און אויך די מוטער האָט אים מער גאָרנישט געפרעגט. זי האָט אים נאָר אָנגעוויזן אויף דער ווייכער באַנק, בכדי ער זאָל זיך צושפּאַרן און אויסרוען. דערבײַ האָט זי אַרויסגעטריבן דאָס קליינוואַרג פון חדר, אַז זיי זאָלן אים נישט שטערן. דער קאָפּ איז אים גאָר שווער געוואָרן און ווי דורך ווײַטקייטן האָט ער געטראַכט אַז אַלצדינג ביז איצט מוז זײַן ליגנט. ער איז קיינמאָל נישט געווען געבונדן מיט אַן אשה וואָס הייסט מרים; ער איז קיינמאָל נישט געשטאַנען אונטער דער חופּה און קיינער האָט אים פון שטוב נישט אַרויסגעטריבן. ער האָט זיך נאָך אַביסל געבלאָנקעט איבער די דערפער ווי אַמאָל יינגלווײַז און דאָס איז אַלץ. די מוטער האָט אים ווידער אָפּגעפונען, זי קעכלט אים ווײַטער מיט מעדנים און זי דעקט אים ווידער אײַן מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע ווי אַ קינד. אַזוי וועט עס שוין בלײַבן און עס וועט אים ווידער גוט זײַן אויפן בעסטן אופן... אָט זאָל ער נאָר אײַנשלאָפן און פון גאָרנישט קלערן.

דער מוטערס גוטסקייט האָט אים אַזוי צענומען, אַז אַפּילו ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין מער נישט געקענט האָבן בדעה צו פירן מיט איר די אַלטע טענות פון דער ירושה. ערשט ווען ער האָט דערזען ר' נחס בייזע פּנים בײַם אַרײַנקומען, האָט ער פאַרשטאַנען אַז עס וועט אים נישט אויסמײַדן. ער האָט געזען ווי נח רופט אַוועק די מוטער אין אַ ווינקל, שרײַט עפּעס אַרײַן אין איר מיט געצוימטער שטיל־קייט און זי באַגיסט זיך דערבײַ מיט טרערן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס רעדט מען פון אים און ער האָט זיך ווידער דערפילט שוואַך און פאַר־לוירן. פון גרויס שרעק האָט ער זיך ווידער אַרײַנגעצויגן אין אַלקער אַרײַן און באַהאַלטן דאָס פּנים אונטער דער קאָלדרע, קיינער זאָל אים נישט זען. שפּעטער אַביסל איז די מוטער אַרײַנגעקומען און זיך אומ־געהערט אַוועקגעזעצט בײַם קראַנץ פון זײַן געלעגער. ער האָט עס מער געשפּירט ווי געהערט און זיך נאָך מער אויסבאַהאַלטן.

דאָס האַרץ האָט זיך בײַ אים אָפּגעשטעלט פאַר שרעק און ווייטיק. ער האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט און עס האָט זיך אים געגומען אויסווײַזן, אַז אַלץ וואָס ער האָט פריִער אַביסל געזען איז נישט מער ווי אַ משונהדיקער חלום. ער איז גאָר קיינמאָל נישט געקומען צו דער מאַמען און ער האָט זי גאָרנישט געזען. דאָס איז אים נאָר ווידער געלונגען זיך אַרײַנצוכאַפּן צו זײַן מרימען אין שטוב אַרײַן. זי האָט זיך אָבער געכאַפּט דערויף און אָט איז זי אַרײַנגעקומען. זי וועט זיך באַלד נעמען בייזערן, שרײַען, טרײַבן אים און זי וועט רופן דעם שנײַדער צו הילף... און דאָס טרײַבן אַליין וועט מער נישט זײַן בלויז ווייטיק! דער שנײַדער ווייסט וויאַזוי אים צו שלאָגן אויך מיט בזיון...

האָט ער אָנגעהויבן צו יאָמערן מיט פאַרמאַכטע, מידע אויגן. ער האָט אַרײַנגעהעשעט אין זיך אַרײַן און קיינער האָט אים קיין וואָרט נישט געזאָגט. אַדרבא, ער האָט געשפּירט ווי אַ דערוואַרעמטע האַנט גלעט אים איבערן געקאַרבטן שטערן און איבער די האָר. ער האָט אַפּילו געפילט אַזוי ווי אַ הייסער טראָפּן איז אים אַראָפּגעפאַלן אויפן לינקן אויג. די וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם געלעגער האָט זיך שאַרפער צוגערוקט צו אים, טיפער זיך אַראָפּגעבויגן איבער זײַן גוף, אַזוי אַז ער האָט אַזש געהערט איר שוין־לאַנג פאַרגעסענעם און באַגערטן זָטעם:

— קינד מײַנס . . .

הפנים אַז ס׳איז טאַקע זי, די מוטער. אים איז דערפֿון געוואָרן גוט אין טרויעריק. ער האָט געעפֿנט אַ שפּעלטעלע פֿון אויג און זי געזען. אין דער מינוט האָט ער פֿאַרגעסן אַלע זײַנע צער׳ן און ער האָט גאָר געקריגן רחמנות אויף איר. ווי אַלט איז זי דען? סך הכל עטלעכע און דרײַסיק יאָר. און שוין ציִען זיך בײַ איר קנייטשן פֿון איין מויל־ווינקל צום צווייטן. דאָס פּנים איז בײַ איר גערונצלט און די אויגן קוקן אויף אים מאַט און צוגעלאָשן . . . אַ שרעק! עס וואָלט זייער וויל געווען, ווען ער קען עפֿענען אַ מויל און זי טרייסטן. זי מוז אַוודאי בײַם רשעות־דיקן מאַן קיין האָניק נישט לעקן . . .

נאָר זי האָט אים נישט געלאָזט אַרויסברענגען קיין וואָרט. זי האָט אים געוויזן מיט אַ פֿינגער צו יענער זײַט טיר. מען קען הערן. וואָס האָט זי אַזוי מורא? און אַז מען וועט יאָ הערן? זי האָט אָבער אָנגעהויבן רעדן שטיל, אָן אַ קול נאָר מיט בלויזע ליפּן־ווערטער וועגן דעם אַז אַזוי איז אויך קיין תכלית נישט. דאָ איז ענג און מ׳קען קיין פּיצל אָרט נישט געפֿינען. דערצו איז נח בייז אויף אים און ער וויל יאַקאָב זאָל וואָס שנעלער אַוועק . . . אוי, ווי ער איז שלעכט! זי דאַרף עס אים דען דערציילן? ער איז איר קינד און זי וואָלט אים אַרומגענומען, אויסגע־גלעט יעדעס מידע ביינדעלע זײַנס, נאָר זי קען עס נישט. זי קען אים אַפֿילו נישט לאָזן בײַ זיך עטלעכע טעג . . . און גלאָט אַזוי — פֿאַר־שטייט זי אויך נישט די גאַנצע מעשה. ער איז שוין בלי עין הרע אַ דער־וואַקסענער מענטש, האָט אַ ווײַב . . . טאָ פֿאַרוואָס מאַכט ער נישט קיין סוף צו דער שפּיל? ווי לאַנג וועט עס זיך אַזוי שלעפּן? זי וואָלט אים געקענט אויסזוכן אַן אָרט צום שלאָפֿן בײַ אַ קרוב, נח זאָל נישט וויסן. אָבער עס געשיקט זיך נישט אַזעלכעס. זי וויל טאַקע וויסן אין איין וועגס וואָס ער קלערט זיך וועגן מרימען. זאָל ער עס איר זאָגן, זי איז דאָך דערויף אַ מאַמע . . .

ער האָט פֿון גאָרנישט געקענט אָנהייבן. ער האָט זיך נאָר צעוויינט און מער ווי איין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען פֿון זיך: מאַמע, אוי מאַמע! . . . ערשט ווען זי איז אַרויס אויף אַ רגע און זי איז צוריק־געקומען מיט זײַן פּעקל אין דער האַנט, האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז דאָ מוז

ער נאָר רעדן האַרבע דיבורים, גאָר האַרבע. ווו געפינט מען זיי אָבער? די מאַמע האָט שוין אויסגעזוכט זײַנע חפצים, אַרײַנגעלייגט אין זײַן זעקל אַ פּאָר העמדער, אַ גרויס ברויט און אַ שמעקעדיק טעפּל אויסגעלאָזט שמאַלץ. דאָס קען זי אים מיטגעבן אויפן וועג. עס איז איר אַליין אויך געגנוג ביטער. ר׳ נח וואַרפט זיך פון גרויס ירגזון און ער וועט באַלד אַרײַנפאַלן אַהער. ער האָט עס ביז איצט נישט געטאָן צוליב איר, ווײַל זי האָט אים מבטיח געווען דאָס אַלץ צו מאַכן מיט גוטן. ער טענהט, אַז זײַן סבלנות פּלאַצט בײַ אים...

די מוטער האָט זיך שוין איצט געבעטן בײַ יאַקאָבן מיט קלאָרע ווערטער: זאָל ער גיין! אַז נישט, וועט זי אַליין מוזן נעמען דאָס פּעקל און אַנטלויפן. ער וועט זי אַרויסטרײַבן, דער מאַן אירער! און וווהין קען זי גיין, אויב יאַקאָב אַליין קען זיך קיין אָרט נישט געפינען? הײַנט נאָך בײַ איר עלטער? ווי מיד ער איז נישט געווען, יאַקאָב, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער. אַ צאָרן האָט אויפגעגעסן זײַן גאַנצן רחמנות צו איר. זי טרײַבט אים? וועט ער איר טאַקע זאָגן! אַלץ וועט ער איז זאָגן! יאָ, זיי קענען אים פאַרטרײַבן — אָבער זי דאַרף וויסן, אַז אַלץ וואָס דאָ איז פאַראַן איז זײַנס! ער וועט עס אויפמאָנען דורך מענטשן, בײַם רב. ס׳איז זײַן טאַטנס. זי האָט זיך געריסן צו דעם נחן, נישט לאַנג געטרויערט נאָכן טאַטן און האָט זיך באַלד איבערגעענטפערט צוזאַמען מיט דער שטוב און זאָכן צו יענעם אין די הענט אַרײַן... ער איז איצט גרויס און פאַרשטייט אַלץ. ער וויל איר קיין מוסר נישט זאָגן אָבער דאָס איינע האָט זי זיכער נישט געדאַרפט טאָן: זי האָט געוווּסט אַז ער וואַקסט אַן אומגליקלעכער יתום, במילא האָט זי אים נישט געדאַרפט באַגזלען. זי טרײַבט אים? אָבער אויך זײַן ווײַב האָט אים אַרויסגעטריבן ווײַל ער פאַרמאָגט גאָרנישט און קען זי נישט מפרנס זײַן. דערפאַר מוז זי אַרײַננעמען שנײַדער געזעלנס אין דער דירה אַרײַן, בשעת ער מוז צוקוקן און דאָס האַרץ זאָל אים פּלאַצן. וויאַזוי האָט זי געמעגט רײַכער מאַכן איר שלעכטן מאַן אויף זײַן חשבון? אדרבא, זאָלן מענטשן זאָגן! זאָלן רבנים אויסזוכן אין אַלע ספרים און פּסקענען!

זײַנע רייד זענען געווען אומזיסטע. מער ווי טרערן האָט ער בײַ דער מוטער נישט אַרויסבאַקומען. אַוודאי איז זי שולדיק, וואָס קען זי אָבער

טאָן? דער מאַן אירער איז אַ חכם און ער האָט אַלצדינג באַוואָרנט. שוין אַזויפיל יאָרן האָט ער אַלץ אין דער האַנט און קיינער קען נישט אויסוויַיזן, וואָס עס איז זיַינס און וואָס ער האָט געירשנט פון וויַיב. און ווען אַפילו יאָ? ד אָ ס איז זיַין נדן. וואָס קען יאַקאָב אָבער אויס וויַיזן? ווער וועט עס איצט קומען און זאָגן עדות פאַר אים? ער מעג אויך פאַרשטיין, אַז פונקט ווי ער קען גאָרנישט אויפטאָן קעגן אַ וויַיב וואָס איז אַ מרשעת, אַזוי קען זי גאָרנישט אויפטאָן קעגן אַ מאַן אַ רשע... זאָל זי זיך אפשר גטן מיט אים? ווּהין וועט זי דאָס נעמען די קליינע קינדער? און וואָס וועט זי שוין דען מיט דעם בעסער מאַכן יאַקאָבן? און וואָס וועט ער אַליין אויפטאָן, אויב ער וועט איר שוין אַפילו אָנמאַכן חרפות ובושות ביַי לײַטן אין די אויגן? וועט דאָס שוין זיַין אַ תכלית? גאָר פאַרקערט. ער וועט זי מאַכן צו געלעכטער און זיַין מערכה וועט דערפון נאָך ערגער ווערן. וואָס מער איר כבוד וועט פאַלן, אַלץ מער וועט ער האָבן אַ שלעכט פנים. אויסער דעם וועט מען אים טריַיבן דערפאַר וואָס ער האָט פאַר דער אייגענער מאַמע נישט קיין דרך ארץ... נישט אומזיסט, וועט מען זאָגן, וויל מרים פון אים נישט וויסן. איז פאַר אים גליַיכער נעלם צו ווערן פון שטאָט, איידער מען ווייסט אין וואָס דאָ גייט. זאָל ער זיכער זיַין אַז זי וועט אים צוהעלפן מיט וואָס זי וועט נאָר קענען, אַבי דער מאַן אירער זאָל נישט וויסן.

מער איז יאַקאָבן נישט געבליבן וואָס צו ענטפערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע זענען קעגן אים גערעכט. וואָס ער זאָל נישט טאָן, וועט פריִער אָדער שפּעטער נישט טויגן. דערצו וועט אים שוין קיינער נישט העלפן. אַפילו די וואָס גיבן אים איצט גערעכט וועלן שפּעטער קאָכן זיך פאַר כעס: היתכן? איז מען אַזוי מבייש די אייגענע מאַמע? האָט ער בלויז פאַרוואָרפן זיַין זעקל אויפן אַקסל, געלאָזן און פאַרתמט זיך געשאַרט צו דער טיר און מיט אַ בלייכער האַנט געזוכט די מזוזה. די מוטער האָט אים נאָך באַגלייט אַ פאַר טריט, אָבער ער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט. אין דער לעצטער מינוט, ווען ער האָט שוין געהאַט אַריבערגעשפּריַיזט די שוועל, האָט זי נאָך אויסגעשריגן פאַרוויינט:

— יאַקאָב!

ער איז שוין אָבער געלאָפן מיטן זעקל אויף דער פּלייצע ווי אַ משוגענער. ער האָט געוווסט, אַז פון איצט אָן און ווײַטער וועט ער שוין פּײַנט האָבן שנאת מוות די מאַמען, הגם עס וועט אים כסדר ציִען צוריק צו איר. די נעכטיקע שעהן, ווען זי האָט אַזוי מאַמיש געזאָרגט פאַר אים, וועלן אים שוין אַלעמאָל רופן אַהער און ער וועט נישט קענען קומען. ער איז אַפילו בייז געווען אויף איר, פאַרוואָס זי האָט אים אַרויס־געוויזן אַזויפיל לײַטזעליקייט בעת זי האָט אים געהאַלטן בײַם טרײַבן. פּונקט אַזוי האָט זײַן כעס געברענט דערויף וואָס די מאַמע ווערט בײַ זיך בטל ומבוטל בײַם זען נחן; גענוי ווי ער ווערט עס שטענדיק בײַם זען מרימען. איז אַמאָל זײַן גאַנץ אומגליק נישט געקומען דערפון וואָס ער קומט אַרויס פון איר טראַכט?

ער איז געלאָפן אונטערגעטריבן פון ווינט און אומגליק. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט באַלד וועט ער נעמען אַ פײַערבאַנד אין די הענט אַרײַן און אַלץ באַזאַמען אונטערצינדן. די מידקייט האָט אים אָבער גאָרנישט געלאָזט טאָן, אויסער לויפן ווײַטער. ווי נאָר ער איז געקומען הינטער דער שטאָט האָט ער זיך געמוזט אַראָפּזעצן אונטער אַ בוים. פון גרויס פאַרדרוס איז ער גאָר הונגעריק געוואָרן. האָט ער מידערהייט אַרויסגעצויגן דעם לאָבן ברויט וואָס די מוטער האָט אים געגעבן אויפן וועג. ער האָט אַרומגעוויקלט די הענט מיט אַ ריין העמד, געטונקען גראָבע פּענעצן אינעם גענדזענעם שמאַלץ און מטורפדיק זיי געשטופּט אין אָפענעם מויל. מיט יעדן ביס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס בײַסט ער זיך אַרײַן אין נחס האַנט, אין זײַן אייגענעם כעס אַרײַן. ערשט ווען ער איז שגעונדיק־זאַט געוואָרן האָט זיך זײַן קראַפט צו אים אומגעקערט און ער האָט באַקומען כח צו וויינען ווי אַ קראַנק און אָפּגעשוואַכט קינד.

קאַפּיטל זיבן

— 1 —

איין גאָט אין הימל האָט נאָר געקענט צוזען אויף וועלכע וועגן יאַקאָב האָט געשפּרײַזט צוריק און וויפל מאָל ער האָט שוין געוואָלט בלײַבן ליגן אין אַ וועלדל, בכדי מער נישט אויפצושטיין. עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן קול פון אַ פויגל, פאַרן טרייסל פון אַ בלאַט, פאַרן פײַף פון אַ פאַסטוך און ער איז ווײַטער געגאַנגען. אַ סך מאָל האָט ער זיך געוואָלט אָפּהאַלטן, פאַרקירע־ווען אויף וועגן וואָס זענען אים נישט באַקאַנט און זײַנע פיס האָבן נישט געפאָלגט. ער איז ווידער גערקראָכן קיין ליסע.

ער האָט געטראַכט, אַז אין משך פון די טעג וואָס ער האָט געפעלט האָט זיך דאָרט געטאָן חושך. אַלע האָבן זיך געמוזט פרעגן וווהין יאַקאָב איז דאָס ראַפּטום נעלם געוואָרן און אויך דאָס האַרץ פון מרימען איז אַוודאי צעגאַנגען ווי וואַסער. כל זמן ער איז איר געווען אויף די אויגן איז נישט קיין וווּנדער וואָס ער איז בײַ איר געווען נמאס ומאוס. אַנדערש איז אָבער, ווען ער האָט זיך נישט געוויזן. עס קען זײַן אַז זי האָט זיך פאַרבענקט נאָך דעם מענטש וואָס דרייט זיך שוין אַרום אַזוי לאַנג און שטיל אין שטוב. אפשר האָט זי שוין גאָר חרטה וואָס זי האָט אים אַזוי געפּײַניקט און בעיקר מוז זי זיך שרעקן טאָמער גזלנים וועלן אים דורסן און זי וועט אַפילו נישט וויסן ווו זײַן געביין איז אַוועקגעקומען. זי האָט אים טאַקע נישט ליב, אָבער צו זײַן אַן עגונה איז נאָך ערגער. האָט זי דערפאַר קיין מורא נישט? אַ געדאַנק איז אים פּלוצים באַפאַלן: פאַר־

וואָס האָט ער ביז איצט נישט געקלערט וועגן דעם ? ער האָט דאָך אַ בייטש אויף איר ! ווי גאָר ער שטעלט אַרויס אַ פוס פון שטעטל מוז זיך ביי איר שוין וואַרפן דאָס האַרץ, אויב זי וויל עס אָדער נישט. בעל כרחה איז ער פאַר איר עפּעס ווערט, זינט דער חופּה און ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק דערפון...

פון דעם דאָזיקן געדאַנק איז אים ליכטיקער געוואָרן און ער האָט געזוכט וואָס שנעלער דעם וועג צוריק. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי די קרובים און אַפילו נישט אַרומגעגאַנגען די מיל ווו דער אָנהייב פון אַלע אומגליקן איז געלעגן באַגראָבן. ווי שטענדיק, ווען דער דמיון האָט זיך ביי אים צעשפּילט, האָט ער געזען איין בילד זיסער פאַרן צווייטן. ער האָט זיך אָפּגעמשלט וויאַזוי ער קומט אַהיים ביינאַכט און מריט דערזעט אים. זי האָט זיך שוין איבער דער צייט אויסגעוויינט די שיינע אויגן און דערפאַר וועט זי איצט וויינען פון גליק. זי וועט צופאַלן צו אים, בעטן מחילה, צוזאָגן אַלצדינג, אַבי ער זאָל מער נישט אַוועקגיין. ס'איז זיך דען צו שפּילן מיט אַזעלכע סכנותדיקע וועגן ? וויפל ייִדן זענען שוין פאַרלוירן געגאַנגען און וויפל יונגע ווייבער זענען שוין געבליבן אָן אַ היתר דאָס גאַנצע לעבן ? און אַז זי וועט נעמען טאַנצן אַרום אים, וועט ער איר זאָגן... וועט ער איר אַלץ מוחל זיין, אַבי זי זאָל אים לאָזן אָפּרוען און פילן די היימישע וואַרעמקייט... וואָס וויל ער דען מער ?

די מחשבות האָבן אים געגעבן פליגל און ער איז געלאָפן אָן אַן אָטעם גאַנצע שטיקער וועגס ביז ער האָט זיך דערזען ביי דער טיר. דער אָוונט איז שוין געהאַט צוגעפאַלן און ווייניק מענטשן זענען שוין געגאַנגען איבער די געסלעך. דערפאַר האָט אים קיינער נישט דערקענט און ס'איז נישט געווען קיין בעלן אויף אַ מצווה, מיטן אָנזאָגן איר די גוטע בשורה. דאָס האָט אים נישט מצער געווען. ס'איז בעסער אַזוי. ער וועט זיך אַריינגנבענען, באַווייזן זיך אומגעריכט און זאָל די איבערראַשונג גרעסער זיין. אַלץ איז אויך אַזוי גוט געווען. די טיר איז נישט געווען צוגעמאַכט און איינעווייניק איז אויך אַזוי שטיל געווען, אַזוי ווי קיין לעבעדיקער נפש וואָלט דאָרט נישט געווען. האָט ער געעפנט די טיר צו זיין חדר און אָפּגעלייגט פון זיך דאָס זעקל. זיין אומגעריכט בעט

האָט אים אַ צי געטאָן און ער האָט זיך דערויף מחיהדיק אויסגעצויגן און דורך דער מידקייט געזויגן דעם נחת אין אַלע גלידער אַרײַן. געוואַלד, ווי גוט עס איז צו האָבן אַ שטיקל שטרוי און אַן אייגן בעט! דאַרף ער גאָר בעטן צו גאָט עס זאָל אים באַשערט זײַן, אַז מרימס האַרץ זאָל איבערגעקערט ווערן. פאַרוואָס זאָל דאָס גאָרנישט מעגלעך זײַן?

פון אַ ווײַטן צימער האָבן זיך געהערט לײַכטע טריט. דערנאָך איז געקומען אַ קול, וואָס האָט געפרעגט דערשראָקן אין דער ליידיקייט אַרײַן:

— ווער איז דאָרט?

פון גרויס פחד און דערוואַרטונג האָט ער זיך אײַנגעקנוידערט, צו־נויפגעוואַקסן געוואָרן מיטן געלעגער און ער האָט קיין קלאַנג פון זיך נישט געקענט אַרויסברענגען. ס׳איז געווען איר קול. ער האָט נאָר צוגע־הערט מיט אַ געשטאָרבענעם אָטעם וויאַזוי זי זאָגט צו עמעצן אָדער גאָר צו זיך אַליין מיט אַ וואַקסנדיקער אימה אין קול:

— ס׳איז דאָ עמעצער פאַראַן... איך האָב געהערט טריט... איך דאַרף גיין טבילה און איך ציטער אין גאַנצן... איך האָב אַזוי מורא...

צוזאַמען מיט דער שעמעוודיקער אויפרעגונג האָט ער אויך באַקו־מען רחמנות אויף איר. נאָר־וואָס איז ער געקומען — און שוין האָט ער זי נעבעך דערשראָקן. פאַרוואָס איז ער אַזאַ שלימזל? ער קומט זיך איבערבעטן און צום סוף מאַכט ער איר אַן האַרצקלאַפּעניש נאָך איידער זי זעט אים. ס׳איז זיכער נישט קיין גוטער סימן! ווי מיד ער איז נישט געווען, האָט ער זיך געוואָלט אויפהייבן, אַרײַנשפּרײַזן צו איר און מיט צערטלעכע ווערטער איר אויסרעדן די מורא:

— נאַרעלע, וואָס שרעקסטו זיך? דאָס בין איך דאָך... איך!

נאָר אים איז גאָר־גוט געווען אין דער טונקעלער אײַנגעלעגנקייט, אין דער אומבאַוועגלעכקייט. האָט ער באַהאַלטן זײַן גאַנצן גורל אין דער שטומקייט. כאָטש נאָך אַ רגע ליגן און אײַנהערן זיך, נאָר איין רגע בלויז... דערנאָך וועט סײַווי זײַן שלעכט, וויאַזוי ער זאָל נישט טאָן. איז ער געלעגן און געוואַרט ביז ער האָט דערהערט אַ סך טריט אויפאַמאָל, וואָס האָבן זיך פאַרזיכטיק געשאַרט אין די דערבײַאיקע חדרים. ער האָט

אַפילו דערקענט דעם שנײַדערס שטאַרקע קול וואָס האָט תּרועומת׳דיק גע־טענהט צו מרימען:

— עס האָט זיך דיר אויסגעדוכט און דו האָסט אויך מיך איבערגע־שראָקן. זעסט דאָך אַז קיינער איז נישטאָ און אין קיין שדים גלויב איך נישט. זיי האָבן בעסערע ערטער ווו צו קומען...

מרים, מיט אַ ליכט אין דער האַנט האָט שוין מער נישט געהערט יענעמס לצנישע ברוגזן זיך. זי האָט האַסטיק אַ שטויס געטאָן די טיר צו יאַקאָבס חדר, אַרײַנגעשפּאַרט זיך אינעווייניק און מיטאַמאָל אַרויסגע־לאָזט אַ שרעקלעכן געשריי:

— ער ליגט!... אָט דאָרט!

ווײַטער איז שוין גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכן. ער האָט קוים זיך געקענט צוהערן צום טומל וואָס דיביידע לײַט האָבן אָנגעמאַכט. פון דעם, אַז מרים זאָל זיך פרייען מיט זײַן קומען האָט נישט געקענט זײַן קיין רייד. זי איז גאָר געוואָרן נאָך מער צערודערט. עס זענען אָנגעלאָפן זײַטיקע מענטשן און אַליין נישט געוווּסט וואָס זיי האָבן צו טאָן. מרים איז אַרײַן צו זיך אין חדר און אָפּגעשלאָסן פון אינעווייניק. ערשט פון דאָרט האָט זי נישט אויפגעהערט אַרויפצושרײַען מען זאָל יאַקאָבן וואָס שנעלער אַרויסטרײַבן. זאָל ער גיין! זי וויל פון גאָרנישט וויסן! האָט קיינער פון די אָנגעלאָפענע נישט באַמיט זיך צו באַרויִקן מרימען, הגם זיי האָבן אויך יאַקאָבן גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן נאָר אויסגעהערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ איינער צום צווייטן און שטילערהייט זיך אַרויס־געשאַרט.

דערנאָך האָבן זיך פּאַר יאַקאָבן גענומען ציִען לאַנגע טעג פון שאַנד און ווייטיק. וויפל ער האָט זיך נישט באַמיט צו רעדן מיט איר אַ וואָרט איז עס אים נישט געלונגען. זי האָט נישט געלאָזט ער זאָל קענען צוקומען נאָענט. ער האָט זיך געשעמט צו ווײַזן דאָס פּנים אין שטאָט, מחמת קינד און קייט האָבן שוין זיכער געוווּסט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער־נאַכט פון זײַן אומקער. ער איז געוואָרן בײַ זיך גאָר שטאַרק שפל ביז עס האָט זיך אים ווידער גענומען אויסווײַזן אַז מרים איז טאַקע פּאָרט גערעכט לגבי אים. ער איז אַ נבזה, אַ וואָרעם און אַ מיאוסער נפש צו וועלכן מען טאָר זיך נישט צורירן. דער בעסטער סימן דערצו איז דאָס

וואָס אַלע טרײַבן אים אַרום. אָט האָט אים די אייגענע מאַמע משלח געווען פון די אויגן. פאַרוואָס טוט מען עס נישט מיט קיינעם? אַזויפיל מענטשן לעבן רויק און האָבן פרײַנט, ווײַבער און מאַמעס, בעת ער איז אַזוי פאַרשאָלטן. דאָס איז זיכער נישט אומזיסט. קיינער וויל אים בלויז נישט זאָגן פ אַ ר ו אָ ס ער איז אַזעלכער. דאַרף ער זיך נאָר באַווײַזן פאַר די שטאָטלײַט און אַלע וועלן עס תיכף אָנזען און אים אָפּטרײַבן אָדער אויסלאַכן.

עס איז אים נאָר געבליבן איין עצה, צו ליגן אין שטוב און הונגערן. דאָסמאָל האָט זיך דער שנײַדער מיט גאָרנישט אָנגענומען פאַר מרימען און אים אויך נישט געפּרוווט אַרויסוואַרפן מיט כח. אַדרבא, דער זעל־בער אויסלאַכער און אונטערפירער האָט אים גאָר אַרײַנגעברענגט עט־לעכע מאָל שטיקער ברויט מיט געקעכץ און אַרויסגעגאַנגען אָן אַ וואָרט. ממש נסים זענען דאָ געשען. נאָר דערמיט איז נישט מעגלעך געווען צו לעבן. איז יאַקאָבן באַפאַלן אַן אַנדער ווילן. וואָס איז געווען אי קלאָר און אי משוגע. ער האָט געוואָלט דערוויסן זיך דעם אמת בײַ איר גופא. אין יענע טעג האָט ער אָפּגעטאָן משונהדיקע זאַכן. ער האָט זי אָפּגע־וואַרט בײַם אַרויסגיין, געזוכט זי איבער די חדרים און צום סוף זיך אויס־באַהאַלטן בײַ איר אין חדר ביז טיף אין דער נאַכט. דאָס מאָל איז זי ווײַזט אויס צופיל מיד געוואָרן פון גאַנצן פלאָנטער זי האָט געזען וויאַזוי ער קריכט אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש, לייגט זיך אויף דער באַנק וואָס אַנטקעגן איר בעט און זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נישט געשריגן, נישט געשראָקן זיך און אים נישט געטריבן. פאַר דעם האָט ער נאָך מער מורא באַקומען. האָט ער אין יענער נאַכט אויסגעשיט אַלע זײַנע רייד און בעטענישן. ער האָט איר צוגעזאָגט נכנע צו זײַן ווי אַ קנעכט, גערעדט האַרבע דיבורים וועגן דעם אַז זיי זענען געשטאַנען אונ־טער דער חופה... ער האָט זי געפרעגט וואָס זי וויל און זאָל זי אַליין זאָגן וואָס ווײַטער וועט זײַן. ערשט גאָר צום סוף האָט ער אײַנגעזען אַז אַלע זײַנע ווערטער און מיזונגען זענען אַרויסגעוואָרפן. זי וועט נישט ענטפערן. זי האָט זיך נאָר אײַנגעהערט צו די שאָרכן פון דרויסן און ווײַטער געשוויגן, ווי קיינער וואָלט דאָ צו איר נישט גערעדט.

דאָס ערשטע מאָל זינט דער גאַנצער צײַט האָט אין אים זיך אַזוי

שטאַרק צעברענט דער כעס אויף איר. דאָס איז געווען אַ ריינער כעס אָן אַביסל אײַנזען אָדער פאַרשטייעניש אַז אויך ער איז שולדיק. ווו איז אַהינגעקומען זײַן שפּלדיקייט ? יאַקאָב האָט עס מיטאַמאָל פאַרלוירן ער האָט נאָר געפילט אין זיך אַ כח און אַ ציִעניש צו דערווערגן זי. דאָרט ליגט אַ קאַלט שטיק שווײַגעניש, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויף זײַן לעבן און ער קען עס איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערשטיקן — און פּטור ! נאָר צו דעם האָט ער פאָרט קיין יהדות נישט געהאַט, הגם די כוחות האָבן געקומען אָנזאָגן און אַלע פינגער פון די געזונטע הענט, אַז זיי זענען דאָ. זי איז געווען אַזוי ווײַט און פרעמד פון אים. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וועט זי גאָר קיינמאָל נישט דערגרייכן. וויפל ער זאָל נישט צוגיין נענטער, אַלץ מער וועט זי זיך אָפּרוקן צוזאַמען מיט דער וואַנט און מיטן בעט. האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט . . .

טאַקע אין יענער נאַכט איז בײַ אים פאַרטיק געוואָרן דער גאַנצער פּלאַן פון נקמה. ער מוז זיך אין איר נוקם זײַן אַזוי, אַז מען זאָל אים האָבן צו געדענקען. ער אַליין וועט טאַקע דערבײַ חרוב ונחרב ווערן, אָבער דאָס איז בעסער. ער וועט דערפאַר קענען מיט אַ גאַנץ געמיט זיך וואַרפן אויף אַלעמען. נישט בלויז זי דאַרף באַקומען איר פּסק. אַלע וואָס קוקן זיך צו, וויאַזוי ער גייט אויס פאַר שאַנד און הילפלאָזיקייט, דאַרפן האָבן צרות. ער טאָר קיינעם נישט אויסלאָזן. עס וואָלט גוט געווען ווען ער ווערט איבערגעקערט אין אַ שד, אָדער אין אַ רואה ואינו נראה וואָס קען צו אַלעמען צוקומען, אָפּטאָן וואָס ער וויל און קיינער זאָל אים נישט זען. ער וואָלט באַדאַרפט ווערן אַ נאַקעטע נשמה וואָס פליט אַרום אָן דעם גופיקן פּעלץ און עס איז נישט מעגלעך אים צו כאַפּן מיט דער האַנט. אוי, וואָלט ער דאָן אָפּגעטאָן זאַכן דער מרים ! אַפילו די מאַמע מיט נחן וואָלטן בײַ אים נישט געשווינט געוואָרן ! ער וואָלט נישט פאַרגעסן אויך אין די שטאָטלײַט מיט די רבנים און זיי באַצאָלט דאָס חלק וואָס זיי קומט . . . נאָר קיין שד, אַזעלכער ווי עס דערציילט זיך אין די ספרים, קען ער נישט ווערן. דערפאַר אָבער קען ער זײַן אַ שטיק בייזער רוח, אַ לץ און אַ לוסטיקער נאָר וואָס פירט אַלעמען פאַר דער נאָז. ער דאַרף נאָר וועלן ! מוז ער זיך טאַקע אָנגאַרטלען מיט כח. דאָס לעצטע מאָל וועט ער ליגן בײַ אירע פיס ! דער לצישער חשק, אָנצוטאָן שאָדנס

און איינמאָל כאַטש חוזק צו מאַכן פון אַלעמען, האָט אים מוראדיק פאַר־כאַפּט אין מיטן רעדן. דער געדאַנק אַז ער קען מיטאַמאָל ווערן שטאַרקער פון אַלעמען, האָט אים מער נישט געלאָזט טראַכטן פון עפּעס אַנדערש. עס איז אַזוי לײַכט — און ער האָט עס נישט געוווּסט! האָט ער אָנגעהויבן ציטערן פון דערוואַרטונג. ער האָט זיך דערקענט ווי אַ פרעמדן און ער איז שוין אַליין נײַגעריק געווען צו באַקענען דעם אייגענעם כח. וואָס פריער דאַרף ער עס זען! וואָסזשע ליגט ער נאָך דאָ, נישט ווײַט פון איר און טראַכט פון פּוסטע חלומות?

דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן איז אים באַפאַלן אַ מורא, אַז מרים זאָל אַמאָל נישט חרטה האָבן. ער וואָלט שוין דאַמאָלסט אַליין נישט געקענט וויסן אויף אייביק צו וואָס ער איז מסוגל. דער חשק עפּעס אויפצורודערן, לאָזן אַזויפיל מענטשן פלאַטערן אַרום זיך, האָט בײַ אים אַרויסגעזעצט אין אַ תאווה וואָס איז שטאַרקער געוואָרן ווי זײַן תאווה צו איר לײַב און צו אירע מילדקייטן. עס האָט אים געריסן פון אָרט און עס איז אים אַ שאָד געווען וואָס ער איז גאָר אַרײַנגעקומען צו איר. מען דאַרף אַנט־לויפן! זאָל זי פאַרגעסן וואָס ער האָט נאַרוואָס פאַר איר געפלאַפּלט און זיך מכניע געווען. ער טאָר אַפילו נישט דערלאָזן אַז זי זאָל האָבן אַ פּתח חרטה פאַר אירע מעשים און זי זאָל אים צוריקרופן. דאָס שווײַגן זײַנס איז שוין געוואָרן האַרט און געוואָרנט. פון גרויס נקמה שכרות האָט ע ר גאָר געוואַכט בײַם סוף פון דער נאַכט, אַז זי זאָל זיך נישט פּרוּוון דערנענטערן צו אים מיט בלויזע רייד אַפילו. די מחשבות זײַנע האָבן אים איצט צוגעזאָגט אַזאַ גרויסן און שטאַרקן תענוג, צו וועלכן ער וואָלט נאָך געמעגט לויפן אָט אַצינד, אין דער סאַמע מיטן נאַכט, איידער דער נאָענטער נסיון פון איר זײַט רוקט זיך אָן אויף אים. זײַן פּחד איז אָבער געווען אומזיסט. אפשר איז זי געשלאָפן און אפשר האָט זי סתם אָפּגע־וואַרט דעם פרימאָרגן גלײַך מיט אים. זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געטאָן. איז ער צופרידן געווען דערפון און דערבײַ האָט זיך דער צאָרן אויף איר צעברענט אין זײַן האַרץ מיט פרישע פײַערן. די נאַכט איז אָבער געווען אַ פינצטערע און ער האָט נישט געהאַט ווו צו לויפן. האָט ער זיך נאָר אײַנגעקלאַמערט אין דער האַרטער באַנק און געפילט אַז בלויז זײַנע היצרײַען מיט דעם נײַעם מאָרגן קענען אים נאָך

באַגלייטן איבערן וועג. מרים האָט אויפגעהערט צו לעבן פאַר אים, סײַדן דאָרט ווו זי האָט געפונען אָרט אין זײַן צאָרן.

— 2 —

כעלות הבוקר האָט זיך יאַקאָב אויפגעהויבן און פאַרלאָזט מרימס חדר. זײַן נשמה איז איצט געווען ליידיק און איין שטיק גליאיקע רשעות האָט נאָך דאָרט געפּאָכעט. ער האָט עס געפילט דערפון, וואָס אים איז גאָרנישט מער קיין שאָד געווען פון איר אַוועקצוגיין. פון יוצא וועגן האָט ער נאָך אַ געשריי געגעבן אין איר זײַט אַרײַן:

— מרים, באַדענק זיך... וועסט חרטה האָבן...

זי איז אָבער מיד געווען פון האַלטן וואַך איבער אים אַ גאַנצע נאַכט. איצט האָט זיך איבער איר געשטאַרקט אַ שוואַכער, אויסגעפּײַניק־טער שלאָף. איז זי געלעגן מיט אויפגעדעקטע הענט און צוגעמאַכטע אויגן. זי האָט אַוודאי געהאַט יעמערלעכע חלומות, ווײַל זי האָט געברומט און געמאַכט העוויות. האָט זי אויך זײַן לעצטע וואָרענונג נישט געהערט. זי האָט אויך נישט געזען וויאַזוי ער איז צוגעקומען נאָנט פון איר, אײַנ־געאָטעמט אין זיך דעם הייסן ריח פון איר פאַרשלאָפנדיקייט און זי באַקוקט מיט אָנגעלאָפּענע אויגן. ער האָט געציטערט פון שכחהדיקער גלוסטעניש, אָבער די מורא זי זאָל זיך נישט אויפכאַפּן און אים זאָגן אַ לײַטיש וואָרט האָט אים איבערגעוועלטיקט, דאָס וואָס ער האָט צוגע־טראַכט איז געווען אַזוי זיס און צינדיק, אַז אַפילו מרימס אָפּגעדעקט לײַב האָט אים קיין גרעסערן תענוג נישט געקענט צוזאָגן. וואָס קען דען זײַן, אויב מרים זאָל דורך אַ נס אים צונויגן איר חסד? ער וועט מער נישט זײַן ווי אַ קנעכטיש ייִנגל וועמען זי האָט באַוויליקט, צוליב רחמנות און תחנונים, אַ שטיקל אָרט אין איר וואַרעם בעט. מען וועט ווידער פון אים חוזק מאַכן. זי וועט דערנאָך ווײַטער קוקן אויף אים ווי אויף אַ לא־יוצלה, וועמען מען דאַרף אַ סך טרײַבן און ווייניק גלעטן. ער האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן צווישן די דאָזיקע לײַט. קיינער וועט פון אים נישט וועלן וויסן, נישט מכבד זײַן אים און עס וועט זיך נישט געפינען ווער עס זאָל אים מצרף זײַן צו אַ חשובן ענין. איר אויסגעשטרעקטע

הענט אין שלאָף זענען נאָר פליישיקע נעצן. וועט ער זיך נישט לאָזן. ער איז געקומען צו דער מסקנא, אַז ער איז אַ מענטש און קיינער טאָר עס ביי אים נישט צונעמען. אויפן גוטן וועג האָט ער גאָרנישט געקענט דערגרייכן און ער טויג נישט דערצו. דערפאַר אָבער קען עס אַזוי לייכט האָבן מיט בייזן. וויבאַלד אַז זיין הכנעה איז נישט אָנגענומען געוואָרן, וועט די גאַנצע מדינה מוזן קלינגען מיט זיין האַרבקייט. ער וועט ראַפּטום ווערן אַ מאַן וואָס אַלע זוכן אַרום, יאָגן זיך נאָך זיינס אַ וואָרט; פון אַלע זייטן וועט מען אים ווען אויסהערן און ער וועט זיי אַלעמען אָפּטאָן און זיך באַהאַלטן מען זאָל אים נישט געפינען. רייטער וועלן אים נאָכיאָגן, ספּעציעלע שלוחים וועלן זוכן זיינע שפּורן און רבנים וועלן אומזיסט קנייטשן די שטערנס איבער אים... און דער עיקר: זי, מרים וועט ערשט דאַן פאַרשטיין דאָס גרויסע אומגליק פאַר איר, דערמיט וואָס ער איז נישטאָ...

און ער וועט מער נישט זיין. ס׳איז שוין געווען ביי אים אַ זיכערע זאַך. ער איז נאָר אַריין שטילערהייט צו זיך אין חדר אַריין. ער האָט גאָרנישט גענומען פאַר זיך אויסער דאָס ברויט־זעקל און די תפילין. אַפילו דעם טלית זיינעם האָט ער נישט געוואָלט אויסזוכן, זי זאָל נישט דער־הערן זיין רודערן. דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך האָט ער אויך געלאָזט אויף איר טישל. ער טאָר גאָרנישט האָבן מיט זיך. דאָס איז אַ טייל פון זיין נקמה. ווי נאָר ער וועט אַרויסגיין פון שטוב מוז ער תיכף האָבן דאָס פּנים פון אַ בעטלער. נאָך היינט מוז ער אויס־שטרעקן אַ האַנט צו מענטשן. בפני קהל ועדה מוז ער צוגיין באָרגן אַ טלית צום דאַווענען. דערנאָך וועט ער מוזן אָנהייבן בעטלען ברויט, אַ בגד, אַ געלעגער... דאָס איז דער געבענטשטער אָנהייב זיינער...

ער האָט לכתחילה נישט געקלערט אַוועקצוגיין גאָר ווייט. ער האָט עס שוין אַמאָל געפּרוווט און דאָס איז נישט פאַר זיינע כוחות. ער דאַרף נקמה נעמען און זיינע הענט זענען נישט באַשאַפן געוואָרן צום שלאָגן, חרוב מאַכן בידים. ער האָט געלערנט — און די געדאַנקען פון אַ גאַנץ לעבן לאָזן נישט אָפּ. זאָל ער ווערן אַ רוצח? דאָס איז באַשאַפן געוואָרן פאַר עשיו׳ן יאַקאָב מוז זיך אָבער אָפּרעכענען מיט מרימען, מיט דער מוטער, מיט ר׳ נחן, מיט די דיינים און מיט אַ גאַנצער שטאָט ליסע.

אײַנריכטן זיך די הענט אין מיאוסקייטן קען ער נישט. ס׳איז נישט קיין ייִדישע מידה. ער קען זיי אָבער אַלעמען גאָר האַרב באַשטראָפֿן מיט איין זאַך, מיטן פֿײַניקן זיך אַליין. זײַן פּײַן דאַרף זײַן אַזוי גרויס, אַז מרימס האַרץ זאָל דערפֿון צעריסן ווערן פֿון צער און חרטה. היימישע מענטשן דאַרפֿן קומען איר דערציילן פֿון אַלע זײַטן, אַז זײַנע האָר זענען פֿאַרוואַקסן און זײַן צעקנייטשט פּנים איז אויסגעמאָגערט. זײַנע הענט זענען דאַר און שטרעקן זיך אויס נאָך אַ שטיקל ברויט אויף אַלע שוועלן. זײַנע ליפּן זענען שוואַרץ און געשפּאָלטן. פֿון זײַנע אויגן רינען ראָפּיעדיקע טרערן, זײַנע בגדים זענען אָפּגעשיילט, זײַן העמד איז שוואַרץ און קוי־טיק... ער אַליין איז דין און בלייך און וואַלגערן זיך אויף האַרטע בענק און אין חרובע הײַזער — און ווידער בלײַבט ער איר מאַן! אַ גאַנץ לעבן קען ער זיך דרייען ביז צום ווערן אַ פּאַרזעעניש. אַלע וועלן אָבער וויסן אַז זי טראָגט זײַן נאָמען אויף זיך און זי קען זיך פֿון אים נישט באַפֿרײַען. זאָל זי וויסן, אַז דאָס איז אַלץ צוליב איר; זאָל זײַן שרעקלעך געשטאַלט זיך חלומען איר בײַנאַכט און זאָל זי וויסן, אַז דאָס טרײַבן אים איז נישט געווען קיין שפּילעכל. זי וועט נאָך מוזן ציטערן פֿאַרן יום הדין, ווײַל צוליב איר קען נאָך אַ יונגער מענטש גיין פֿון דער וועלט.

און נאָך עפּעס וועט ער טאָן. דאָס וועט שוין נישט זײַן בכדי איר צו פּײַניקן דאָס האַרץ, נאָר אַ להכעיס־זאַך, וואָס זאָל איר אַרויסרופֿן די גאַנצן בושה־פֿאַרב אויפֿן פּנים. ער וועט אַלץ טאָן בכדי צו באַקומען אַ נמאסע מראה, ס׳זאָל אויפֿגיין אַ חלשות בײַם זען אים. דערנאָך וועט ער זיך נעמען חברן מיט די ערגסטע אורחי ופּרחי. ער וועט זיך אויסזוכן פּאָר ידידים אַלע מוכי־שחין און אַלע וויסטע קאַליקעס פֿון וועלכע עס טריפֿט מיט בלוט און אייטער. אַזעלכע וועט ער גאָרנישט דערציילן וועגן ער איז און וואָס ער טראַכט דערבײַ. ער וועט זיי נאָר אָנדערציילן אַלערליי נסים ונפֿלאות פֿון די ליסער נגידים און רוזנים. בײַ זיי איז רעכט, אַז ווי נאָר זיי זעען אַ קאַליקע כּדבעי, זאָלן זיי אַרויסכאַפּן אַ גילדענעם דוקאַט און אים אַרײַנשטופּן אין האַנט אַרײַן; אַזעלכע זענען דאָ נישט ווייניק אין ליסע. מען דאַרף נאָר וויסן וויאַזוי אומצוגיין מיט זיי. אויך פֿון די ליסער נשים צדקניות וועט ער דערציילן וווּנדער. עס זענען גאָר־

נישט בנמצא אין דער גאנצער מדינה נאָך אַזעלכע גאָלדענע הערצער!
די בעסטע פליישן און יאַכלעך קאָכן זיי פאַר אָרעמע בעלי־מום. דאַרף
מען נאָר קענען ווייך מאַכן זייערע הערצער.

מיט דעם וועט ער זיי אונטערגעבן חשק וואָס שנעלער צו לויפן
קיין ליסע. פאַרוואָס ער גייט נישט מיט? אוי, וואָלט ער געפלויגן אַהין!
ער קען אָבער נישט. ער שטאַמט אַליין פון אַ שיינער משפּחה דאָרט,
ביי וועלכער דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן. שעמט ער זיך אויסצו־
שטרעקן די האַנט אין דער אייגענער שטאָט. דער טאַטע וואָלט זיך
איבערגעדרייט אין קבר פון חרפּה... נאָר איין בקשה האָט ער צו זיי:
אין ליסע געפינט זיך זײַן אשה, וואָס וואַרט שוין אויף אים בכליון־עיניים
און ער האָט נאָך נישט געמאַכט קיין סכום מיט וועלכן ער זאָל זיך מעגן
אומקערן צו איר. דאַרפן זיי אין ליסע זיך בלויז פרעגן אויף מרים בת ר׳
לייב, וועט זיי יעדער אָנווײַזן ווו זי געפינט זיך. לכן, זאָלן זיי תיכף
אַריבערגיין צו איר, ווי נאָר זיי וועלן קומען קיין ליסע. זיי מעגן זיך
פילן גאָר היימיש בײַ איר. זי איז אַ טובת לב און וועט זיי פײַן אויפ־
נעמען, דערלאַנגען זיי אַ שטול צום זיצן. זיי דאַרפן נאָר צוגיין צו איר
און זאָגן, אַז זיי האָבן איר געברענגט אַ גרוס פון איר מאַן יאַקאָב ברב
יהודה לייב... און זאָלן זיי איר טאַקע מוסר זײַן, אַז ער וועט אויסגע־
ריסן אין דער פרעמד און אַז די נגידים אין די שטעט זענען גרויסע
אכזרים, ווײַל זיי גיבן נישט מער ווי האַלבע פּרוטות... און נאָך זאָלן
זיי איר זאָגן: ער ווייסט ווויל, אַז זי איז נעבעך אַ גרויסע נצרכת און
זי וואַרט אויף זײַן געלט. ער קען איר אָבער מער ווי אַ הויפן פּרוטות נישט
שיקן. זאָל זי אַרײַנגיין צום ליסער גבאי צדקה און יענער וועט איר באַלד
אויסבײַטן די פּרוטות אויף מזומנים. ער שיקט איר אויך מיט אַ האַלב
לחם פון אַ נגידישן אויוון. עס איז שוין טאַקע אַלט, אָבער מען קען עס
נאָך עסן — בפרט ווען מען דערווייקט עס אין וואַרעם וואַסער. אָט אַזוי
זאָלן זיי מוסר זײַן דער אשה זײַנער און זיי מעגן זי טרייסטן, אַז באַלד
וועט קומען יום טוב, וועט ער שוין שיקן בעסערע מתנות — ווײַל ייִדנס
הערצער ווערן דאַן ווייכער און אויפגעלייגטער. בעיקר זאָלן זיי איר אויס־
רעדן דעם צער און זען אַז זי זאָל זיך חלילה נישט נעמען צופיל צום
האַרץ זײַן פאַרוואָגלטקייט...

אַט אַזוי וועט ער אויף איר אָנשיקן צענדליקער קאַליקעס און שנאָרער, וואָס פון בלויזן אָנקוקן זיי וועט איר אויפגיין אַ חלשות. ווער שמועסט נאָך, אַז זי וועט נאָך אויסהערן די רייד וואָס זיי וועלן איר איבערגעבן אין זײַן נאָמען! ביני לביני וועלן אַזויפיל קבצנים וויסן, אַז די דאָזיקע יונגע און שיינע קרעמעריך, וואָס זיצט פאַר זיי, האָט זיך נישט מיט וואָס גרויס צו האַלטן. איר מאַן איז נישט מער ווי איינער פון זיי, אַ שנאָרער און אַ פּושט יד. ווי דער שטייגער איז, וועלן זיי איר אַרויסווײַזן זלזול און אפשר איר זאָגן אַזעלכע דיבורים פון וועלכע זי וועט באַהאַלטן דאָס פּנים פאַר חרפּה... זיי וועלן קומען אָן אויפהער. ווי נאָר איינער וועט צומאַכן די טיר וועט זי דער צווייטער עפענען. דערויף וועט ער שוין זאָרגן און זיי זען אויסצוזוכן פון אומעטום. אַנדערע, פון די ווײַטערע שטעט, וועט ער געבוי אָפּמשלען ווו זי וווינט און אין וועלכן פענצטער זיי זאָלן קלאַפּן. עס מאַכט נישט אויס וואָס זיי וועלן קומען שפּעט בײַנאַכט. אַדרבא, אויב דער הקדש וועט שוין זײַן פאַרמאַכט צוליב דער שפּעטער שעה, זאָלן זיי תיכף גיין גלײַך צו איר. נישקשה. ווי נאָר זי וועט הערן אַז מען ברענגט איר אַ גרוס פון מאַן — וועט זי שנעל עפענען און אפילו צוגרייטן אַ טעמ׳דיק געלעגער. אַ דירה דווקא האָט ער אין ליסע — אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט. אַ רחבות ווי אַ פעלד... און זי אַליין איז אַ מזג טוב פון אַן אשה!... זאָלן זיי דערווײַל גיין, העמערן אין אירע טויערן טאָג און נאַכט — און זאָל זי נחת האָבן! זאָל זי וויסן אַז יאַקאָב לעבט נאָך, אַז ער בעטלט נאָך אַלץ איבער די הײַזער און אַז ער זאָרגט, מען זאָל צעטראָגן איר שם טוב אין שנאָרערישע טאָרבעס איבער דער גאַנצער מדינה. דאָס דאַרף נאָר זײַן דער אָנהייב. דערנאָך וועט ער צוטראַכטן ווײַטעדיקע נקמות...

און אויך דער מאַמען מיט נחן וועט ער אָנטאָן גרויס נחת רוח. ער ווייסט וויפל דער שטיפטאַטע האָט ליב כבוד און שטעלט זיך פאַרן גאַנצן שטעטל ווי אַ גרויסער נגיד. ער חלשט מען זאָל אים שעצן צווישן גרויסע לײַט. ער האָט דערבײַ אַ חשבון, אַז צוליב דעם וועט ער קענען טאָן לײַטישע שידוכים פון בעסערן שטאַנד מיט זײַנע טעכטער. יאַקאָב האָט געוווּסט, אַז מחמת דעם האָט דער מאַמעס מאַן אים נישט געוואָלט האָבן אין שטוב און מורא געהאַט ער זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן

פון די פינער ייִדן... וועט אים שוין יאַקאָב צושאַרן כבוד פון אַלע זײַטן. אים מיט דער מוטער. אין וועלכן אָרט ער וועט אַרײַנקומען בעטן אַ נדבה — וועט ער זיך דינגען, בײַם דערלאַנגען אים אַ פּרוטה. אים קומט מער. ער איז נישט קיין געבוירענער קבצן נאָר שטאַמט פון אַ שיינער משפּחה, אַ בן טובים וואָס מ׳טרעפט זעלטן. אויב מען וועט אים געבן אַ גרעסערע נדבה איז ער גרייט צו דערציילן זײַן יחוס. ער איז געבוירן אין פּין, די מאַמע איז אַ גרויסע נגידיתטע און חתונה געהאַט האָט זי מיט גאָר אַ גרויסן נגיד; ווער קען עס נישט ר׳ נחן? אַ מטמון געלט זײַנס ליגט בײַ דעם ר׳ נח, נאָר היות יענער וויל אים נישט אָפּגעבן, האָט ער נישט קיין אַנדער עצה ווי אַרומצוגיין בעטלען... מען קען זיך דערויף נאָכפרעגן!

יעדן בעטלער און משולח וואָס פאָרט איבער דער מדינה וועט ער עס דערציילן. ייִדן פון אַלע ווינקעלעך וועלן דאָס באַלד וויסן און צע־טראָגן ווײַטער. די גאַנצע שטאָט פּין וועט באַלד וויסן אַז ר׳ נחס זון איז גאָר אַ פּושט יד געוואָרן. ער נעמט דאָר ברויט, איבערגעשטאַנענע גריץ און וואַלגערט זיך אויס אין אַלע הקדשים. דאָס וועט נחן נישט לאָזן רוען. זײַן גאַנצער כבוד וועט צעבראָכן ווערן און די מאַמע וועט זיך אויסוויינען די אויגן. די שוועסטערן וועלן זיך שעמען צו באַווײַזן דאָס פּנים פאַר לײַטן און אַ בכבודיקע שטוב וועט נזהר זײַן נישט משדך צו זײַן זיך מיט ר׳ נח׳ן... און זאָלן זיי וויסן, אַז דער געיאָגטער און געפּלאָגטער יאַקאָב קען נאָך אָפּצאָלן פאַר בזיונות!

פול מיט די דאָזיקע מחשבות האָט ער זיך געאײַלט אין וועג אַרײַן און געשראָקן זיך, אַז ער אַליין זאָל נישט תיכף חרטה האָבן, דערפאַר האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ גוייִשן וואָגן און אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועגס פון ליסע. דערנאָך איז שוין סתם נישט געווען קיין שכל זיך אומ־צוקערן צופוס. אויפן וועג האָט ער אָנגעטאָן די תפילין און מיט צופרי־דענער כוונה לאַנג אַרײַנגעדאַוונט אין די וואַלדיקע ביימער אַרײַן.. דאָס האָט ער מתפּלל געווען, אַז דער הימל זאָל אים כאָטש באַשערן הצלחה אויפן דאָזיקן וועג. „חזקני הפעם!” האָט ער זיך דערמאָנט אין אַ פּסוק, וואָס דער בלינדער שמשון הגיבור האָט אַמאָל אַרויסגעדונערט פון זיך. האָט ער טאַקע גענומען אויסשטרעקן זײַנע הענט פאָרויס, גלײַך ווי ער

וואָלט עס געווען אַ בלינדער גיבור וואָס האָט ביז איצט זײַנע כוחות נישט אַרויסגעוויזן. דער הונגער האָט פּלוצים יינג און מיט פרישער גערייצט־קייט אַ מאָן געטאָן דאָס זײַניקע. יאַקאָב האָט זיך דערמאָנט אַז זײַן זעקל איז ליידיק און אַז ער וועט באַלד מוז שטיין געבויגן פאַר אַ מענטש מיט אַ לאַבן ברויט. דער הונגער איז אָבער דאָס מאָל פאַר אים געוואָרן דאָס זעלבן ווי אַ בשורה טובה פון די הימלען און ער האָט מיטאַמאָל דער־פילט ווי אַ בעטלערישע הויט איז אויפגעוואַקסן איבער אַלע זײַנע גלידער.

— 3 —

דער ערשטער וואָס האָט בהרחבהדיק אַרײַנגעשפּרײַזט צו מרימען איז קראָם אַרײַן איז געווען אַ הינקעדיקער בעטלער מיט אַ לאַנגע קאָרע־שטעקן. זײַן באָרד איז געווען קאָלטענעוואַטע און פול מיט שטויב. ווי נאָר ער האָט זיך געטאָן דעם ערשטן גלעט אין איר — האָט זיך גענומען טראָגן אַ בײַסיק־שווייסיקער ריח, וואָס האָט זיך מיט דינעם מעל אַראָפּ־געזעצט אויף די סחורות פון קרעמל. דאָס זעלבע איז אויך געווען בעת ער האָט אַ טרייסל געטאָן דעם פאַרשמאָלצענעם קאַפּטן, וועלנדיק אַ הייב טאָן די פּאָלעס. מרים האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן אַ מטבע און געוואָלט אים דערלאַנגען. זאָל ער פון דאַנען אַרויס וואָס שנעלער, כאָטש מען דאַרף נישט טרײַבן קיין אָרעמאַן פון די שוועלן. דאָס האַרץ האָט איר אַזוי ווי געזאָגט, אַז ער ברענגט נישט קיין גוטס מיט זיך. דער שנאָרער האָט זיך אָבער נישט געאײַלט. ער האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט אויף אַן אַרויסשטאַרצנדיק ברעט, נישט ווײַט פון פּוטער־געבעקס און פריי אָפּגעטאָטעמט. ער האָט מרימען נישט געענטפערט אויף איר זאָג און נישט צוגענומען דאָס שטיקל קופער וואָס זי האָט אים דערלאַנגט. ער האָט נאָר ברייטער אויפגעריסן די רויטע, טריפיקע אויגן און מיט זיי אַרומגעטאַפּט אַלץ וואָס ער האָט געזען פון אַלע זײַטן. אָט האָט ער אָפּגעשטעלט זײַן בליק אויף אירע בגדים, אויף איר רייגעם און אויסגע־האַפטענעם שירץ... און אָט האָט ער זיך נישט געקענט אָפּרײַסן פון איר ליכטיק פּנים, וואָס האָט געשטראַלט מיט שיינקייט. דערנאָך האָט ער מיט כעס אַוועקגעריסן די אויגן פון איר און געפּאָרשט מיט זיי דאָס

בינטל וויבער וואָס האָבן זיך געפּאָרעט ביי די סחורות. אַ נחתדיקער ריח פון בשמים און אייער־קיכלעך האָט זיך פון דאָרט געטראָגן און דער אורח איז דערפון איבעראַשט געוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט צום אַוועקגיין. זיינע אויגן האָבן פאַר־לוירן דעם קאָליר פון גרינעם גלעס און זענען איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ כוואַליע פייכטקייט, וואָס האָט זיך געשמאָלצן אין אונטערטעניק־דער־שראָקענעם, התפעלותדיקן וווּנדער. מרים האָט זיך געכאַפּט, אַז מיטן דאָזיקן בעטלער איז גאָרנישט גלאַט. דאָס האַרץ האָט ביי איר גענומען קלאַפּן הויך און ווילד, אַזוי ווי אַ גזלן וואָלט זי דאָ באַפאַלן און קיינער וויל זי פון זיינע הענט נישט ראַטעווען. אויך די אַנדערע וויבער וואָס זענען אַריינגעקומען עפּעס איינקויפן האָבן זיך שאַרפער איינגעקוקט אין דעם אָפּגעריסענעם קאַליקע, וואָס וויל נישט צונעמען די נדבה און ער מאַכט נאָך משונהדיקע קונצן מיט די אויגן. פון זייער שאַרפן טומלען זיך האָט דער בעטלער זיך גאָר שטאַרק צעחושט און גענומען שטאַמלען:

— אָבער גוטע, יידישע וויבער... זאָגט מיר, ווו געפין איך זיך דאָ?

אַ יונג ווייבל האָט אויך איצט נישט פאַרגעסן אַז זי איז אַ גרויסע שפּאַסערקע, האָט זי זיך אָנגערופן די ערשטע:

— האָט נישט קיין מורא... דאָ איז בלויז אַ קראָם פון מרים ר׳ לייבס און אַז זי גיט אייך אַ נדבה מעגט איר נעמען בתשואות חן... נישטאָ וואָס אויסצונאַרן ביי אייך!

אין בעטלערס בליק האָט אויפגעלויכטן אַ ווידערגעפונענע דרייסט־קייט, וועלכע ער האָט נאָך אַלץ גענומען נוצן מיט גרויס פאָרזיכטיקייט:

— איז דער יאַקאָב בר׳ יהודה לייב נישט אַמאָל דער מאַן פון דער אשה מרת מרים?

מרים האָט מיט גרויס אומווילן באַשטעטיקט זיין פראַגע. פון דעם איז דער הינקעדיקער ייד געוואָרן אַזוי שטאַרק איבערראַשט, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און געוואָלט כאַפּן אַ טענצל. ערשט ביים פאָרויסשטעלן אַ טריט האָט ער זיך דערמאָנט אַז אָן זיין שטעקן קען ער זיך נישט האַלטן אויף די פיס. ער האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען אַז ער איז אַן עדות פון אַ גרויסן נס און אַז ער דאַרף זיך צעשרייען פון שמחה

אויפן קול. ער האָט דערפאַר זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויפן ברעט־עק, אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און מלא התלהבות האָט ער אַ ברום געטאָן:

— גאָטס ווונדער זעען מײַנע אויגן!

מרים האָט אין דער מינוט אַליין נישט געוווסט וואָס עס געשעט מיט איר. זעט אויס אַז ער האָט דאָ געברענגט אַ גרויסע בשורה; נאָר אירע אויגן זעען נישט און איר שכל באַנעמט נאָך גאָרנישט. קיינער קען נישט וויסן ווער אַזאַ מין שלעפּער קען זײַן. קען זײַן אַז זײַן טאָרבע איז אָנגעשטאָפּט מיט גליק וואָס ער טראָגט פון ווי ווײַט פאַר אירעטוועגן. זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צום קבצן, אַבי צו הערן דאָס ערשטע וואָרט פון גרויסן ווונדער וואָס ער זעט בײַ איר. די אַנדערע ווײַבער זענען אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק און אַרומגערינגלט דעם הינקעדיקן אורח פון אַלע זײַטן. אַ שטילער טאָג הײַנט און דאָך איז זיי באַשערט צו האָבן וואָס צו דערציילן פאַר די שכנטעס. האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ פאַרכטיק געפיל פון בלויזן אָנקוקן דעם קאַליקע פונדאָסניי; גלײַך ווי זיי וואָלטן שוין באַצײַטנס דערזען דאָס ווונדער און זיי אַליין זענען שוין אַ טייל פון אים, הגם דער בעטלער דאַרף נאָך אַנטפּלעקן דעם סוד.

דער קאַלטענעוואַטע זקן האָט זיי אָבער נישט באַמערקט. ער האָט רק געהאַלטן אין איין באַטראַכטן מרימען און דערנאָך האָט ער גענומען אויסזינגען מיט אַ גמרא־ניגון די מחשבות וואָס זענען אים דאָ באַפאַלן!

— אָט אַזוי ווייסט נישט קיינער וואָס עס וואַרט אויף אים! דאָרט וואַנדערט אַ שטילער יונגערמאַן איבער דער וועלט, ווו ער טאָגט נעכ־טיקט ער נישט; און ווו ער באַקומט אַ דאַר שטיק לחם — באַקומט ער נישט קיין לעפל וואַרעמס; און ווו מען גיט אים אַ קאַלטן טעלער גריץ קען ער זײַן געלעגער נישט האָבן, ווי עס איז דער שטייגער פון אונדז אָרעמעלײַט... ער וואָגלט מיט אַ שוואַרץ העמד אויפן לײַב און מיט אַן אָפּגעמאָגערט פּנים — ואף על פּי כן הערט ער נישט אויף צו זאָרגן פאַר זײַן אשה צנועה מרת מרים, וואָס האָפּט אויף זײַנע פּרוטות און אירע אויגן גייען אַרויס פון די לעכער וואַרטנדיק אויף אַ ביסן ברויט... און ער ווייסט נעבעך נישט, אַז השם יתברך האָט געדענקט אין זײַן וווינונג, אַז זײַן אשה איז דערווײַל באַגליקט געוואָרן, געמאַכט אַן עשירות אין

זיך געעפנט אַ שמעקעוודיקע קראַם מיט כל הטוב... איר געשטאַלט איז געוואָרן ווי אַ צעדער; איר פּנים — ווי די זון אין תּמוז, איר שירץ איז אויסגעהאַפּטן מיט זייד און איר גאַנצע מראה רופט מען זאָל איר אָפּגעבן כבוד... דאָס אַלץ איז געשען און ער וויסט נישט. דאַרף מען לויפן ווי אַן אינד און אים אָנזאָגן די טייערע בשורה — — —

מרימס פּנים איז פּלוצים שוואַרץ געוואָרן ווי דער דעק פון אַ טאָפּ אויפן פייער. דער אורח האָט עס מער נישט באַמערקט. ער איז בלויז שטיל געוואָרן אַ ווייל און מיט צוגעמאַכטע אויגן אַריינגעטראַכט אין זיך, ביז ער האָט זיך דערמאָנט וואָס נאָך ער דאַרף טאָן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין פולע טאַרבע אין דער האַנט און מיט פייכטע, אַרויס־געשטרעקטע אויגן גענומען רעדן צו דער פאַרשטיינערטער מרים:

— מרת מרים! אַ שליח דאַרף אַלע מאָל טאָן זיין שליחות און אייער מאַן האָט אין זיין אָרעמקייט פאַר אייך געזאָרגט. ער האָט נאָך נישט געוווסט פון גרויסן גליק וואָס אייך האָט אָפּגעזוכט און ער האָט אייך געשיקט זיינע מתּנות, וואָס קומען פון ריינעם האַרץ — און דערפאַר זענען זיי טייער. בין איך זיי מוסר צו אייך אין דער האַנט אַריין פאַר עדות...

אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ גרויס, האַלב־פאַרשימלט ברויט און עטלעכע שטיקלעך גאַר־שוואַרצע, אָפּגעבראָקלטע קלעצלעך קאַנדל־צו־קער... איידער מרים האָט זיך באַוויזן אָפּצורוקן פון אים האָט שוין דער בגילופינדיקער בעטלער איר געשטופּט אין דער האַנט אַריין אַ פּעקל מיט אָפּגעריבענע, פּעטע פּאַפּירלעך באַלייגט מיט סטעמפּלען פון עפּעס אַ קהילה קדושה אין דער מדינה.

מרים האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ שרעקלעכן געשריי, אַז אַלע קונהטעס האָבן זיך פאַר בהלה גענומען שפּאַרן צו דער טיר. דער הינקעדיקער האָט אָנגעהויבן תּופס זיין אַז ער האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ מעשה נוראָ, הגם ער האָט נישט משיג געווען וויאַזוי. ער האָט דערפאַר גענומען זיין שטעקן און דער ערשטער זיך אַדורכגעהאַקט אַ וועג צווישן די אַנטלויפנדיקע ווייבער ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן אין דרויסן און פרעגן ביי זיי וואָס דאָ איז געשען אַזעלכעס, נאָר זיי זענען פון אים פלינק אַנטלאָפן ווי פאַר אַ מחבל... ערשט שפּעטער, ווען ער האָט אַרומגעהונקען איבער

די געסלעך האָט ער אײַנגעזען אַז דער יאַקאָב האָט אים פונדעסטוועגן קיין רעה נישט געטאָן. פון אַלע זײַטן האָט מען אים אַרײַנגערופן אין לײַטישע הײַזער, ווו מען האָט פאַר אים אָוועקגעשטעלט הייסע גריץ מיט אײַנגעבראָקטע לעבערלעך — און יעדער באַזונדער האָט רק געוואָלט ער זאָל פאַר אים דערציילן די מעשה פון אָנהייב אָן. ער האָט אָנגעקליבן אַ פולע קעשענע מטבעות און הנאה געהאַט, הגם דער האַלדז האָט אים שוין געטריקנט פון אַזויפיל רעדן.

מיט דעם האָט זיך מרימס בזיון נישט געענדיקט. עס האָבן אָנגעהויבן קומען ארחי־ופרחי פון אַלע עקן מדינה. יעדער פון זיי איז אַרײַנגעקומען ברייטלעך און זיך צעזעצט אין דער קראָם ווי אַן אייגענער. מיט יעדן איינעם פון זיי האָט פּאַסירט אויסטערלישע פאַלן. איינער האָט געחלשט און אַ צווייטער האָט געשריגן, אַז עס איז עק וועלט. אין דער היים האָט מען רײַכע קראָמען און דאָך שעמט מען זיך נישט צו גיין אָפּנעמען דעם ביסן וואָס געהער צו קאַליקעס און דערשלאָגענע. ס׳איז אַ הימלס־געשריי! נאָר ערלעך זענען זיי אַלע געווען און תמימותדיק איר דערלאַנגט אַלע מתנות וואָס יאַקאָב האָט מיטגעשיקט. איינער האָט אַפילו געהאַט מיטגעשלעפּט אַ זעקל צעהאדערטע העמדער, וואָס זענען געווען באַלייגט מיט שרצים און שוואַרץ ווי די ערד. דאָס האָט יאַקאָב איר געשיקט מיט דער בקשה זי זאָל זיי אויסוואַשן, אויסצערעווען און למען השם זיי אים צוריקשיקן בײַ דער ערשטער־בעסטער געלעגנהייט... עס האָט אויך פּאַסירט, אַז אַ שלעפּער האָט בײַ איר אָנגעקלאַפּט שפּעט בײַנאַכט און דווקא באַשטאַנען זי זאָל אים עפענען. ער קומט פון איר מאַן! זי האָט טאַקע נישט געוואָלט, אָבער דער ייִד האָט באַקומען דאָס פאַלעניש בײַ דער טיר און אַראָפּגעלאָזט זיך מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף די שטיינער. זי האָט מורא באַקומען פאַר אַ בלבול און אויפגעוועקט אירע שכנים מיט געשרייען. דערנאָך האָט זי אים געמוזט אַרײַננעמען אין אַ באַזונדער חדר, צוגרייטן אים הייס וואַסער און אַ געלעגער. אין שטאָט האָט מען זיך אָנדערציילט מיט תרעומת און הנאה וועגן יאַקאָבס קלוגע אײַנפאַלן. אַפילו די וואָס האָבן מרימען מיטגעפילט, אין דער צײַט ווען זי איז דערבײַ געשטאַנען, האָבן געהאַט פאַרגעניגן צו הערן אַז דער פאַרתמטער יאַקאָב איז אויך צו עפּעס מסוגל. זעט אויס אַז ער איז פאָרט נישט אַזאַ

שוטה און ער ווייסט צו באַצאָלן מיט בזיון פאַר בזיון און מיט חרפה פאַר זײַן חרפה!

ערשט ווען די מעשה האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציִען, האָט די מידת הרחמים גובר געווען אין ייִדישע הערצער. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך אַלעמען איז מרים פאָרט אַ ייִדישע טאָכטער און דערצו אַ יתומה. ווי אַזוי זשע מעג מען הנאה האָבן פון איר בושה און בראָך? האָט מען אָנגעהויבן רעדן אויף איר האַרץ און געוואָלט דערוויסן זיך וואָס זי טראַכט אויף להבא צו טאָן. מרים איז שוין איצט נישט געווען פאַרביסן. זי האָט זיך אָנגעהויבן בעטן רחמים ביי יעדן איינעם מען זאָל זיך פאַר איר אָננעמען און מען זאָל זי אַרויסראַטעווען פון דעם גזלנס הענט. זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט אים גאָר לגמרי נישט געוואָלט פאַר קיין מאַן — נאָר עס איז געווען אַ מין פאַרפירעניש. דער שטן אַליין האָט איר פאַרשטעלט די אויגן אויף אַ שטיק צײַט. האָט זי אים גערודפט, אַרײַנגענומען אויף להכעיס דעם שנײַדער־ייִנג בכדי ער זאָל איר מוזן געבן אַ גט. זי האָט אים געוואָלט נמאס מאַכן דאָס זײַן מיט איר אונטער איין דאַך, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס פאַרקערטע. ער וויל גאָר איר מיאוס מאַכן דאָס לעבן! ווער וואָלט זיך עס גאָר געגלויבט אויף אים? איז זי גרייט אָפּצוגעבן פון זיך דאָס לעצטע, אַבי מען זאָל אים צוריקרופן און אויספועלן אַ גט. וואָס וועט ער דען האָבן פון וואַלגערן זיך? און זי וועט אים געבן געלט און חפצים, אַבי מען זאָל אָפּשנײַדן פון אים! וואָס איז זי דען שולדיק, אַז איר האַרץ האָט נישט געקענט גיין נאָך אים?

עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אַ פּאָר שטאַרקע לײַט אין שטעטל, וואָס האָבן זיך מנדב געווען צו פאָרן אים אויסזוכן און צוריקברענגען צו מרימען. דערנאָך וועט מען ווײַטער זען. ר׳ לייב האָט זיי באַזאָרגט מיט שפּײַז און מיט הוצאות הדרך. דערנאָך האָט מען אָפּגעוואַרט ביז עס האָט זיך ווידער באַוויזן אַן אָרעמאַן און געברענגט אַ פרישן גרוס פון יאַקאָבן. מען האָט דעם קבצן אַ כאַפּ געטאָן אין קהלס הדר־מיוחד אַרײַן און געגנוי אים אויסגעפאָרשט ווו ער האָט יאַקאָבן געזען דאָס לעצטע מאָל און ווען דאָס איז געשען. יענער איז געווען אַ מסיח לפי תומו און ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס מען פאָרשט אים אַזוי

שטרענג. וואָס האָט ער דען געטאָן פאַר אַ רעות? באין ברירה האָט ער אָפּגעמשלט וויאַזוי ער האָט זיך מיט יענעם באַגעגנט אָט־דאָרט און מיט אים געהאַט אַ שמועס. ער האָט אים מוסר געווען דאָס וואָס ער זאָל זאָגן מרימען און דערבײַ זיך אָפּגערעדט מיט אים צו טרעפן אויף איינעם פון די ירידים. ווייסט ער דען, אויב דאָס אַלץ איז אמת?

דעם קבצן האָט מען תיכף דערנאָך אָפּגעלאָזט און די שטאַרקע לײַט האָבן זיך געשווירן אַז במשך פון דרײַ טעג ברענגען זיי יאַקאָבן צו פירן ביזן קהל־שטיבל פון ליסע. אויף זיי קען מען זיך פאַרלאָזן! זיי דאַרפן אים נאָר זאָגן, אַז מרים האָט שוין געענוג מיט די מתנות זײַנע און זי איז מרוצה אים אַרײַנצונעמען אין שטוב אַרײַן... אַ סוף זאָל עס נעמען און פאַרטיק! דאָס האָבן זיי זיך פאַר אים אײַנגעשטעלט בײַ איר און זי רופט אים... אוי וועט ער לויפן! עס איז אָבער אַוועק העכער אַ וואָך צײַט און מען האָט פון די שליחים גאָר־נישט געהערט. דערנאָך איז פון זיי געקומען אַ בריוו, אַז זיי האָבן שוין אויסגעוואַנדערט אַ שטיק וועלט און עס איז זיי נישט געלונגען אים אָנצוטרעפן. אַלעמאָל קומען זיי מיט אַ טאָג שפּעטער. ווו ער האָט נעכטן געגעסן וואָרעמעס זענען זיי הײַנט געקומען נעכטיקן. זיי וועלן אים זיכער ברענגען צו פירן, נאָר דאָס געלט פאַר די הוצאות האָט זיך בײַ זיי אויסגעלאָזט און זיי וואַרטן, אַז מרימס פאָטער זאָל זיי באַזאָרגן מיט אַ סכום הגון, ווײַל זיי האָבן קיין בריוו פון קיין רבנים נישט מיטגענומען. קיינער וויל זיי נישט גלויבן אַז זיי זענען זיך מתעסק לשם מצווה, פאַר אַן עגונהס וועגן, אויפן בלויזן וואָרט... אַלץ קאָסט ממון מיט דמים אויפן וועג און גיין בעטלען אין די הײַזער פאַר יענעמס הנאה־וועגן זענען זיי אויך נישט מחוייב. וויפל איז דער שיעור?

דער אַלטער ר׳ לייב האָט קוים אַרויסגעריסן בײַ מרימען אַזאַ מין סכום ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט און עס זיי אַריבערגעשיקט. דאָס האָט אָבער געדויערט עטלעכע טעג און זיי איז דערווײַל נמאס געוואָרן דער גאַנצער ענין. דער גאַנצער ברען אים צו פאַנגען האָט זיך בײַ זיי אויסגעוועפּט און דערפאַר האָט דער שכל הישר זיי געהייסן אומקערן זיך אַהיים. איבער דער צײַט וואָס זיי האָבן געוואַרט אויף געלט, האָבן

זיי געטענהט, האָט שוין יאַקאָב געמוזט אַוועק גאָר ווײַט, אָדער ער האָט זיך ווידער דערנענטערט צו ליסע און בקרוב וועט ער אַהין אַרײַנ־פאַלן. אַז נישט, וועט מען מוזן כאַפּן אַ נײַעם קבצן וואָס האָט זיך מיט אים אָנגעטראָפן. ווו זאָלן זיי אים איצט זוכן? און בײַ מרימען אין קראָם וועט מען גיכער האָבן אַ געלעגנהייט צו הערן ווו יאַקאָב געפינט זיך. זיי האָבן דערפאַר געגומען דאָס באַקומענע געלט און עס אויס־געגעבן אויף הוצאות־הדרך צוריק אַהיים. צוליב מרימס טובה־וועגן זענען זיי נישט מחוייב צו לאָזן ווי לעבעדיקע אלמנות די אייגענע ווײַבער!

עס איז טאַקע אמת אַז ר' לייב האָט זיי דערנאָך תובע לדין געווען און געטענהט אַז זיי האָבן אים משקר געווען און אַרויסגעצויגן בײַ אים געלט מיט אָפּנאַרעניש. ער האָט זיי געשיקט נאָך געלט בתנאי זיי זאָלן נאָכפאָרן יאַקאָבן. לבסוף האָבן זיי זיך אומגעקערט, געגעסן אויפן וועג פון כל טוב און געטרונקען יין שרוף אויף יעדער מאָלצײַט באַזונדער... היתכן? צי האָט ער דען אַזוינס געמיינט?

די אַלע לאָדענישן האָבן אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די אַלע טענות זײַנע זענען צעשלאָגן געוואָרן פון זייערע רייד אין וועלכע זיי האָבן אויפגעוויזן אַז זיי זענען זײַנע שליחים געווען און זיי זענען נישט מחוייב צו דערלייגן געלט פאַר זײַנעטוועגן. זיי האָבן געדעכנט אַז די גאַנצע נסיעה וועט דויערן עטלעכע טעג און בלויז אויף דער דעה זענען זיי אײַנגעגאַנגען צו לויפן זוכן יאַקאָבן... אויך יאַקאָב אַליין האָט זיך מער נישט געלאָזט הערן. אַרעמעלײַט האָבן נישט אויפגעהערט צו קומען קיין ליסע, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך מער נישט געפרעגט אויף מרימס שוועל. זינט מען האָט יענעם קבצן אַרײַנגערופן אויף אַ חקירה־ודרישה צו קהל האָט קיינער מער יאַקאָבן נישט געטראָפן אויפן וועג. עס איז שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס ער אַליין האָט אויפגעהערט צו באַזאָרגן זײַנע מתנות קיין ליסע...

גוטע שכנים, וואָס טייטשן אַלע רעות לטובה האָבן אויך אין דעם געזען אַ גוטן סימן. ער האָט די ערשטע צײַטן געברענט פון צאָרן און דערפאַר האָט ער געמאַכט זײַנע בייזע שטיק. ווי נאָר יאַקאָב האָט גע־שטילט אַביסל זײַן נקמה, האָט ער אַוודאי אײַנגעזען ווי נאַריש עס איז

זי מצער צו זײַן. ווײַזט אויס אַז ער וועט זי מער נישט פּײַניקן אויף אַזאַ שטייגער און ער וואַרט גאָר אַז זי זאָל דערין פאַרגעסן. אויב ער באַהאַלט זיך איצט אויס — איז עס גאָר דערפאַר, וואָס ער שעמט זיך צו ווײַזן דאָס פּנים פאַר איר צוליב די בזיונות. אָבער ווי נאָר עס וועט פאַריבער אַ שטיקל צײַט, וועט ער צוריקקומען און זי וועלן איבערבעטן...
מרים האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אַז דאָס איז די סיבה פון יאַקאָבס נעלם ווערן. האָט זי דערפאַר בלויז אָנגעבריײט עטלעכע שטאַרקע בחורים וואָס זאָלן אים נעמען אין זײערע הענט ווי נאָר ער וועט זיך באַווײַזן...
יאַקאָב איז אָבער מער נישט געקומען. עס איז אַוועק אַ חודש נאָך אַ חודש. דערנאָך איז פאַרפלאָסן איין יאָר נאָכן צווייטן און קיינער האָט פון אים נישט געבערענגט דעם מינדסטן סימן פון לעבן. ערשט דאַן האָט מרים אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז זי איז באמת אַ פאַרלוירענע. דער בחור, וועלכן זי האָט געגלוסט אין איר האַרץ האָט שוין לאַנג געפּירט אַ צווייטע צו דער חופּה און זי האָט אַפילו נישט געקענט שרײַען הויך, אָדער דערציילן עמעצן אין דער שטיל אַז זי האָט אים געוואָלט. אַפילו דער הײַנט, ווען זי האָט מער אַרײַנגענומען בכדי צו שרעקן יאַקאָבן איידער פאַר זיך, האָט אויך ערגעץ אויסגעפּונען זײַן באַשערטע און זיך מיט איר באַזעצט אין אַ שטיבל אויסער דער שטאָט. ס׳איז געוואָרן אַרום איר אַזוי ליידיק ווי קיינמאָל נישט. די בחורים פון איר עלטער זענען געוואָרן טאַטעס און געלערנט תורה אָדער געזאָגט אַ קאַפּיטל תהלים. געבליבן זענען נאָך גאָר יונגע בחורימלעך, צו וועלכע זי האָט נישט געקענט אויפהויבן די אויגן און אויך נישט געטאָרט... ר׳ לייב איז געלאָפן פון איין רב צום צווייטן און פון איין דיין צום אַנדערן. דערנאָך זענען געפלויגן בריוו איבער אַלע נאָנטע מדינות: פון מדינת מערין ביז גאַ־ליציע און פון טיף־פּוילן ביז דער וואַלאַכיי האָט מען אים אַרומגעזוכט דורך רבנישע כתבים און פון ערגעץ איז קיין גוטער ענטפער נישט גע־קומען, אַזוי ווי די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען. מען האָט געשמועסט אַז ער האָט גאָר געמוזט אַרײַנפאַלן אין אַ וואַסער וואָס האָט אַ סוף און זי מוז סײַווי וואַרטן אויף אים. נאָר אויך צו דעם זענען קיין עדות נישט געווען...

(סוף פון צווייטן טייל)

דריטע טייל:

אַ באַנגעניש מיטן אייגענעם פּנים

קאַפּיטל אכט

— 1 —

אַ לאַנגע צײַט האָט די גאַליצישע שטאָט פּרעמיסלע געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון אַ שטאָט־לץ, וואָס האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַס אויף אַלע ירידים. די שפּיצלעך וואָס ער האָט ליב געהאַט אָפּצוטאָן יונג און אַלט זענען גאָר נישט מעגלעך געווען אויסצודערציילן. נאָך קליינערהייט האָט מען געזען, אַז דאָ וואַקסט אַ גרויסער מזיק פון וועלכן די שטאָט וועט נאָך האָבן אַ סך צו דערציילן. דעם אמת זאָגנדיק האָט ער געהאַט אַ פײַערדיקן קאָפּ, וואָס מען טרעפט גאָר זעלטן. ווען נישט די קליפּה, וואָס איז אים באַפאַלן, וואָלט ער זיכער געווען אַ צירונג פאַר דער קהילה און לשם ולתפארת פאַר זײַן משפּחה. מען האָט געקענט מיינען, אַז זײַן כח איז נאָר באַשאַפן געוואָרן פאַר דער תורה־וועגן. ער האָט אָבער זײַנע גוטע כלים אײַנגעשמירט מיט שלעכטע געדאַנקען און זײַנע שאַרפע אײַנפאַלן האָט ער נאָר באַנוצט בכדי אָפּצושפּעטן פון מענטשן. וואָס מער ערמה ער האָט פאַרמאָגט אַלץ מער האָט ער זי אויסגענוצט בכדי צו מאַכן שטרויכלען מענטשן און זיי ברענגען אויף לײַטיש געלעכטער. צוליב זײַן פלינקער תפיסה האָט ער שטענדיק אויסגעדאַכט אַזעלכעס, וואָס קיין מענטש וואָלט גאָרנישט אײַנגעפאַלן, אַז דאָרט ליגט אַ מכשול. מחמת דעם האָט מען ביז דער לעצטער מינוט גאָרנישט חושד געווען און ערשט נאָך אַלעמען האָט מען דערזען וואָס דער פאַרשוין האָט דאָ צוגעגרייט.

מען וואָלט נאָך געווען געקענט פאַרטראָגן די דאָזיקע צרה, ווען דער

יונג זאָל געווען מאַכן זײַנע ליצנותן מיט זײַנס גלײַכן און נישט פאַר־גאַנגען אין די הויכע גדולות. איז אָבער די צרה געווען גרויס דערמיט, וואָס זינט ער איז געקומען צו זײַן שכל האָט ער פאַרלוירן דעם דרך־ארץ צו גרויסע און חשובים. דערצו האָט ער אַרויסגעוויזן אַזויפיל געהיטנקייט, אַז דאָס ערגסטע וואָס ער האָט געטאָן איז שטענדיק געווען פאַרשטעלט מיט שכלדיקייטן און מען האָט אים נישט געקענט הארב מעניש זײַן. אויך אין זײַנע עזות־רייד איז ער געווען אַזוי צוויי־צונגיק, אַז מען האָט קיינמאָל נישט געקענט זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט וועגן זיי, אַז דאָס זענען שלעכטע רייד און נישט קיין דרך־ארצדיקע. ווען נישט זײַן פאָטער וואָלט קהל שוין לאַנג געפונען אַן עצה, וויאַזוי אים צו פּטרן פון שטאָט. האָט ער אָבער גרויס מזל געהאַט און דעם טאַטן זײַנעם האָט קיינער נישט געוואָלט צופיל מצער זײַן.

ר׳ מנחם מענדל, מיטן משפּחה־נאָמען מ אַ ן, איז געווען אַ ייִד אַ תמים־דעה. ער האָט געהאַנדלט ערלעך, געקענט לערנען און זייער פרום געווען. נישט בלויז וואָס ער אַליין האָט קובע עתים לתורה געווען, נאָר ער האָט אויך אײַנגעזאַמלט צו זיך די אָרעמסטע פון שטאָט און יעדע נאַכט מיט זיי געלערנט, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט פאַרטראָגן. מען פלעגט אויף אים זאָגן, אַז ער האָט געהיטן די שטאָט פאַר עם־הארצות. צוליב זײַן זכות וועט יעדער ייִד פון פּרעמיסלע האָבן וואָס צו ענטפערן אויף יענעם עולם, בעת מען וועט אים פרעגן אויב ער האָט עוסק געווען אין דער תורה. ער אַליין האָט זינט דורות אָפּגעשטאַמט פון פּרעמיסלע און קיינער האָט נישט געקענט אָנווײַזן קיין פּגם אין זײַן משפּחה ביזן צענטן דור. דאָס זעלבע איז געווען מיט זײַן ווײַב, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון גרויסן פּרעמיסלער יחוס, ס׳איז געווען אַ דבר ידוע, אַז ר׳ מנחם איז נישט פון די גרויסע עשירים און דאָך האָבן אים די גרעסטע נכבדים מקנא געווען מיט זײַן אָנזען אין שטאָט.

איז טאָקע נישט געווען צום פאַרשטיין, וויאַזוי בײַ אַזעלכע ערלעכע לײַט האָט געקענט געבוירן ווערן אַזאַ לץ און מזיק. נישט אַנדערש נאָר ער איז אַ קללה פאַר פרעמדע זינד געווען, אָדער עס איז גאָר געווען אַ נסיון פון זײַן ליבן נאָמען פאַר אַזאַ ריינער נשמה ווי ר׳ מנחמס. ווי נאָר מען האָט אַמאָל געשמועסט דערפון צווישן זיך, איז באַלד געקומען

אויפן רעיון דער פסוק, וואָס האָט אַלץ פאַרויסגעזען און געזאָגט, אַז וועמען גאָט האָט ליב דעם שטראָפט ער. אַנדערע זענען נאָך געגאַנגען אַזוי ווײַט און דערמאָנט זיך אין דעם געשלאָגענעם פון לאַנד עוץ, וועמען עס איז באַשערט געווען צו לײַדן גרויסע יסורים אומזיסט און אומגעשט. די גאַנצע שטאָט האָט זייער ליב געהאַט ר׳ מנחמען מיטן ווײַב און עס איז געווען אַ תענוג אַרײַנצוקומען צו זיי אין הויז אויף אַ שעה. אָבער דער בן־יחיד זייערער האָט אַנדערש געטראַכט. אים איז נישט ניחא געווען דאָס זיצן אין דער היים. ער איז שוין עטלעכע מאָל געהאַט אַנט־לאָפן און מען האָט אים געמוזט צוריקברענגען מיט געוואַלד.

ר׳ מנחם האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעלייגט זײַן שטראָפנדיקע האַנט אויף זײַן בן־יחיד, ווי עס שטייט געשריבן. קיין רוט האָט ער אים נישט געוויזן און אַפילו קיין מוראדיקע ווערטער נישט געשאָטן אויף זײַן קאָפּ ווי הייסע קוילן. ער האָט אים כסדר געזוכט מחנך צו זײַן דורך גוטע רייד און מיט זיסע ניגונים. ער האָט מיט אים געלערנט און אָנגע־וויזן ווי גרויס דער מענטש איז — און ווי טײַער עס איז פאַר אים, ווען ער גייט בדרך הישר. האָט ער נישט תופס געווען, פאַרוואָס דער זון וויל פון אים אַנטלויפן. עס איז בײַ אים אויסגעקומען, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אַלע שטאָט־לײַט קוקן אויף זײַן זון מיט קרומע אויגן. ר׳ מנחם האָט זיך דערפאַר נישט אייגמאָל געבעטן בדמעות שליש בײַ די היימישע מענטשן זײַנע, מען זאָל זײַן בן יחיד נישט צופיל דערצערנען. ווער ווייסט, צו וואָס פאַר אַ מעשים מען קען אים נאָך חלילה דערפירן! ער אַליין האָט זיך אָוודאי געהיטן צו לעבן מיט זײַן יאַקאָבן בשלום. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. דער יונג האָט געוואָרפן אַ שטאַרקן אומ׳חן אויף דער שטאָט מיט אירע אײַנוווינער און זײַנע אַלע מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיט קלערענישן וויאַזוי זיי צו דערצערנען.

למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז קיין גאַר־גרויסע רשעותן האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן. ער האָט נאָר באַוויזן קליינע שטיפערײַען, ווי עס איז דער שטייגער פון קונדסים. עס איז שוין אָבער באַשערט געווען אַז פון יעדער קלייניקייט זײַנער זאָלן אַרויסקומען גרויסע צרות, דער־שרעקענישן און עגמת־נפשן. מען האָט בײַ אים נישט געקענט דערגיין, אויב ער האָט טאַקע לכתחילה געמיינט אַרויסצורופן דורך זײַנע ליצנותן

אַזעלכע שלעכטקייטן, אָדער זיי זענען געוואָרן די כלי בײַם שטן אין דער האַנט. יעדעס מאָל ווען מען האָט אים געוואָלט באַשטראָפן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מען איז זיך אַליין מער שולדיק, דערמיט וואָס מען האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע פון ייִנגלערישע שטיק. האָט די אייגענע בושה נישט געלאָזט מאַכן פון יעדער עסק קיין גרויסן טומל. אַלע סימנים האָבן אָבער געוויזן אַז דאָ וואַקסט אַרויס אַ גרויסע סכנה פאַר אַלעמען.

אַזוי, למשל, האָט דער יונג אַרויסגעוויזן נאָך קליינערהייט גרויס בריהשאַפט נאָכצומאַכן די קולות פון אַלע מינים חיות, בהמות און עופות. אַפילו דאָס קלאַפּן פון כלים האָט ער־געקענט נאָכקרומען דורכן קלימפּערן מיט דער צונג און דורכן פויקן מיט די פינגער. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז ווי נאָר ער האָט געהערט איינמאָל דאָס קול פון אַ מענטש האָט ער עס געקענט נאָכמאַכן מיט אַלע תנועות ביז אַ האָר. דאָס האָט דערפירט ביז צו דעם, אַז ער זאָל זײַנע קענטעניש װעלן באַװײַזן וואָס מער.

אויף דעם טאַקע האָט דער יצר־הרע געוואַרט און אים אָנגערעדט זיי צו באַנוצן אויף אַלדאָס בייז. אַזאַ שטייגער האָט געטראָפן, ווען יאַקאָב האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ אַ פרומען מאַן הינטערן פענצטער תחילת פון דער נאַכט. יענער האָט זיך קוים געלייגט שלאָפן נאָכן שיעור, אָבער דער קליינער לץ האָט גענומען קרייען ווי אַ האָן. דער ייִד האָט זיך נעבעך אויפגעכאַפּט מיט פאַרשלאָפענע אויגן, מיינענדיק אַז עס איז שוין פאַר־טאָג און מען דאַרף גיין דאַווענען לויטן מנהג פון די ותיקין. דערנאָך האָט ער געמוזט אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט אין בית המדרש... אַ צווייט מאָל האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט בײַ שרה דער אייל־פאַרקויפערין און פאַרלאַנגט זי זאָל עפענען די טיר. ווען זי האָט געפרעגט ווער דאָס איז, האָט איר אָפּגעענטפערט דעם מאַנס קול — הגם ער איז ערשט פאַרנאַכט געפאָרן קויפן סחורה אין די דערפער. ווען זי האָט געאײַליק אויפגעעפנט די טיר איז דאָרט קיינער נישט געשטאַנען, בלויז אַ שווערע קאַץ האָט ברייטלעך אַרײַנשפּאַצירט און יאָמערלעך געקלאָגט מיט אַ קינדיש קול, ווי אַ גלגול.

פון אַזעלכע זאַכן וואָלטן קלוגע שטאָט־ייִדן נישט געמאַכט קיין געברויך. נישט איינער האָט זיך דערמאָנט אין די צײַטן, ווען מ׳איז אַליין

געװען אַ קינד. די צײַטן זענען דאַן געװען פֿול מיט פּורכט און דאגות,
דאַך האָבן זײ אַלײן אױך ליב געהאַט צו פּראַװען קונדס־שטיקלעך. די
פֿאַרשטעלטע שטאָט־שפּאַסער האָבן אַפּילו אַלײן הנאה געהאַט צו הערן
אַזעלכע זאַכן, הגם בײַ דער אײל־סוחרטע איז דערפֿון געװען פּרחה
נשמתה. האָט אָבער געטראָפֿן נאָך אַ פּאַסירעניש, װאָס האָט שױן אַלעמען
אַרײַנגעטריבן אין גרױס כּעס אַרײַן. ס׳איז גראד געװען אַ קנאַפּע װאָך
נאָך דעם װי דער גמרא־מלמד איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַן אלמנה
מיט אַ פֿולער שטוב קלײנע שװאַלבן. מען האָט אים געמאַכט אַ שײנע
לװיה און אים מספּיד געװען װי עס קומט אַ תּלמיד חכם. אָבער אין דער
נאַכט, װען די שבעה האָט זיך געענדיקט, האָט אַ בלײכע האַנט װי
קרײַד אָנגעקלאַפּט אין דער אַלמנהס קלײנע שײַבלעך. װען זי האָט זיך
אױפֿגעכאַפּט מיט שרעק און צוגעגאַנגען צום פֿענצטער האָט זי קײנעם
נישט געזען. בלױז אַ באַקאַנט קול האָט אַרײַנגעשריגן זי זאָל תּיכף
אַרױסקומען אױף דער פֿינצטערער גאַס. ס׳איז געװען דאָס קול פֿון איר
געשטאָרבענעם מאַן, ר׳ חנא׳ס...

די געשרײען, װאָס זי מיט די קינדער האָבן געמאַכט, האָבן אױפֿ־
געװעקט אַלע שכנים. זי אַלײן האָט מען קוים מיט צרות באַװיזן צו
דערמינטערן. עס איז בײַ איר נישט אַנדערש געװען, נאָר אַז דער מאַן
רופֿט זי צו זיך. זי האָט זיך אַפּילו פֿאַרענטפֿערט, אַז זי װאָלט געגאַנגען
בתשואות חן. סײַװי איז איר לעבן שױן קײן לעבן נישט, װײַבאַלד איר
קרױן פֿון קאָפּ איז אַװעקגענומען געװאָרן. נאָר װער װעט זיך אָפּגעבן
מיט אירע װערעם ? עס האָט געהאַלטן דערבײַ זי זאָל אַראָפּ פֿון זינען.
קוים מיט צרות איז אײנעם פֿון די דײנים געלונגען זי צו באַרױקן. ער
האָט איר געעצהט צו גײן אױף זײַן קבר, אױסשפּרײטן זיך פֿאַר אים
און אים בעטן ער זאָל זי לאָזן צורו. דאָס האָט טאַקע פּועל־ישועות געװען
אױן איר געמיט האָט זיך אומגעקערט צו איר. עס האָט זיך איר נאָר
אָפּגעשטעלט אַ האַרץ־פֿעלער װאָס האָט איר אָנגעטאָן געברענטע לײַד.
די רופֿאים האָבן זי געהײסן נוצן הײסע מילך מיט צעלאָזטן האָניק;
נאָר װוּ זאָל אַ מלמדישע אלמנה נעמען אױף אַזעלכע מעדני מלך ?

מען װאָלט אײגנטלעך נישט געװען געװוּסט, װער עס איז דער חײב
אין דער זאַך. מיט קײן טױטע מלמדים װעט זיך קײנער נישט גײן אַרומ־

קריגן און מאַנען יושר. איז קיינער אויך נישט מחויב געווען צו קלערן, פאַרוואָס ר׳ חנא זאָל דווקא גלוסטן בײַנאַכט צו קומען רופן זײַן פּלור־נית אין קבר אַרײַן. דאָס זענען באַשערטע זאַכן, וואָס פאַלן אַראָפּ פון הימל. איז גלײַכער אַז מען האַלט זיך פון דער ווײַטנס. עס האָט אָבער אויך געטראָפן, אַז אַ גרופּע חדר־בחורים פון די העכערע כיתות זענען בײַנאַכט אַהיימגעגאַנגען מיט חלבנע לאַמטערנעס און מיט די גמרות אין די הענט. אין מיטן אַ טונקעלער גאַס האָבן זיי אָבער דערהערט ר׳ חנאס קול, וואָס האָט עפּעס געשריגן גלײַך צו זיי פון דער הויך. דאָס איז ער בייז געווען, פאַרוואָס זײַנע תלמידים האָבן אים פאַרלאָזט און זענען אַריבער צו אַנדערע מלמדים... ער וועט עס נישט דערלאָזן! ווי נאָר ער וועט פאַרטיק ווערן מיט די משפטים פון יענער וועלט, וועט ער קומען — און זיי איינציקווײַז אַריבערנעמען צו זיך...

די בהלה איז זייער גרויס געוואָרן. די בחורימלעך זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן און עטלעכע נעכט דערנאָך האָבן זיי מורא געהאָט אײַנצו־שלאָפן, ווײַל כידוע קומען די טויטע נאָר בײַנאַכט אין שלאָף אָפּטאָן דאָס זייעריקע. עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז קהל זאָל רופן אַן אסיפה צו באַקלערן וויאַזוי מפייס צו זײַן דעם נפטר. וואָס וויל ער דען פון די לעבעדיקע? קיינער האָט אים חלילה נישט פּוגע בכבוד געווען, פאַר דער אלמנה מיט די יתומים האָבן בני רחמנים געזאָרגט און אַ קרקע האָט מען אים אויך געגעבן אַ שיינע... טאָ פאַרוואָסזשע רודערט ער?

ערשט אַזויווי אומגערן האָט מען געכאַפּט דעם קליינעם יאַקאָב מנחמס, ווי ער שטייט אין אַ ווינקל און חזרט זיך די סדרה פון דער וואָך מיט ר׳ חנא מלמדס קול. זעט אויס אַז דאָס האָט ער זיך געגרייט צו אַ נײַ שפּיצל, וואָס זאָל די אימה נאָך מער פאַרשטאַרקן. מען האָט אים דער־נאָך געוואָלט קורע כדג זײַן, נאָר דער פאָטער האָט זיך פאַר אים אײַנגע־שטעלט. שפּעטער האָט זיך יאַקאָב געמוזט אויסבאַהאַלטן אַ לאַנגע צײַט אין שטוב, אויס מורא אַז מענטשן זאָלן אים נישט דורס זײַן. מען האָט אפילו געמיינט, אַז נאָך דער מעשה וועט דער תכשיט אָפּשטעלן זײַנע שטיק; הגם פאַרן פאָטער האָט ער זיך תמעוואַטע געוואונדערט: ווען מען גייט עס אָן מיט וועלכן קול ער לערנט זיך מעביר זײַן די סדרה?... די ערשטע צײַט האָט עס אויסגעזען, אַז ער האָט זיך איבערגערעכנט. דאָס

ייִנגל האָט זיך גענומען צום לערנען, אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט און איז זייער ערנסט געוואָרן. מיט דערוואַקסענע האָט ער אָנגעהויבן רעדן קלוגע רייד און בײַ לומדים האָט ער גענומען פרעגן שאַרפע קשיות. האָבן שוין אַ סך גענומען האַלטן אַז ער וואַקסט אַ למדן און זײַנע שמד־שטיקלעך פון פריִער האָבן אָנגעהויבן פאַרגעסן צו ווערן.

אין אַ צײַט אַרום האָט אָבער ווידער פּאַסירט אַ מעשה נורא. דער שמש פון דער אַלטער שול איז ווי יעדעס מאָל געקומען דער ערשטער פאַרטאָג אין שול, אייידער דער עולם קומט. ווען ער האָט אָנגעצונדן ליכט איז נאָך קיינער נישט געווען, ווײַל ער האָט געהאַט די שליסלען מיט זיך. די ווײַבער־שול האָט ער געלאָזט אויפשליסן אַביסל שפּעטער, נאָר פון דאָרטיקן גאָרן האָט זיך געטראָגן אַ שטיל און פאָרכטיק געוויין. בײַם אַלטן האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעשטעלט פון איבעררעשונג. היות ער איז פאָרט געווען אַ גברן, האָט ער גענומען אַ ליכט אין דער האַנט און באַשלאָסן אַרויפצוגיין זען ווער עס יאָמערט אין דער ווײַבערשער עזרה. אין אייינוועגס האָט ער פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און געוואָלט זען וואָס דאָרט טוט זיך. אָבער פון די שטאַכעטלעך האָט זיך אַראָפּגעשאָקלט אַ לאַנגער, ריזיקער שאָטן פון אַ חיה און געמאַכט משונהדיקע תנועות. דער דאָזיקער שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די מעשענע הענגלײַכטער, איבערן סופיט און אַ שטיק פון אים האָט זיך נאָך געטרייסלט אויף דער שול־וואַנט. דאָס געוויין איז דערווײַל געוואָרן שטאַרקער און מוראדיקער. אייידער דער שמש האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן וואָס דאָרט טוט זיך האָט דאָס געוויין זיך צוגעשפּיצט, געוואָרן שפּאָטיש און זיך פאַרענדיקט מיט אַ לאַנג־לאַנגן קריי פון אַ האָן. ער האָט נאָך באַוויזן צונויפצונעמען מיטן פאַרטונקלטן אויג אַלע ברעקלעך שאָטן, וואָס האָבן זיך געוויגט איבער דער שול און ער האָט ראַפּטום באַמערקט אַז זיי אַלע שטעלן מיט זיך פאָר אַ מוראדיק־גרויסן, שוואַרצן אָפּבילד פון אַ ווילדן האָן. אַפילו דער האַרט־הויטיקער שמש איז דערפון געפאַלן אין חלשות. דאָס ליכט איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און דאָס פײַער האָט זיך צוגעשאַרט צו אַ שטיקל ברעט בײַ דער טיר, וואָס איז געווען באַטריפט מיט חלב. מעשה נסים האָט זיך אַ ייִד אויפגעהויבן אַביסל פריִער, בכדי צו לערנען עטלעכע פרקים משניות, צוליב יאָרצײַט. איז

ער אַרײַן אין בית המדרש און געזען ווי פֿון דער שול גייט אויף אַ צוליכטיק פֿלעמל.. נסים זענען געשען וואָס די שול, די ספֿרים און אַלע הײַזער אַרום זענען נישט אַוועק מיטן פֿײַער.

ותהום העיר. האָט די שטאָט גענומען קאָכן און זידן, בייזערן און שרעקן זיך. איז איינעם פֿון די קלוגע קעפּ אין שטאָט אײַנגעפֿאַלן צו גיין זוכן מיט נאָך עטלעכע לוסטיקע חבֿרה בײַ ר׳ מנחם מאַן אין שטוב. אין אַ ווינקל פֿון אַ קאַמער האָט מען טאַקע געפֿונען אַ גרויסן, הילצערנעם האָן וואָס יאַקאָב האָט וווּנדערלעך אויסגעשניצט און צונויפֿגעקלאַפּט. צום קאָפּ פֿון האָן איז געווען צוגעקלאַפּט אַ לאַנגער שטעקן מיט וועלכן מען קען דעם האָן אויפֿשטרעקן גאָר הויך און ווײַט... זינט דאַמאָלסט האָט מען געוווּסט אַז יאַקאָב איז אַ פֿאַרפֿאַלענער און ער וועט שוין כּסדר אויסגעפֿינען נײַע בייזקייטן אָפּצוטאָן. פֿאַרשטייט זיך אַז מען האָט אים מקיים־פּסק געווען כּדבֿעי און דערצו אים נאָך געהאַלטן עטלעכע טעג אין דער קהלישער תּפֿיסה. קיין באַוואָרעניש קעגן דעם שד אין יאַקאָבס האַרץ האָט דאָס נישט געקענט זײַן. מען האָט אים געמוזט אַרויסלאָזן. די איינציקע נקמה האָט מען נאָר געהאַט מיטן צוטשעפּען אים אַ צונאָמען, וואָס זאָל דערמאָנען אין זײַנע מעשׂים רעים. ווי ווײַט די חשובֿי־העיר מיט די ראָשי־העדה האָבן נישט דערלאָזט — לויט אַ חרם פֿון מהר״ל מפּראָג — מען זאָל אַ ייִד רופֿן מיט אַ צונאָמען פֿון גנאַי, האָט מען בײַ יאַקאָבן נישט מקפּיד געווען דערויף. אַדרבא, עס האָט געדאַרפֿט זײַן אַ וואָרעניש, וואָס זאָל אָנזאָגן מיט וועמען מען האָט דאָ צו טאָן. איז ער שוין געבליבן בײַם צונאָמען „קאָפּ־האָן" פֿון וועלכן ער איז שוין קיינמאָל נישט פּטור געוואָרן... אויך דאָס האָט אים נישט שטאַרק געאַרט. אַדרבא, ער האָט נאָך שפּעטער אָפּגעטון אַזעלכע שפּיצלערײַען פֿון וועלכע די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער.

עס איז געקומען דערצו, אַז ייִדן האָבן אויפֿגעהערט צו גלויבן זייער אייגן קול און ווײַבער האָבן זייערע מענער נישט אַרײַנגעלאָזט אין שטוב, ווי נאָר די נאַכט איז טיפֿער אַראָפּגעפֿאַלן איבער פּרעמיסל. קיינער האָט נישט געקענט זײַן זיכער, אויב דער משוגענער יאַקאָב האָט זיך אויך דאָ נישט פֿאַרשאַרט הינטערן פֿענצטער.

— 2 —

ווען יאַקאָב האָט דערגרייכט די עלטער פון אַכצן יאָר האָט דאָס רוב פּרעמיסלער ייִדן שוין געוואַרט אויף דער מינוט ווען ער וועט אַוועק פון דאָרט. עס זענען אויך געווען האָפענונגען דערויף. ער איז שוין געווען ראוי לחופּה און קיין איין פּרעמיסלער בעל הבית איז נישט געווען גרייט צו געבן אים זײַן טאָכטער פאַר אַ ווײַב. אַפילו די אָרעמע אַלמנות האָבן מורא געהאַט צו געטרויען זייער יתומות אין אַזעלכע הענט — און גלאַט פאַרן ערגסטן איז ר׳ מנחמען נישט אָנגעשטאַנען אויסצוגעבן זײַן קדיש. עס זענען דערפאַר געקומען עצה־געבער וואָס האָבן געראטן דעם פאָטער, אַז יאַקאָב זאָל אַריבערפאָרן אין אַ צווייט מקום ווו מען קען אים נאָך נישט. ער דאַרף נאָר דאָרט אײַנהאַלטן זײַן יצר־הרע צו לוסטי־קייטן און אַלע וועלן אים ליב האָבן. דערנאָך וועט זיך שוין אויסזוכן אַן אָרנטלעכע בתולה, וואָס וועט מסכּים זײַן צו גיין מיט אים אונטער דער חופּה. אויב ער וועט זיך דאָרט פירן גוט, מעג ער זיך אַפילו פאַררופן אויפן מרא דאתרא און חשובי העיר. זיי וועלן אויף אים געבן אַ גוטע מיינונג און עס וועט זיך אַלץ ענדיקן בכי טוב.

היות ווי ר׳ מנחם האָט נישט געזאָגט יאָ פּונקט ווי ער האָט נישט געזאָגט ניין, האָט קהל אַליין געטאָן וואָס מען דאַרף. אָן צו פרעגן דעם בעל דבר גופא, האָט מען אַרויסגעשיקט אַ שליח מיוחד אין די אַרומיקע קהילות. יענער האָט געהאַט אַ געשליפענע צונג און געקענט איבערעדן אַפילו אַ טויטן. דאָס האָט ער גענדאַרפט אויסזוכן אַ זיווג פאַר יאַקאָבן, וואָס זאָל אויך אים אַליין ווילגעפעלן. דערמיט וועט ער מסכּים זײַן צו פאַרלאָזן פּרעמיסלע. אַי, די אַנדערע קהילה? זאָל אויך זי אַביסל זאָרגן פאַר אים! דערצו איז ער מיט פּרעמיסלע מחולק זינט קליינהייט אויף און עס קען קומען דערצו ער זאָל ממיר דתו זײַן אויב מען וועט אים דערצערענען, אָדער רודפן. אין אַ צווייטער קהילה קען ער זיך פילן פרעמדער און נישט מאַכן די שפּאָטערײַען וואָס דאָ. דער עיקר איז נאָר צו האָבן פאַר אים אַ צווייטע העלפט און אַז דער זיווג זאָל עולה יפה זײַן... דעם שליח מיוחד איז אַפילו נישט אויסגעקומען ווײַט צו פאָרן. תּיכּף אין קראָטאָשין, וואָס האָט געהערט צו פּרעמיסלער קהילה, האָט

זיך געטראָפן אַ בתולה וואָס יאַקאָבס שם רע האָט זי נישט אָפּגעשראָקן. זי האָט אים אַמאָל געזען פון דער ווײַטנס און ער איז איר געפעלן. זי האָט אויך געהאַלטן אַז מען טרײַבט שטאַרק איבער, ווען מען באַרעדט אים און זײַנע מעשים. ער איז נאָר אַביסל פרייליכער פאַר אַנדערע און דאָס קען מען נישט סובל זײַן. בײַ איר מאַכט עס נישט אויס. זאָל ער נאָר אַרײַנקומען אין אַ שטוב, וועט ער טראָגן דעם יאָך און וועט רויקער ווערן. מער האָט דער שליח נישט געדאַרפט. מיט זײַנע גלאַטיקע רייד האָט ער בײַ איר נאָך מער געשטאַרקט דעם חשק, ביז אויך אירע קרובים זענען באַשטאַנען. דערנאָך האָבן זיך אַלע אַוועקגעלאָזט קיין פּרעמיסלע איבערשמועסן די געניויע תנאים מיט יאַקאָבן און זײַן פאָטער.

מעשה נס האָט אַלץ מצליח געווען. דעם שליח אַליין איז שוין געווען קשה, פאַרוואָס דער כלהס קרובים גיבן נאָך אַלץ וואָס דעם חתנס צד פאַרלאַנגט; עס איז אָבער געווען ממש מן השמים. ווי נאָר יאַקאָב האָט געזען די כלה האָט ער אויך מסכים געווען אַריבערצופאָרן קיין קראָ־טאָשין. האָט מען נישט לאַנג אָפּגעשלעפּט די חתונה. ער אַליין האָט אונטערגעאײַלט און ־ווער עס האָט אים געזען גיין צו דער חופה האָט מעיד געווען, אַז אַזעלכע געמאָסטענע טריט פּאַסן נאָר פאַר די איידלסטע בחורים פון דער קהילה. אויף דער שמחה האָט ער מיט יעדן איינעם גערעדט אויף זײַן שטייגער און מיט לומדים האָט ער אַפילו געשמועסט אין תורה־זאַכן, ווי אַ געבוירענער למדן. עס איז זיך גאָר נישט געווען צו גלויבן, אַז דאָס איז דער זעלבער יאַקאָב קאָפּהאָן וואָס אַלע קענען פון פריִער. אויך דער כלהס אויגן האָבן געשטראַלט פון גליק און עס איז גע־ווען אַ בפירושער סימן, אַז זי האָט דעם בחור ליב געהאַט שוין פון גאָר לאַנג נאָר זי האָט זיך געשעמט דאָס אַרויסצוווײַזן. איצט אָבער, ווען אַלץ איז געקומען פון זיך אַליין — מיט דער ברכה פון קהל און קרובים — מעג זי אים גלעטן מיט די וואַרעמע אויגן ווען אַלע זעען.

די פרייד איז געווען אין לשער. חופה וקידושין האָט געגעבן נישט קיין אַנדערער ווי דער גאון און אב בית דין פון פּרעמיסלע. דאָס האָט, זעט אויס, געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף יאַקאָבן. דערפאַר האָט קהל זאויפגעהערט זיך מצער זײַן, וואָס דער לץ איז פאָרט געבליבן נאָנט פון זייער קהילה.

אַ שטיקל צײַט האָט מען פון יאַקאָבן קיין שלעכטס נישט געהערט. ער פלעגט קומען דאַווענען בהשכמה אין בית המדרש אַרײַן, געלערנט אַ דף גמרא און דערנאָך איז ער אַוועק צוהעלפן דאָס ווײַב אין מסחר. בײַנאַכט האָט מען אים נישט געזען אין ערגעץ, נאָר זיצן בײַ זיך אין היים און דערפרייען זײַן ווײַב. דערפאַר איז אויך נישט געווען קיין גרויס אומגליק ווען יאַקאָב האָט מיטאַמאָל גענומען זײַן אשה און מיט איר זיך צוריק באַזעצט אין פרעמיסלע. ס'איז אַן אַלטער כלל, אַז מען וואַרפט אַ שטעקן אין דער לופט — פאַלט ער צוריק צו דער ערד, פון וואַנעט ער איז אַרויסגעוואַקסן. בפרט ווען איצט איז ער שוין מיט אַן עול און די קראָטאָשינער יידן האָבן זיך פון אים נישט געקענט אויס־לויבן. מען וואָלט שוין אַפילו געווען פאַרגעסן אין זײַנע אַמאָליקע מעשים און אויך אין זײַן צונאָמען. די התנהגות זײַנע האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ און נאָך אַ יאָר וואָלט מען אים זיכער גערופן ר' יעקב, ווי דער שטייגער איז בײַ אַ לומדישן אברך וואָס שטאַמט נאָך דערצו פון גרויס יחוס. האָבן זיך אָבער אָפּגעזוכט רכילותדיקע שכנים און זיי האָבן דער־ציילט וועגן שטילע קריגערײַען וואָס קומען פאָר בײַ יאַקאָבן אין שטוב. מען וואָלט זיי נישט געגלויבט. נאָר אַז מען האָט זיך צוגעקוקט צו זײַן ווײַב, בעת זי קומט פרימאָרגנס אין קרעמל, האָט מען געזען אַז זי האָט פאַרוויינטע אויגן. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָט מען גענומען דער־ציילן זיך שמועות, אַז דער בעל דבר ווערט פאַרהוילן אויף גאַנצע טעג און קערט זיך דערנאָך אַהיים מיט שכורע טריט...

רבקה, דאָס ווײַב זײַנס, איז דווקא געווען אַ שטילע און צוגעלאָ־זענע. וואָס מער מען האָט זי גענומען פאַרשן און אויספרעגן, אַלץ מער האָט זי אָפּגעווענדעט לײַטנס רייד מיט אַ שמייכל — אַז ס'איז גאָרנישט. זי אַליין שיקט אים אײַנקויפן סחורה אין די אַרומיקע מקומות און דער־פאַר ווערט ער אַלעמאָל נעלם פון שטאָט. נאָר היות ווי ער קויפט אַלערליי סחורות בײַ ערלים, מוז ער צוליב מסחר וועגן טרינקען מיט זיי יין־שרוף און ער קען עס נישט פאַרטראָגן. קומט ער טיילמאָל אַהיים מיט קאָפּ־ווייטיק און מיט אַנדערע יסורים... ס'איז טאַקע אמת אַז זי וויינט אָפטמאָל אין די נעכט, אָבער דאָס קלאָגט זי זיך בלויז פאַר השם יתברך וואָס איר איז באַשערט אַזאַ ביטערע פרנסה. דאָס האָט זיך אָבער נישט

געלאָזט גלויבן. יאַקאָב איז טאַקע אָפּט נעלם געוואָרן, אָבער מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען זיך אומקערן מיט גרויסע בוידן סחורה ווי עס איז געווען דער שטייגער פון אַנדערע סוחרים. מחוץ לזה האָט מען גאָרנישט געזען אַז זי זאָל האָבן אַזאַ גרויסן פּדיון, צוליב וועלכן ער זאָל אַלעמאָל דאַרפן פאָרן אײַנקויפן נײַע מינים סחורות. די פּאָליצעס זענען אַלעמאָל געווען די זעלבע און מחמת דעם האָט מען געדרונגען, אַז די אשה ענדערט דעם אמת פון שלום וועגן. קיינער איז מיט איר נישט אַזוי נאָנט געווען, בכדי צו קענען אַרײַנגיין אין אויספרעגעכצער אויסער דער מאָס — און אויך קיין עצות־טובות האָט מען איר נישט געקענט געבן. זי אַליין איז אויך געווען פרעמד אין פּרעמיסלע און זי האָט זיך געשראָקן פאַר עמעצן מגלה צו זײַן אירע סודות.

ערשט דערנאָך האָבן נײַגעריקע לײַט אויפגעכאַפּט, אַז זי איז געווען בײַ ר׳ מנחמען און זיך אויסגעוויינט פאַר אים דאָס האַרץ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאַקאָב האָט זיך ווידער אומגעקערט צו זײַנע אַלטע מעשים. היות ווי אין זײַן אייגענער שטאָט האָט ער בושה און מורא צו באַווײַזן די אַמאָליקע שטיק, כאַפּט ער זיך אַוועק אין אַנדערע קהילות און דאָרט טוט ער אָפּ מעשים נוראים. זי האָט אים שוין עטלעכע מאָל אויסגערעדט שטילערהייט, אָבער ער לאַכט זי אויס. עס איז איר געקומען אויף דער דעה נישט צו וועלן וויסן וואָס ער טוט, בכדי זי זאָל האָבן ווינציקער צער. ער לאָזט עס אָבער נישט. וויבאַלד ער קומט צוריק, וויל ער כאָטש פאַר עמעצן אויסדערציילן וואָס פאַר אַ הנאה ער האָט געהאַט. דערפאַר זאָגט ער איר בגוואַלט ווו ער איז געווען און וואָס פאַר אַ שטותערײַען ער האָט אַלץ אָפּגעטאָן. וואָס מיט אים קומט פאַר געפינט ווייסט זי נישט. איר ווײַבערישער שכל זאָגט איר אָבער, אַז די גאַנצע בראָך ליגט אין דעם וואָס פון זײַן קינדהייט אָן האָט ער באַקומען אַ משוגענע נטיה. ער שעמט זיך כסדר מיט דעם וואָס ער איז — און ער האָט גרויס צער דערפון, וואָס ער איז יאַקאָב בר׳ מנחם מאָן. אַ גרויסע תאווה ליגט אין אים צו ווערן עמעץ אַנדערש — און צוליב דעם איז ער גרייט אָפּצוטאָן כל המיני זאַכן. היות ווי בײַ אים אין שטאָט קענען אים שוין אַלע אַלס ע ר, אַנטלויפט ער אין אַנדערע מקומות ווו ער קען אָנגיין פאַר וועמען ער וויל נאָר. דאָרט טוט ער זיך אָן אַנדערע

מלבושים, לערנט זיך אויס נאָכמאַכן דאָס קול פון עפּעס אַ בכבודיקן מאַן און ער איז פּשוט גליקלעך וואָס מען גלויבט אים אַז ער איז אַ צווייטער. איר שׂכל איז נישט תּופס פאַרוואָס ער איז אַזוי אומצופרידן מיט זײַן אייגן געשטאַלט, נאָר זי וואָלט דאָס גענומען פאַר ליב. עס כאַפּט אָבער אָן אַ פּחד פון דעם וואָס ער דערציילט זיך אָן. טיילמאָל פאַרשטעלט ער זיך ווי אַ קבצן און ער גייט פון טיר צו טיר בעטן נדבות. אַ צווייט מאָל האָט ער זיך פאַרשטעלט ווי איינער פון די גרויסע נגידים, וואָס איז געפאָרן אין אַ שיינער, געדונגענער קאַרעטע, נאָר ווען ער האָט געדאַרפט באַצאָלן, איז ער אַראָפּגעאַנגען אויף אַ רגע און נעלם געוואָרן. שפּעטער האָט ער אָנגענומען אַן אַנדער קול, געענדערט די צורה און געגאַנגען זען, וויאַזוי מענטשן זוכן אומזיסט אַרום דעם נגיד וואָס איז ווי אַרײַן אין דער ערד. ווען ער דערציילט עס, ווײַזט ער מיר מיט וויפל קולות ער קען רעדן און וויאַזוי ער קען איבערבײַטן דאָס פּנים — אַז ס׳אייגענע ווײַב זאָל אים נישט אָנהויבן דערקענען. דערפאַר האָט זי מורא, אַז ער איז באַזעסן פון אַ גלגול און עס טרייסלט זי פון פּחד...

יאַקאָבס ווײַב וואָלט אויך איצט נישט געקומען אָנטאָן אַזויפיל עגמת נפש דעם שווער. זי האָט די גאַנצע צײַט אויסגעהערט און שטיל־געשוויגן. זי האָט אָבער געשפּירט אַ סכנה פאַר זיך אין דעם וואָס ער וויל בגוואַלט ווערן אויס יאַקאָב. די דאָזיקע סכנה קען דערנאָך טרעפן אויך אַנדערע יידן און דערום טאָר מען נישט שווײַגן. אַזוי, למשל, האָט ער אַנומלטן איר דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך פאַרשטעלט ווי אַ דאָרפישער גלח. ס׳איז מכלומר׳שט געווען זייער אַ פינצטערע נאַכט און ער האָט געמוזט אַריבערגיין דאָס דאָרף. היות ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט געפינען זיך ערלים וואָס זענען גרויסע גזלנים — און זיי קענען אים הרג׳ זײַן, האָט ער אַמאָל נאָכגעקוקט זייער גלח, געהערט וויאַזוי ער רעדט פּויליש לשון און ער האָט עס אויפגעכאַפּט אין זיך. האָט זיך טאַקע געטראָפן, אַז שפּעט בײַנאַכט האָבן עטלעכע גויים מיט הינט גענומען שרײַען און געוואָלט ער זאָל זיך צו זיי דערנענטערן. די סכנה איז געווען אין לשער און פון זייער שרײַען האָט ער געזען אַז די רציחה ברענט אין זיי, לכן האָט ער צו זיי אַריבערגעשריגן מיטן גלחס קול, אַז זיי זאָלן בלײַבן שטיין אויפן אָרט און זיך נישט דערנענטערן. הגם עס איז פינצטער

געוועזן, האָט ער באַמערקט ווי זיי קניִען אַנידער און ער איז דערוויַיל וויַיטער געגאַנגען. ביַים דערציילן איר דאָס דאָזיקע האָט ער אַזוי הויך געלאַכט, אַז ביז איצט האָט זי פון אַ ייִד אַזאַ געלעכטער נישט געהערט. די הויט האָט זיך ביַי איר געריונצלט פון שרעק!

וואָס איז זי דען אַליין? אַן אומוויסנדיקע אשה. נאָר יאַקאָבס התנהגותן געפעלן איר גאָרנישט. עס זאָל נאָר אויסגיין צום גוטן. דאָס משוגעת האָט אים שוין גאָר פאַרכאַפּט און ווי נאָר ער ליגט אויפן בעט, ווערט ער באַזעסן פון גלוסטעניש צו וואַנדערן אויף וויַיטע וועגן, נאָכצו־רעדן די לשונות פון ערלים. כומרים און אַנדערע שוואַרציאַרן. ווען זי האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער לויפט אַרום און וואָס ער זוכט אין דער פרעמד, האָט ער איר געזאָגט אַז ער וויל זיך אויסלערנען נאָכקרומען וואָס מער מענטשן. אויף וואָס ער דאַרף עס, האָט ער איר נישט געזאָגט. אפשר ווייסט ער עס אַליין נישט. ער איז אָבער שטאַרק צופרידן וואָס ער קען שוין גוט נאָכשפּעטן אַ סך אַרענדאַרן, אַ צענדליק שוחטים און עטלעכע רבנים פון דער סביבה, אַז זייערע אייגענע קינדער זאָלן נישט דערקענען. עס ציט אים דערצו און פאַרטיק. וויל זי נאָר וויסן וואָס ר׳ מנחם זאָגט...

ר׳ מנחם אַליין האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט זי־שוויַיגנדיק אויסגעהערט, געצופּט זיך די גרוילעכע באָרד און שטאַרק אַריַינגעטראַכט אין זיך. אַדרבא, ער אַליין וויל דען נישט וויסן פון וואַנען דער שגעון ביַי זיַין יאַקאָבן וואַקסט אַרויס? וואָס הייסט עס, אַז ער וויל אַנגיין ווי אַן אַנדערער? וואָס האָט מען דערפון און וואָס קען עס העלפן? גאַנץ באַזונדער פילט ער די סכנה מער ווי יאַקאָבס וויַיב. די ערלים זענען גאַנץ אַנדערש ווי די פרעמיסלער ייִדן. זיי דאַרפן נאָר איינמאָל זיך דערוויסן וועמען יאַקאָב שפּאָט אויס — און עס קען זיך מאַכן אַן אומגליק, אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זיַין... מוז ער אים אַ פרעג טאָן, וואָס ער מיינט מיט זיך. ס׳איז דען הפקר אַ וועלט? נאָר ווען ר׳ מנחם האָט זיך מטריח געווען צו יאַקאָבן אין שטוב אַריַין און אַנגעהויבן צו שמועסן פון אַזעלכע זאַכן האָט זיך יאַקאָב אויסגע־דרייט צו דער וואַנט. בלויז פון זיַינע ציטערדיקע פּלייצעס האָט ער דערקענט, אַז דער בחור קען זיך מער נישט איַינהאַלטן; כאָטש דער

דרך ארץ פאַרן פאָטער איז זייער גרויס. האָט ער זיך אָוועקגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, בכדי ר׳ מנחם זאָל נישט זען זײַן דערשטיקט און פראַ־אָדמ׳דיק געלעכטער.

— 3 —

שווערע טעג פון צער און שרעק האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון יאַקאָבס ווײַב. זי האָט עס אָבער קיינעם נישט געוואָלט אַנטפּלעקן. וואָס מער וואָכן עס זענען פאַרגאַנגען, אַלץ פרעמדער איז ער איר געוואָרן. ווי נאָר ער איז געבליבן מיט איר איינער אַליין אין שטוב האָט ער גענומען טענהן מיט איר אַזעלכע רייד, וואָס אַ מענטשלעכער מח קען זיי גאָרנישט באַנעמען. זינט ער איז דאָס לעצטע מאָל געקומען פון זײַן קורצן וואַנדער האָט ער זיך גענומען בײַ איר בעטן, אײַנרעדן און דראָען:

— רבקה... לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען! עס איז מיר נמאס דאָ צו זײַן און איך וויל אַז מיר זאָלן בעסער גיין איבער ווײַטע וועגן און שטעגן...

אויף וואָס דאַרף מען גיין איבער וועגן און שטעגן, בעת מען האָט אַן אייגענע שטוב און אַ קראָם? דאָס האָט ער איר נישט געקענט מסביר זײַן. קיין שכל דערין האָט ער אַליין נישט געפונען. ער האָט זיך נאָר צעקאָכט פון די אייגענע רייד, אַרײַנגעבלאָזן אין איר זײַן הייסן אָטעם און געקוקט אויף איר מיט זײַנע אָנגעצונדענע, פרעמדע אויגן:

— מיר וועלן גיין און גיין... און אַז מיר וועלן מיד ווערן, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אין אַ שטאָט און דאָרט וועלן מיר רוען ביז מיר וועלן ווידער גיין...

ער האָט עס גערעדט מיט אַזאַ עקשנותדיקער היץ, ביז איר האָט זיך גענומען אויסווײַזן אַז ע ר מוז עס זיכער טאָן הגם ער וויל איר נישט זאָגן פאַרוואָס. דערפאַר וואַרפט ער אויף איר אַזאַ באַרג מיט פלאָם, באַגער און צאָרן. עטלעכע מאָל איז ער דערפון אַזוי צעקאָכט געוואָרן, אַז ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און זי גענומען ציִען מיט אַלע כוחות ביז צו דער טיר. האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז וויבאַלד ער וועט

זי נאָר אַרויסשלעפּן ביז איבער דער שוועל — וועלן זיי אַרײַנפּאַלן תיכּף ומיד אין אַ פרעמדער, בלאָדזשענדיקער וועלט פון וועלכער זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט קענען אומקערן. זי האָט צוליב דעם אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעכן געשריי פון וועלכן ער איז דערשראָקן געוואָרן און אַרויס־געלאָזט איר האַנט. זי האָט אַפילו דערקענט אַז ער איז ראַפּטום פאַר־שעמט געוואָרן פון דער אייגענער משוגעת.

דאָס האָט אָבער געדויערט אַ קורצע צײַט. זי האָט צוגעזען מיט שרעק, וויאַזוי יאַקאָב האָט געברענגט צו שלעפּן אין שטוב אַרײַן אַלערליי שטיקער שטאָף פון רויט, גרין און בלוי, וואָס זענען באין אופן נישט געווען צום פאַרקויף. ער האָט אויך געברענגט אין שטוב אַרײַן אַלערליי אײַזנס און פון זיי גענומען אויסמײַסטערן משונהדיקע כלים. זײַנע אויגן האָבן געברענט ווילד און צעטראָגן, ביז עס איז נישט מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן זײַן בליק. זי אַליין האָט ער כמעט ווי פאַרגעסן און זי אָנגעזען ווי נישט קיין לעבעדיק נפש. זי האָט אים געוואָלט פרעגן וואָס ער מיינט מיט דעם אַלעם און זי האָט זיך געשראָקן. לאַנג האָט זי אָבער נישט געדאַרפט וואַרטן ביז זײַנע משוגעתן זאָלן פאַר איר אַנטפּלעקט ווערן. איינמאָל, שפּעט בײַנאַכט האָט ער זיך לאַנג געזוימט אין זײַן הדר. דאָס האָט אויף איר געוואָרפן אַ פחד און זי האָט מורא באַקומען צו זײַן אין זעלבן הויז וואָס ער. אָנשטאָט אַרויסצולויפן, האָט דער פחד זי גאָר געטריבן ביז צו זײַן טיר. זי האָט אויפגעריסן האַסטיק דאָס טירל פון חדר און אים דערזען אין אַ משונהדיקן הולך. ער איז געווען אויס־געטאָן פון זײַן געוויינטלעכע מלבושים און אויף זײַנע אַקסלען האָט געהאָנגען אַ לאַנגער קאַפּאָט פון צוזאַמענגעמישטע קאָלירן און טראַלדן. פון די הויזן האָט געגלאַנצט אַ געפלאָכטענער מישמאַש פון זילבערדיקן גרין. פוןביידע זײַטן האָבן זיי זיך געזיימט מיט רויט־בלויע צייכנס, וואָס האָבן געשמעקט מיט פריצישער גוייִשקייט און פאַרשייטקייט פון געיעגן און פולווער. אויף זײַן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ קופּערנעם הוט, וואָס האָט געקענט פּאַסן פאַר אַ זעלנער — פונקט ווי עס האָט געקענט זײַן אַ רמז פון אַ קעניגלעכער קרוין. ער האָט דערבײַ געדרייט מיט די פאַר־שכורטע אויגן און געפּרעפּלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. די ערשטע רגע איז בײַ איר אויסגעקומען נישט אַנדערש, נאָר אַז ער איז מטורף

יעוואָרן. איר שרעק איז דערבײַ געווען קלאָר און ניכטערן: כל זמן עס שפּעט נאָך היימישע לײַט — קען צו קיין געפערלעכע זאַכן נישט דער־גיין. קהל קען טאַקע צערענען, אָבער קיין סכנות נפשות קומט נישט דער־פון. ווײַבאַלד אָבער יאַקאָב נעמט נאָכקרומען גרויסע שררות קען עס אים דערפירן ביז שווערער תפיסה, אָדער אַפילו חס ושלום ביז צום טויט. ביני לביני קען איר לעבן פאַרשפּילט זײַן פאַר גאָרנישט און פאַר נישט...

זי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ זײַנע פורפורנע שמאַטעס און זיי אַראָפּ־געריסן פון לײַב. ער האָט זיך נישט באַוויזן אָפּצוּווערן און בלויז שטי־לערהייט געקרעכצט, רײַסנדיק צו שפּעט דאָס מלבוש פון אירע הענט. בײַ איר האָט דער כעס אויפגעשפּילט אין די געבלוטן און זי האָט אַ שאַרפן ריס געטאָן אין סאַמע מיטן. ער האָט אַ געשריי געטאָן, גלײַך ווי זי וואָלט אים דאָ אײַנגעריסן די נשמה אַליין. דאָס ערשטע מאָל זינט זיי זענען געווען צוזאַמען האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר און זי האָט אויף זיך געשפּירט זײַנע דראָענדיקע הענט. אויך זי איז צעפײַערט געוואָרן און אָנגעשטעלט אירע נעגל קעגן זײַן שוואַרץ־געוואָרן און פּרעמד פּנים. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ שטילער, פאַרביסענער געראַנגל בײַ וועלכן בײדע האָבן זיך געהיטן נישט צו לאָזן הערן פון זיך אַ פּיפּס. מ׳וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס איז בלויז אַ פריילעך שפּיל וואָס קיינער טאָר נישט אַרויסהערן, ווײַל מען וועט עס אָננעמען פאַר ערנסט. רבקה אַליין האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס זי שרײַט נישט און רופט נישט נאָך הילף בעת ער האַלט זי מיט בייזער פעסטקייט אין זײַנע אָרעמס.

ערשט ווען זיי זענען מיד געוואָרן און אָפּגעפאַלן איינס פון דאָס צווייטע, האָט זי געשפּירט אַז אַלע אברים טוען איר וויי און אַז דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין איר פון שרעק. דאָס האָט זי זיך ערשט דערמאָנט, אַז זי איז נישט מער ווי אַן אשה און עס איז נישט פאַר איר צו האַלטן מלחמה מיט אים אויפן שטייגער פון די מענער. דערפון איז איר טרויע־ריק געוואָרן און זי האָט זיך צעוויינט. פּלוצים האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר מיט אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך אין איר אײַנגעשניטן ווי דער בלאַנק פון אַ מעסער. ער האָט אָבער אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז זי האָט דורך אַלע שוידערן און טרערן מיטגעלאַכט — נישט וויסנדיק

פאַרוואָס און פאַרוועןָ. ער האָט זי דאַן אַרומגענומען, געהאַלדזט זי מיט ליבשאַפט און געקושט. נאָר זי האָט ראַפּטום דערפילט אַז זײַנע ליבשאַפטן רירן זי נישט אָן און אַז זי ציטערט מער נישט פון תענוג בײַ זײַנע לענגלעכע פינגער־גלעטן. ער איז איר פרעמד געוואָרן און דאָס בעסטע וואָלט געווען צו שרײַען און אים אָפּטרײַבן פון זיך. זי איז געלעגן ווי אַ געשטאָרבענע און געטראַכט מיט דערוואַרטונג וועגן יענע מינוטן ווען ער וועט זײַן ווײַטער פון איר. נאָר קיין כח זיך צו ווערן האָט זי נישט געהאַט. זי האָט אויך נישט געוווּסט, אויב זי מעג עס. האָט זי אויך געטראַכט מיט אירע פאַרשמאַכטע חושים, וויאַזוי זי פלעגט אים פריִער דערוואַרטן, רופן אים מיט די געדאַנקען ער זאָל זיך דערנענטערן און באַרירן איר לײַב מיט זײַנעם. איצט האָט זי געוווּסט, אַז דאָס האָט זי די גאַנצע צײַט געגלוסט צו אַן אַנדערן וואָס איז דאָ געווען און איז מער נישטאָ. אויף זײַן אָרט איז געקומען פאַרשטעלטערהייט אַ צווייטער, וועלכן זי קען גאָרנישט. זי וויל אים נישט קענען אויך און די וואַרעמע צערטלעכקייטן פון איר בענקשאַפט נעמט ער נאָר צו בײַ איר ווי אַ רויב. קען זײַן אַז זי, ווי אַ ייִדישע טאָכטער, טאָר עס גאָרנישט — ווען זי זאָל עס אַפילו וועלן אויך. זי איז דאָס ווײַב פון יענעם אַנדערן, וואָס האָט קיינמאָל אַזעלכע קאָלירטע בגדים אויף זיך נישט אָנגעמאָסטן און נישט געהויכט אויף איר מיט אַזאַ צעווילדעוועטן אָטעם. ווער איז עס דען, דער וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן צו איר אין שטוב, געכאַפּט זי פאַר די הענט און איצט דריקט ער זי צו זיך ? עס איז נישט איר יאַקאָב און זי האָט עס מורא אויסצושרײַען. און זי ווייסט זיכער, אַז זי וועט זיך עס שעמען צו דערציילן פאַר אַנדערע. סײַווי וועט מען קוקן אויף איר ווי אויף אַ פאַרשוועכטער, כאָטש זי האָט זיך געוואָלט קעגנשטעלן און עס איז איר שווער געווען. נאָר וואָס וועט זי טאָן, אַז עס וועט ווידער פּאַסירן ? און וואָס וועט זי טאָן, אַז זי וועט מוזן לאָזן עס זאָל אַזוי אייביק געדויערן ?

עס איז נאָר גענוג געווען אַז יאַקאָב זאָל זיך אָפּרײַסן פון איר אויף אַ רגע. דאָס האָט זי אויסגענוצט אָפּערצושפּרינגען פון זײַנע הענט און אַנטלויפן אין צווייטן חדר. מער האָט אים רבקה נישט געלאָזט אויף די אויגן און יאַקאָב האָט דערנאָך נישט געקענט פאַרשטיין וואָס מיט זײַן

ווײַב איז געשען. זי האָט דאָך אים אַזוי ליב געהאַט! ביז איצט האָט זי אַזוי שיין געקענט פאַרשווײַגן און אים נישט פאָרגעוואָרפן דאָס מינדסטע פון גרויס ליבשאַפט! נאָר רעדן צו איר איז שוין נישט מעגלעך געווען. וואָס מער זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים, האָט זיך איר אויסגעוויזן מיט אַלץ מער זיכערקייט, אַז זי האָט די גאַנצע צײַט געהאַט אַ טעות. ווער קען וויסן? אפשר איז זי גאָר נישט געשטאַנען מיטן דאָזיקן מאַן הינטער דער חופּה? יענער איז שוין לאַנג אַוועק און איז אײַנגעשלאָסן אין הויכע בערג. אויף זײַן אָרט איז געקומען אַ צווייטער מיט יענעמס צורה און מ׳קען אים בלויז דערקענען דורך זײַנע אייגענע דרכים. איז זי דען זיכער, אויב זי זינדיקט נישט זינט גאָר אַ לאַנגע צײַט? זי האָט זיך אַפילו איינמאָל אויפגעכאַפּט נאָך אַ מוראדיקן חלום שפּעט בײַנאַכט און איז צוגעלאָפן מיט צאָרן צו זײַן געלעגער. ער איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף. אָבער זי האָט אים געריסן מיט צעפּײַניקטע, ציטערדיקע פינגער און אים געפרעגט מיטן אָטעם וואָס האָט נאָר געהאַט אין זיך שטיקער פון איר בייזן חלום:

— זאָלסט מיר שוין זאָגן... ווער ביסטו?

ער איז דערפון אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט אין דער ערשטער מינוט נישט געוווּסט וואָס איר צו ענטפערן. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זי געזען צוריקגיין דערשעפּט צו איר געלעגער, איז ער איר נאָכגעבראָכן און גענומען רעדן נישט צו דער זאַך:

— וועסט זען, רבקה... ווי נאָר מיר וועלן זיך אַוועקלאָזן ווײַט פון דאַנעט, וועל איך האָבן אַ סך גאָלד און כבוד... מיין נישט אַז די דאָזיקע קליידער זענען אַ שפּילעכל! די ערלים צאָלן אַ סך געלט, זעק מיט גאָלד, וויבאַלד עס איז דאָ עמעצער וואָס קען גוט נאָכמאַכן אַ גלח אָדער אַ מלך... דאַרפסט הערן וואָס די לײַט פון אַנדערע שטעט דערציילן! איך האָב געשמועסט מיט די געלערנטע מענטשן פון זייעריקע און דאָס האָבן זיי מיר דערציילט...

זי האָט אים אָבער מער נישט געקענט הערן. וואָס דאַרפן זיי אַ נאָכמאַכער, בעת זיי האָבן גענוג אמתע גלחים אָדער שררות? און פאַרוואָס האָט איר חתן און מאַן, יאַקאָב קאָפּהאָן, פריִער קיינמאָל נישט דערציילט וועגן אַזעלכע זאַכן? און אויב ער קען נאָכמאַכן אַזעלכע

פֿאַרשווינען, זאָל מען קומען אַהער און אים דאָ באַצאָלן דערפֿאַר! פֿאַר־וואָס דאַרף ער עפּעס אַנטלויפֿן? און פֿאַרוואָס האָט עס יענעם קיינמאָל נישט געצויגן צו לויפֿן אין מקומות, וואָס זענען דווקא קיינעם נישט באַקאַנט דאָ?

זי האָט אים אָבער גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן פֿאַר שרעק אי־בערן אייגענעם גורל. נאָר אויפֿן צווייטן טאָג, ווען יאַקאָב איז אַרויס אויף אַ ווײַלע, האָט ער געטראָפֿן די טיר צוגעהאַקט פֿון אינעווייניק. עס האָט נישט געהאָלפֿן זײַן בעטן זיך בײַ איר און זײַן פֿאַרזיכערן ווי שטאַרק ער האָט זי ליב... ער האָט אַפֿילו איר געשיקט זאָגן, אַז פֿון הײַנט אָן וועט ער זיך נישט אַרויסרירן פֿון דער היים. זי האָט בלויז געבעטן זיך בײַם שליח אַז ער זאָל זי נישט באַלעסטיקן. אויב נישט וועט זי שרײַען מיט אַלע כּוחות אַז די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צונויפֿ־לויפֿן. האָט יאַקאָב נאָך געפּרוּווט עטלעכע מאָל אַליין אָנקלאַפּן בײַ איר, ביז ער איז מיד געוואָרן.

מיט פֿאַרלײַכטערונג האָט רבֿקה צוגעזען ווי בײַנאַכט איז רויִק אַרום איר און דער משונהדיקער מאַן אירער פּרוּווט אַפֿילו מער נישט בעטן זי זאָל אים אַרײַנלאָזן. ערשט איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט, האָט זי ווידער געהאַט אַזעלכע רויִקע און זיסע נעכט, ווען דער שלאָף האָט זיך בײַ איר נישט געווייקט אין קיין אימה. יאַקאָב איז מער נישט געקו־מען אין די ערשטע נעכט און אויך נישט אין קיין וואָך אַרום. אַפֿילו דאָס קאָלירטע מלבוש מיט דער קופּערנער קרוין איז ער אויך נישט געקומען מאָנען — און זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין פֿינצטערן אַלקער, בענקענדיק נאָך אים. ער איז אויך נישט געקומען, אַפֿילו דאַן ווען אירע נעכט האָבן זיך צוריק אָנגעהיצט און זי האָט געוואַרט מיט שטאַרע אויגן אַז עס זאָל ווער קומען און מיט זײַנע טריט פֿאַרהילכן די חדרים; זאָל עס אַפֿילו זײַן ע ר, דער איבערגעאַנדערשטער קאַפּהאַן...

נאָך עטלעכע הדשים איז עס שוין אַוודאי קיין סוד נישט געווען איבער גאַנץ פּרעמיסלע. קהל האָט גאָרנישט געקענט טאָן דערצו און אַפֿילו די קלוגסטע לײַט האָבן נאָר געקענט אָפּפּסקענען מיט פֿאַרטראַכטע שטערנס, אַז רבֿקה קען צוגערעכנט ווערן צו דעם קליינעם הייפֿל וויסטע און פֿאַרלאָ.טע עגונות אין דער קהילה.

קאַפּיטל נײַן

— 1 —

איבער דער פּוילישער מדינה האָבן זיך רחמנא לצלן אַראָפּגעלאָזט אַ היפּש ביסל אומגליקן, וואָס אַזוינס האָט זיך נאָך נישט געהערט זינט הונדערט יאָר. דאַמאָלסט האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן די שווערד פון חמיל'ן און זײַנע קאָזאַקן און עס איז געווען קעגן וועמען צו שרײַבן סליחות און קינות, אָבער דאָס מאָל האָט זיך דאָס אומגליק אַראָפּגעריסן טראָפּנווײַז און עס איז נישט געווען קעגן וועמען צו שרײַען, הגם אַ סך קהילות זענען אויפגערודערט געוואָרן ביז צום וואָרצל. נעכטיקע בעלי בתים חשובים האָבן זיך אין אַ שיינם העלן טאָג דערזען ווי יורדים און מחוסרי לחם לא עלינו. די ערשטע צײַטן האָבן זיי זיך באַמיט צו דערהאַלטן זייער כבוד מיטן פאַרהוילן די אייגענע נויט, עס האָט אָבער לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן. זענען זיי שטילערהייט אַוועק איינער נאָכן אַנדערן צו די רבנים פון זייערע שטעט און געלאָזט זיך שרײַבן המלצה־בריוו וועגן זייער אַמאָליקער גדולה און יחוס. אין דער היים קענען זיי זיך נישט טאָן קיין עצה, אָבער אין דער פרעמד וועט זיי לײַכטער זײַן אויס־צושטרעקן די האַנט מיט אַזאַ בריוו אין טאַש. צוליב זיי האָבן זיך שוין אויך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט אַ סך יידישע דלתים, וואָס האָבן זיך ביז איצט געוואַקלט — אויב זיי זאָלן זיך נעמען צו בעטל־ברויט אָדער נישט. זיי האָבן איצט געהאַט אַ פאַרטיקן קל־וחומר, אַז אויב עס שטייט אָן אַזעלכע איידעלע יידן און געוועזענע נגידים — מעג זיי אַוודאי אָנשטיין. זיי האָבן זיך אַרויסגעשיט. מחנותווײַז און אויפן וועג זיך אויסגעמישט מיט די יחסנים, אַזוי אַז עס איז נישט געווען מער צו דערקענען צווישן דעם נעכטיקן האַר און דעם אייביקן אָרעמאַן.

דווקא די נעכטיקע יחסנים האָט עס נישט שטאַרק געאַרט. אדרבא, זיי האָבן נישט געוווסט וויאַזוי מען שטעלט די ערשטע טריט מיט בעט־לערישע הענט. מחמת דעם האָבן זיי אַוועקגעקוקט פון זייער באַלעבאַ־טישן שטאַנד און זיך געזוכט מקרב צו זײַן צו די שטענדיקע אביונים. איז די מדינה פאַרפלייצט געוואָרן מיט הײַזער־גייער. אַלע וועגן צו

יידישע שטעטלעך האָבן געטראָגן די ארחי ופרחי און אַלע בתי מדרשים זענען פול געוואָרן מיטן פרײלעך־רױשנדיקן געפּילדער פון די נדבות־נעמער. היות ווי אַ סך האָבן געהאַט רבנישע בריוו וועגן זייער אַמאָליקער נגידישקייט און נדבנות, האָבן בעלי־בתים אויפגעהערט צו פרעגן די הײַזער־גייער ווער זיי זענען נעכטן געווען. ס'איז געווען אַ סכנה אַז זיי זאָלן עמעצן מבייש זײַן און דערפאַר אַליין באַשטראָפט ווערן מיטן אָנקומען צו קצבה־ברויט. זיי האָבן דעריבער געטיילט נדבות מיט אַ ציטערדיקער האַנט און זיך באַמיט יוצא צו זײַן לכל הדעות. איז געוואָרן אַ גן־עדן פאַר די שלעפּער מכל המינים.

זיי האָבן געשפּרײַזט מיט זיכערקייט איבער די שטויביקע שליאַכן, זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט וואָס נאָר גאָט און לײַט האָבן געגעבן און צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ אונטערן שאָטן פון אַ בוים, איבערצוטוישן זייער כח. פאַר קיין גזלנים האָבן זיי זיך נישט איבעריק געשראָקן, ווײַל כּידוע וואַרטן די באַוואָפנטע רויבער נאָר אויף אָנגעשטאָפּטע בוידן מיט סחורה און אויף די לייפערס, וואָס טראָגן מיט זיך בײַטלען מיט גאַנצע גילדנס. פאַר קיין חיונה האָבן זיי אויך נישט געדאַרפט זאָרגן, ווײַל אין וועלכער קהילה זיי זענען נישט געקומען האָבן זיי זיך געפילט ווי אין דער היים. די קהילות האָבן זיך אונטערגעגאַרטלט מיט אַלע כוחות בײַצושטיין דעם גרויסן נסיון — און ווער עס האָט נאָר אין זיך געפונען דעם ווילן פושט־יד צו זײַן האָט שוין זײַנע מזונות געהאַט אָנגעברייט. גבאים פון צדקה האָבן מחזר געווען פון הויז צו הויז און צוגעזען, אַז קיינער זאָל זיך נישט אָפּזאָגן. פאַר דעם געלט האָט מען אויפגעשטעלט הקדשים ווו עס איז געווען גרייט אַ געלעגער פאַר יעדן איינעם וואָס קומט. אין די בתי תפילה זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן גרויסע, געשלאָסענע פּושקעס אין וועלכע מען האָט געוואָרפן קרײַצערס פאַר די אָרעמעלײַט־בסתר. וואָס האָבן נאָך אויפגעהיט אין זיך די בושה. אויך די פרומע ווײַבער האָבן זיך מתקנא געווען אין די מאַנסבילן און זיך גענומען עוסקן אין צדקה אויף זייער שטייגער. אין טייל יידישע הײַזער האָט מען געקאָכט גרויסע טעפּ גריץ מיט פעטע ביינער וואָס די ווײַבער האָבן ביסלעכווײַז צעטראָגן איבער די בתי מדרשים און געטיילט אין גרויסע שיסלען פאַר די געקומענע אורחים. די קבצנים האָבן געשלונגען דאָס הייסע געקעכץ,

פון ערדענע שיסלען מיט הילצערנע לעפל — און דערביי געטיילט ברכות וויפל זייער מויל האט נאר געקענט אַרויסברענגען.

די שמועות וועגן צעעפנטע יידישע הערצער האָבן זיך צע־טראָגן וויַט און ברייט. האָט עס אַ צי געטאָן אומעטום, ווו עס האָט זיך נאָר געפונען אַ מחוסר לחם אָדער אַ לאַ־יוצלח אין אַ קהילה. מען האָט געוווסט, אַז ווו מען קומט נאָר צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן און אַז פאַר קיין הונגער איז נאָך קיין ייד אין דער פרעמד נישט גע־שטאָרבן. דאָס האָט אויפגערודערט אַלע אביונים, וואָס האָבן געליטן פון זייערע ארורהס; אַלע מלמדים וואָס זענען געבליבן בײַם בלויזן טײַטל און אַלע גרינגע קעפּ וואָס האָבן נישט געקענט אויסטראָגן דעם עול פון ווײַב און קינד. צוזאַמען מיט דער כוואַליע קבצנים האָבן זיך אויך געמערט עגונהס אין די אַלע מקומות פון וואַנען עס האָבן אַוועקגעצויגן די פּושטי יד. אויך צווישן זיי זענען געווען אַלערליי ביטערע הערצער. אַ טייל פון זיי האָבן אַמאָל געהערט אַ גרוס פון זייערע מענער און בלויז זיי נישט געקענט דערווישן; דערפאַר זענען געווען אַזעלכע וואָס זייערע מענער זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן ווי אין וואַסער אַרײַן.

צוליב דער גרויסער חשיבות פון רבנישע כתבים איז אפילו אַרויסגעקומען אַ סך מכשולים און מען האָט צוליב זיי נישט געקענט העלפן אַ סך עגונות וואָס זענען געשטאַנען בײַ דער טיר פון היתר. מען האָט זיך דערוווסט אַז אַ סך איידעלע יידן איז מיט דער צײַט נמאס געוואָרן דאָס פאַרשטעלן זיך מיטן כתב פאַר יעדן איינעם באַ־זונדער — און זיי האָבן פאַרקויפט די כתבים צו אַנדערע אָרעמעלײַט פאַר אַ פּאָר געציילטע רענדלעך. זיי האָבן חשק באַקומען צו זײַן גלײַך ווי אַלע, אָבי נישט צו האָבן דעם יאָך פון חשיבות איבער זיך, בעת מען דאַרף זיך וואַלגערן. די אַנדערע בעטלער האָבן במשך דער צײַט אַזוי לאַנג געשנאָרעט אויף יענעמס כתב און אויף יענעמס נאָמען, ביז זיי זענען איינמאָל אָפּגעשטאָרבן אין אַ ווײַטער שטאָט. האָט טאַקע געטראָפן אַז מען האָט אַן אשה מודיע געווען, מיט אַ געניויעם גביית עדות פאַרן בית דין, אַז איר מאַן האָט איבערגעלאָזט דאָס לעבן פאַר אַלע לעבעדיקע און זי איז דערפאַר מותר חתונה צו האָבן פאַר יעדן מאַן. אָבער מיט אַ צײַט שפּעטער האָט זיך באַוויזן איר טויטער מאַן

אין בעטלער־בגדים, גראָד דאַן ווען זי האָט זיך געגרייט צו שטעלן חופּה מיט אַ צווייטן. עס איז נאָך יענעם רב בײַגעשטאַנען אַ באַזונדער זכות, וואָס ער איז געקומען פאַר דער חופּה און נישט ווען עס איז געווען אחרי ככלות הכל. אָבער ווער קען אונדז זאָגן, אַז יעדער איינער האָט אַזאַ זכות און אַז יעדן טאָג קען געשען אַזאַ נס? דערפאַר האָבן רבנים אָנגעהויבן זהיר צו זײַן און בעטן, אַז מען זאָל בײַ יעדן געשטאָרבענעם גוט בודק זײַן אויף זײַן גוף ביזן מינדסטן סימן און זיך נישט סומך זײַן אויפן בלויזן כתב וואָס יענער טראָגט מיט זיך. ואף על פי כן האָט אַ ציטערניש אָנגעכאַפּט אַ סך פרומע לײַט צוליב די שטרויכלונגען וואָס קענען אַרויסקומען.

אַמווינציקסטנס האָבן זיך אָבער גענומען צום האַרץ דערפון די ארחי ופרחי גופא. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַלע וועגן, באַשמעקט איינער דעם צווייטן און געוואָלט דערגיין, אויב מען קען עפּעס אײַנהאַנדלען צווישן זיך. על פּי רוב האָט מען זיך געביטן כתב אויף כתב און מען האָט געמאָסטן די האַרציקייט און די מליצות פון די געשריבענע בריוו לויט פּרוטהס, קרייצערס און גילדנס. אַ נשרף האָט נישט באַקומען קיין כתב פון קיין מטופל מיט בוגרתן, סײַדן ער האָט צוגעצאָלט — און אַ בריוו פון רבנים מיט באַרעמהאַרציקער אריכות איז גאָר נישט געווען אָפּצושאַצן, ווײַל דער רוב פון זיי האָט נאָר געשריבן עטלעכע ווערטער צום ענין און ווײַטער גאָר נישט. עס איז ניט געווען צו דערקענען פון די מליצות ווער עס איז ווער און דער מוכ״ז פון די בריוו האָט געקענט זײַן איינער פּונקט ווי דער צווייטער. אין דער היץ פון בעטלערישע מסחרים האָבן אַ סך לגמרי פאַרגעסן וואָס זיי קענען אַמאָל קאַליע מאַכן דערמיט און דערצו איז עס שוין דער שטייגער פון מענטשן, נישט צו טראַכטן וועגן טויט וואָס קען קומען אונטערוועגנס. דערנאָך האָט שוין דער שכל מחייב געווען, אַז וויבאַלד אַן אָרעמאַן האָט אַוועקגעגעבן עטלעכע חדשים אָפּשפּאָרעכץ פאַר אַ כתב האָט ער זיך מער נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג; הגם די קלוגע גבאים פון צדקה האָבן ווידער גענומען הוקר ודורש זײַן דעם ענין, נאָכן הערן אַז דאָ קען שטיין אויסגעשפּרייט אַ גיהנם הינטער די טריט.

מיט דער צײַט איז עס אויך געוואָרן אַ מין צולהכעיס די נגידים.

וויפל מען זאָל נישט האָבן געגעבן קיין פּרוטות די נעַ־ונדניקעס האָבן דאָך די אָרעמעלײַט מקנא געווען די ייִדן, וואָס זיצן אין זייערע הײַזער בײַ די אייגענע טישן אָרומגערינגלט מיט זייער הויזגעזינט. האָבן טייל פון זיי געזוכט אָפּצונאַרן די רויִקע געמיטער מיט וואָס זיי קענען נאָר, הגם זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ צער יענע קענען האָבן דערפון. די בלויזע הנאה פון האָבן מיט עפּעס אָפּגענאַרט די גליקלעכע פאַר זיי, איז שוין ווערט געווען די גאַנצע מי און דאָס האַרץ־קלאַפּעניש. מחוץ לזה האָבן זיך שוין אויך געפונען טייל קבצנים, וועלכע עס האָט זיך צוגעגעסן דאָס גרינגע ברויט, בײַ וועלכן מען שטעלט גאָרנישט אײַן און זיי האָבן געוואָלט איבערלעבן די אומרויִקע הנאה פון ריזיקירן מיט עפּעס פאַר די פּאָר מטבעות וואָס זיי לייגן אַרײַן אין די טאָרבעס און פאַר די מאָלצײַטן וואָס זיי עסן אין די קיך־ווינקלען...

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז יעדער מדינה־גייער האָט זיך גענומען שעמען אויב ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו מסחרן. מען האָט געביטן פּרעמיסלער פּרוטהס אויף לעמבערגער און עס איז געווען אַ קרן, וויבאַלד מען האָט געקענט מאַכן חליפין פון איין שיין אזרח־כתב אויף אַ צווייטן. ווי נאָר דער מסחר האָט זיך צעבליט אויף די וועגן האָבן שוין פינדיקע קעפּ אויסגעקלערט די אויסטערלישע זאַכן. איין קבצן האָט אָנגעהויבן דערגיין וואָס מיטן אַנדערן האָט אַמאָל פּאַסירט. נאָכן וויסן יענעמס סודות האָט מען שוין במילא געקענט באַקלערן, וויאַזוי מען קען פון זיי ציִען נוצן. אַמאָל האָט זיך געמאַכט אַז איינער פון די וואַנדערער איז געווען אַ בן־הרב אָדער אַן אייניקל פון אַ גרויסן גאון — האָט מען בײַ זיי געדאַרפט דערגיין די סימנים זייערע אויפן גוף וואָס זענען פאַרבאָרגן און די טרעפּעכצער וואָס האָבן מיט זיי געטראָפן אין די קינדעריאָרן. שפּעטער האָט מען געקענט אַוועק־פאָרן אין די ווײַטע מקומות, ווו דער דאָזיקער רב אָדער גאון איז געווען באַקאַנט — און מען האָט געקענט באַקומען שענערע נדבות מיטן אָנגעבן זיך אַלס פלוני ופלוני. טייל זענען געווען גרייט אויסצוזאָגן זייערע סימנים פאַר אַ גוטן חפץ און בײַ טייל האָט מען עס געמוזט אַרויסציִען פון דער צונג מיט ערמה. נאָר אַזעלכע פאַלן האָבן זיך פאָרט געמערט פון טאָג צו טאָג.

די באַדערפעניש פון אורחים, וואָס וואַנדערן איבער דער מדינה, זענען זייער קליינע און דאָך זענען זיי פאַר אָרעמעלײַט זייער גרויס געווען. עס האָבן זיך געטראָפן אַזוינע קבצנים וואָס מחמת זייער יאוש און עלנטקייט האָט דאָס פלעשל בראָנפן נישט געטאָרט אויסגיין פון זייער זעקל. וויבאַלד נאָר זיי האָבן נישט געהאַט קיין שלונג משקה זענען זיי גרייט געווען אַלץ פון זיך אַראָפּצופאַרקויפן. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן צו אַלערליי קליינע תאוות, מיט וועלכע זיי האָבן דערפרייט דאָס האַרץ און דעם גוף. היות ווי דאָס איז געווען זייער איינציקער תענוג, זענען זיי צו דעם געבונדן געוואָרן און אַלץ געטאָן בכדי זייער פאַרלאַנג צו דערגרייכן. האָבן זיך אפילו געטראָפן אַזעלכע נע־ונדניקעס וואָס האָבן פאַרקויפט פאַר אַ גלעזל ווײַן דעם שכר פון אַ דאַווענען און פרק משניות. די וואָס זענען נאָך געווען גרעסערע מרי־נפש האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַרן פאַרוואַנדלען זייער חלק לעולם הבא, אָדער די באַהאַלטנסטע סודות פון זייער אַמאָ־ליק לעבן. סײַ ווי איז אַלצדינג געווען אָפּגעמעקט און פאַרפאַלן. זינט זיי האָבן גענומען צ׳ען די חיונה פון אויסשטרעקן אַ האַנט און פוז אַן אומפאַרשעמטן שטערן, איז זיי מער נישט אָנגעגאַנגען וואָס פרי׳ער איז געווען. זיי זענען געווען פאַרביטערט און צוזאַמען מיט דעם אויך הפקר און פריילעך. היום כאן ומחר בהקדש. איז גוט וואָס עס טרעפט זיך נאָך אַ היימישער בעטלער וואָס דערלאַנגט אויף אַ זופּ בראָנפן מיט אַן אייער־קיכל. אַזעלכער ווערט באַלד אַ גוטער ברודער און באַקומט די שליסלען צום נעכטן און צום מאָרגן זייערן. וואָס איז דאָ פאַראַן צו היטן און צום אויסבאַהאַלטן ? וואָס צו פאַרלירן איז נישטאָ און אַז מען כאַפּט אַרײַן אַ חיי שעה וועט עס קיינער שוין פון מאָגן נישט אַרויס־גנעמען. איז נישט קיין וווּנדער וואָס די דאָזיקע מדות האָט איינער אָפּ־געלערנט פון צווייטן.

— 2 —

געטראָפן האָט עס אויפן מיטן וועג, נישט ווײַט פון אַ וועלדל, ווען אַ גאַנצע כאָפּטע אָרעמעלײַט האָבן זיך אָפּגעשטעלט דאַווענען, כּכדי צו קענען איבערכאַפּן אויפן ניכטערן האַרץ. זינט זיי זענען קבצנים

האָבן זיי זיך שוין געטון אָנגעהערט און אָנגעזען, אָבער דאָס וואָס עס איז געשען אין יענעם פרימאָרגן איז באמת געווען אַ גרויס ווונדער וואָס טרעפט זיך זעלטן.

מיט זיי צוזאַמען האָט זיך מיטגעשלעפּט אַ שטילער, הויך־געוואקסענער יינגערמאַן, וואָס האָט מער געשוויגן ווי גערעדט. טייל־מאָל האָט זיך געמאַכט און די צונג האָט זיך אים אויפגעבונדן. דאַמאָלסט האָט ער געקענט אויסשעלטן די גאַנצע וועלט, בפרט איר ווייבערישע טייל. נאָך דערנאָך איז ער ווידער אָנטשוויגן געוואָרן אויף לאַנגע שעהן און טעג. צוגעטשעפּעט האָט ער זיך צו זיי בײַם אַרויסגיין פון עפּעס אַ שטעטל ווו זיי האָבן קיין גרויס הצלחה נישט געהאַט. זיי האָבן באַלד אײַנגעזען אַז דאָס איז גאָר אַ גרויסער שלימזל, וואָס טויג זיך נישט אויס צו דעם דאָזיקן לחמא עניא. האָט מען באַלד פון אים גענומען טרײַבן קאַטאָוועס און דאָך האָט זיי אַרומגענומען אַ רחמנות צו זײַן קינדערישער אומבאַהאָלפנקייט. ס׳איז נישט געווען קיין איינציקער טאָג אין וועלכן ער זאָל זיך קענען אַליין טאָן אַן עצה. דעריבער האָט יעדער אָרעמאַן געפונען פאַר זײַן חוב יענעם אַרויסצוהעלפן. ווען איינער האָט געהאַט אַ פול זעקל ברויט האָט ער אויך דעם הויכן דערלאַנגט אַ חלק, זאָל ער עסן און הנאה האָבן דערפון וואָס אַ קבצן קען אויך אַמאָל ג ע ב ן. און טאָמער האָט אַ צווייטער באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ שטיק געטריקנט פלייש האָט ער אויך דעם הויכן דאַרן אָרעמאַן נישט געלאָזט צוזען מיט מאָנענדיקע אויגן ווי ער עסט. זאָל ער אויך וויסן פון עפּעס גוטס אויף גאָטס וועלט. ס׳איז געווען אַ צער צוצוזען, וויאַזוי דער דאָזיקער בטלן באַהאַלט אין זיך די יסורים און זיי האָבן ממש געמוזט לינדערן אַביסל זײַן צוגעדעקטן ווייטיק. דערפאַר האָבן זיי אים אויך געלאָזט מיטוואַנדערן מיט זיי, כאָטש ער איז כסדר געווען אויסער זייער בעטלערישן יריד און טומל.

געשמועסט האָט מען אַז ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, הגם זײַן באָרד איז געווען לאַנג און זיך ווייך געצויגן ביזקל דעם גאַרטל. מען האָט אויך דערקענט אַז ער מוז זײַן אַן איידל קינד פון דער היים און קליינער־הייט האָט מען אים מסתמא נאָכגעגעבן דאָס טעלערל פון הימל. נישט מער, וואָס דער פאָטער איז בײַ אים קליינערהייט אָפּגעשטאָרבן און די־

מוטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שלעכטן אָבער רײַכן ייִד. די מוטער אַליין האָט אים אויך געוואָלט פּטור ווערן וואָס גיכער און דערפֿאַר האָט זי אים חתונה געמאַכט מיט אַ געפערלעכער מרשעת וואָס האָט אים געגעבן דאָס גיהנם צו זען נאָך אויף דער וועלט, טאָג ווי נאַכט. דערנאָך האָט זי בײַ אים צוגענומען וואָס ער האָט נאָר געהאַט און אים אַרויסגע־טריבן. פֿון דאַמאָלסט אָן טאַקע דרייט ער זיך אַרום אויף גאָטס וועלט ווי אַ פֿאַרלוירענער און נישט־היגער.

וואָס מער דער יונגערמאַן האָט געשוויגן אַלץ מער האָבן די מחנה בעטלער אים גענומען מקרב זײַן. מען האָט זיך דערוווּסט בײַ אים, אַז ער הייסט יאַקאָב און אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ גוט קעפּל צום לערנען. אין איינער פֿון די שטעט, דורך וועלכער זיי האָבן אַמאָל פֿאַרבײַגעצויגן האָט ער זיך צוגעזעצט צו אַ שטענדער און געלערנט מיט אַ קול, אַז דאָס האַרץ איז צעגאַנגען. עטלעכע בעלי בתים זענען דווקא צו אים צוגעגאַנ־גען און געוואָלט בײַ אים וויסן וואָס און ווען. נאָר ער האָט זיך דערפֿון אַזוי צעוויינט, אַז עס איז גלײַכער געווען אים צורו צו לאָזן. נאָר קיין תּכלית פֿאַר אַזאַ יונגנמאַן איז עס פֿאָרט נישט. ובכן האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט עטלעכע חוצפּהדיקע שנאָרער און זיך בײַ אים געבעטן:

— יאַקאָב... דו זאָג אונדז נאָר ווו עס געפֿינט זיך דײַן קליפּה אָדער דײַן מאַמע די מרשעת! מיר וועלן זיי שוין אויסזוכן און דאַן וועלן מיר זיי געבן די וועלט צו זען...

נאָר יאַקאָב האָט אָפּגעווענדעט זייער צעקאָכטקייט מיט אַ ציטער־דיקן האַנט־טרייסל:

— חלילה... מען דאַרף נישט! ס'איז נאָך נישט די צײַט דערויף...

אַז מען שמועסט פֿון אַ בטלן איז דאָך נישט שייך צו זאָגן.

אין יאַקאָבן האָבן די פֿאָר מדינה־גייער ביסלעכווײַז גענומען דער־זען זייער אייגענעם, געפּלאָגטן גורל. אים האָט באַוולהט די מוטער און זיי האָט געטאָן אַן עוולה דער פֿאָטער אין הימל. וואָס איז די נפקא מינה? זיי האָבן אים גענומען אַרויסווײַזן גרויס זאָרג און טייל האָבן זיך פֿון אים נישט אָוועקגערירט, סײַדן ווען מען איז געגאַנגען איבער די הײַזער.

איינער פון זיי האָט אַפילו געהאַט אַ וואָזשנעם אײַנפאַל מיט וועלכן ער האָט יאַקאָבן געמאַטערט:

— הערסט ברודער, מ י ר מעגסטו זאָגן דעם אמת! דו זאָג מיר נאָר ווו דײַן קליפּה ווינט — און איך וועל דיר אויסאַרבעטן אַ גט מיט אַ שיין ביסל מזומנים אַלס צולאָג. פֿאַרלאָז זיך נאָר אויף מיר! דערנאָך האָסטו נישט וואָס צו זאָרגן. איך אַליין האָב אַ בתולה — זי שוינקייט אַליין! טאַקע פֿאַר איר פֿאַר איך עס קלײַבן אַ נדן... איז וויבאַלד דו האָסט נאָר דעם גט, גייען מיר צום רב און שוין. וואָס דאַרפֿסטו זיך דען אַרומפּלאָגן?

דער שטילער יאַקאָב האָט דאָסמאָל באַוויזן ווי שטאַרק ער קען בייז ווערן. ער האָט אַפילו באַקומען אַ שאַרף לשון אויך:

— ייִדן! איך בעט אײַך, ייִדן, פּײַניקט מיך נישט! איך וועל זיך מוזן אָפּשיידן פון אײַך אויך, ווי איך האָב זיך אָפּגעשיידט פון אַנדערע מחנות... פֿאַרוואָס זאָלט איר מיך טרײַבן?

און עס איז פֿאַר אַלעמען אַזוי ווי פּלוצים קלאָר געוואָרן, אַז עס איז פֿאַר זיי אַ גרויסער זכות וואָס ער גייט מיט זיי, הגם קיינער ווייסט נישט פֿאַרוואָס. פון זײַנע אייגענע רייד האָט מען עס אַרויסגעשפּירט. ער וו אָ ר נ ט מיטן אַוועקגיין! איז זיי מוראדיק אַ שאָד געוואָרן און זיי האָבן שוין צוגעזוגט אַז קיינער זאָל אים נישט דערקוטשען צום ווייפלטן מאָל מיט די זעלבע שאלות. בלויז ווען זיי זענען געקומען אין אַ ייִדישער שטאָט איז ער פֿאַרגעסן געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען אַז ער אַליין מאַכט עס בכיוון אַזוי. יעדער פון זיי האָט אין זינען געהאַט, וויאַזוי אַרומצוכאַפּן דאָס גאַנצע מקום און דערפֿאַר קיין צײַט נישט געהאַט צו יאַקאָבן. ער אַליין איז אויך געגאַנגען איבער די הײַזער, נאָר ער האָט זיך נישט געאַבּלט. ער האָט געשפּרײַזט פּאַמעלעך און פֿאַרקוקט זיך אויף יעדן פּייגעלע באַזונדער, אַזוי אַז ער האָט קיין איינציק געסל נישט באַ־וויזן אַדורכצוגיין און ער איז געבליבן מיט ווייניק מטבעות. דאָס האָט אים כמעט נישט געאַרט. ער האָט גאַרנישט געקויפט און גאַרנישט באַ־דאַרפֿט. עס איז אַ סברא, אַז אויך פון זײַנע געציילטע פּרוטות האָט ער אָפּגעשפּאָרט געלט, הגם קיינער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס — און ער האָט אויך קיינעם נישט געוואָלט זאָגן.

איינמאָל האָט אַפּילו געטראָפן אַז עס האָבן פאַרבײַגעצויגן עטלעכע בוידן מיט סוחרים און פון דאָרט איז איינער אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ צעהיצטן שטערן גלײַך אויף יאַקאָבן:

— ביסטו נישט אַמאָל יאַקאָב, דער זון פון יהודה לייבן און דער שטיפזון פון ר׳ נח מפּין?

אָבער יאַקאָב האָט געצויגן מיט די אַקסלען, גלײַך ווי ער וואָלט נישט געוווּסט וואָס מען רעדט צו אים. דערנאָך האָט ער יענעם תמעוואַטע אַ פרעג געטאָן: ווער איז עס דער ר׳ נח? דערפון האָט יענער פאַרלוירן דאָס לשון, נאָכאַמאָל זיך אײַנגעקוקט אין יאַקאָבס פּנים און זיך פאַר־שעמט צוריקגעצויגן אויף דער בויד אַרויף. ערשט בײַם זיצן אינעווייניק צוזאַמען מיט זײַנע חברים האָט ער זיך נישט געקענט שענקען:

— אַזאַ מין ענלעכקייט! ווען נישט די באָרד וואָלט איך געגאַנגען שווערן בנקיטת חפץ, אַז דאָס איז דער צעדרייטער יאַקאָב פון ליסע, מרימס מאַן...

נאָר מדינה־גייער זענען שוין געוווינט צו טעותים פון דעם מין און עס איז זיי נישט געווען קיין חידוש וואָס לוינט זיך צו געדענקען. טייל פון זיי האָבן זיך נאָר שפּאַס געמאַכט:

— דו זעסט יאַקאָב? האָסט נישט קיין מזל... מען האָט דיך שוין געוואָלט מאַכן פאַר אַ גביר און דיך אַרויפצוזעצן באַזאַמען מיט אַלע סוחרים, נאָר דו האָסט אַליין קאַליע געמאַכט. האָט יענער חרטה געקריגן אין דער לעצטער מינוט און דו ביזט ווײַטער געבליבן אַ שנאָרער...

אַלע האָבן געלאַכט פון דער חכמה אויסער יאַקאָבן וואָס האָט זיך נאָך מער אָנגעכמורעט, גלײַך ווי ער וואָלט ערשט איצט דערזען זײַן פינצטער מזל. האָבן אַלע געזען בחוש אַז מיט אים איז גלײַכער נישט צו מאַכן קיין הלצהלעך. וואָס שײַך אַנדערע זאַכן איז מיט יאַקאָבן נישט געווען וואָס צו טאָן. ער האָט קיינמאָל קיין בעטלערישע מסחרים נישט גורם געווען און מען האָט מיט אים נישט געקענט פירן יענע בעטלערישע שמועסן, פון וועלכע מען האָט טאַקע גאַרנישט און דאָך פאַרשאַפן זיי גרויס הנאה. עטלעכע מאָל האָט מען נאָר געזען אַז יאַקאָב הערט אויס זייערע שמועסן מיט אָנגשטעלטע אויערן. ס׳האָט געוויזן באַשיינפּערלעך

אַז ער ווערט מיטגעצויגן מיט די רייד. דאָס איז געווען דאַן ווען די בעטלער האָבן דערציילט אַלערליי מעשהס פון שלעכטע ווײַבער וועלכע זיי האָבן אָנגעזען אין זייער לעבן סײַ בײַ זיך און סײַ בײַ פרעמדע. בײַ אַזעלכע שמועסן האָט זיך יאַקאָב צוגערוקט נענטער און געוואָלט אויס־הערן וואָס מער פּרטים. ער איז כמעט צופרידן געווען וואָס אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַ סך מרשעתן וואָס פאַרביטערן זייערע מענער דאָס לעבן. צרת רבים חצי נחמה — און דאָס באַווײַזט אַז ער איז נישט דער איינציקער שלימזל. גרעסערע חכמים פון אים האָט אויך געקענט טרעפן דאָס זעלבע. ער איז דערבײַ אַרײַנגעפאַלן אין אַ התלהבות, גענומען שיטן מיט פּסוקים און גמרות וואָס באַווײַזן, אַז נשים בכלל זענען נישט אַזאַ וואַזשנער מין ווי זיי ווילן זיך פאַרשטעלן.

איבערהויפּט איז ער מלא שמחה געווען ווען ער האָט געהערט דער־ציילן פון אַזעלכע מענער וואָס זענען גאָרנישט שולדיק געבליבן פאַר זייערע עוולות. געווען יידן פּקחים וואָס האָבן די ווײַבער זייערע אָפּגעדאַנקט מיט אַזויפיל קלוגשאַפט, אַז די ווײַבער האָבן דאָס גאַנצע לעבן חרטה געהאַט אויף זייערע רשעותן. עס איז אָבער שפּעט געווען און זיי האָבן דערמיט בלויז אָנגעשראָקן די אַנדערע אַז זיי זאָלן געהיטן זײַן, וויבאַלד זיי קענען לעבן רויִק מיט זייערע מענער. אַזוי, האָבן יענע נקמה גענומען! יאַקאָבס פּנים האָט זיך צעשטראַלט אַזוי ווי ער אַליין וואָלט די מעשה מיטגעלעבט און ער זעט זי פאַר די אויגן. זײַנע רויטלעכע ליפּן האָבן זיך געסמאַ־קעוועט פון פאַרגעניגן, גלײַך ווי ער וואָלט פון זיי אָפּגעלעקט דעם זיסן נקמה־טעם:

— אַזוי.. .האָט ער טאַקע אַזוי פּשוט גענומען נקמה און זי אָנגעג־לערנט? אוי וויי...

קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דער הויכער, פרומער מאַן צערטלט אַזוי די ווערטער פון נקמה, בעת ער אַליין וויל נישט אָנ־געבן דאָס אָרט פון זײַן זרש, בכדי עס זאָל אויף איר קיין שטויבעלע נישט פאַלן. אַזאַ צעקראָכענע בריאה איז נישט מסוגל צו לערנען דרך ארץ אַ שלעכט ווײַב, מחמת דעם אפשר פאַלט ער אַליין אין אַזאַ התפּעלות בײַם הערן אַז אַנדערע קענען עס יאָ... איז מיט אים נישטאָ וואָס צו רעדן. עס וויל מיטגיין? זאָל ער! ער וויל בלײַבן אַ שנאָרער דאָס גאַנצע

לעבן? זכה לו! ער וויל נישט האָבן אַפילו דאָס וואָס דער מינדסטער קבצן האָט אין זײַן לעבן? מהיכי תיתי... עס זענען דאָ בילכערע דאגות. נאָר דאָס האַרץ רײַסט פאָרט צוזעענדיק, צו וואָס פאַר אַ מעמד ער איז דערגאַנגען. די בעטלער איז אפילו נישט געקומען אויפן רעיון אַז מיט יאַקאָבן קען פּאַסירן אַזוינס, פון וועלכן עס וועט זײַן אַ סך צו רעדן. ערשט אין מיטן וועג איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז מיט אים איז נישט אַזוי פשוט די מעשה.

— 3 —

די כאַפּטע האָט זיך אָוועקגעזעצט אין אַ האַלבן בויגן אויפן גראָז און זיך געגרייט צו דער פרימאָרגן־סעודה. פון די שווערע זעקלעך האָט יעדער איינער געצויגן וואָס עס איז נאָר אונטערגעקומען: אַלט ברויט, ציבעלע, ציינדלעך קנאָבל און האַרטן קעז. יעדער איינער האָט זיך גע־וואָלט אויספּײַנען מיט זײַן בריהשאַפט און מיט דעם וואָס ער האָט באַוויזן אָנצוזאַמלען אין דער פריערדיקער שטאָט. קודם כל האָט מען דערמיט געקענט צוגעבן מער באַגלויבטקייט צו די ווונדערלעכע מעשהס וואָס יעדער האָט געהאַט צו דערציילן וועגן זיך. אויסער דעם האָט דאָס געדאַרפט רייצן דעם אַפּעטיט פון די אַנדערע און דאָס איז דער ערשטער וועג וויאַזוי אויסצוהאַנדלען די אָנגעקריגענע מציאות.

אינעם גליקלעכן האַרמידער האָבן זיי אַזוי ווי נישט באַמערקט, אַז יאַקאָב שטייט נאָך אַלץ בײַ אַ בוים און דאַוונט מיט כוונה די שטילע שמונה עשרה. אַלע האָבן זיך באַנוגנט דערמיט וואָס איינער האָט יאַקאָבן געוואָרנט ער זאָל מאַכן גיכער, ווײַל מען דאַרף אפּעסן און גיין ווײַטער. נאָך הײַנט בײַנאַכט טיילט מען אויס פון אַ צדקה־פּושקע אין אַ דער־בײַאיקער שטאָט און זיי ווילן צוליב אים נישט פאַרשפּילן די געלעגנ־הייט. ער קען גאָר גורם זײַן אַז זיי זאָלן אים דאָ מוזן איבערלאָזן.

פלוצים האָבן זיי מיט זייער שאַרפן געהער אויפגעכאַפּט אַ זינגענ־דיק קול וואָס האָט זיך לוסטיק דערנענטערט צו זיי פון דערבײַאיקן וועלדל. באַלד האָט זיך טאַקע פון דאָרט אַרויסגערוקט אַ הויך געשטאַלט מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. מען האָט נישט געדאַרפט פאַרלירן קיין

האַלבע רגע בכדי צו פֿאַרשטיין אַז דאָ קומט אָן נאָך איינער פֿון דער חברה, וואָס גייט גראָד אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. עס איז אָבער גוט צו זען אַזאַ פּנים חדשות. קודם כל וועט מען פֿון אים הערן אַ ביסל פֿרישע נייעס פֿון יענע שטעטלעך וווהין מען גייט איצט; והשנית קען אַזעלכער האָבן אַ היפּש ביסל הפֿצים צום פֿאַרמסחרן. אַלע האָבן זיך אַ ריס געטאָן בכדי אים אַקעגנצולויפֿן די ערשטע, אָבער ווען דער פֿרעמדער האָט זיך געוויזן פֿון דער נאָענט — איז זיי דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַרײַן פֿון גרויס וווּנדער און שרעק:

— י אַ ק אָ ב !

זיי האָבן אַ וואָרף געטאָן די אויגן צו דער זײַט פֿון בוים ווו אַ שאָטן איז געשטאַנען און זיך פֿרום געשאָקלט. דאָרט אין יענער זײַט שטייט ז יי ע ר יאַקאָב און נעמט געלאַסן פֿון זיך אַראָפּ די תּפֿילין. זײַנע ליפּן זענען נאָך אַלץ נישט פֿאַרטיק מיט די רעשטלעך זאָגעכץ פֿון דאַווענען און ווער ווייסט אויב ער וועט אַמאָל פֿאַרטיק ווערן... צום סוף קומט גאָר אָן אַ צווייטער פֿון דער אַנדערער זײַט מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, אַ פּרײַלעכער, אַ צעהוליעטער, אַ צעזונגענער!

מדינה־גייער זענען נישט קיין צעשראָקענע חדר־ייִנגלעך. זיי האָבן שוין עפּעס געזען אין זייער לעבן! דאָך האָבן זיי דאָ געוואָלט אויפֿהייבן אַ געשריי, כאַפּן די פּעקלעך מיט די זעקלעך און אַנטלויפֿן פֿאַר פּחד. ס'איז דען געהערט געוואָרן אַזוינס? מעשה כּשפֿים! אָט שטייט ער, איינער און דערזעלבער, מיט אַ דערשראָקן, צעווייטיקט פּנים און דאַוונט... און אָט גייט ער גאָר, קומט אָן פֿון דער צווייטער זײַט מיט אַ מחיהדיק זמרל אויף די ליפּן! דוכט זיך אַז צוויי מענטשן און דאָך איז עס גאָר איינער... נישט אַנדערש נאָר מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ כּישוף־מאַכער, אַ לץ, אַ שד פֿון תּוהו ובוהו — וואָס האָט זיי פֿאַר־נאַרט אַהער אין וואַלד אַרײַן, בכדי זיי מזיק צו זײַן ווי דער שטייגער איז בײַ אַזוינע...

נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט צו לויפֿן. די שרעק האָט זיי אויך געליימט די אבֿרים און עס איז גוט באַקאַנט, אַז אַזעלכע לײַט טאָר מען גאָר קיין פּחד נישט אַרויסווײַזן. זיי האָבן דערפֿאַר בלויז אָנגעקוקט דעם וואָס האָט זיך צו זיי דערנענטערט מיט אַ חוזק־שמייכעלע און דאָס איינ־

ציקע ווארט וואס אלע צוזאמען האבן נאכאמאל געקענט ארויסברענגען פון זיך איז געווען מיט מער געשריי און מיט מער שטוינונג: יאקאב!!!

ס׳איז זיי אפילו אוממעגלעך געווען זיך אומצוקוקן און זען וויאזוי זייער יאקאב האט געכאפט א בליק אויפן אנקומענדיקן און זײַנע הענט האבן זיך גענומען טרייסלען פון אימה. ער איז געווארן מוראדיק בלאס און נישט ארויסגעלאזט דאס תפילין־בײַטעלע פון די הענט ארויס. דער פרעמדער האט זיך גארנישט געמאכט פון דעם שטילן טומל וואס האט זיך געווארפן אין יעדנס אויגן. ער איז געווען א נישקשהדיק־שיין ביסל בגילופין, ווײַל זײַנע פיס האבן עטוואס געפלאנטערט אין די טריט און ווען ער איז צוגעקומען גאר נאנט צו דער חברה האט ער זיך בלויז גע־ווונדערט הויך אויפן קול:

— פון וואנען ווייסט איר שוין וויאזוי איך הייס, נאך איידער כ׳האב עם געזאגט?

קיינער האט אים קיין ווארט נישט אפגעענטפערט און ער האט זיך ראפטום געכאפט אז דא האט מען פאר אים מורא. האט ער זיך דערפאר פריילעך צעשריגן:

— אוי, יידן, יידן! זענט איר פחדנים! איר זענט קיין עין־הרע א גאנצער מנין און איך בין נאר איינער, פונדעסטוועגן האט איר פאר־לוירן דאס לשון פון שרעק... והשנית, ווער בין איך דען? אן ערל אפשר? א גזלן? איך בין דאך נאר אן ארעמער בדחן אויף רײַכע חתונות... האם־דאם־דים־דאם...

פון זײַן לציש זמרל און דיבורים האבן די זיצנדיקע שנארער באקו־מען מער לעבן אין די אברים. זיי האבן זיך איבערגעקוקט און אפגעהאלטן ישוב־הדעת מיט די אויגן אויב מען זאל זיך ארײַנלאזן מיט אזא נפש אין דיבורים, אדער בײַ א כשוף איז אפשר גלײַכער ווען מען עפנט נישט דאס מויל. דער פרעמדער האט דערווײַל געזען, אז דארט שטייט נאך עמעצער און ער האט א ווארף געטאן די שרפנדיקע אויגן צו יענער זײַט בוים. ער האט דערבליקט דעם צעשראקענעם יאקאבן און דערפון איז ער אזוי איבערראשט געווארן, אז ער האט פארגעסן אין דער גאנצער מחנה.

ער האָט זיך צוגעלאָזט צו יענעם מיט אַן איבערגעשראָקענעם און לוסטיק־ווילערישן רעש:

— אויוויי, וועמען זע איך דאָ? טאַקע מיך אַליין! ער איז דאָך דאָ, דער שמעלקע תם! ווי צו דעם וואָס מיינע אויגן זעען! אַזאַ גולם טראָגט גאָר מײַן פּנים... איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!

ער איז צוגעלאָפן צום פאַרחלשטן יאַקאָב און אים גענומען רײַסן בײַ די הענט:

— דו הערסט? אָדער ד ו טוסט אויס מײַן באָרד מיט דער נאָז — אָדער איך! ביידע קענען מיר זיך דאָך אַזוי נישט אַרומדרייען אויף דער וועלט, סײַדן אַז דו קלערסט אויפהערן צו זײַן אַ טפּש... עמעצער קען דיך נאָך דערזען און מ י ר מאַכן אַ שם, אַז איך בין עובר ובטל געוואָרן... מער פעלט מיר נישט צום שלימזל!

פון דעם פרעמדנס מענה לשון זענען די בעטלער געקומען צו זיך און אויפגערודערט געוואָרן:

— האַ, דערשראָקן זיך... צום סוף ווײַזט זיך אַרויס אַז דאָ איז נאָר אַ פּשוטע זאַך; די אמתע שני יוסף בן שמעונס! עס איז בלויז אַ געלעכטער וויאַזוי זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן. דאָ קען זיך מאַכן גאַנץ לעבעדיק און לוסטיק...

זיי האָבן זיך שוין געוואָלט אויפהויבן פון די ערטער און צולויפן צו די צוויי לײַט, נאָר די לעצטע רעשטן פון זייער פריִערדיקער שרעק האָט זיי נאָך צוריקגעהאַלטן. וואָס ווייסן זיי? צי האָט דער לץ נישט באַשלאָסן זיי נאָך טיפער אַרײַנצוציִען אין זײַן קאַטאָוועס און דערמיט זיי נאָך מער אַרײַנגנאַרן אין זאַק? וויייניק מעשהס האָבן זיי זיך אָנגע־הערט פון לצים, שדים, רוחות און נישט גוטע — וואָס האָבן אַלערליי קונצן דורך וועלכע זיי ציִען אַרײַן מענטשן אין דער נעץ? דער גאַנצער כח פון אַזעלכע לאפּיטוטן ליגט אין זייער ליצנות. דעם גאַנצן כח החיות ציִען זיי נאָר פון די מענטשן וואָס האָבן ה נ א ה פון זייערע לציש־קייטן און בלײַבן אין זייער שליטה. דאַרף מען זיך היטן, טאָר מען נישט אַרויסשפּרינגען איידער וואָס און ווען . . .

נאָר דער פריש־געקומענער האָט שוין געפּאַקט זײַן קרבן. ער האָט

יענעם אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן, זיך געוווּנדערט און געפֿרעגט בנשימה אחת:

— וויאַזוי הייסטו?

דער פּריערדיקער יאַקאָב האָט אַרויסגעמורמלט חשדיק:

— יאַקאָב...

דער פּרעמדער האָט אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך פֿון גרויס התלהבות:

— אַזוי! אַפילו דעם נאָמען מײַנעם האָסטו אויך צוגענומען! וואָסזשע לאָזטו פֿאַר מיר?

אויף יאַקאָבס שטערן האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שווייס, אָבער דער פּרעמדער האָט זיך גאָר אויסגעדרייט צו דער קופּע בעטלער און אויסגע־שאָסן מיט אַ גרויס געלעכטער:

— אוי־ווײ, ייִדן! איך זע ווי איר ציטערט און איך בין נישט קיין גזלן וואָס זאָל ציִען בײַ אײַך די עצמות... דערפֿאַר וועל איך אײַך דערציילן די גאַנצע מעשה. געווּנג זיך נאַריש געמאַכט פֿאַר אײַך און דעם אמת מעג איך סײַווי זאָגן.. נישט איר קענט מיר קריכן אין דער פּרנסה און נישט איך האָב פֿאַר אײַך מורא...

די דרײַסטערע שנאָרער האָבן זיך דערנענטערט צום אים. זעענדיק אַז ער שלינגט קײנעם נישט אײַן, האָבן זיך אויך די אַנדערע צוגערוקט. דער נײַער יאַקאָב האָט נישט געוואַרט אויף קיין כיבודים נאָר אַרויסגע־צויגן פֿון זײַן טאָרבע אַ פֿלעשל משקה און פֿון דאָרט געגעבן אַ שאַרפֿן צי מיטן באַוואָנסעטן מויל. דערנאָך האָט ער אַ רוף געטאָן דעם פּריערדיקן יאַקאָב מיט אַ האַנט און יענער האָט פּחדימדיק געפֿאָלגט. ערשט ווען זיי זענען געשטאַנען איינס קעגן דעם צווייטן האָט מען געזען דעם חילוק. זייערע הויכן זענען געווען גלײַכע און אויך די פּנימער מיט די בערד האָבן זיך נישט אָפּגעשיידט איינס פֿון דאָס צווייטע. בלויז בײַ איינעם האָבן פֿריילעך אַרויסגעווונקען אַ פּאָר העלע אויגן, בעת בײַם צווייטן זענען זיי פֿול געווען מיט שוואַרצער מרה שחורה; בײַ איינעם זענען זיי געווען שטיקער ליכטיקע עזות און בײַם צווייטן — צווי באַ־לעמס מיט טונקעלער הכנעה. אַז מען האָט דאָס געזען איז שוין אויך אויסגעקומען, אַז די גאַנצע ענלעכקייט איז נאָר למראית עין. מען דאַרף

זיך נאָר גוט אײַנקוקן און מען דערזעט אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע מענטשן...

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. איצט איז שוין דער פרעמדער געוואָרן דער זעלבער מדינה־גייער וואָס אַלע אַנדערע און עס איז נישט געווען וואָס צו צערעמאָניעווען זיך מיט אים. ער אַליין האָט עס אויך נישט געוואָלט. ער האָט גייטיק באַדאַרפט אַ צײַנדל קנאָבל און עטלעכע הענט אויפֿאַמאָל האָבן עס אים דערלאַנגט. האָט ער זיך אָפּגעשוועקט די הענט אין קליינעם טײַכל דאַנעבן און זיך גענומען מיט אַפּעטיט צו דער סעודה. דערבײַ האָט ער זיי דערציילט אַזעלכע נסים פֿון וועלכע זיי האָבן אויפֿגעשטעלט די אויערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז אַ לץ וואָס מ׳זעט גאָרנישט זײַנס־גלײַכן. ער לעבט דערפֿון, וואָס ער מאַכט פֿריילעך אַף רײַכע חתונות מיט זײַנע ווערטלעך און קלוגע אײַנפֿאַלן. אויב זיי אײַלן זיך נישט, קען ער זיי באַלד באַווײַזן וואָס ער קען. אָט, למשל, זאָל נאָר עמעצער אַרויסרעדן אַ פּאָר ווערטער און ער וועט זיי תּוך כּדי דיבור אַרויסרעדן מיט יענעמס קול און קיינעם וועט נישט אײַנפֿאַלן אַז דאָס איז נאָכגעמאַכט... ער קען נאָכקומען נישט בלויז דאָס קול און נאָר אויך אַלעמענס העוויות און פּנימער. ער קען ברומען ווי אַ לייב, צוויטשערן ווי אַ פֿויגל און בילן ווי אַ הונט. נישטאָ קיין זאַך, וואָס ער זאָל נישט קענען — אויסער פֿאַרדינען אויף פּרנסה. וואַנדערט ער מיט זײַן קונציקייט און געפֿינט פֿון דעם מחיה פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן פֿרוי מיט קינדער... יאָ, זיי דאַרפֿן אַפֿילו וויסן אַז ד אָ ס איז גאָרנישט זײַן אמתע צורה. מיט אַ פּאָר טעג נאָר האָט ער געזען יאַקאָבן אין אַ שטעטל און אים איז געפֿעלן נאָכצומאַכן יאַקאָבן, מיט אַזאַ מין באָרד און אַזאַ מין צורה בכדי צו טרײַבן ליצנות אַביסל... זאָלן אַלע זאָגן אויב עס זעט נישט אויס ווי אמת! קיינער וועט גאָרנישט דערקענען, אַז ער אַליין טראָגט גאָר לגמרי נישט קיין באָרד, מחמת ער קומט אָפּט צווישן די ערלים. ער שפּילט פֿאַר זיי מיטן פֿאָרשטעלן ייִדן און מלכים. צוליב דעם דאַרף ער טיילמאָל זײַן מיט אַ באָרד און טיילמאָל אָן איר. עס זאָל אים נישט שטערן צו דער שפּיל...

די בעטלער האָבן פֿאַרגעסן אין דער גרויסער נדבה וואָס מען טיילט הײַנט אויס אין דער נאָענטער שטאָט, אַזוי שטאַרק האָט ער זיי פֿאַר־

כאַפּט מיט זײַנע רייד. ער האָט זיי אַלעמען אַזוי גוט נאָכגעמאַכט דאָס קול מיט דער מראה, אַז זייער אייגן װײַב װאָלט זיי נישט דערקענט... און די שפּאַטערײַען זײַנע האָבן געהאַט טויזנט טעם, אַז פון גרויס פריי־לעכקייט האָט זיך זיי נישט געגלוסט פון אים צו שיידן. אַפילו דער פאַרשלאָפענער יאַקאָב האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן פון געלעכ־טער. אַלע זענען שוין גרייט געווען אים צו בעטן אַז ער זאָל גיין מיט זיי. אוי, וואָלט ער זיי אַביסל פאַרזיסט דעם בעטלערישן וועג! נאָר יענער האָט זיי פאָרויס געזאָגט, אַז דאָס גייט ער איצט אויף גאָר אַ רײַכער שמחה וווּהין ער קען זיי נישט מיטנעמען. דערנאָך מוז ער גיין צו אַ גרויסן שררה באַווײַזן זײַנע קונצן, אויב נישט וועט מען זײַן װײַב תפוס נעמען. זיי דאַרפן אָבער נישט האָבן קיין צער. ער וועט זיי נאָך אויסזוכן, נאָר זיי מעגן וויסן, אַז בײַם צווייטן מאָל וועלן זיי אים אויפסנײַ נישט דערקענען. ער וועט דאַן טראָגן אַ צורה וואָס ער אַליין קען נאָך איצט נישט, נאָר ער וועט זיך געבן צו דערקענען. עס איז בײַ אים נישטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגן ווי לוסטיק מאַכן אָרעמעלײַט. פאַרן פריילעך מאַכן גבירים עסט ער ברויט, נאָר פאַרן אָנטאָן תענוג די קבצנים וועט שוין דער הימל מוזן באַצאָלן און ער האָט גרויס חשק צו אַ גרויסער פאַרציע עולם הבא...

דאָס גיין ווײַטער איז אָפּגעלייגט געוואָרן. דאָס עסן און לאַכן האָט אַלעמען צענומען און דער פרעמדער האָט זיי מבטיח געווען צו ווײַזן אַ קורצערן וועג, דורך וועלכן זיי וועלן נאָך באַווײַזן הײַנט צו קומען דאָרט ווו זיי ווילן. ער מוז זיך נאָר אַביסל צולענען אויפן גראָז, ווײַל ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און אויך דערפאַר וואָס דאָס כאַפּן אַ דרעמל אין פרישן פרימאָרגן שטאַרקט די כוחות. האָבן זיי אײַנגעזען אַז דער פרעמדער איז נישט בלויז אַ לץ נאָר אויך אַ בפירושער חכם. די נדבה וועט נישט פאַרלוירן גיין, אויב זיי וועלן גיין מיט אַ שעה שפּעטער — און אַ דרעמל טאָן אויפן זיסן גראָז קען מען טאַקע נישט שטענדיק. האָבן זיי זיך איינס נאָכן צווייטן אָנגעלענט אונטער די ביימער און זיך הויך צעשנאָרכט. נאָך גוט וואָס איינער פון זיי האָט געבעטן דעם תמעוואַטן יאַקאָב ער זאָל וואַך האַלטן איבער זיי ביז צום אויפוועקן זיך...

זייער שרעק האָט זיך ערשט ווידער געשטאַרקט ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט. די זון איז שוין געשטאַנען הויך איבערן הימל און ס׳האָט אויסגעזען אַז זי מאַכט חוזק פון זייער בעטלערישן שלאָף אין מיטן העלן טאָג. זיי האָבן זיך אויפגעזעצט, אויסגעצויגן די פאַרשלאָפענע אברים און געזוכט וויאַזוי אַרויסצוקריכן פון דער משונהדיקער שכרות וואָס זיי איז באַפאַלן. קיינער פון זיי האָט נישט געפעלט, בלויז זייערע ברויט־זעק זענען געווען צעעפנט און עס האָבן דאָרט געפעלט די גרעסטע שטיקער ברויט. נאָך איידער זיי האָבן צײַט געהאַט חושד צו זײַן איינער דעם צווייטן, האָבן זיי באַמערקט אַז דער פרעמדער לץ איז נעלם געוואָרן. מיט אים צוזאַמען איז אויך פאַרשוואונדן דער שווײַגנדיקער יאַקאָב מיט זײַן האַק און פּאַק. ס׳איז נישט געבליבן נאָך זיי דער מינדסטער שפּור און קיינער האָט נישט געהערט דעם מינדסטן גערויש בײַ זייער אַוועקגיין, כאָטש ס׳איז נאָר געווען אַ לײַכטער דרימל.

ערשט איצט האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז זייער ערשטער פּחד איז נישט געווען אומזיסט. דאָס האָבן זיי מיט זיך געפירט אַ לאַנגע צײַט דעם בעל דבר אַליין און נישט אָנגעהויבן צו וויסן. ער האָט זיי אַפילו גאָרנישט געקענט טאָן ווײַל זײַן צווייטע העלפט האָט זיך געוואַלגערט איבער אַנדערע מקומות. ערשט איצט האָבן זיךביידע שדישע העלפטן, די פריילעכע מיט דער טרויעריקער, ווידער געטראָפן און זיך צונויפגעפּאָרט פאַר זייערע אויגן. עס איז זיי נאָר נישט געווען באַשערט צו זען, וויאַזוי די צוויי לצים זענען אײנס געוואָרן אין דער לעצטער מינוט. קען זײַן אַז דאָס האָט ער אויף זיי אָנגעוואָרפן אַזאַ בלינד־מאַכנדיקן שלאָף. עס איז בײַ זיי אויך נישט געווען קיין שום ספק, אַז מיט זיי האָט פּאַסירט אַ גרויסער נס. ווער ווייסט וואָס פון זיי וואָלט געוואָרן, ווען נישט דעם הימלס רחמנות צו די אָרעמע פון זײַן פאָלק. זיי זענען געווען אינעם שאָדנווינקלס הענט און מער ווי מיט אַ געריבענע ברויט־זאַק זענען זיי נישט געניזוקט געוואָרן. קיין האָר האָט עס זיי נישט געקרומט! דאַרפן זיי אין דער נאָענטסטער שטאָט בענטשן גומל און ס׳איז גוט וואָס מאָרגן איז דאָנערשטיק און מען לייענט די תורה. ווער ווייסט אויב מ׳וואָלט גאַנצע נײַן קבצנים געגעבן עליות אין אַ שבתדיקן טאָג! צי וועט מען זיי גלויבן? מ׳האָט שוין די בעטלער פון לאַנג געקרוינט פאַר

ליגנער און מעשה־אויסקלערער... נאָר זיי וועלן זייערס סײַווי טאָן. דאַרפֿן זיי זיך טאַקע אײַלן און דערנאָך זיך צעשפּרייטן איבער אַלע בתּי מדרשים פֿון שטעטל. יאָ גלויבן אָדער נישט, אָבער ייִדן דאַרפֿן פּאַרט וויסן וועלכע נסים זײַן ליבער נאָמען באַוויזט נאָך הײַנט אין סאַמע מיטן פּעלד... און צו די וואָס ער באַווײַזט זײַן חסד — מעגן ייִדן אַוודאי אַרויסווײַזן אַ ברייטערע האַנט ווי די גמרא זאָגט: לערן זיך פֿון גאָטס מדות...

קאַפּיטל צען

— 1 —

ווי נאָר יאַקאָב מרימס האָט דערזען דעם משונהדיקן מאַן אָנקומען פֿונעם וועלדל האָט ער אָנגעהויבן פֿאַר אים מורא האָבן. דער דאָזיקער פּחד האָט זיך שוין פֿון אים נישט אָפּגעטון די גאַנצע צײַט. אָבער נאָך מער פֿון אַלץ האָט ער זיך געפֿילט פֿון אים צוגעצויגן. ווי נאָר עס איז אַוועק די ערשטע שרעק פֿאַר זײַן שדישקייט האָט דאָס צווייטע געפֿיל נאָך מער גובר געווען. אָט האָבן דאָך בײַ אים די פֿאַרביטערטע שנאָרער אויסגעגלײַכט די פּנימער און נישט אויפֿגעהערט צו שמייכלען און לאַכן! יאַקאָב מרימס האָט געוווסט, אַז אַזוי ווי יענער וועט ער שוין קיינמאָל מער נישט זײַן און דערפֿאַר האָט ער אים מקנא געווען, דאָס גרעסטע ווונדער אין יאַקאָבס אויגן איז געווען דאָס וואָס יענער האָט די זעלבע הויך, די זעלבע תּנועות און דאָס זעלבע פּנים וואָס ער. ער איז מיט גאָרנישט שענער פֿון יאַקאָבן און פֿונדעסטוועגן נעמט ער אײַן די הערצער ווי נאָר ער עפֿנט דאָס מויל. איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז נישט צוליב זײַן געשטאַלט האָט ער געליטן אַזויפֿיל צרות די גאַנצע צײַט. נאָר ער קען נאָך באַקומען זײַן תּיקון וויבאַלד ער וועט וויסן וויאַזוי זיך צו פֿירן. וועט אים כאַטש דער פֿרעמדער אויסזאָגן דעם סוד וויאַזוי?

אויסטערלישע מחשבות זענען דאַן באַפֿאַלן יאַקאָבן, וועלכע ער האָט שוין יאָרנלאַנג נישט געטראַכט. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין זײַן מרימען. בשעת אַלע בעטלער זענען געזעסן אַרום דעם פֿרעמדן און הנאה געהאַט פֿון זײַנע רייד, האָט אים יאַקאָב שאַרף געקוקט אין די אויגן

אַרײַן. ער האָט זיך נישט גאָר שטאַרק אײַנגעהערט וואָס יענער זאָגט, ווײַל דערבײַ האָט אים געמאַטערט אַ משוגענער געדאַנק: וואָס וואָלט זײַן מרים געזאָגט צו אָט דעם פּאַרשוין? ער האָט אַליין נישט געוווּסט פּאַרוואָס ער איז ראַפּטום בײַ זיך זיכער געוואָרן, אַז זי וואָלט דעם דאָזיקן מאַן פֿון זיך נישט געטריבן, הגם ער איז לויטן אויסזען דער זעלבער וואָס ער. די דאָזיקע טראַכטעניש האָט אים געפּײַניקט און דערבײַ אויך שטאַרק הנאה געהאַט. ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ווי נאָר ד ע ר וואָלט זיך געוויזן פֿאַר אירע אויגן, וואָלט זי פֿון אים צוגעצויגן געוואָרן פּונקט ווי אַלע מענטשן דאָ, וויאַזוי דאָס איז אים ראַפּטום קלאָר געוואָרן האָט ער נישט געקענט וויסן. ער האָט נאָר געשפּירט אין זיך אַ שטאַרקן ווילן צו זען מיט די אײגענע אויגן אויב דאָס איז אַזוי און דערבײַ אַרויסלערנען אויף קלאָר פּ אַ ר וו אָ ס.

קוקנדיק אויף דעם ענלעכן צו זיך און צו דעם אופן פֿון יענעמס רעדן, איז בײַ אים ראַפּטום זיכער געוואָרן, אַז זײַן מרים האָט אים נישט געטריבן פֿון זיך דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אַ לא יוצלח מיט ליידיקע הענט. זי האָט אים אויך נישט פֿײַנט געהאַט דערפֿאַר וואָס ער איז נישט קיין שיינער מאַנספּערשוין. זיכער זענען דאָ געווען אַנדערע סיבות וואָס האָבן זיך אַרײַנגעלייגט צווישן איר ליבשאַפֿט און אים. אָט למשל זאָל זיך דער דאָזיקער אָפּגעריסענער שפּאַסמאַכער ווײַזן פֿאַר איר — און זי וועט מער נישט האַסן קיין אַרעמען מאַן. זאָל ער נאָר עפֿענען דאָס מויל און זי וועט מער נישט טראַכטן אַז אַזאַ הויכע, שלאַנקע פֿיגור מיט אַ שוואַרצער באָרד איז מיאוס. זי וועט אים אַנטקעגנשמייכלען און ציִען זיך צו אים במחשבה...

די דאָזיקע מחשבות האָבן יאַקאָבן שווער געמאַכט דאָס זיצן אויפֿן גראָז מיט אַלעמען. ער האָט מורא באַקומען, אַז די אַנדערע זאָלן נישט דערקענען וויאַזוי ער טראַכט וועגן זײַן ווײַב, צוליב וועלכער ער איז שוין אַזויפֿיל יאָרן נע־ונד. דערפֿאַר האָט ער געפּרוּווט מיטלאַכן, כאָטש ער האָט רעכט נישט געהערט מחמת וואָס די אַנדערע לאַכן. וואָס איז ער עפּעס אַרויף אויף אַזעלכע זינדיקע געדאַנקען? פּאַרוואָס זעט ער זי שוין אַנטקעגנגיין אָט דעם מאַן, וועלכן ער קען נאָך רעכט נישט? עפּעס איז ער אין די פּאָר מינוט געוואָרן אַ טייל פֿון אים און יאַקאָבן

איז לײַכטער צו זען אים אויף זײַן אייגן אָרט. נאָר ע ר קען באַשיידן דאָס רעטעניש וואָס מאַטערט יאַקאָבן אַזויפיל יאָרן. מרימס שנאה צו אים האָט זיכער אַ וואָרצל אין זײַנס אַ באַהאַלטענעם חסרון, וואָס קיינער קען אים נישט דערקלערן. קען ער עס זיך נאָר דערוויסן בײַם דאָזיקן פרעמדן ! ער וועט אים נאָכגיין אויף שריט און טריט, ער וועט פון אים לערנען וויאַזוי צו רעדן, וויאַזוי צו קוקן אויף מענטשן. וויאַזוי צו לאַכן און וויאַזוי זיך אַוועקצוזעצן. דאָס איז עס ! ביז צו מרימען וואָלט ער אים דערפירט !

מיטן נײַעמס אָנקומען האָט זיך בײַ יאַקאָבן אין קאָפּ צעבושעוועט אַ גערויש. וואָס פאַר אַ תכלית האָט ער דען געהאַט מיטן וואַנדערן די גאַנצע צײַט ? אין דער אמתן האָט עס צו גאָרנישט דערפירט. ערשט איצט האָט ער אים געפונען ! דאַרף ער בלויז נאָכקריכן דעם צווייטן יאַקאָב און נישט אָפּלאָזן. יענער גייט אויף אַ חתונה משמח זײַן דעם עולם ? וועט ער מיטגיין. וואָס קען עס יענעם אַרן ? ער וועט אים פאַלן צו די פיס און בעטן רחמים. מען וועט זיי פאַרבײַטן איינעם מיטן צווייטן? איז אַדרבא, וועט די פריילעכקייט נאָך גרעסער זײַן און יענער וועט האָבן מער פרנסה. פאַרוואָס זאָל ער עס נישט וועלן ? נישט מסכים זײַן ?

יאַקאָב מרימס איז ראַפּטום באַפאַלן אַן אויסטערלישע תאווה. עס האָט זיך אים געגלוסט איצט צו שטיין אין ליסע פאַרגנבעט אין אַ ווינקל און זען וויאַזוי דער צווייטער יאַקאָב גייט אַרײַן אין זײַן מרימס קראָם אַרײַן. ער מוז זען מיט די אייגענע אויגן וויאַזוי זי נעמט אים אויף און וואָס זי זאָגט דערבײַ. צוליב יענעם וואָלט ער געקענט וויסן, אויב זי האָט שוין הרטה אויף אירע אַמאָליקע מעשים און אויב זי בענקט נאָך אַלץ נישט צו אים. ביז איצט האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט זי נאָך לאָזן וואַרטן אַ סך יאָרן ביזביידע וועלן פאַרוועלקט ווערן, כאָטש זײַן האַרץ גייט כסדר אויס נאָך איר. נאָר אין אָנבליק פון דעם פאַרשוין וואָלט ער עס געוואָלט בודק זײַ וואָס־פּר׳ער, אַפילו שוין ! ווי נאָר יענער וועט זיך פאַר איר באַווײַזן און שטאַרקן אין איר די בענקשאַפט, וועט ער זיך שוין נאָכדעם צושאַרן צו איר און זי וועט אפילו נישט אָנהייבן דערקענען, אַז ער איז דאָ אויסגעביטן געוואָרן... און אויב זי

וועט אַרויסוויַיזן איר חסד צו דעם מאַן, וועט ער קענען ביַי אים אויס־פּאָרשן מיט וואָס ער געווינט אַזוי די מענטשן. ער וועט דאַן אויך טאָן דאָס זעלבע און מרים וועט אים מער נישט טריַיבן..... אוי, די גאַנצע יאָרן פון זיַין פּלאָגעניש אויף דער וועלט וועלן נישט גיין פאַרלוירן און ער וועט גליקלעך זיַין. דער רבונו של עולם מעג זיך דאָ אַריַינמישן און העלפן, וויַיל וויפל — טאַטע־פאַטער, איז דען דער שיעור?...

נאָר דער פרעמדער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ער האָט געשטיפט מיט די ארחי ופרחי ביז אויך ער האָט זיך צוגעלייגט אונטער אַ בוים נישט וויַיט פון יאַקאָבן. ס׳איז אַ סברא אַז ער וועט דערנאָך אויפשטיין, נעמען זיַין זעקל און אַוועקגיין נישט קוקנדיק אויף יאַקאָבן...
יאַקאָב האָט ווידער פאַר אים מורא באַקומען און נישט געהאַט די העזה אים פאַרצולייגן אַז ער זאָל אים מיטנעמען. צוליב די אויפגעוואַכטע זכרונות וועגן מרימען האָט ער זיך ווידער גענומען פילן שפל און דערפאַר נישט געקענט זיך גלייבן אַז דער גאווהדיק־צוגעלאָזענער פרעמדער וועט אים גאָר אויסהערן. אויף וואָס דאַרף ער אים? אַזוי שפּריַיזט ער זיך אַרום לוסטיק איבער דער מדינה און קיינער מאַכט אים נישט שווער דעם גאַנג; וואָסזשע דאַרף ער האָבן נעבן זיך אַ גולם בצלמו ודמותו וואָס קען קיין הויך וואָרט נישט אַרויסברענגען? ער וועט אים נאָך דאַרפן שפּיַיזן אויפן וועג, באַזאָרגן מיט נאַכטלעגער און האָבן פון אים צרות... וואָס טויג עס אים?

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז דער פרעמדער שלאָפט נישט, נאָר שנאָרכט בכיוון ביז יאַקאָב וועט אַוועקקוקן אין אַ זיַיט אָדער טאַקע איַינשלאָפן פון דער זיסער לופט. דאַן וועט ער אַ כאַפּ טאָן זיַין זעקל און מאַכן ויברח. ער וועט נאָר מאַכן פון דער וויַיטנס אַ פּאָר משוגענע קונצן בכדי אים אויסצולאַכן. דערנאָך וועט ער ענדערן דאָס אויסזען און יאַקאָב וועט אים שוין אייביק נישט קענען געפינען. וועט צוזאַמען מיט אים אויף אייביק אויסגעלאָשן ווערן יאַקאָבס חלום וויאַזוי צוצוקומען ביז מרימס האַרץ. וואָסזשע זאָל ער טאָן? איינס איז זיכער געווען: ער טאָר אים פון אויג נישט אָפּלאָזן!

יאַקאָבס חשד איז נישט געווען קיין אומזיסטער. דער פרעמדער האָט נאָר געכאַפּט אַ קורצן דרימל. ווי נאָר די אַנדערע זענען שוין פעסט

געשלאָפן האָט יאַקאָב באַמערקט וויאַזוי ער עפנט צו ביסלעך אַ שפּאַלט פון אויג און קוקט זיך אַרום. דערנאָך האָט ער ברייט צעעפנט די אויגן און זי ווידער פאַרמאַכט. יאַקאָב האָט עס געזען און זײַן האַרץ איז אים אַנטלאָפן פון אַ ווייטיקדיקער באַנגיקייט. ער איז גרייט געווען צו מאַכן אַ גרויס געשריי פון יאוש, ווי נאָר דער פרעמדער וועט זיך טאָן אַ שטאַרקערן ריר און מאַכן אַ באַוועגונג צום גיין. ער האָט אָבער אויך, געוווּסט אַז דאָס וועט ער נישט קענען. דער פרעמדער האָט אים שוין געהאַלטן אין זײַן מאַכט און געוואָרנט אים מיט יעדן טרייסל פון דער ברעם. איז ער נאָר געשטאַנען, יאַקאָב, האַלב אַראָפּגעבויגן איבער יענעם און געוואַרט מיט מטורפן אומרו. דערפאַר האָבן זיך זייערע אויגן צוזאַ־מענגעטראָפן און זיך אויף אַ סעקונדע שטיל געראַנגלט... דאָס האָט דער פרעמדער אים איבערראַשנדיק אויפגעצוווּנגען, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ אויסגעפּרוּווט יאַקאָבס בליק און אויב עס איז כדאי דער פאַרמעסט.

אין איין רגע האָט יאַקאָב געשפּירט, ווײַל יענעמס אויגן האָבן עס אים געזאָגט, אַז דאָ וועט באַלד געשען עפּעס אַזוינס וואָס וועט אים איבערדרייען דעם גאַנצן גורל זײַנעם. האָט ער שוין געטראַכט ווי אַ פאַרלוירענער וואָס איז איבערגעגעבן אין יענעמס הענט און קיינער קען מער דאָ גאָרנישט ענדערן. דער פרעמדער האָט פון יאַקאָבס בלאָסער צע־חושטקייט אַרויסגעהערט זײַן שטומע הסכּמה צו אַלץ וואָס ער וועט נאָר גלוסטן מיט אים אָפּצוטאָן. ער האָט זיך דערפאַר אויפגעזעצט און אַ פויזע געטאָן נענטער צו די מדינה־גייער וואָס זענען געלעגן אין אַ האַלבן ראָד. יאַקאָב איז ווײַטער געבליבן שטיין אין דער זעלבער פאַר־גליווערטקייט, ווי אַ חיה וואָס ווערט אומגעריכט באַפאַלן און זי ווייסט נישט, וואָס נאָך זי קען טאָן אויסער דערוואַרטן איר גורל מיט פאַרצווייַ־פלטער גרייטקייט.

מיט שטילן כעס, ציטערניש און נקמהדיקער הנאה האָט יאַקאָב געזען וויאַזוי דער פרעמדער טאַפּט אויס די אָנגעוואָרפענע טאָרבעס. אין דער מינוט וואָלט ער זיכער געשוויגן, אַפילו ווען דער פרעמדער גייט צו און שנײַדט זיי אַלעמען איבער די העלדזער. ער וואָלט נישט מסוגל געווען פון זיך אַרויסצולאָזן קיין געשריי, אַפילו ווען דער פרעמדער דערנענטערט זיך צו אים אַליין מיט אַ מעסער. מעשה נסים האָט יענער

נאָר אַרויסגעצויגן די לאַבנס ברויט וואָס זענען בײַ זיי געלעגן אָנגעגרייט אויף אַ שווערער שעה. ער האָט מיט קונציקער שנעלקייט זיי אַרײַנגעשטעקט אין זײַן טאָרבע און קיינער האָט נישט אָנגעהויבן צו הערן. מער גאָרנישט. דער בעסטער סימן, אַז דער פאַרשוין האָט נישט בדעה דאָ אָפּצוטאָן קיין שרעקלעכע מעשים. יאַקאָב האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, אָבער זײַן נײַגער האָט זיך דערמיט געשטאַרקט און ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט וואָס דאָ מוז ווײַטער קומען. ער איז זיכער געווען אַז דאָס ווײַטערדיקע וועט האָבן אַ שייכות מיט אים. אַנדערש קען עס גאָר נישט זײַן. ער פילט עס. אויך דער פרעמדער מוז עס פילן, וויבאַלד ער טוט אַלץ פאַר יאַקאָבס אויגן מיט אַזאַ זיכערקייט, גלײַך ווי ער וואָלט נאָר געווען מיט זיך אַליין... נישט ער היט זיך מיט דער גניבה און נישט ער שעמט זיך, גלײַך ווי יאַקאָב וואָלט נאָר געווען זײַן איבעריקע האַנט אָדער דאָס דריטע אויג...

דערנאָך האָט יענער מיט ווייכע טריט צוגעפּויזעט צו יאַקאָבן. יאַקאָב האָט זיך נישט געפּרוווט אָפּרוקן, אָדער ווערן קעגן יענעמס נאָענטקייט. זײַן האַרץ בלויז האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, ווי שטענדיק ווען מען שפּירט, אַז דאָס ביזאַיצטיקע האַלט בײַ דער לעצטער רגע. דער פרעמדער איז צוגעקומען גאָר נאָענט און שאַרף אַ זאָג געגעבן צו יאַקאָבן אַזוי ווי אָן אַ קול:

— יאַקאָב, דער שטיפזון פון ר׳ נח פינער און דער מאַן פון מרים בת ר׳ לייב! דו גייסט מיט מיר... אָבער שנעל און מיט שכל!

יאַקאָבן האָט לגמרי נישט געוואונדערט וואָס יענער ווייסט ווער ער איז. גיכער וואָלט אים געוווּנדערט דאָס פאַרקערטע. דערבײַ האָט אַ כוואַליע פרייד אײַנגעשלונגען אַלע געדאַנקען וואָס האָבן געפּרוווט זיך לאָזן אויסטראַכטן. אַז ער דאַרף גאָר מיט יענעם נישט טענהן און אויך נישט מיט זיך אַליין. יענער פאַרשטייט סײַווי אַלץ. ער פרעגט אַפילו נישט יאַקאָבן אויב ער וויל גיין און אויב ער מעג. ער האָט עס אים געזאָגט מיט אַזויפיל האַסטיקער קאַלטקייט גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעשטימט, נאָר ערשט איצט איז געקומען די צײַט דערויף. יאַקאָב האָט אַפילו נישט געוווּסט אויב ער דאַרף יענעם פאַלן צו די פיס און דאַנקען, אָדער ער דאַרף זיך ווײַטער האַלטן שטיל. אויך

פאַר דער טראַכטעניש איז קיין צײַט נישט געווען, ווײַל דער פרעמדער האָט אים אַ צי געטאָן בײַם אַרבל פון קאַפּטאָן און שטיל באַפוילן: קום! און יאַקאָב האָט אים נאָכגעצויגן ווי אַ פאַרכשופטער.

— 2 —

אַ לאַנגע צײַט זענען זיי געגאַנגען און געשוויגן. יאַקאָב האָט זיך נאָר אײַנגעהערט צום גערויש פון וועג, אויב די בעטלער אײַלן זיי נישט נאָך. ערשט ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אין אַ זײַטיק שטיקל וואַלד האָט דער פרעמדער מודיע געווען מיט אַ וויכטיקער מינע:

— איך הייס טאַקע אויך יאַקאָב...

דער ליסער יאַקאָב האָט געוואַרט אויף ווײַטערדיקע רייד. דער פרעמדער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ זײַטיקער זאַך, אויף וועלכער יאַקאָב האָט פאַרט געוואַרט, כאָטש ער האָט נאָך פריִער געוואָלט הערן עפּעס אַנדערש:

— דו ווייסט נישט וויאַזוי צו לעבן, יאַקאָב... מיט מיר האָט אויך געטראָפן כמעט דאָס זעלבע. אָבער איך ווייס וואָס איך האָב צו טאָן...

דער ליסער יאַקאָב איז געוואָרן איין שטיק געהער. אוי, קען זײַן אַז ער וועט דאָ באַלד אים אַנטפּלעקן דאָס אַלץ אויף וועלכן ער וואַרט אַזוי! נאָר יענער אײַלט זיך נישט. ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צו זײַן אומגעהויערן געלעכטער:

— און דו שוטה מיינסט אַוודאי, אַז איך האָב זיך בלויז אַזוי פאַרשטעלט? איך זע באמת אַזוי אויס ווי דו...

יאַקאָב האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט יענעמס שטערן, דאָס פּנים, די באָרד, די אויגן... יאָ, עס איז פאַרט אַזוי! איז אים אַ שאָד געוואָרן וואָס מען קען עס טאַקע קיינמאָל נישט ענדערן און דערפון קענען אַרויסקומען אַ סך סכנות, מוראדיקע זאַכן. ער ווייסט דען וואָס יענער קען טאָן מיט ז ײַ ן געשטאַלט? נאָר יאַקאָב האָט זיך בלויז געקענט וווּנדערן מיט אַ פאַרתמט קול:

— וויאַזוי קען עס פאַרט מעגלעך זײַן? טאַקע דער זעלבער וואָס איך...

אין זײַנע פּאָר ווערטער זענען געלעגן אַזויפיל שטילע הכנעה און בעטנדיקע צעטומלטקייט, וואָס האָבן קיינעם נישט געקענט אויפרײַצן. אָבער דער פרעמדער איז דערפון שטאַרק בייז געוואָרן און דאָך זיך געצוימט:

— „דער זעלבער״! אָבער נישט דער זעלבער, יאַקאָב! אַז איך בין גאָר פון פּרעמיסלע... די גאַנצע שטאָט האָט מיך דאָרט געקענט פאַר אַ לץ און חוזק־מאַכער, מחמת וואָס מען האָט מיך גערופן מיטן צונאָמען „קאָפּהאָן״. ווי אַזויזשע מיינסטו, אַז ס׳איז דער זעלבער? מײַן פאָטער לעבט נאָך און איז אַ חשובער ייִד. גיי נאָר אַ פרעג טאָן און וועסט הערן, וויאַזוי יעדער איינער האָט דרך ארץ: ר׳ מנחם מאָן! נאָר ער איז אַ גרויסער קבצן... והשנית האָט מיך, זעסטו, מײַן ווײַב נישט אָרומגעפירט בײַ דער נאָז ווי דיך. איינס אָבער ביזטו זיכער גע־רעכט: מיר האָבן ביידע די זעלבע צורה און אויך מײַן פלונית איז אַן ארורה... ס׳געפעלט דיר מײַן גראַם? דאָס איז צוליב דעם וואָס אויף חתונות מוז איך גאַנצע שעהן אָפּרעדן צום גראַם...

יאַקאָב האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דער פרעמדער האָט אים געשלעפּט מיט זיך. און אַז ביידע האָבן שלעכטע ווײַבער? און אַז זיי זענען ענלעך? זאָל ער שוין אַמאָל זאָגן וואָס עס דאַרף זײַן ווײַטער! ע ר האָט שוין נישט קיין כח צו וואַרטן און יענער ציט די עצמות. נאָר דער פּרעמיסלער יאַקאָב זעט אויס צו האָבן אַ סך שכל אין קאָפּ, איז גלײַכער מיט אים צו לעבן בשלום, נישט אויפרעגן אים... סײַווי לאָזט ער נישט אַרויסרעדן יאַקאָבן קיין וואָרט. איז כאָטש גוט וואָס ער צערעדט זיך שוין מיט מער פײַער:

— איך ווייס אַלצדינג וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט. טאַקע דער־פאַר זאָג איך, אַז דו ביזט אַ גרויסער שוטה. אויב דו ווייסט נישט וואָס דו ביזט, וועל איך עס דיר זאָגן: אַ וואָרעם ביזטו! דײַן פאָטער האָט דיר איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגן, נאָר דו האָסט דערפון אַ מכה. גייסט אָרום שנאָרען אַ ביסן ברויט, ביזט נע־ונד בעת ר׳ נח האָט דײַן הויז, האַנדלט מיט דײַן געלט און עסט פעטע סעודות פון דײַן פאָטערס מאָטערניש. ביזטו נישט ווערט קיין מלקות? זאָג אַליין! ער האָט דיר אַ טובה געטאָן און גענומען דײַן מאַמען... עפּעס אַ קלייניקייט? און

אַז מען האָט דיך חתונה געמאַכט מיט אַ ווײַב, וואָסזשע האָסטו דערפֿון? אמת איז טאַקע, אַז דו מיט איר זענט נישט קיין פּאָר... האָסט באַלד נישט געדאַרפֿט וועלן, נאָר אַז איר זענט שוין געשטאַנען אונטער דער חופּה — האָט זי געדאַרפֿט וויסן, אַז אַזוי לײַכט טרײַבט מען דיך נישט! אָבער דו ביזט אַ פֿערד בצורת אדם. וויבאַלד זי האָט דיך גע־טריבן ביזטו געגאַנגען, איר צוליב געטאָן. האָסט נישט געהאַט קיין איין מענטש וואָס זאָל דיר געבן אַן עצה, איז בײַ דיר אַלץ רעכט געווען. האָסט בײַ איר נאָך איבערגעלאָזט טײַערע מתּנות און פֿאַר זיך האָסטו גאָרנישט גענומען; האָסטו איר גאָר פֿײַן אָפּגעטאָן! דו שטרעקסט אויס די האַנט בעת זי זיצט זיך אין דער רײַכער קראָם, צירט זיך אין די שענסטע זאַכן, עסט פֿון שענסטן־בעסטן און שלאָפֿט אויף די ווייכסטע געלעגערס... וואָס האָסטו געמיינט? דו וועסט זי מבייש זײַן מיט דײַן בעטלערײַ? וועסט זיך פּײַניקן, בכדי זי זאָל זײַן אַן עגונה? שוטה, זי לאַכט פֿון דיר פּונקט ווי ר׳ נח נעמט זיך עס נישט צום האַרץ...

ווי קלוג דער קאָפּהאָן טענהט! גאָלדענע ווערטער. יאַקאָבן האָבן זיך געשטעלט טרערן פֿון גערירטקייט. ער איז דען נישט אומגליקלעך? ס׳איז דען אַזוי דער תּכלית? נאָר קיין עצה גיט אים סײַווי יענער נישט. און באַזונדער... ווייסט דען קאָפּהאָן אַז ער האָט מרימען ליב, אַזוי שטאַרק ליב! וואָסזשע העלפֿן רייד? מיט אַ ווייַנענדיק קול האָט ער זיך גענומען בעטן בײַ יענעם:

— דאָס אַלץ ווייס איך דאָך... נאָר דו, גיב מיר אַן עצה וואָס איך זאָל טאָן... אַדרבא!

איז עס נישט גענוג, בכדי ווייך צו מאַכן דעם פּרעמיסלער לץ? נאָר ווידער האָט יאַקאָב געזען זײַן אומגליק פֿון דאָס נײַ. ער רעדט ווייך, מיט דער גאַנצער געפֿאַלנקייט און דווקא ד אָ ס רופֿט בײַ יענעם אַרויס אַ נײַעם בּאַרג מיט צאָרן:

— אַזוי! אַן עצה זוכסטו... נאָר וואָס דו ביזט! די ערשטע עצה איז, אַז דו זאָלסטו זי נישט צורו לאָזן. זיי דאַרפֿן דיך נישט האָבן געפּטרט. דו דאַרפֿסט אָפּטאָן אַזעלכע זאַכן פֿון וועלכע זיי זאָלן יעדן טאָג האָבן יסורים, פֿאַרבראַקט מיט חרפּות ובושות. זאָלן זיי אויך

וויסן דעם טעם פון אומגליק! פאַרוואָס מוזטו זײַן דאָס כפּרה־הענדל פאַר זייערטוועגן?

טאַקע צוליב דעם האָט אים קאָפּהאָן אויסגעזוכט. ער האָט אים געזען אַרומגיין איבער אַ שטאָט מיט הײַזער און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט פון רחמנות. ווען ער נישט לאָזן ס'זאָל אַזוי ווײַטער גיין. יאַקאָב וועט נאָך זען וויאַזוי זײַן מאַמע מיטן שטיפטאַטן, צוזאַמען מיט מרימען, וועלן אים קומען פאַלן צו די פיס. זאָלן זיי נאָר זען אַז ער איז נישט קיין טויטער, אַז ער קען געבן אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ און אַ ביס פאַר אַ ביס... נאָר מיט אַזעלכע מענטשן רעכנט מען זיך!

וואָס לענגער קאָפּהאָן האָט גערעדט אַלץ מער האָט יאַקאָב אײַנגעזען אַז זײַן גאַנג איבער דער וועלט איז ביז איצט געווען אומזיסט... ער איז פאַרגעסן געוואָרן. ער איז גערעכט, קאָפּהאָן. עס טויג נישט אַזוי. פאַרוואָס האָט ער עס אַליין נישט פאַרשטאַנען? וואָס אַרט עס זיי דען אַז ער ווערט אויסגעריסן? ווען מען טוט ער אָפּ? פאַרוואָס האָט ער זיך דערשראָקן נאָכדעם ווי ער האָט זיי געשיקט אַביסל אָפּגעריסענע אורחים און שלעק? ער מוז עס דערציילן קאָפּהאָנען און זאָל ער אים זאָגן, וואָס ער דאַרף ווײַטער טאָן!

ער האָט געלאָזט קאָפּהאָנען אויסשרײַען זיך, אויסלאָכן אים און אויסגיסן דעם גאַנצן שפּאָט. דערנאָך האָט יאַקאָב אָנגעהויבן צו רעדן. שעהן־לאַנג האָט ער דערציילט און יענער האָט זיך דערוויַל אונטערגעלענט דאָס האַרץ, געקײַט מיט גרויס אַפּעטיט דאָס ברויט מיט ציבעלע. יאַקאָבן האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן טרעפט ער אַ מענטש פאַר וועלכן ער קען אַלץ דערציילן און גאַרנישט איבערלאָזן. ער האָט דערפאַר אָנגעהויבן בײַ דער צײַט ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. דערנאָך האָט ער זיך באַמיט צו דערמאָנען די קלענסטע פּרטים. קאָפּהאָן האָט אים בלויז איבערגעריסן מיט קליינע שאלות און ער האָט אים אָפּגעשילדערט אַלע מענטשן פון שטעטל מיט וועלכע ער האָט נאָר אַמאָל געמאַכט די מינדסטע מחזקות. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווי נאָר ער וועט פאַרפעלן דעם מינדסטן פּרט וועט אים שוין קאָפּהאָן נישט קענען געבן די געהעריקע עצה. האָט ער אים דערציילט וואָס ער האָט נאָר אַמאָל געשמועסט מיט מרימען, מיט דער

מאַמען, מיט שדכנים, מיטן מלמד... קאַפּהאַן האָט געגעסן און אַוועק־געקוקט אין אַ זײַט. האָט יאַקאָב געמיינט אַז ער דאַרף אויפהערן, בכדי אים נישט צו דערצערנען מער. זאָגט ער דאָ נישט קיין נאַרישקייטן? אָבער ווי נאָר ער איז שטילגעשוויגן אַ רגע האָט יענער אויפגעכאַפּט זיך, אויפגעהערט צו מעלה גרהן און אַ ברום געטאָן באַפּעלעריש:

— וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? דערצייל ווײַטער!

און יאַקאָב האָט זיך ווידער גענומען מאריך זײַן. ער האָט שוין באַלד נישט געהאַט וואָס צו דערציילן און די תאווה צו רייד האָט אים נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט דערפאַר באַוויזן קאַפּהאַנען וואָס פאַר אַ צייכנס ער האָט אויפן לײַב און וויאַזוי זיי האָבן זיך אים גע־מאַכט. ער האָט נישט פאַרפעלט אָפּצומשלען דעם שנײַדער־יונג פון זײַן דירה, די כלי־זמר וואָס האָבן געשפּילט אויף זײַן חתונה, דעם תפּיסה־שומר בייניש און דעם יונג לייב יערשיוועער וואָס האָט זיך געשאַרט צו זײַן כלה. גאַנץ פּין מיט ליסע האָט ער אויסגעשטעלט אין רייען, צווישן די ביימער פון שיטערן וועלדל, און קאַפּהאַן האָט זיי אַלעמען אַדורכגעטאַפּט מיט זײַנע פאַרזשמורעטע אויגן, גלײַך ווי זיי וואָלטן דאָ באמת פאַר אים געשטאַנען. ערשט ווען יאַקאָב האָט שוין מער קיין וואָרט נישט געהאַט אין מויל האָט אים קאַפּהאַן אָפּגעשטעלט:

— דו דערציילסט מיר אַזויפיל שטותים, אַז איך האָב שוין קיין קאָפּ נישט מער זיי אויסצוהערן. דערפאַר איז שוין צײַט כ׳זאָל דיר זאָגן וואָס מיר איז איצט אײַנגעפאַלן...

זײַן פּלאַן איז געווען ניכטער און מיט שכל. יאַקאָב וואָלט זיי אַלעמען אָנגעלערנט. איז נאָר די פראַגע אויב ער האָט דאָס האַרץ דערצו. קאַפּהאַן פאַרשטייט, אַז ווי נאָר יאַקאָב וועט זיך באַווײַזן אין ליסע וועט ער נעמען גיסן מיט טרערן און לאָזן מאַכן מיט זיך וואָס יענע ווילן נאָר. וואָסזשע וועט איר אים דאָ גיין געבן עצות? אַז דאָ דאַרף מען זיי קודם כל אַ שיין ביסל דערקוטשען! ער וואָלט גאָרנישט גע־זאָגט אויך, קאַפּהאַן. ער זעט דען נישט מיט וועמען ער האָט צו טאָן? נאָר היות ווי ער דאַרף סײַווי גיין צו דער חתונה, וואָס געפינט זיך אין יאַקאָבס מקומות, וועט ער זיך דאָרט באַווײַזן. ס׳איז אַ סברא אַז אפילו ר׳ נח וועט זײַן אויף יענער שמחה. נו, וועט שוין דאָרט איינמאָל זיך

טאָן. יאַקאָבס עוולות װעט ער מאָנען! יאַקאָב מוז אים נאָר אָנגעבן אַלע מינדסטע סימנים פֿון זיך. דאָס װעט אים מעגלעך זײַן אָנצוגײן אַ שטיק צײַט אַלס יאַקאָב. ער װעט נישט צעקראָכן װערן, מ׳קען זיכער זײַן אין דעם! װעלן זיי שוין דאַנקען גאָט צו קענען פֿון אים פּטור װערן. דאָס װעט זיי אָבער נישט אָנקומען לײַכט. װעט קאָפּהאָן אויסטרעטן אַ װעג פֿאַר יאַקאָבן. אַז ער װעט דערנאָך אַליין צוריקקומען, װעלן זיי אים אַנטקעגנלויפֿן מיט טענץ און מיט פּויקן. יאַקאָב דאַרף נאָר אויף אים װאַרטן, ביז ער װעט צוריקקומען און אים לערנען װאָס װײַטער צו טאָן. ער אַליין װיל שוין זען אַביסל, װיאַזוי די חכמים זעען אויס. זאָלן זיי פּרובירן קלוג זײַן בײַ אַ קאָפּהאָן! נאָר איינס װיל ער פֿון יאַקאָבן: דאָס צװייטע מאָל זאָלן זיי זיך טרעפֿן אויף אַ פֿאַרבאָרגן אָרט. אין אַ שטאָט װעט מען באַלד זען די ענלעכקייט און אַלע װעלן קומען צולויפֿן, בכדי צו זען דאָס שװאַרצע װוּנדער. איז גלײַכער צו זען זיך בײַ אַ װאַלד, װוּ קיינער גייט נישט. אַנדערש קען דער גאַנצער פּלאַן קאַליע װערן...

יאַקאָב קאָפּהאָן טוט נישט קיין טובֿהס אומזיסט. ער זאָגט עס פֿאָרויס, װײַל ער װיל נישט מען זאָל זיך שפּעטער אַרומקריגן. נאָר װעגן פּרײַז װעט מען נאָך שמועסן שפּעטער. דער עיקר פֿאַרלאַנגט ער אָבער אויך פֿון יאַקאָבן די זעלבע טובֿה... פּונקט װי ער גייט קיין ליסע געװויר װערן װאָס יאַקאָבס װײַב מאַכט, אַזוי דאַרף יאַקאָב גיי׳ן קיין פּרעמיסלע. אויך קאָפּהאָן האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַן אשה װאָס האָט אים געטריבן און נישט געלאָזט אויף די אויגן. ער װייסט, אַז װי נאָר ער װעט זיך דאָרט באַװײַזן װעט אים קהל תּפֿוס נעמען און פֿאַרלאַנגען אַ גט מיט געװאַלד. ער האָט עס אָבער נישט בדעה צו טאָן. דערפֿאַר אָבער װיל ער אָפּנעמען אַ געװויעם גרוס װאָס זי מאַכט, װאָס זײַן פֿאָטער טוט און װיאַזוי עס זעט אויס אין פּרעמיסלע. פֿאַרװאָס ער שיקט יאַקאָבן? װײַל נאָר ער קען זיי דאָרט אָנמאַכן אַביסל האַרצװייטיק פּונקט װי ער װעט עס מאַכן מרימען. װי נאָר זיי װעלן אים זען, װעלן אַלע מיינען אַז דאָ איז קאָפּהאָן צוריקגעקומען. זײַן מרשעת װעט זיך פֿרייען און ערשט דערנאָך אײַנזען איר טעות. װעט דאָס זײַן אַ שפּאַס! אַ שאָד נאָר װאָס ער אַליין װעט דערבײַ נישט זײַן און נישט

האָבן קיין נחת. געוואַלד, ווי ער האָט דאָס ליב אַזעלכע שפּאַסיקע שטיקלעך און פּלאַנטערן! די שטאָט וועט דאָך דאָרט גיין אויף רע־דער! דער רב וועט שרײַען, ווײַבער וועלן וויינען און די פּרנסים וועלן נישט וויסן אויף וועלכער וועלט זיי זענען.

יאַקאָב האָט נישט ליב אַרײַנצוקלערן. אַזוי דאַרף מען אָנהייבן. יעדער פון זיי מוז זיך אָפּנעמען דאָס זײַניקע. יאַקאָב וועט אַרויסרופן האָפּענונגען בײַ זײַן פּלונית אין פּרעמיסלע און קאָפּהאָן וועט דאָס זעלבע טאָן מיט מרימען אין ליסע. דערנאָך וועלן ביידע עוקר זײַן... זיי זענען עס דען נישט ווערט, די צוויי נשים? זאָל יאַקאָב אַליין זאָגן. דאָס איז דערווײַל די ערשטע נקמה. דערנאָך וועט גיין ווײַטער... איז ער מסכים, יאַקאָב? יאָ? אויב אַזוי דאַרף מען שטעלן דעם רעכטן פוס פאָרויס און אויסטרינקען פון זעלבן פלעשל משקה... לחיים! מיט הצלחה! אמן!...

— 3 —

אויסטערלישע זאַכן געשעען דאָס אויף דער וועלט!

זינט יאַקאָב קאָפּהאָן איז נעלם געוואָרן פון פּרעמיסלע האָט ער זיך מער אַהין נישט באַוויזן. מען האָט געשמועסט אַז ער האָט זיך מתחבר געווען צו אַ גויִישער מחנה קונצנמאַכער וואָס שפּילן פריילעכע שטיק־לעך אין די רײַכע, גויִישע הייף. זיי האָבן אָבער אין אים דערשמעקט דעם ייִד און גענומען אים טרײַבן. נישט אַנדערש נאָר ער זאָל זיך ממיר דת זײַן! צום שבח פון דאָזיקן קלות־ראָש'ניק דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז ער איז דערויף נישט אײַנגעגאַנגען און ער איז דערפאַר פון זיי נמלט געוואָרן קוים מיטן לעבן... ווי שטאַרק דער אַלטער ר' מנחם איז נישט גרוי און אַלט געוואָרן צוליב זײַן בן יחידס התנהגותן, האָט ער פאָרט געווײנט פון שמחה ווען ער האָט דאָס געהערט. דערנאָך האָט מען דערציילט אַז קאָפּהאָן באַווײַזט זיך צווישן ייִדן ווען עס קומט אַ יומא דפּגרא אָדער אַ שמחה של מצווה. ער איז דאָן משמח דעם עולם פאַר אַ פלעשל יי"ש מיט אַ פאָרציע פלייש און פאַר אַ פּאָר קרייצער. אָבער זינט דאָס ווײַב האָט גענומען שיקן שלוחים צום רב

און דער רב האָט צעשיקט בריוו צו די ייִדישע קהילות פון דער מדינה, זענען די צייכנס פון זײַנע טריט אָפּגעווישט געוואָרן. מען האָט מער נישט געוווּסט ווו זײַן געביין איז אַוועקגעקומען. איש מפּי איש האָט מען זיך איבערגעגעבן, אַז ער איז גאָר ווײַט אַרײַן אין דײַטשלאַנד. דאָרט שפּילט ער און מאַכט קונצן פאַר גרויסע שׂררות. מחמת דעם איז ער לגמרי מופקר געוואָרן, אָבער אַביסל ייִדישקייט האַלט ער פאָרט. תּפילין לייגט ער נאָך און מיט כּשרות איז נאָך אויך צו דער־לײַדן. איז גם זו לטובה. נאָר ווו מען קען אים געפינען האָט קיינער נישט געוווּסט.

ערשט אַז עס זענען פאַרלאָפן יאָרן און אַלע האָבן זיך פון אים מייאש געווען האָט ער זיך פּלוצים באַוויזן. זעט אויס, אַז ער האָט דאָרט געשמעקט פעפער אויף זײַן נע ונד! ס'איז דען געווען דער זעלבער יאַקאָב? זײַנע חוצפּהדיקע אויגן האָבן זיך אײַנגעלאָשן, טונקל געוואָרן — און די גאַנצע מראה האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ קבר־מענטש. בלויז די באָרד איז אים אויסגעוואַקסן. ער האָט פאַרלוירן זײַן גאַנצע פרייליעכקייט און דעם חשק צו רעדן. מען האָט מיט מרורים פון אים אַרויסבאַקומען אַ וואָרט, נאָר עס איז געווען צו דערקענען אַז מיט אים האָט געטראָפן אַן אומגליק וואָס האָט בײַ אים צוגענומען די גאַנצע עזות. אפשר איז עס די ירושה פון די גוייִשע קאָמעדיאַנטן וואָס האָט אים קוים אַרויסגעלאָזט אַ לעבעדיקן? וויפל מען האָט אים אויסגעפרעגט האָט מען נישט געקענט דערגיין צו קיין טאָלק. ס'האָט אַזש אָנגענומען אַ רחמנות: וואָס פון אַ מענטש קען ווערן! ער האָט געענטפערט מיט איין דערשראָקן וואָרט אויף הונדערט — און דאַן איז אויך נישט געווען וואָס צו הערן. ס'האָט אויסגעזען אַז פון גרויס צרות איז בײַ אים דער זכרון רחמנא לצלן אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ער האָט כּמעט נישט דערקענט די אייגענע גאַסן, דאָס אייגענע הויז און דעם אייגענעם טאַטן...

ווען זײַנע אַמאָליקע גוטע ברידער, וואָס האָבן בגנבה אָנגעקוואָלן פון זײַנע שפּיצלעך, האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט:

— ווילסט זיך נאָך אַלץ פאַרשטעלן פאַר אַנדערע? האַ, יאַקאָב?

האָט ער געענטפערט קורץ:

— ניין...

דאָס האָט זיי נאָך מער גערייצט. עפּעס איז עס גאָרנישט קאָפּ־האָנס שטייגער! האָבן זיי אים ווײַטער געפּאָרשט:

— ווילסטו נאָך ווײַטער וואַנדערן?

— יאָ...

— ווילסטו, אויב אַזוי אָפּגטן דײַן רבקהן?

— ניין...

ווײַטער איז נישט געווען וואָס און מיט וועמען צו טענהן. עמעץ האָט אים בעל כרחו צוגעפירט צו זײַן ווײַב. זי האָט אים שוין אויס־געקוקט מיט שרעק און באַגער, אָבער ער האָט אויף איר כמעט נישט געטאָן קיין בליק און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס זעלבע איז געווען ווען ר׳ מנחם איז געקומען צו לויפן און געכאַפּט האַלדזן זײַן פאַרלוי־רענעם זון. יאַקאָב האָט זיך פון אים שנעל אַרויסגעריסן, אָפּגעשפּרונ־גען אין אַ זײַט און בלויז פונדערווײַטנס אויף אים געקוקט און גע־קוקט... ווי אַ פרעמדער אָדער אַ מטורף רחמנא לצלן!

דאָס האָבן שוין שטאָטלײַט נישט געקענט פאַרטראָגן. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי דער אַלטער לץ האָט זיך איצט פאַרנומען צו מאַכן ס׳געגנאַר פון אַלעמען אויף אַ נײַעם אופן. דאָס טאָר מען אָבער נישט דערלאָזן. דאָ איז אַ יונגע פרוי אַן עגונה — און מיט אַזעלכע זאַכן ווילט מען זיך נישט. דערפאַר האָט מען אים באַלד תפוס גענומען און צוגעהיטן אַז ער זאָל נישט אַנטלויפן. וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן בימים ההם אין פרעמיסלע לאָזט זיך גאָרנישט אויסדערציילן. פון רבקהס שטאָט קראָטאָשין זענען געקומען אַלע אירע קרובים און סתם נײַגעריקע. פון די פּרעמיסלער איז דאָך שוין אָפּגערעדט. רבקה אַליין האָט גראָד אין אים געזען עפּעס גאָר אַן אַנדערן יאַקאָב פאַר וועלכן זי האָט לגמרי פאַרלוירן די פריִערדיקע שרעק. זי האָט עס מיט קיין פול מויל נישט געזאָגט, ס׳איז אָבער ניכר געווען אַז וויבאַלד ער וואָלט כסדר אַזוי שטיל געווען, וואָלט זי קיינמאָל אים נישט געטריבן און אים אַפּילו ליב גע־האַט. אַז מער וויל זי גאָר נישט!

מען האָט דעם מרה־שחורהדיקן לץ געברענגט אין דער בית דין שטוב און צום ווייפלטן מאָל האָט מען צו אים געטענהט אַז ער זאָל

אָפּגטן זײַן װײַב רבקה, אױב ער האָלט נישט בײַם בלײַבן אין שטאָט און װערן אַ לײַט מיט אַלעמען צוגלײַך... די אַלע רייד האָבן אים אָבער נישט גערירט פֿון אָרט. עס האָט נישט געהאָלפֿן װאָס זײַן װײַב האָט זיך געװאָרפֿן צו אים, געטענהט מיט גוטן און מיט בייזן און געמאָנט יושר. װאָס װיל ער האָבן פֿון איר לעבן? זי האָט אים דען געטאָן שלעכטס? װער נאָך װי ער קען עס װיסן, אַז זי האָט זיך געהיטן פֿון רשעותן און זי האָט גאָר אַ סך פֿאַרשװיגן בכּהי מענטשן זאָלן עס נישט װיסן? פֿאַרװאָס דאַרפֿן אירע יונגע יאָרן װעלקן אַזױ װי גרעזלעך אין האַרבסט, בעת ער קען בײַ איר בלײַבן אָדער באַפֿרײַען זי מיט זײַן װילן? אַדרבא, זאָל ער אַליין זאָגן װאָס ער װיל!

יאָקאָב האָט אָבער געשװיגן. אין זײַן מח האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזױפֿיל כּעס קעגן אַלעמען װאָס האָט אים געמאַכט אַזױ װי משוגע. װאָס זאָל ער דאָ ענטפֿערן? זי איז דען נישט גערעכט? ער האָט אָבער געװוּסט, אַז דאָ דאַרף בלױז קאָפּהאָן אַרױסרעדן פֿון זײַן מױל און זײַן אייגן האַרץ האָט זיך דאָ נישט װאָס צו מישן. אױסער דעם איז זי אַן אשה און אַלע זענען זיי װערט אַביסל צרות, אַפֿילו װען זיי זענען גערעכט. זאָל ער כאָטש איינמאָל זײַן אַ שטאַרקער, אַפֿילו װען דאָס איז אונטער קאָפּהאָנס נאָמען. מחוץ לזה האָט ער געװוּסט אַז אין דער זעלבער צײַט מוז שױן אױך קאָפּהאָן אַרומרעדן מיט זײַן מרימען אױפֿן זעלבן אופֿן. װעט עס הייסן אָפּנאַרעריש, װײַבאָלד ער װעט יענעם נישט אָפּצאָלן װאָס אים קומט דערפֿאַר. װאָס טוט ער דען? ער געפֿינט זיך דאָך גאָרנישט אין פּרעמיסלע נאָר אין ליסע, הגם ער דאַרף זײַנע טענות אַרױסלייגן פֿאַר די לײַט פֿון קאָפּהאָנס שטאָט... און דאָ דאַרף ער טאָן דאָס זעלבע װאָס ער װאָלט געטאָן און גערעדט פֿאַר די אױגן פֿון זײַן פּלונית. ער האָט דערפֿאַר בלױז געהאַלטן אין איין איבערחזרן די קורצע װערטער װאָס קאָפּהאָן האָט אים אַרײַנגעטאָן אין מױל, כאָטש ער האָט געזען װי דערמיט רופֿט ער אַרױס גרױס צאָרן צו זיך פֿון די אַלע װאָס הערן עס. בלײַבן? ניין, ער מוז אַװעק װײַטער! זי באַ־פֿרײַען? ניין, ער קען זי נישט אָפּגטן... דאָס האָט שױן אַרײַנגע־ברענגט אין כּעס אַפֿילו דעם זהיר װזהיר׳דיקן רב, װאָס האָט נישט גע־

טשעפּעט דעם מינדסטן מענטש פון דער קהילה. ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און ווי אַ ברומענדיקער לייב זיך צעשריגן:

— רשע, וואָס האָסטו זיך פאַרלייגט אויפן לעבן פון דער אומ־שולדיקער ילדה!? וואָס ווערט דיר דען אַרויסקומען, אַז דו וועסט זי מאַכן פאַר אַן עגונה? דו שפּילסט זיך דאָ מיט דײַן חלק לעולם הבא, פאַרן צער וואָס דו ביזט גורם צו אַ מענטש... איך בין ערב דערפאַר!

דער פּרעמיסלער רב, פאַר וועלכן אַ גאַנצע וועלט ציטערט, האָט זיך אויפגעקאָכט קעגן אים! געשריגן, צו וואָס דאָס קען דערפירן! מען שמועסט אַז דער גאון קען מיט אַ בלויזן בליק מאַכן פון אַ מענטש אַ גל של עצמות... וואָס טוט מען? פאַרוואָס קען אים דער רב נישט משיג זײַן? ער וואָלט אים אַלץ דערציילט, נאָר ער האָט מורא... אין אַן אומגעזען ווינקל שטייט קאָפּהאָן און דראָט אים מיט אַ פינגער, אַז ער זאָל זיך נישט שרעקן; אַז ער זאָל זיך האַלטן ביז צום סוף און ער ווייסט נישט, ער ווייסט באמת נישט וואָס ער דאַרף איצט טאָן... דערצו האָט אים גאָט געשטראָפט מיט אַ שטומפּיקער צונג וואָס קען קיין גרויסע טענות נישט פאַרלייגן, בפרט ווען ער דאַרף גיין מיט ליגנט. דעם רבס צאָרן האָט אים אָבער ווייכער געמאַכט און זײַן געשריי איז אַרײַן צו יאַקאָבן אין די געדערעם. געוואָלט, צו וואָס האָט ער אים דאָ דערפירט!? מעיז זײַן קעגן דעם גאון הגאונים?

קהל אַרום אים האָבן ממש באַשיינפּערלעך געזען, וויאַזוי דער יצר הרע מיטן יצר טוב ראַנגלען זיך אין אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער כח פון תורה וועט פאַרט אין אים שולט זײַן און ער וועט געבן אַ גט כדת וכדין — אָדער ער וועט געבן אַ תקיעת־כף צו ווערן אַ מענטש גלײַך ווי אַלע. נאָר די האָר האָבן זיך זיי געשטעלט פון שרעק בעת זיי האָבן געזען וויאַזוי דער לץ אין אים איז פאָרט גובר. פּלוצים האָט ער זיך אויסגעדרייט צום רב, געקוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן און נישט מיט זײַן קול אַ זאָג געטאָן שאַרף און זיכער:

— רבי... איך בין נישט יאַקאָב קאָפּהאָן און זי איז נישט מײַן ווײַב... וויאַזוי זאָל איך זי גטן? איז די תורה דען מתיר צו גטן אשת אישן?

ער האָט אוודאי נאָך עפּעס געזאָגט, נאָר דער צאָרן פון דער גאַנ־

צער עדה האָט זײַנע ווערטער אײַנגעשלונגען. אַזאַ חוצפה! דאָס גאַנצע ביסל רחמנות צו זײַן דערשלאָגנקייט האָט אויסגעוועפּט. זעט אויס, אַז ער איז געבליבן דער זעלבער שפּאַס־מאַכער פון אַמאָל! ער ווייסט אַפילו נישט קיין גרענעץ ווו מען מעג יאָ באַנוצן ליצנות און ווו נישט. אַפילו דאָ וויל ער אויך אַרײַננאַרן גאַנץ קהל מיט אַ משוגענעם אײַנ־פאַל. דערנאָך וועט ער אַרומגיין און האָבן פּונדאַסנײַ אַ שיינע מעשה אויף חוזק טרײַבן. ער האָט געפירט גאַנץ קהל מיט די אדירי התורה צוזאַמען פאַר דער נאַז. קען מען עס דערלאָזן? פון אַלע זײַטן האָבן זיך גענומען הויבן הענט און קולות האָבן געשריגן אָן אויפהער:

— יאַקאָב דאָ וועט דיר נישט אַנגיין קיין שטיק! עס האַנדלט זיך אין אַ יונג לעבן!

משמעותן אַז דער לץ אַליין האָט מרגיש געווען וויאַזוי מען גלויבט אים דאָ נישט קיין וואָרט. דאָס האָט אים זייער צעטומלט און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטן, אַז עמעצער זאָל אים דאָ העלפן. מער ווי בייזע אויגן האָט ער אָבער נישט געזען. דער אב בית דין גופא האָט שוין נישט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ בייזע העזה. ער איז געווען פאַר־רעכנט פאַרן גאון הדור און ביז איצט האָט זיך אים קיינער נישט אַנטקעגנגעשטעלט, בפרט נאָך מיט אַזויפיל קאַלטן שפּאָט. ער וואָלט זיכער געווען געקומען לכלל כעס און במילא האָט ער געציטערט אַז ער זאָל מחמת דעם נישט מאַכן קיין טעות. ער האָט אויך געוואָלט אויסמײַדן דעם אייגענעם צאָרן און דערפאַר האָט ער נישט געוואָלט ממשיך זײַן די חקירה ודרישה בעידנא דריתחא... ער האָט דערפאַר געוויזן אַ צייכן מען זאָל דעם פאַרשוין אַוועקפירן צוריק אין תפיסה אַרײַן. ווי נאָר מען האָט יאַקאָבן אַרויסגעפירט פון נעבן זײַנע אויגן האָט זיך ר׳ יחיאל מיכל מילד צעשמייכלט פון גרויס גליק; דאָס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער האָט אַזאַ כח המעצר און צוליב דעם איז ער נישט געקומען צום ברעכן אַ נסיון פון כעס וואָס איז געגליכן צו עבודה זרה...

נאָר אויפן וועג האָט דער לץ געהאַט זײַן ערלעך אויסקומעניש. אַלץ האָט זיך פאַר אים ווידער אָנגעהויבן פונדאַסנײַ. היות ווי די לײַט האָבן נישט געהאַט דעם גאון פאַר די אויגן האָבן זיי מיט אים ווידער

געקענט רעדן האַרבע דיבורים און טאַקע דערלאַנגען אַ קלאַפּ אויך. ווער עס האָט נאָר געהאַט אויף אים אַ בייז האַרץ משנים קדמוניות האָט עס אים איצט באַצאָלט אויף זײַן קאָפּ. ער האָט אַפילו קיין וואָרט נישט געקענט זאָגן, ווײַל גאָרנישט האָט מען אים סײַווי געגלויבט. דערצו האָט די שטילע רבקה פּלוצים באַקומען לשון. קיינער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זי איז מסוגל אַזויפיל צו רודערן מיטן מויל. זי האָט נישט אָפּגעלאָזט קיין רגע, אַרומגעלאָפן פון איין קרענצל ייִדן צום צווייטן און נישט געלאָזט, אַז זיי זאָלן מושפּע ווערן פון זײַן געלאַסנקייט:

— ייִדן, קיינער ווייסט נישט אַזוי גוט ווי איך וואָס פאַר אַ ליִץ דאָס איז! ער קען אָנטאָן טויזנטער פּנימער אויף זיך און רעדן מיט אַלערליי קולות... ווייניק מאָל האָט ער מיר דען אַרויסגענומען די נשמה פאַר שרעק צוליב אַזעלכע שטיק!?

איז נישט געווען קיין אַנדער עצה ווי נעמען אים ווידער צום רב. די רייד צו אים זענען מיט יעדן מאָל געוואָרן האַרבער. ער איז שוין מיד געווען פון הונגערן, פון שלאָפן אויף דער האַרטער תּפיסה־באַנק. ער האָט אָבער ווידער אַלץ געלייקנט. דער שכל האָט זיך גאָרנישט געקענט גלויבן אַז אַ בשר־ודם זאָל קענען אַזויפיל קלאַמערן זיך אין שקר פאַר די אויגן פון אַ גאַנצער עדה. דער רב אַליין איז שוין מיד געוואָרן און אַלעמען איז באַפאַלן אַ ספק: אפשר איז עס אַמאָל אַ נישט־גוטער בדמות יאַקאָב קאַפּהאַן? איז דען מעגלעך, אַז אַ מענטש פון בלוט און פלייש זאָל כּח האָבן אַזוי מעיז צו זײַן אייגעם פון די גרעסטע גאונים און נישט מורא האָבן פאַר זײַן לעבן? אָבער קיין דין פּסקנט מען נישט לויט אַזעלכע איבערנאַטירלעכע טראַכטענישן אַ גאַנצע שטאָט מיט ייִדן דערקענען אים מיט די מינדסטע פּרטי פּרטים. צווישן זיי געפינען זיך זײַן ווײַב, די שכנים און דער אייגענער פאָטער. אויב אַפילו מען האָט אין אים געפונען אַזעלכע סמנים וואָס ער האָט פריִער נישט געהאַט, איז עס אויך נישט קיין ראיה; ווײַל זיי זענען אַלע נישט מלידה נאָר ער האָט זיי געקענט קריגן שפּעטער דורך אַלערליי אומגליקן פון וועג. דער רב אַליין האָט נישט פאַרגעסן דעם בחורס אַמאָליקן פּרצוף און דערפאַר קען מען בלויז משפּטן לויט דעם וואָס די

אויגן זעען. האָט דער רב נאָר געהאַט איין עצה פון רעדן מיט גוטן אויפן בעל־דברס האַרץ און אים צענעמען די נשמה. דערנאָך האָט די גאַנצע סביבה באַוואונדערט דעם רבס חכמה, וויאַזוי ער האָט מיט קלוגע רייד געקענט געפינען דעם שליסל צום פאַרשווינס האַרץ און מיט דעם ווייך געמאַכט אַפילו אַזאַ פאַרדאַרבענע נשמה ווי קאַפּהאַנס. דער רב האָט מיט אַ גוט אָבער ערנסט קול צו אים געטענהט אין די אויערן פון אַלע מענטשן:

— יעקב בר׳ מנחם! זײַ וויסן אַז מיר מיינען דאָ נאָר דײַן טובה. ס׳איז זיכער, אַז דו האָסט אַ שווער האַרץ אויף דײַן אשה רבקה, הגם מיר ווייסן נישט פאַרוואָס. דו ווילסט איר אָנטאָן צרות און נישט לאָזן, אַז זי זאָל אַמאָל האָבן פרייד אין איר לעבן. דו פאַרגעסט אָבער די צווייטע זײַט פון דער מטבע, אַז אויך דײַן לעבן ווערט דערמיט צעבראָכן. מיר ווייסן ווייל אַז דו ביזט יונג און דו דאַרפסט אויך האָבן אַ שטוב. דו ביזט אָבער נע־ונד אַזוי ווי קין. דו האָסט נישט קיין פרוי וואָס זאָל דיך באַדינען, נישט דו האָסט אַן אייגן בעט און נישט דו פילסט אַ טעם פון אַן אייגענעם טיש. עד מתי? ווילסטו דען פלאָגן זיך אויף אייביק, אָדער ווילסטו אַליין שוין אויך באַקומען אַ שטיקל תקנה? אַדרבא, לייג אויס דײַנע אַלע טענות און מיר וועלן זיי הערן!

אַלע האָבן געזען ווי די ווערטער זענען יאַקאָבן אַרײַן אין האַרץ אַרײַן. זײַנע אויגן האָבן אויפגעהערט צו קוקן קאַלט און פרעמד. זיי זענען באַצויגן געוואָרן מיט אַ פײַכט הײַטל, אַזוי ווי דעם רבס מילדקייט וואָלט אָנגעשלאָגן אויף אַ קוואַל. דער גאון האָט דערפאַר אָנגעהויבן צו רעדן נאָך ווייכער און צוגעלאָזטער:

— ווייסטו כאָטש יעקב בר׳ מנחם, אַז אין קיין יידישער שטוב וועט מען דיך מער נישט אַרײַנלאָזן? דאָס אַלץ קענסטו אָבער פאַר־מײַדן. אויב דו ווילסט ווײַטער וואַנדערן, איז דער רשות געגעבן אין דײַנע הענט און קיינער וויל דיר קיין דעה נישט זאָגן. וואָס וועט אָבער זײַן, אַז דו וועסט דאַרט אין מיטן וועג מיד ווערן און דו וועסט חשק האָבן זיך צו באַזעצן אויף אַן אָרט? לכן בין איך דיר מבטיח, אַז ווי נאָר דו וועסט אָפּגטן דײַן ווײַב רבקה וועל איך דיר אַרויסגעבן אַ כתב, געחתמעט פון מיר מיטן גאַנצן בית דין, אַז דו האָסט געגט דײַן אשה

כדת וכדין און אַז דו מעגסט חתונה האָבן מיט וועמען דו ווילסט. אין כתב וועט שטיין געשריבן ווער דו ביזט און ווער עס איז דײַן פֿאָטער. אַזאַ בריוו פֿון פּרעמיסלער בית דין איז זיכער פֿון גרויס חשיבות אין דער וועלט און צוליב דעם וועסטו זיכער קענען קריגן דײַן בת־זווג אויף איינעם פֿון די ערטער וואָס דײַנע פֿיס וועלן דיך אַהין פֿאַרטראָגן... מיט דעם אַליין ביזטו אַ מענטש מיט אַ נאָמען!

אין יאַקאָבס אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל צעפּלאָמט אומגעריכטע נצחון־פֿײַערלעך. עס איז ניכּר געווען אַז ער איז דערמיט אײַנגעבראָכן געוואָרן, כאָטש ער האָט זיך נאָך מכלומרשט געיִשובֿט: דעם רבֿס דיבורים האָבן געטאָן זייערס און ער האָט זיך פֿון גרויס איבערראַשונג אַ וואַקל געטאָן. אַלע האָבן בחוש געזען, אַז דאָס איז נישט מחמת שרעק נאָר פֿון גרויס שמחה וואָס דער גאָון איז אַזוי גוט צו אים. טאַקע אַזוי, וויפֿל אורחי ופֿרחי האָבן עס אַזעלכע כּתבֿים פֿון אַזאַ מרא דאתרא? ס'איז דען נישט צום פֿאַרשטיין, צוריקגעשמועסט, זײַן גאַנצע עקשנות? אַז פֿון איין זײַט קען ער מיט זײַן אשה נישט ווינען און פֿון דער צווייטער זײַט האָט ער מורא אַז קיין צווייטן זיווג וועט ער שוין נישט טרעפֿן. מען קען אים שוין צופֿיל און זײַן שם רע וועט אים גיין פֿאָרויס... איז ער געווען נישט אויף דעם עולם און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן! אָבער אַז בית דין גיט אים אַזאַ כּתבֿ איז עס שוין טאַקע אַ נחמה. אויפֿן רבֿס חתימה וועלן אַפֿילו גאָר שיינע בעלי בתּים אויך אויסשטעלן... איז דען אַ וווּנדער וואָס יענער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן פֿון שמחה? האָט מען אים נישט געלאָזט זיך לאַנג מיישבֿ זײַן. אַ קול פֿון דער זײַט האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, איצט וועסטו שוין געבן אַ גט?

און אַ בלינדער האָט געקענט זען, וויאַזוי ער שאָקלט דעם קאָפּ מיט הסכּמה. דערנאָך איז שוין אַלץ צוגעגאַנגען מיט דער אײַלעוודיקייט פֿון אַ בליץ. דער גט איז אַרויסגעפּערטיקט געוואָרן און יאַקאָב האָט אָן תּרעומות באַפֿרײַט רבֿקהן פֿון זיך, אַז זי זאָל מותּר זײַן חתונה צו האָבן מיט וועמען זי וויל. אויך דער רבֿ האָט יאַקאָבן אַרויסגעגעבן אַ כּתבֿ בזה הלשון:

„זאָל נון וויסן יעדער וואָס דאַרף עס צו וויסן אַז ה"ה יאַקאָב בהר'

מנחם המכונה מאַן, וואָס זײַן פאָטער און זײַן מוטער זענען געבירטיקע פון אונדזער קהילה און אויך זײַן ווײַב וואָס איז גענומען געוואָרן צו אים פון דער שטאָט קראָטאָשין, וואָס געהערט צו אונדזער קהילה און אַצינד האָט יאַקאָב הנ״ל געפּטרט זײַן ווײַב רבֿקה הנ״ל מיט אַ גט פּטורין ווי דער דין איז. מחמת דעם איז יאַקאָב הנ״ל מותר חתונה צו האָבן פאַר יעדער אשה אָדער בתולה וואָס וועט צו אים מרוצה ווערן און בכדי מפרסם צו מאַכן די זאַך בין איך געקומען מיט מײַן חתימה דינסטיק י״ט סיוון... יחיאל מיכל וואָס רוט אין ק״ק פּרעמיסלא והגליל יצ״ו...״

ס׳איז פאַר קיינעם קיין וווּנדער נישט געווען וואָס דער טרויעריק־געוואָרענער ליץ האָט זיך דאָס מאָל אַזוי ברייט צעשמייכלט, בעת ער האָט דעם רבס כתב אַרײַנגעלייגט צו זיך אין טאַש. עס האָט אויך קיינעם נישט געוווּנדערט, וואָס תיכף נאָכן גט און דעם כתב האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטאָט און זיך אַפילו נישט געזעגנט מיטן איי־גענעם טאַטן. ווער קען דען נישט די כלי מפואר! גיכער האָט מען זיך געוווּנדערט אויף דער געגטער רבֿקה, וואָס איז געוואָרן גאָר שטאַרק טרויעריק און מען וואָלט גרייט געווען צו שווערן, אַז איצט וואָלט זי אים ערשט צוריקגענומען אָן אַ וואָרט און זי וואָלט אים מער נישט געטריבן. גיי פאַרשטיי די דעה פון די׳ נשים! וואָס גרינגער זיי זענען, אַלץ שווערער איז זיי צום פאַרשטיין! נאָר קיינעם איז נישט אײַנגע־פאַלן צוליב דעם אים צוריקצורופן און מאַכן אַ פרישן שלום בית. אי־זי אַוועק מיט וואַקלדיקע טריט און יעדער האָט זיך געפרייט וואָס זי איז אַרויס פון די קייטן. מעג ער טאַקע גיין וווהין ער וויל און טאַקע וואָס שנעלער. איצט זאָל שוין אַ צווייטע קהילה פון אים נחת האָבן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין פאַקטיש אָפּגעגט מיט גאַנץ פּרעמיסלע...

פון גרויסער בהלה איז קיינעם אַפילו נישט אײַנגעפאַלן נאָכאַמאָל בודק צו זײַן די טיפערע סימנים זײַנע ווי עס געהער צו זײַן. וויבאַלד מען האָט קוים געפּועלט בײַ אים, איז דאָך נישט שײַך מסופק זײַן, אויב ער האָט געוואָלט אָפּנאַרן מיטן גט... איז געלויבט צו גאָט וואָס מ׳האָט בײַ אים געפּועלט און פּטור אַן עסק!

שפּעטער־צו איז געקומען עפּעס אַן אביון צו רבֿקהן און איר גע־

מאַלדן בעל פּה אַז זי זאָל זיך חס ושלום נישט דערוועגן חתונה צו האָבן; באשר ובכן דער מענטש וואָס האָט איר גט געגעבן האָט אים געבעטן זיך צו אײַלן און זי מתּרה זײַן, אַז ער איז נישט איר מאַן און אַז דער גט האָט נישט קיין האַפט. ווער האָט אים אָבער געהערט? די שטאָט אַליין ווערט שוין נישט נתפּעל פאַר די קלוגסטע שפּיצלעך וואָס קאַפּהאַנס לצישער מח קען אויסקלערן. ליתר שאת האָט מען דעם שליח גענומען צום בית דין אויף חקירה ודרישה. מען האָט אים געפרעגט אויב ער ווייסט דעם עונש פון מוציא לעז זײַן אויף אַ גט וואָס איז שוין געגעבן געוואָרן. דערפון האָט בײַם אָרעמאַן גענומען ציטערן הענט און פיס, דערבײַ האָט ער זיך נאָר פאַרענטפערט אַז ער איז גאָרנישט שולדיק. אַ ייִד האָט אים געבעטן — איז ער געגאַנגען פאַרהיטן פון אַ חטא... וואָס ווייסט ער?

מיט רבקהן אַליין איז אויך געווען עפּעס אַ גאַנצע מעשה. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם קבצנישן ייִד, געהאַלטן אין איין אויספרעגן אים און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי איז זייער ווייניק מהדר נאָך אַ צווייטן מאַן, הגם זי האָט זיך פריִער אויסגעוויינט די אויגן... עס האָט געהייסן, אַז זי ציטערט פאַרן מינדסטן חשד און וויל נאָך וואַרטן. האָט איר מער קיינער נישט געזאָגט קיין דעה. דערפאַר אָבער האָט גאַנץ פּרעמיסלע שנעל פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה און קיינעם איז אַפילו מער נישט אָנגעגאַנגען וואָס מיט קאַפּהאַנען איז געוואָרן.

קאַפּיטל עלף

— 1 —

אויפן פונאַנדערשייד פון צווי וועגן האָבן געשלײַכט צווי הויכע פאַרשויגנע, יעדער מיט אַ באַזונדער זעקל און קומענדיק פון אַ באַזונ־דער זײַט, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט דאָ אויסצופירן אַ בשות־פותדיקע גניבה. איינער איז געגאַנגען זײַן וועג מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און יעדער שפּרײַז איז אים שווער אָנגעקומען. דער צווייטער איז גע־

גאַנגען אײַלעוודיק, מיט אַ געזאַנג אין די טריט. דעם פריילעכנס גע־זאַנג האָט אָפּגעהילכט פון ווי ווײַט, פונקט ווי ער וואָלט זיך אומגע־קערט בגילופין פון אַ סעודה. ער האָט מיט זײַנע נאָז־ווינקלען אויס־געשמעקט יעדער בוים און יעדעס פּיצל ערד פון דער גאַנצער געגנט. לסוף האָט ער געפונען אַ פּלאַץ בײַ וועלכן ער האָט אַוועקגעלייגט זײַן שווערן זאַק.

ער האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן דעם אויבער־ראָק און אויסגעשפּרייט אויפן גראָז. דערנאָך האָט ער זיך מנוחהדיק אַרויסגענומען פון זעקל אַ ווײַס ברויט מיט געטריקנט פלייש און אָנגעהויבן פּראַווען אַ סעודה. אַ זײַטיקער מענטש וואָלט זיכער געמיינט, אַז דאָס האָט ער זיך נאָר געזעצט אָפּרוען און אָט־באַלד וועט ער זיך ווידער גיין זײַן וועג. בלויז פון זײַנע העלע, אומרויִקע אויגן האָט מען געזען, אַז דאָס זוכט ער בשעת־מעשה עמעצן אין די ווײַטקייטן. איז דאָס אַ סימן געווען, אַז ער וועט זיך פון אָרט נישט רירן ביז נאָך עמעצער וועט נישט קומען. היות ווי ער איז אָבער פּאָרט געווען אַליין, האָט ער דערווײַל זיך געקוויקט מיט אַ לידל, צווישן איין עס־הפסקה און דער צווייטער, וואָס ער אַליין מסתמא האָט מחבר געווען, וועגן אַ ווײַב וואָס האָט געפּײַניקט דעם מאַן און ער האָט זי געלאָזט אַן עגונה.

דער צווייטער, מיטן טרויעריקן געשטאַלט, האָט זיך דערווײַל אויס־געשלאָגן אַ וועג ביז צו יענעם אָרט. זײַנע מלבושים זענען אויף אים געווען צעריסן און זײַן פּנים איז שרעקלעך אָפּגעמאָגערט געווען. ער האָט געזוכט מיטן בליק צווישן דער שיטערער ריי מיט ביימער און באין־אופן נישט געקענט דערקענען וואָס ער זוכט. ער האָט זיך גענומען דרייען אַהין און צוריק און זײַן געדאַנק, וואָס איז פון אייביק אָן פול געווען מיט חשדים, האָט אים שוין אונטערגעזאָגט אַז דאָ האָט אים אַ לץ ספּעציעל אַרײַנגענאַרט בכדי פון אים חוזק צו טרײַבן. סײַווי האָט ער אים שוין אַרײַנגעפירט גאָר אין אַ מיאוס עסק אַרײַן. אַ קול פון דער ווײַטנס האָט אים אָבער איבערגעשריגן זײַנע פאַרטראַכטע ביי־זענישן:

— העי יאַקאָב! וואָס בלאָנקעסטו אַרום? אָט זיץ איך דאָ...

יאַקאָב האָט זיך דערפרייט מיטן דאָזיקן קול און גענומען לויפן

מיט אַלע כוחות אַהין. ווי נאָר קאַפּהאַן האָט אים געהאַט נאָנט פון זיך האָט ער אים אַנטקעגנגעשריגן מיט אַ הפקרדיק געלעכטערל:

— ווען דו ווייסט וואָס פאַר אַ מתנות איך האָב פאַר דיר!

יאַקאָבס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן פון באַהאַלטענער פרייד. מתנות? צי האָט זיך נישט אַמאָל מרימס האַרץ איבערגעקערט צום גוטן? אפשר האָט זי אים געשיקט גוטע זאַכן בכדי אים מפייס צו זײַן? און אפשר האָט זי גאָר געשריבן אַ בריוו אין וועלכן זי בעט אים מחילה? ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו קאַפּהאַנען, געצאַפּלט אונטער יענעמס בליק:

— האָסט געזען מרימען?

קאַפּהאַנס בליק האָט פאַרלוירן די לוסטיקע פֿײַערלעכקייט. ער איז געוואָרן טרוקן און שטרענג:

— געזען! ווי דען אַנדערש? און געשמועסט מיט איר... נאָר דו האָסט מיר אַנגעמאַכט אַזאַ טרחה וואָס איך האָב זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט...

יאַקאָבס דורשטיקע אויגן האָבן בײַ אים געמאָנט, געבעטן רחמים:

— דערצייל... דערצייל ווײַטער!

דאָס לשון איז אָבער בײַ קאַפּהאַנען ווי אָפּגענומען געוואָרן. ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך אַלצדינג געוואָלט דערמאָנען בפרטית און זײַנע הענט האָבן דערווײַל גענישטערט אין זײַן גרויסן, פול־געשטאָפּטן זאַק. אָן ווערטער האָט ער פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פּאָר זילבערנע לײַכטערלעך און געוויזן יאַקאָבן מער מיט די אויגן ווי מיטן קול: ד ע ר ק ע נ ס ט? יאַקאָב האָט זיך צעיאָמערט פאַר איבער־ראַשטער פרייד געמישט מיט געפּײַניקטער בענקשאַפט:

— אוי געוואַלד! מרימס שבת־לײַכטער וואָס איך האָב איר גע־שענקט!

זײַנע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו זיי, געריסן זיך זיי אַרומ־צוכאַפּן און אויסקושן — הגם דאָס זענען נאָר שטומע חפצים. קאַפּהאַן האָט זיי שנעל צוריקגעכאַפּט און אַרײַנגערוקט אין זאַק אַרײַן:

—וואָס כאַפּסטו זיך? איך האָב נאָך... וואָס דאַרפסטו די לײַכ־טערלעך, אַז איך האָב דיר געבראַנגט אַ גרוס פון מרימען... און די

אַנדערע זאַכן ווילסטו גאָרנישט זען ? און וואָס די מאַמע מאַכט ווילסטו גאָרנישט וויסן ?

צו יאַקאָבן איז אָבער מער נישט מעגלעך געווען צו רעדן אַ מענטש־לעך לשון. זײַן פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט און זײַן גאַנצער גוף האָט זיך געוואָרפן אין אומגעריכטן פיבער. קאָפּהאָנען איז באַפאַלן אַ פּחד אַז דער מענטש קען אים נאָך ווילד צערײַסן מיט די נעגל. אַזאַ שגעון קען אַלץ באַווײַזן ! האָט ער זיך שוין געגרייט אים אויפצונעמעז מיט כח. נאָר יאַקאָב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, געפּויזעט אויף איר און געשטרעקט זײַן אָנגעצונדן פּנים נענטער צו קאָפּהאָנס זאַק. עס האָט אויסגעזען אַז דאָס וויל ער אײַנזאַפּן מיט דער נאָז דעם ריח פון זײַן היים, פון זײַן מרימען... אין קאָפּהאָנען האָט זיך צע־ברענגט דער קאַלטער, אויסגערעכנטער צאָרן : וואָס קריכט ער ווי עפּעס אַ וואָרעם ? וואָס ציטערט ער אַזוי ווי אַ מטורף יינגל ? ער קען זיך נישט אײַנהאַלטן קיין מינוט ? וויאַזויזשע וויל ער עס זײַן אַ מאַן צום לעבן ? ער האָט דערפאַר יאַקאָבן האַרט אָפּגעשטויסן פון זיך :

— וואָס ביזטו אַזוי צעווילדעוועט געוואָרן ? דו ווילסט אפשר אַרויסרײַסן בײַ מיר דעם זאַק מיט געוואַלט ? שוטה איינער ! בײַ מיר כאַפּט מען נישט. דו מוזט וואַרטן ביז איך וועל דיר אַליין געבן וואָס דיר קומט. איך בין שטאַרקער פאַר דיר און דאַרפסט נישט באַנוצן מײַן תורה דווקא צו מיר אַליין, בעת קעגן אַנדערע ביזטו ווײַטער אַ פליג... זעץ דיך פריִער אַוועק און הער וואָס איך האָב דיר צו זאָגן.

זײַנע שאַרפע ווערטער האָבן יאַקאָבן צוריקגעשלײַדערט, אויפגע־רעגט און געשראָקן : וואָס האָט ער בדעה צו טאָן, דער לץ ? ער וויל מסתמא פון אים אָפּלאַכן און דערנאָך אַוועקגיין ווי קיינמאָל גאָר־נישט... אויב אַזוי וועט יאַקאָב נישט דערלאָזן ! ער וועט זיך אויף אים וואָרפן און אַרויסרײַסן זײַן רויב. ער איז גרייט צו גיין אויפן טויט. וואָס הייסט ? יענער טראָגט מיט זיך מרימס לײַכטערלעך וואָס ע ר האָט זיי איר געשענקט — און דער לץ לאָזט זיי אַפילו נישט אָנקוקן ! ? ווי קומט ער צו זיי ? בלוט וועט זיך גיסן !

נאָך פונדעסטוועגן האָט אים זײַן אייביקע הכנעה ווידער אַרומגע־נומען און נישט געלאָזט, אַז זײַנע פאַרצווייפלטע מחשבות זאָלן אים

אַרויסקומען אויפן פּנים. ער האָט בלויז יענעם געקוקט אין די אויגן אַרײַן מיט אַ צרהדיק געבעט, וואָס ווײַזט די גרייטקייט זײַנע קאַפּהאָנען אַלץ אָפּצוגעבן, אַבי ער זאָל אויף איין מינוט נאָר אים געבן אין די הענט וואָס ער האָט געברענגט. קאַפּהאָן האָט זיך להכעיסדיק דווקא נישט געאײַלט. ער האָט זיך נאָך פעסטער אָנגעלענט אין אַ בוים, גע־נומען אין דער האַנט אַרײַן אַ דיקע צווײַג אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ מלחמה און צום סוף ערשט אַרויסגעברומט מיט אַ רויק געמיט:

— בײַ מיר ברענט קיינמאָל נישט. כל זמן מען אײַלט זיך, ווייס איך נישט פון וואָס פריִער אָנצוהויבן און איך מוז גיין לויט אַ סדר. איך מוז אָנהייבן בײַ דער אלף. זײַ אָבער זיכער, אַז איך דאַרף נישט דײַנע לײַכטער צוזאַמען מיט דײַן גאַנץ פאַרמעגן. איך דאַרף נאָר אַז מיר זאָלן האַנדלען יושרדיק.

יאַקאָב האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס קאַפּהאָן וויל פון אים. ווען האָט ער דען געטאָן אַן עוולה? וואָס האָבן די לײַכטערלעך צו טאָן מיט יושר? אין דער זעלבער רגע האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אינעם כתב פון פּרעמיסלער רב וואָס ער האָט אין בוזעם און אַ שרעק איז אים באַפאַלן: ווייסט נישט אַמאָל קאַפּהאָן פון דער גאַנצער מעשה? ער איז דערפון אַזוי פאַרשעמט געוואָרן, אַז ער האָט מורא באַקומען איבערצופרעגן יענעם וואָס אַזעלכעס ער פאַרלאַנגט פון אים. קאַפּהאָן האָט זיך פון זײַן צעקראַכנקייט נאָך מער צעפּײַערט:

— איך רעד זיך אויס דעם האַלדז און דו שווײַגט ווי אַ גולם... וואָס מיינסטו דיר? איך בין אפשר דיין משרת? איך בין אפשר מחוייב אַזויפיל יסורים צו לײַדן פאַר דיר?

אַ ציטער איז יאַקאָבן אַדורך איבערן לײַב: ער ווייסט! ער וועט באַלד אַרויס מיט אַ גרויס געשריי און יאַקאָב וועט אַפילו נישט קענען ענטפערן מיט קיין וואָרט. עפּעס אַ קלייניקייט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן!? סײַ ווי וועט ער זיך מוזן פאַר אים באַלד מתוודה זײַן, איז אפשר גלײַ־כער אַז קאַפּהאָן זאָל אָנהייבן... עס וועט זײַן לײַכטער! נאָר קאַפּ־האָנען איז דער דאָזיקער ענין אַפילו נישט געקומען אויפן רעיון. ער האָט גאָר צו יאַקאָבן געהאַט אַנדערע תביעות. צי ווייסט ער כאָטש וויפל קאַפּהאָן האָט זיך אָנגעפּלאָגט, ביז ער האָט געזען ליסע פאַר די

אויגן ? ממון מיט דמים האָט עס אים אָפּגעקאָסט. ער האָט געמוזט באַצאָלן פאַר עסן, פאַר אַכסניות און פאַר אַנדערע זאַכן . . . ווי נאָר מען האָט אים דערקענט, איז שוין נישט געווען קיין רייד פון עוסק זײַן אין פּרנסה אָדער גיין איבער די הײַזער. דערצו האָט ער זיך צוריקוועגס געשלעפּט מיט אַזאַ גרויסן זאַק. וועמענס חפצים זענען עס דען, אויב נישט יאַקאָבס ? ער האָט נישט איינמאָל געמוזט באַצאָלן אַן ערל בכדי ער זאָל אים העלפן טראָגן אָדער איבערפירן די זאַכן פון אָרט צו אָרט. איז דאָס גאָרנישט ? נאָר קיין סך אַרײַנטענהן מיט אים האָט ער נישט קיין חשק. איינס פון די ביידע: אָדער יאַקאָב באַצאָלט אים די סומע וואָס ער וויל, איז חרי טוב. וועט אים קאַפּהאָן אַלצדינג דערציילן. אלא נישט ? קען זיך יאַקאָב קאַפּהאָן אויפהייבן, נעמען דעם זאַק מיט חפצים אויף די פּלייצעס און שפּרײַזן ווײַטער. קאַרג עוולות האָט ער שוין געהאַט אין זײַן לעבן ? עס וועט אים נאָר בלײַבן אין זכרון, אַז פאַר קיין שלימזלען זאָל ער זיך נישט אײַנשטעלן. ס׳איז נישט ווערט די מי . . .

יאַקאָב האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען ווי גרויס נאַרישקייט ער האָט אָפּגעטאָן. צוליב וואָס האָט ער פריִער דערציילט קאַפּהאָנען אַלצדינג וועגן זיך ? ער האָט אים דאַן אַפילו מוסר־סוד געווען וויפל געלט ער האָט אָפּגעשפּאָרט במשך זײַנע יאָרן נע־ונדעווען איבער דער וועלט. איצט וועט ער צאָלן דערפאַר ! ס׳איז שוין צו שפּעט זיך צוריקצוכאַפּן און קאַפּהאָנס גיריקע אויגן שטייען שוין אָנגעשטעלט גלײַך אויפן באַ־העלטעניש. ער ווייסט שוין פריִער, יאַקאָב, אַז ער וועט יענעם מוזן אָוועקגעבן דעם אוצר. ער האָט אַ ברירה ? אַפילו ווען יענער זאָל אים גאָרנישט אָפּגעבן דערפאַר מוז ער אים שוין צאָלן מיט זײַן פאַרמעגן. עס וועט אים נישט העלפן. מיט די בלויזע אויגן וועט עס יאַקאָב קאַפּ־האָן בײַ אים אַרויסציִען ! נאָר פאַרוואָס קומט עס אים ? וויאַזוי קען ער, יאַקאָב, כסדר זײַן אַזאַ שוואַכע בריאה און זיך נישט ווערן ? פאַר־וואָס זאָל ער זיך טאָקע נישט אַנטקעגנשטעלן ? איז יענער דען אַ רויִ־בער פון וואַלד וואָס גייט עס בײַ אים אַרויסציִען מיט אַ האַק אין דער האַנט ? ניין. קאַפּהאָן האָט עס גאָרנישט בדעה. ער האָט זיך גאָר ווידער גענומען צום קײַען זײַן ברויט, אַזוי ווי ער וואָלט שוין מער גאָרנישט

געהאַט וואָס יאַקאָבן צו זאָגן. עס אַרט אים אַפילו נישט וואָס יאַקאָבס אויגן זענען גרויס געוואָרן, אַרויסגעשטאַרצט און וואָס אין דער אמתן שטעקן זיי שוין אין קאַפּהאַנס פּעסט־צוגעשנורטן זאַק. ער איז צופיל זיכער אין יאַקאָבן און ער ווייסט, אַז יאַקאָב וועט אים באַלד מוזן פרעגן מיט זײַן פאַריאושט קול:

— וויפל פאַרלאַנגסטו?

האָט ער רויק געוואָרט. אויך ווען יאַקאָב האָט שוין נישט אויס־געהאַלטן און געפרעגט — האָט ער זיך נישט געאײַלט מיט קיין תשובה. דאָס האָט ער געוויזן הפנים, אַז די פראַגע איז פאַר אים געקומען נישט־דערוואַרטערהייט און ער מוז ערשט כאַפּן אַ ישוב הדעת וויפל צו זאָגן. ער מוז קודם אויסרעכענען די הוצאות. יאַקאָב האָט עטלעכע מאָל גע־מוזט איבערחזרן זײַן פראַגע ביז קאַפּהאַן האָט אַרויסגעזאָגט זײַן פאַר־לאַנג מיט טיפן ערנסט:

— פופציק דוקאַטן...

ס׳איז געווען יאַקאָבס גאַנצע פאַרמעגן ביז דער לעצטער פרוטה.

— 2 —

קאַפּהאַן האָט אַרויסגעצויגן יעדן חפץ באַזונדער מיט אַ שטאַרקער הנאה. וועגן יעדן איינעם האָט ער געהאַט גאַנצע נסים צו דערציילן. זאָל יאַקאָב נישט מיינען אַז ער האָט אַלע חפצים באַקומען מיט איין קלאַפּ און פאַרטיק. ער וויל נישט יאַקאָבס. וואָס יענעמס איז יענעמס, נאָר אויך דאָס צוריקגעבן טאָר נישט זײַן מיט איין מאָל. עס וועט פאַר־לירן די גאַנצע חשיבות און עס וועט גאַרנישט ענלעך זײַן צום אָפּנעמען זיי בײַ מרימען. ער זעט די שנור מיט קרעלן? די מרים האָט פון זיי געמאַכט אַ שיינעם תכלית! נאָר קאַפּהאַן האָט אַן אײַזערנעם זכרון און ער האָט געדענקט וויפל שטיק יאַקאָב האָט איר געקויפט. האָט ער געכאַפּט קלעפּ, געוואָרט גאַנצע טעג — ביז מרים האָט זיי אַלע געמוזט אָפּגעבן... און דעם לײַב־צודעק מיט די זילבערנע קנעפּ דערקענט ער? מעג ער כאַטש וויסן, אַז זי האָט די זילבערוואַרגן פאַרקויפט און אים נאָר געוואָלט אָפּגעבן די בלויזע לאַכעס. נאָר אויף קאַפּהאַנען מעג מען

זיך פאַרלאָזן. וויבאַלד ער האָט געוווּסט אַז עס זענען געווען זעקס קנעפּ — האָבן זיי געמוזט זײַן אויף דער האַנט... וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן! רק זי האָט נישט... נאָר זי האָט געמוזט אָקערן מיט דער נאָז און צוריקבערענגען. הײַנט די לײַכטערלעך! און די מלבושים! און אירע מתנה־קליידער! ביז אַ פאַדעם האָט זי געמוזט אָפּברענגען...

יאָקאָב האָט יעדן חפץ צוריקגענומען, געגלעט עס מיט די אויגן און מיט די פינגער ביז די טרערן זענען אים אָפּגעלאָפן פון פרייד. טאָקע אַזוי! קאָפּהאָן האָט פאָרט אַלץ צוריקגענומען ביז אַ האָר! פון גרויס צעחושטקייט האָט ער זיך גענומען אויסטאָן, אָנגעמאָסטן אויף זיך דעם שבתדיקן קאַפּטאָן, דאָס חתונה־וועסטל, די גוטע שיך... ער האָט פאַרגעסן אַפילו, אַז קאָפּהאָן זיצט און זעט אַלץ צו. וואָס גייט ער אים אָן? און וואָס גייען אים אָן די אַוועקגעגעבענע דוקאַטן? אָט קריכט ער איצט צוריק אַרײַן אין די בגדים פון זײַן יוגנט און ער איז צוריק דער אמתדיקער חתן־בחור וואָס האָט קיינמאָל דעם בעטלערישן טעם נישט פאַרזוכט... דאָס האָט זי אים געשיקט דאָס אַלץ ער זאָל זיך אויספּוצן און קומען, קומען צוריק... אין מיטן זײַן שכרות האָט אים אָבער דער געדאַנק צוריק אויסגעניכטערט:

— אוי, ער האָט דאָך גאָר פאַרגעסן צו פרעגן, וויאַזוי קאָפּהאָן האָט אָפּגענומען די זאַכן! ער האָט דאָך פריִער געמוזט שמועסן מיט מרימען, זײַן בײַ איר אין שטוב, רעדן צו איר גוטע רייד און מאַכן מיט איר קאַנטשאַפּט. סתם אַזוי וואָלט מרים נישט אַרויסגעגעבן דאָס וואָס זי האָלט פאַר זיך. טאָ וויאַזוי האָט ער עס געמאַכט? וואָס האָט זי געזאָגט? וואָס וויל זי ווײַטער טאָן? איז זי נאָך ברוגז?

קאָפּהאָנס הענט האָבן געענדיקט איבערציילן דאָס לעצטע מאָל די דוקאַטן, וועלכע ער האָט נאָרוואָס אַרײַנגעשטופּט אין בוזעם. זײַנע אויגן האָבן דערפאַר צוריק אויפגעשײַנט מיט דער גוטמוטיקער ליצנות פון אַמאָל, ווען דאָס האַרץ איז אויפגעלייגט. אַ שאלה אַביסל! אַוודאי האָט ער זי געזען... און אַוודאי איז נישט אַזוי לײַכט אַרויסצונעמען בײַ דער קלוגער מרים אַזאַ פאַרמעגן! אלא וואָס דען? יאָקאָב קאָפּהאָן איז אויך נישט געבוירן געוואָרן ערשט נעכטן און ער ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן מיט אַזאַ איבערגערעכנטער אשה —

ער האָט איר געגעבן אַ גט!

יאַקאָבן איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער גאַנ־צער וואַלד אַרום האָט זיך צעפלאַקערט, געברענט, געשטיקט אים... וואָס האָט ער געזאָגט, דער מטורף? אַ גט!? וואָס האָט ער אָפּגע־טאָן!? מרימען — אַ גט? ווי געשריגן!... דערפאַר האָט ער גע־ברענגט אַ פּאָר שמאָכטעס, אַביסל נאַרישע זאַכן... דאָס דאַרף אויס־גלײַכן יאַקאָבס מאַטערנישן זינט יאָרן, זײַן בענקשאַפט אויף די גלע־גערס פון אַלערליי הקדשים און לעכער, זײַנע אַלע יסורים און געווייגעז וואָס קיינער האָט נישט געזען און געהערט אויסער גאָט אַליין — — — זילבערנע קנעפּ האָט ער אים דאָ געברענגט! דוקאָטן האָט ער בײַ אים דערפאַר אַרויסגעריסן! אַ גט האָט ער איר געגעבן און שוין... מנוול!

קאַפּהאָן האָט נישט באַוויזן צו כאַפּן דעם געדאַנק. איבער אים איז געשטאַנען יאַקאָב און געשריגן מיט אַלע כוחות. זײַנע האָר זענען געווען צעשויבערט און די לאַנגע באָרד האָט זיך דראָענדיק געוויגט אויפן ווינט. איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו טראַכטן וואָס דאָ האָט יענעם אַזוי אויפגערייצט, האָבן אויף זײַן קאָפּ געגומען פאַלן די שמאַ־טעס וואָס יאַקאָב האָט געפליקט מיט די צעווילדעוועטע הענט און זײַן יללה האָט אַדורכגעריסן די וואַלדיקע שטילקייט:

— דוקאָטן! רוצח! גנב! הרגענען וועל איך דיך! אַ גט? אַ גט!? זאָלסט שוין זאָגן, אַז אַלץ איז כזב ושקר! באותה הרגע... דוקאָטן באַצאָל אים... פּערל... זילבערנע קנעפּ... לץ און עוכר ישראל דו! ס'איז אַ ליגנט... אַ כשוף... און איך וועל דיך ממיתן!

קאַפּהאָן האָט געפילט ווי יאַקאָב האָט אים אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט זײַנע ביינערדיקע הענט און ער האָט דערזען מיטאַמאָל, אַז דער צעקראַכענער יאַקאָב פאַרמאָגט אין זיך אַ גבורה וואָס ער האָט פריִער נישט אַרויסגעזען; בפרט ווען ער איז ווילד און אויפגערייצט. ער וואָלט אויך איצט געקענט אַנגורטן זײַן כח און פאַרמעסטן זיך מיט יענעמס משוגעת. ער וואָלט אים געקענט אַנידערוואַרפן מיט אַ שכלדיקער קונץ און אים בינדן ווי אַ שעפּס. ער וואָלט אים דערנאָך געקענט פאַרשטאָפּן דאָס מויל און אַוועקגיין ווי קיינמאָל גאָרנישט... ער האָט עס אָבער

נישט געוואָלט טאָן. פון יענעמס ווילדן אויסברוך איז קאַפּהאַנען באַ־פאַלן אַ גרויס רחמנות צו אַזאַ אומגליקלעך באַשעפעניש: ווי שטאַרק ער מוז עס ליב האָבן דאָס אויסגעצירטע ווײַבעלע, וואָס האָט אויפגע־רודערט גאַנץ ליסע מיט איר געוויין! זײַן גאַנצע נשמה מוז דאָרט שטעקן און ער, קאַפּהאַן האָט זיך נישט געטאָרט אַרומשפּילן מיט אַזעלכע זאַכן! וואָס האָט ער אים געהאַט צו שפּילן אויף דער סבלנות? ער איז ווערט דעם פּסק. מעג זיך יאַקאָב אַביסל אויסצערענען אויף זײַן קאָפּ. זאָל ער אים רײַסן די באָרד, שטיקן אים... סײַווי קען ער זיך אָפּווערן צו יעדער צײַט — טאָ זאָל אויך יענער אַביסל הנאה האָבן פון זײַן נקמה... און אפשר זאָל ער אים צוריקוואַרפן זײַן בינטל דוקאַטן?

נאָר קאַפּהאַנס שאַרפער געדאַנק איז שנעלער געלאָפן ווי זײַנע געפילן. עס איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, וועלכן ער האָט מער נישט געקענט צוריקהאַלטן. יאַקאָב האָט אים שוין דערלאַנגט די ערשטע קלעפּ און ער האָט זיי נישט געשפּירט. אַנשטאָט דעם האָט ער גענומען לאַכן אַזוי הויך, אַז יאַקאָבס שגעון איז דערפון אַזוי ווי פאַרגליווערט גע־וואָרן. קאַפּהאַן האָט מער נישט געדאַרפט. ער האָט אים לײַכט אַ שלײַדער געטאָן און יענער איז פון שלאַג־שכרות אַוועקגעפאַלן. קאַפּהאַן האָט אים לײַכט געקענט נעמען און בינדן. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן. ער האָט נאָר לײַכט אַ כאַפּ געטאָן יאַקאָבס הענט, זיי צוגעהאַלטן און בהרחבהדיק זיך אויפגעשטעלט. דערנאָך האָט ער יאַקאָבן אַ צי געטאָן צו זיך און מיט אַ פול מויל אַ יאָג געטאָן אויף אים זײַן פרייליך געלעכטער:

—איצט זעסטו שוין אַז אַ בהמה בלײַבט אַ בהמה און נאָר בלײַבט נאָר?

יאַקאָב האָט שוין ווידער געשטאַמלט מיט אונטערטעניקייט:

— האָסט מיך אָפּגענאַרט? איז אַלץ ליגנט? זאָג, איך בעט דיך...

פון יאַקאָבס צוריקגיין צו געבעט האָט קאַפּהאַן געוווּנען זײַן גאַנצע שליטה אויף אויף זײַן געדאַנק. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן יאַקאָבן, אַוועק־געזעצט אים און האַרב אַ זאָג געטאָן:

— אַז מען האָט נישט קיין שכל דאַרף מען זיך וואַרפן אין אַ ברונעם. וואָס דאַרפסטו לעבן? און וואָס קענען דיר העלפן קלוגע פּלענער, אַז דו ביזט אַ חמור און מאַכסט אַ תל פון די בעסטע אײַנ־פאַלן? דו ביזט אַ פאַרפאַלענער און איך וויל מיט דיר גאָרנישט האָבן קיין עסקים... אפשר קענסטו מיר זאָגן צוליב וואָס דו האָסט זיך צעפײַערט? בהמה!

פון אַזעלכענע רייד איז בײַ יאַקאָבן דער גאַנצער כעס אַראָפּגעפאַלן, פאַרלוירן געגאַנגען. וואָס האָט ער זיך דאָ צערודערט? פאַרשטייט ער דען אַלץ ביז צום סוף? קאַפּהאַן ווייסט דאָך... ווי עס האַלט מיט אים און דאָך האָט ער אַזוי לײַכט... אַזוי לײַכט! ניין, קאַפּהאַן איז קליגער פאַר אים פּונקט ווי ער איז רויִקער און שטאַרקער... ער איז דען נישט גערעכט? אַלע טרײַבן אים און ווילן פון אים נישט וויסן. אויך איצט, ווען ער שטייט דאָ אין וואַלד וויל זיך דער לעצטער מענטש פון אים אָפּקערן און פאַרלאָזן. איז ער נישט קיין שוטה? קען זײַן, אַז דאָ וואָלט ער זיך דערוווּסט דעם סוד פון זײַן אומגליק — רײַסט ער גאָר די אייגענע מלבושים און ער וואַרפט זיך אויף אַ מענטש וועלנדיק אים דערשטיקן... וואָס טוט זיך דאָ מיט אים?

קאַפּהאַן האָט אים נישט געגעבן קיין לאַנגע צײַט צו טראַכטן. ער האָט זיך פון אים אָפּגערוקט אויף אַ טריט, גלײַך ווי דאָס וואָס ער גייט אים דאָ זאָגן קען אים אויפסנײַ צעגליִען און מיט אַ האַסטיקן אָטעם האָט ער גענומען שיטן אויף יאַקאָבן מיט בריִענדיקע רייד:

— דו נאַרישער קאָפּ! איך האָב טאַקע דײַן מרימען געגעבן אַ גט, פאַרשטייסט? אָבער וואָס קומט א י ר דען אַרויס דערפון וואָס א י ך האָב זי אָפּגעגט? קען זי דען גיין מיט אים און התונה האָבן? איז זי דען ווײַטער נישט געבליבן דײַנע כדת וכדין? איך האָב דיר געוואָלט אויפקלערן וואָס פאַר אַ טובה איך האָב דיר געטאָן דערמיט, אָבער עס איז נישט מעגלעך צו שמועסן מיט דיר פון אַזעלכע ענינים. נאָר איצט פרעג איך דיך בלויז: וואָס אַרט דיך אַז איך האָב פון איר אַרויסבאַקומען דײַנע זאַכן פאַר אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס זי קען נאָר דערמיט פאַרשטאָפּן אַ פלעשל — און אַמאָל דאָס אויך נישט, ווײַל פאַרמעט איז האַרט? אוי, דו נאַר איינער...

אויף יאַקאָבס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ גערירטע התפּעלות. ער איז צוגעלאָפן צו קאַפּהאָנען, אַרומגעכאַפּט אים און געזעגנט:

— ביזט קלוג, קאַפּהאָן און איך בין אַ גרויסער שוטה... האָב רחמנות! איך וועל פאַרלוירן גיין אָן דיר... גיב מיר אַן עצה, לערן מיך, זאָג מיר וואָס איך דאַרף איצט טאָן! וועט זי מיך צוריקנעמען?

אין קאַפּהאָנען האָט זיך געשטאָ־קט דאָס וואַרעמע געפיל צום באַוואָקסענעם מאָן וואָס טראָגט זײַן געשטאַלט און דאָך איז ער אַזוי אומגעלומפּערט. קען ער אים דען אַזוי איבערלאָזן און אַוועקגיין? ס׳איז גאָטס רחמנות אויף אים. דערצו האָט ער נאָך זײַן לעבן נישט געענדיקט. מען קען נאָך פאַרדינען בײַ אים. מען קען נאָך בײַ יאַקאָבס מאַמען און ר׳ נחן אַרויסבאַקומען די ירושה אויך. צומערשט וואָלטן זיי נאָר גע־דאַרפט האָבן בײַ זיך קאַפּהאָנען און ער זאָל מיט זיי רעדן דיבורים פון וועלכע זיי זאָל באַפאַלן אַ פּחד. זיי דאַרפן מיינען, אַז דאָס האָבן זיי צו טאָן מיט זייער יאַקאָב און אַז ער איז אויפן וועג אַזוי קלוג געוואָרן. דערנאָך וועט שוין יאַקאָב מעגן זיך צעקושן מיט דער מאַמען און וויינען פאַר איר. אַבי דאָס געלט זאָל שוין זײַן אויפגעמאַנט און קאַפּהאָן זאָל שוין האָבן זײַן חלק אין זעקל. ער וואָלט אַפילו געלערנט דעם פּרא־אדם, וויאַזוי זיך נוהג צו זײַן בכדי מען זאָל בײַ אים מער גאָרנישט אויסנאַרן. קאַפּהאָן האָט פאַר זיך געזען אַ סך גרויסע אויפ־טועז, נאָר ער איז מסופק געווען אויב ער קען זיי אַלע אויסדערציילן יאַקאָבן. ער האָט אָבער געפילט אַז ער טאָר נישט אָפּטרײַבן דעם בחור פון זיך. קודם כל מוז ער האַלטן אים אין זײַנע הענט, באַרויקן אים און ברענגען צום שׂכל. צוליב יענעמס אייגענער טובה וועגן מוז ער בײַ אים אַרויסבאַקומען אַלע סודותדיקע סימנים און פּרטים פון דער ירושה. ער מוז מיט אים זיך גאָר שטאַרק צונויפלעבן ביז ער זאָל קענען די מוטער מיטן שטיפטאַטן גלײַך ווי יאַקאָב. ער מוז איבערנעמען יענעמס לשון און געמיט אַז קיינער זאָל גאָר קיין ספק נישט פאַרוואַרפן. מען וועט אים דערווײַל כאַפּן אין ליסע און ווידער שלעפן צו מרימען? אויך דערויף וועט ער געפינען עצות! ער וועט שוין וויסן וויאַזוי אַלע זאַכן צו פאַרגלעטן אויף אַמאָל... נאָר דער חושים וועט דען לאָזן?

ער האָט אַ נעם געטאָן יאַקאָבן בײַ דער האַנט, אים ווייך אַוועק־

געזעצט בײַ דער זײַט און אים געגלעט ווי מען גלעט אַ קינד איבערן צערודערטן קאָפּ:

— דו ווייסט גאָר אַליין נישט ווי גרויס מזל דו האָסט, מיט דעם וואָס האָסט מיך אָנגעטראָפֿן!

יאַקאָב האָט הסכמהדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט באַזיגטער רויִקייט אָנגעהויבן צו רעדן נאָרמאַלע רייד.

— 3 —

ס'איז קאָפּהאָנען נישט באַשערט געווען קיין גרויס נחת פֿונעם ווײַטערדיקן שמועס מיט יאַקאָבן. צומערשט האָט יאַקאָב געוואָלט וויסן וויאַזוי עס איז דאָרט צוגעגאַנגען מיט מרימען. קאָפּהאָן האָט אים דער־ציילט וויאַזוי ער האָט געוואָלט זײַן אויף אַ חתונה און פּראַווען דאָרטן ליצנות. ס'האָט דאָרט געזאָלט זײַן ר' נח פּינער מיט יאַקאָבס מאַמען. עס וואָלט שיין געווען, ווען ער קומט דאָרט מיט זײַנע רייד פֿון וועלכע דער גאַנצער עולם וואָלט הנאה געהאַט. ער ווייסט ווי אַזוי צו געווינען מענטשן און אַלע וואָלטן זיך געשטעלט אויף זײַן זײַט. דערנאָך וואָלט ער זיי צעקאָכט און וואָלט גערופֿן דאָס פֿאָרפֿאָלק לדין פֿאַר מענטשן. ער האָט געטראַכט צו דערציילן וויאַזוי ער מוז גיין איבער די הײַזער און אויסגיין פֿאַר אַ ביסן. ער וואָלט אויך געשילדערט זײַן וואָלגערן זיך אויף האַרטע ברעטער בעת די עלטערן לעבן אין כל טוב פֿאַר זײַן געלט. ווו איז דען געהערט געוואָרן, אַז אייגענע מענטשן זאָלן זײַן אַזוינע אַכזרים? ער האָט געוואָלט ווערן יאַקאָבס מויל פּונקט ווי ער טראָגט זײַן מראה. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט אַז זיי וועלן זיך באַ־האַלטן פֿאַר בושה, רופֿן אים אַהיים, פֿאַרגלײַכן זיך מיט אים, אַבי ער זאָל זיי נישט אָנטאָן קיין חרפּות ובושות. נאָר עס איז אַנדערש באַשערט געווען. מענטשן האָבן אים דערקענט און פֿאַרשלעפּט קיין ליסע. ער האָט אַפֿילו נישט געזען פֿין פֿאַר די אויגן, ווײַל מ'האָט אים געפֿאַנגען גענומען און געפּײַניקט. בלוט האָט זיך געגאָסן! האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבן. יאָ, אויך די מאַמע איז דאָרט געווען. זי איז געוואָרן ווייכער און ערנסטער. מיט וואָס פֿאַר אַ גוטע אויגן זי האָט אויף אים געקוקט!

נאָר אײַנטענהן מיט איר האָט ער נישט געקענט? מרימס פרײַנט וואָלטן אים נישט אַרויסגעלאָזט קיין לעבעדיקן און וועגן גיין ווינען צו איר האָט ער נישט געטאָרט רעדן. וואָס טוט ער ווען זי באַשטייט? ער איז טאַקע אַ לץ אָבער צו אַזאַ האַרבן נסיון האָט ער נישט געוואָלט קומען. אַ יצר הרעניק איז ער און גאָט ווייסט אויב ער וואָלט געקענט שולט זײַן אויף זײַן געמיט. דערצו וואָלט ער מורא געהאַט מען זאָל נישט דערקענען דעם שווינדל און ער וואָלט דאַן געמוזט קומען לידי חטא. וועט ער דען גיין פאַרלירן זײַן נשמה צוליב יאַקאָבן? ער האָט דערפאַר בלויז געמוזט אָנקומען צו אַ גט, בכדי זיך צו קענען באַפרײַען פון זייערע הענט. נאָר נאָכדעם ווי ער איז שוין אַוועק מיט די זאַכן האָט ער אויך ז י נישט געוואָלט ברענגען צו קיין איסור, דערפאַר האָט ער זיי געלאָזט מודיע זײַן דעם אמת. ער האָט אין אַ בריוול אַפילו אָנגעגעבן זײַן ריכטיקן נאָמען. זאָלן זיי זיך גיין נאָכפרעגן אין פרע־מיסלע אויב ער איז נישט קיין דאָרטיקער און אויב ער האָט נישט קיין פרוי...

וואָס שײַך יאַקאָבן, האָט ער אַ סך געוווּנען. ראשית האָט ער צוריק זײַנע חפצים. שנית האָלט ער זי ווײַטער אין דער האַנט און זי קען אים נישט פּטור ווערן בלא כלום. שלישית,, קען ער זי איצטער לײַכט אי־בערבעטן. זי ווייסט דעם אמת וועגן גט און זי האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי צו לעבן מיט אים, אויב זי וויל נישט אָפּפינצטערן די יאָרן. והרביעית זאָל טאַקע יאַקאָב אַליין האָבן קלאָרע געדאַנקען. ער טאָר צו איר נישט צופאַלן מיט תחינות ובקשות ווײַל ער פאַרלירט דערמיט זײַן גאַנצע חשיבות. ער דאַרף איר פּריִער באַווײַזן וויאַזוי מען קען האָבן אַ פאַרדרייטן קאָפּ און זי אָנלערנען פאַר דער גאַנצער צײַט. ער דאַרף זי אַזוי משוגע מאַכן, אַז זי אַליין זאָל שוין נישט וויסן וואָס צו טאָן. וואָס זי זאָל נאָר נישט זאָגן מוז ער דרייען פאַרקערט, ביז זי זאָל דעם קלוגן שכל אירן נישט קענען באַנוצן. ערשט דערנאָך וועט פאַר איר זײַן אַ גרויס גליק אויב יאַקאָב וועט מיט איר וועלן בלײַבן. איז ער גרייט דערצו? אויב יאָ איז ער אַ געראַטעוועטער. אויף קאַפּהאָנס עצות קען מען בויען בריקן. וואָס זאָגט ער דערצו?

יאַקאָב האָט פאַר זיך געזען אַ תהום, אַ שווערן אָפּגרונט איבער

וועלכן ער וועט שוין מוזן בגוואַלט אַריבערשפּרינגען. וועט ער קענען? זיכער יאָ, ווײַל אויף יענער זײַט וואַרטן אויף אים די מאַמע מיט מרימען, אַ וואַרעם הויז און אַ ווייך, ציכטיק בעט... ווען מרים זאָל זײַן אין יענעם עק וועלט וואָלט ער דען נישט געלאָפן? בפרט קיין ליסע...

קאָפּהאָן האָט נאָך געוואָלט ציִען ווײַטער דעם פאָדעם פון זײַנע פּלענער, נאָר יאַקאָבס פאַרבענקטע פּלאַפּלערײַען האָבן בײַ אים אויפגערודערט דאָס האַרץ. ווי קאַלט ער מאַכט דאָ פּלענער פאַר יענעם, גלײַך ווי ער אַליין האָט שוין אַלץ פאַרטיק. אַ גאַנצער חכם קען ער זײַן! ער קען גטן מרימען, פאַרדינען לײַכטע פּופּציק דוקאַטן פאַר זײַן פּנים און העוויות, ער קען לערנען יאַקאָבן וויאַזוי זיך נוהג צו זײַן און ער קען פּראַווען פון אַלעמען דאָס גרויסע געלעכטער. וואָס האָט ער דערפון? איז ער דען נישט אַזוי אָפּגעריסן, ווי דער תם וואָס זיצט פאַר אים? אַדרבא, דער שוטה קען אַמאָל האָבן מזל און אַרויסבאַקומען אַ סכום געלט בײַ זײַנע עלטערן. ער קען אויך ווידער נושא חן זײַן בײַ דער אשה זײַנער און אַרײַנקריכן אין אַ שיינער קראָם פון כל טוב. ער קען זיך נאָך שפּעטער לעבן גליקלעך און חוזק מאַכן פון גאַנצן קאָפּהאָן מיט זײַן חכמה, וואָס מוז זיך פאָרט אַרומדרייען און לצ׳עווען פאַר אַ שטיק ברויט... ווי לאַנג איז שוין, אַז אויך ער איז אָפּגעריסן פון זײַן פרוי, וואָגלט אַרום אָן אַ תכלית און האָט אַפילו מורא זיך צו ווײַזן בײַ איר? איז ער מער בריה ווי דער צעחושטער יאַקאָב?

אַז ער האָט עס גאָר ביז איצט פאַרגעסן! פּונקט ווי ער האָט געוואַנדערט קיין ליסע האָט דער גולם געדאַרפט זײַן אין פּרעמיסלע... דער רויש פון די דוקאַטן און די רײַסערײַ מיט יאַקאָבן האָבן אים פאַרשטעלט דעם אייגענעם גורל. וויאַזוי טאַקע האָט ער געקענט פאַרגעסן? איז ער דאָרט לגמרי נישט געווען, אָדער קלערט ער צו מאַכן מיט אים דאָס זעלבע שפּיל וואָס ער אַליין האָט אים אויסגעלערנט מיט אַ שעה פריִער? עפּעס געפעלט אים נישט דעם יאַקאָבס נאַריש פּנים! וויל ער נישט אַרויסבאַקומען צוריק בײַ אים די פּופּציק דוקאַטן? אויב אַזוי האָט ער נישט געטראָפן דאָס אָרט. בײַ קאָפּהאָנען קען זיך דאָס האַרץ וואַרפן און דאָס חיות מעג בײַ אים אויסגיין צו הערן אַ וואָרט — אָבער אַ מכה וועט עס עמעצער אָנזען בײַ אים! ער האָט צײַט צו וואַרטן. צו

שמועסן וועגן אַלערליי זײַטיקע זאַכן, נאָר צווישן איין וואָרט און דעם צווייטן זאָל ער כלאחר יד אַ צי טאָן יענעם פאַר דער צונג:

— אָבער פּרעמיסלע איז פּאָרט אַנדערש ווי ליסע... אַנדערע מענטשן און אַנדערע ווײַבער... נישט אַזוי?

קאָפּהאָן איז אָבער דערשטוינט געוואָרן. יאַקאָב האָט גאָר שנעל בײַ אים איבערגענומען די גאַנצע תורה! אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען האָט ער גענומען נאָכפּלאַפּלען די זעלבע רייד וואָס ער האָט אים פריִער געזאָגט:

— איך האָב דײַנער געגעבן אַ גט...

קאָפּהאָנען האָט זיך געגלוסט צו לאַכן. ווען דער שוטה זאָל כאָטש האָבן שכל צוצוטראַכטן עפּעס נײַעס! אַזוי גלאַט וויל ער בײַ אים צוריק־באַקומען געלט? אַ בהמה בלײַבט אַ בהמה. מיט קאָפּהאָנס אייגן געוועער וויל ער אים שלאָגן!... נאָר דאָס לאַכן איז אים נישט געקומען אין האַלדז אַרײַן. זײַן גאַנץ געהער איז שוין געוואָרן איין שטיק נײַגער:

— וואָס הייסט געגעט? ווי ק ו מ ס ט ו צו געבן מײַן רבקהן אַ גט?

נאָך דעם תם איז כנראה געפעלן געוואָרן צו שפּילן די ראָל פון אַ לץ. ער וויל עפּעס האָבן געלערנט פאַר זײַן געלט, דערפאַר קרומט ער שטאַרק נאָך קאָפּהאָנען און מען דערקענט אַפילו נישט, אַז דאָס שפּאַסט ער אַזוי. קאָפּהאָנען וואָלט עס שטאַרק געפעלן, ווען ער זאָל אים נישט שטעכן דערבײַ ווי מיט שפּילקעס:

— וואָס הייסט? ווי נאָר איך בין געקומען אין שטאָט אַרײַן האָבן מיך אַלע דערקענט, געשלעפּט מיך צום רב, תפוס גענומען, געשלאָגן... בלוט האָט זיך געגאָסן! וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב זיך אפשר געדאַרפט איבערבעטן מיט אַ פרעמדער אשה און גיין צו איר? איך בין אַ מאַן אָן אַ פרוי און דער יצר הרע לויפט אַרום אין אַלע מײַנע אָדערן, אָבער צוליב דעם וועל איך נישט גיין פאַרזינדיקן מײַן נשמה...

איצט האָט זיך שוין יאַקאָב צעקאָכט און קאָפּהאָן האָט אים געמוזט אויסהערן. ער האָט אים מיט אַ געלאַסענער שטים דערציילט וויאַזוי מען האָט אים סײַווי נישט געוואָלט אויסהערן. וואָס דערציילט ער פאַר אַ מעשהס אַז פּרעמיסלע איז בעסער! די רבנים האָבן געשריגן, דעם חלק

לעולם הבא אים געוואָלט צונעמען! דאָס ווײַב האָט דערבײַ געוויינט מיט ביטערע טרערן און די שטאָטלײַט האָבן אים געוויזן די קראַפט פון זייער האַנט אויך. האָט ער גאָרנישט געקענט טאָן! זיי ווילן אַ גט? זאָל זײַן אַ גט און פטור אַן עסק... ער האָט סײַווי נישט געוווּסט ווו אײַן און ווו אויס אינעם גאַנצן עסק און דערפאַר האָט ער זיך געמוזט היטן מיט אַ וואָרט...

שפּאַסט ער בלויז? קרומט ער בלויז נאָך קאָפּהאָנען מיט אַזאַ פרום־וויינענדיק פּנים? צי קען אין פּרעמיסלע נישט פּאַסירן דאָס זעלבע ווי אין ליסע? אויב מיט אַזאַ דרייקאָפּ ווי ער האָט עס געקענט טרעפן, הגם ער איז געווען באַוואָפנט מיט אַזויפיל סימנים און געהיטנקייט — טאָ פאַרוואָס זאָל עס אַנדערש זײַן בײַ אַזאַ טעמפּן פּחדן ווי יאַקאָב? נישט מער וואָס בײַ אַ שוטה האָט מען ס׳געגאַר... אין דער צײַט וואָס ער, קאָפּהאָן האָט געפירט דאָס שפּיל מיט מרימען לאַנגע טעג און אַרויס־געפּרעסט פון איר אַלץ וואָס ער האָט געקענט, האָט דער חמור־קאָפּ נאָך די ערשטע געשרייען נאָכגעגעבן און אַפילו נישט באַקומען קיין פּרוטה פאַרן גאַנצן עסק! עס קען זײַן אַז ער האָט גאָר געבענטשט גומל וואָס מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט מיטן זעקל אויף די פּלייצעס...

וואָס מער קאָפּהאָן האָט אַרײַנגעטראַכט אין דער זאַך, אַלץ מער איז אים קלאָר געוואָרן אַז דער תם האָט לגמרי נישט בדעה צו שפּאַסן. הזי ערנסט ער דערציילט וועגן דעם! ער האָט געגעט רבקהן! עס גייט אים נישט אין דער זאַך גופא. ער ווייסט אַז אַזאַ גט האָט נישט די ווערט פון אַן אויסגעבלאָזן איי. אָבער דער תם האָט אים פּאָרט אײַנגעשמירט אין רבקהס אויגן, אויב זי האָט געהאַט חשק צו נעמען דעם גט, איז אַ סימן אַז זי האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אים צו שיידן פון זיך. זי וויל אים נישט מער און עס קען גאָר זײַן אַז זי האָט שוין אָנגעהאנגען אירע אויגן אין אַ צווייטן, מיט וועלכן זי האָט שוין באַצײַטנס געשמועסט וועגן חתונה האָבן. אַזוי איז שוין דער שטייגער פון די ווײַבער און זײַן קומען אַהין וועט שוין זײַן נאָך דעם ווי זי האָט אים אַרויסגעריסן פון זכרון. דער גולם האָט אים זי ממש פון די הענט אַרויסגענומען און ער אַליין האָט אויך דערפון קיין תועלת נישט געהאַט... דערצו שטייט ער נאָך און דערציילט עס אַזוי געמיטלעך, גלײַך ווי ער וואָלט נישט געוווּסט

אַז דאָס קאָסט קאָפּהאָנען בלוט, אַז ער וועט עס נישט אויסהאַלטן... פון אויפגעשוואָלענעם כעס וואָס איז אין אים אָנגעלאָפן ראַפּטום האָט ער אַ כאַפּ געטאָן יאַקאָבן בײַ דעם האַלדז:

— דו! ווייסטו כאַטש וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן!?

נאָר יאַקאָב האָט בלויז געשמייכלט מיט זײַן פאַרטראַגן שמייכעלע אין וועלכן קאָפּהאָן האָט דערקענט יענע טעמפּע נאַרישקייט וואָס איז געמישט מיט נקמהדיקן חוזק און קעגן וועלכן עס קענען מער קיין שום רייד נישט העלפן:

— וואָס איז דען? דו אַליין ווייסט דאָך אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט. זי בלײַבט סײַווי דײַנע. דו האָסט עס אָקערשט אַליין געזאָגט... דערצו האָב איך איר געלאָזט מודיע זײַן אַז דער גט איז גאָרנישט ווערט ווײַל דו ביזט איר מאַן און נישט איך... ס'איז דאָ עדות דערויף... וואָס נאָך ווילסטו פון מיר?

און טאַקע אַזוי! וואָס קען ער האָבן צום נידערגעשלאָגענעם פאַר־שוין? ער האָט זיך געוואָלט מיט אים אַ שפּיל טאָן, קאַטאָוועס טרײַבן... ער האָט בײַ אים באַקומען אַ סכום געלט און דערצו האָט ער נאָך אַ לצעווע געטאָן מיט זײַנע היימישע ייִדן, מיט זײַן אייגן ווײַב... וואָסזשע האָט ער דאָ צו שרײַען? ער האָט דאָך אַליין אַזוי אויסגעלאַנירט? נאָר ווײַל קאָפּהאָן האָט געוווּסט אַז ער איז אומגערעכט דערפאַר איז ער נאָך מער בייז געוואָרן. דער יונג קען אויף אים נאָך ברענגען אַ סך אומגליקן. נאָכאַמאָל גיין קיין ליסע צוליב יאַקאָבן און דאָרט זיך נאָך מער מיט אים צונויפבינדן אין נאַרישע סודות? ווידער מאַכן פּלענער פון גרויסער שפּאַ־סיקייט וואָס זאָלן נאָך ברענגען ריווח אויך? ווייסט ער נאָר דעם אָנהויב און קען גאָרנישט אויסרעכענען מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן. דערצו איז דאָ פאַראַן אַזוינס, צוליב וועלכן ער מוז שוין באותה הרגע פּטור ווערן פון דעם צוטשעפּעניש. אין איין סעקונדע איז פאַר אים קלאָר געוואָרן אַז ער מוז וואָס שנעלער אַוועקלויפן קיין פּרעמיסלע, פאַרכאַפּן רבקהן איידער זי האָט שוין חתונה געהאַט בהיתר און דערמיט זאָל ער אַ סוף מאַכן צו זײַן מסחר מיטן כיטרע־שמייכלענדיקן נאַר. ער האָט צוליב דעם אַפילו אַראָפּגעלאָזט פון זײַן צאָרנדיקן טאָן:

— דו ווייסט, יאַקאָב? עס טויג נישט אַז מיר זאָלן זיך אַרומשלעפּן

צוזאַמען... עס איז געפּערלעך! דערפאַר מוז איך דיר זאָגן, אַז מיר דאַרפן גיין אויף באַזונדערע וועגן...

עס איז נישט געווען משיג צו זײַן פאַרוואָס דער פאַרלוירענער האָט דאָס מאָל זיך נישט צעוויינט, נישט געבעטן קיין רחמים, נאָר ממש איי־פעריק און פריילעך מסכים געווען:

— נו, אדרבא...

קאָפּהאָן האָט געשפּירט בײַ זיך אַליין, אַז ער האָט דאָ נאָך עפּעס נישט דערזאָגט און אַז ער איז יאַקאָבן נאָך שולדיק עטלעכע ווערטער:

— וואָס דו דאַרפסט איצט טאָן, ווייסטו שוין. מ י ך דאַרפסטו דערווײַל נישט מער. איז גלײַכער אַז מיר זאָלן זיך איצט נישט ווײַזן איינס פאַרן צווייטן. דאָס קען נאָר ברענגען אומגליק. דו הערסט כאָטש?

— יאַקאָבס קול האָט אים אָפּגעענטפערט טויב און ווײַט:

— איך הער...

מער איז נישט געווען פון וואָס צו שמועסן. קאָפּהאָן האָט נאָך אַלץ געוואָלט יוצא זײַן פאַר אַלע זײַנע מחשבות און האַרץ־קלעמענישן:

יאַקאָב... דו האָסט נישט קיין פּרוטה בײַ זיך... נאַ דיר אַ דוקאַט און אַ שטיק ברויט. אין אַ ייִדישן ישוב וועט מען דיך נישט לאָזן פאַלן... האָסט גענוג?

יאַקאָב האָט רויִק און אָן צו טראַכטן אָפּגעענטפערט:

— גענוג...

אַלץ איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין איין רגע. קאָפּהאָנען אַליין האָט עס איבערראַשט: איז אים טאַקע געלונגען מניה וביה צו מאַכן אַ סוף און יענער זאָל אים נישט באַפאַלן מיט קיין בכיות און יללות? דאָס אַליין איז שוין פול מיט חשד. עפּעס איז עס נישט ז ײַ ן דרך! צי איז דער גאַנצער תם נישט קלוגער פאַר אים אַליין? כיטרעוועט ער אים נישט איבער אַמאָל? ער האָט געוואָלט נאָך איינמאָל זיך גוט אײַנקוקן אין יאַקאָבן, זען וואָס זײַן פּנים דערציילט אים... נאָר יאַקאָב איז איצט געווען אין אַן אַנדערער וועלט. ער האָט געוואָלט קאָפּהאָנען אַרײַנזאָגן אַ שאַרף וואָרט צום געזעגענען, אַ געשריי טאָן אַז ער איז אַ גזלן, אַן אויסגאַרער און אַ רויבער... נאָר דאָ האָט ער זיך אַ טאַפּ געטאָן שטילערהייט בײַם בוזעם און דאָס קלוגע פּרעמיסלער כתב האָט אים

אָפּגעענטפערט אויף שטום־לשון... פון דעם איז אין אים אויפגעגאַנ־
גען אַ שמחה אין האַרץ צוזאַמען מיט אַ צופרידענעם חוזק איבערן פּרע־
מיסלער חכם וואָס שטייט פאַר אים און ער ווייסט פאַרט גאָרנישט...

דערפון האָט ער זיך געפילט אַזוי שטאַרק געהויבן, אַז ער וואָלט זיך
גאָר צעלאַכט פאַר די ביימער פון וואַלד און פאַרן הימל. דאָס ערשטע
מאָל אַז ער האָט מיט וואָס אָפּצונאַרן זײַנע וויי־טוער! דאָס ערשטע
מאָל אין לעבן אַז ער קען עס באַווײַזן! און דאָס איז נאָר דער אָנהויב...

קאָפּהאָנען איז אַרויף אַ שווייס איבערן גאַנצן לײַב: וואָס שמייכלט
ער אַזוי, דער לא יוצלח? וואָס איז אים דאָ אַזוי פריילעך אויפן האַרץ?
ער האָט זיך, אָן באַרעכנטקייט, אַ ריס געטאָן פון אָרט. יאַקאָב האָט אים
נאָכגעטאָן מיט מאַלפּישער פּינקטלעכקייט. קאָפּהאָן האָט געמאַכט אַ
שפּרײַז פאָראויס. יאַקאָב האָט געטאָן דאָס זעלבע. קאָפּהאָן האָט עס צו־
געזען און זיך צעבייזערט:

— מיר דאַרפן גיין אין פאַרקערטע זײַטן...

יאַקאָב האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזען פאַר זיך בלויז ביי־
מער און זאַמד. ער איז ווידער בלאַס געוואָרן. קאָפּהאָן האָט זיך דער־
שראָקן און נאָך ווייכער געוואָרן:

— גיי... אומעטום איז דאָ אַ גאָט און אויף אַלע וועגן קוקט אַראָפּ
אַ הימל... נאַדיר נאָך אַ דוקאַט!

יאַקאָב האָט שטאַר געקוקט אויף אים. פאַרגעסן אַ מינוט דאָס ליכ־
טיקע כתב אין זײַן טאַש און ער האָט נישט געהאַט קיין כח צו שטעלן
אַ טריט צוריק. זײַנע אויגן האָבן געקלעפּט אין קאָפּהאָנען, געוווּנדערט
זיך פאַרוואָס יענער טרײַבט אים אַזוי און געוואָלט אים נאָכגיין נאָך
עטלעכע טריט. קאָפּהאַנס רוקן האָט דערפילט אַ נאָענטע סכנה און ער
האָט מיטן גאַנצן גאַנג אַן אײַל געטאָן פאָרויס. ערשט פון אַ גאַנץ ווײַט־
לעכן שטח האָט ער זיך אומגעדרייט און געוואָלט זען וואָס דאָרט קומט
פאָר. יאַקאָב האָט זיך נאָך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. קאָפּהאָן האָט צו
אים פריילעך אַריבערגעשריגן:

— זײַ געזונט, יאַקאָב!

קיין שום קול האָט אים נישט אָפּגעענטפערט. דער משונהדיקער פחד
פאַר יענעם האָט קאָפּהאָנען ווידער אַ טרײַב געטאָן: וואָס איז דאָס פאַר

אַ מענטש? אפשר איז ער אַמאָל אַזוי שטיינערדיק אָפּגעשטאָרבן? און אפשר וועט ער אים ווידער קאַפּויר קומען, דווקא פון דער צווייטער זייט וועג — כאָטש ער וועט אַזוי שטיין אויפן זעלבן אָרט? ער האָט עס נישט געקענט וויסן. דאָס ערשטע מאָל ווערט ער אַליין אויסגעלצעוועט פון אַזאַ שטומע בריה... און אפשר מאַכט זיין אייגענער פחד פון אים ספּעציעל דאָס געגנאַר, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן פון אַלעמען די גאַנצע צייט?

ער איז געלאָפן אין מסוכנער בהלה אָן אויפהער. ערשט ווען ער איז צוגעקומען צום נאַקעטן בערגל אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ מינוט און צוריקגעקוקט מיט אימה. נאָר דאָרט האָט זיך גאָרנישט באַוועגט. בלויז אַ שוואַרצער שאָטן איז געווען אָנגעשטעלט גלייך צו אים. דער שווינדל אין די מידע אויגן האָט אים נישט געלאָזט זאָגן קלאָר, אויב דאָס איז נאָר אַ קינד פון זיין אייגענעם דמיון אָדער ער זעט טאַקע עפּעס. דערפאַר האָט ער שוין אויך שפּעטער נישט געקענט וויסן, אויב דער וואָס ער האָט אים איבערגעלאָזט איז נאָך ווייטער אַ מין מענטש גלייך ווי אַלע, אָדער ער איז דאָרט פאַרוואָרצלט געוואָרן אין דער ערד גלייך נאָך זיין אַוועקגיין און ער איז שוין געבליבן אַ בוים צווישן ביימער...

(סוף פון ערשטן בוך)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)

2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)

3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)

4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)

5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)

6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)

7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)

8) ד״ר ה. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)

9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)

10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)

11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)

12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)

13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)

14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)

15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)

16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)

17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)

18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)

19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)

20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק

21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)

22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט

23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף

24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן

25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)

26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)

27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)

28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען

29) יעקב פּאַט — הענעך

30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)

55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אַשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר

(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן

און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן

(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן

102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (היסטאָרישער ראָמאַן)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)

פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

ש. בערלינסקי — ירושה

מאַקס וויינרייך — פוןביידע זייטן פּלויט.

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARK TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 108

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la ley

COPYRIGHT BY
I. I. TRUNK. NEW - YORK

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 22 DE MARZO DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "MEXICO", DE S. EIDELMAN, MEXICO 2230, Bs. AIRES, R. ARGENTINA

M. STRIGLER

DEL BRAZO con el VIENTO

(NOVELA)

TOMO I

EDITADO POR
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA DE LA ARGENTINA
Buenos Aires
1 9 5 5